אסתר ראָזענטאַל-שניידערמאַן / אויף וועגן און אומוועגן

אניטען און יוסף קערלער מיט
ליבשאַפט ———

אסתר ראָזענטאַל-שניידערמאַן
1983/I

וועלט
ראַט
פאַר יידיש
און יידישער
קולטור

אסתר ראָזענטאַל-שניידערמאַן

אויף וועגן און אומוועגן

זכרונות . געשעענישן . פערזענלעכקייטן

דריטער באַנד

ערשטער טייל

פארלאג
י.ל. פרץ
ישראל

אַרויסגעגעבן פון וועלטראַט פאַר יידיש און יידישער קולטור
תל-אביב, תשמ"ב — 1982

אין דער אַרבעט איבער מיין דריטן באַנד מעמואַרן האָט מיר סיסטעמאַטיש געהאָלפן דער פּראָפעסאָר פון ירושלימער אוניווערסיטעט חנא שמערוק. מיין האַרציקן דאַנק אים פאַר זיינע ווערטפולע אָנווייזונגען.

איך דאַנק אויך דער פרוי רבקה גורביץ׳ פאַר איר איבער־געגעבענער אַרבעט ביים דרוקן דעם טעקסט פון בוך.

ESTHER ROSENTHAL-SHNEIDERMAN
OIF WEGN UN UMWEGN

I. L. Peretz Publishing House
Rch. Brener 14, Tel-Aviv

Printed in Israel
© 1982

אַרויסגעגעבן מיט דער מיטהילף פון
״קרן זכרון פאַר ייִדישער קולטור״, ניו־יאָרק,
און ערנעסטאָ (הערשל) מייזליש־פאָנד
ביים אַרגענטינער ייִדישן קולטור־קאָנגרעס.

סאָוועטיש־יידישע וויסנשאַפט
און אירע שאַפערס

יוסף ליבערבערג

אַ וויכטיקע באַמערקונג

אין דעם פּרק פּרוּוו איך דערציילן וואָס איך געדענק וועגן דעם, ווי אַזוי די קאָמוניסטישע פּאַרטיי האָט באַרבאַריש פֿאַרניכטעט די ייִדישע וויסנשאַפֿטלעכע אינסטיטוציעס, וואָס האָבן עקסיסטירט נאָך פֿאַר דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, מחמת זייער כלומרשטן „נאַציאָנאַליסטיש־קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן אינהאַלט”, און וועגן די נײַע סאָוועטיש־ייִדישע וויסנשאַפֿטלעכע אַנשטאַלטן, וואָס די פּאַרטיי האָט אָרגאַניזירט אויף די חורבות פֿון די אומגעבראַכטע, און זיי, די נײַע, האָבן באַדאַרפֿט, להיפּוך צו די ליקווידירטע, זײַן נאַציאָנאַל בלויז לויט דער פֿאָרעם, אָבער אינטערנאַציאָנאַליסטיש לויט זייער תּוך.

די דאָזיקע געשעענישן זענען ענג פֿאַרבונדן מיט דער געשטאַלט פֿון יוסף ליבערבערג (וועמען די נ.ק.וו.ד. האָט דערשאָסן ווען ער איז אַלט געווען ניט מער ווי 38 יאָר), דעריבער מוז איך פֿריִער פֿאַר אַלץ באַשרייבן אים גופֿא.

אָבער נאָך איידער כ'האָב אָנגעהויבן נאָטירן מײַנע זכרונות וועגן יוסף ליבערבערגן, האָב איך דערפֿילט, אַז זיי וועלן אַרויסקומען צו פֿיל עקזאַלטירט. און ווירקלעך, איבערלייענענדיק דאָס אָנגעשריבענע האָב איך דערזען, אַז מײַן חשד איז געווען אַ באַרעכטיקטער און אַז כ'בין פּשוט ניט בכּוח צו געבן אַ גענוג אָביעקטיוון בילד, וואָרעם פּלוצעם האָב איך זיך אויף ס'נײַ דערפֿילט אין דער הויט פֿון יענער יונגער קאָמוניסטקע, וואָס איז נאָר וואָס אַריבערגעקומען פֿון פֿאַרהאַסטן קאַפּיטאַליסטישן מעבר־לים און איז מיט לײַב און לעבן פֿאַרכאַפּט געוואָרן מיט די שטורמישע געשעענישן פֿון יענעם צײַטאָפּשניט אין דער סאָוועטיש־ייִדישער קולטור־בויונג, ווען יוסף ליבערבערג איז געווען

איינער פון די אָנגעזעענסטע אָרגאַניזאַטאָרן און פּאָפּולערסטע פּערזענ־לעכקייטן.

איך כאַפּ זיך, אַז איך ווײַז סײַ אים, סײַ די געשעענישן, אַזוי ווי איך האָב זיי געזען דאַן — אין דער צווייטער העלפט צוואַנציקער און ערשטער העלפט דרײַסיקער יאָרן — און ניט פון דער דיסטאַנץ, וואָס טיילט אַזוי שאַרף אָפּ מײַן הײַנטיקע וועלט־באַנעמונג פון דער דעמאָלטיקער. מײַן הײַנטיקע וועלט־באַנעמונג איז דאָך פון יענער אַזוי ווײַט, ווי דער הימל איז ווײַט פון דער ערד.

דאָס שאָקירט מיך, און איך טראַכט, און איך מעסט אַלע "פאַר" און אַלע "קעגן": צי איז כדאַי צו פאַרעפנטלעכן דעם ביז גאָר סוביעקטיוון פּרק? אפשר צערײַסן? פאַרניכטן דעם כּתב־יד? נעמען זיך נאָך אַ מאָל צו דער אַרבעט און "אָפּרייניקן" אים פון דעם לירישן "פסולת"?

אָבער אין דער זעלבער צײַט פאַרשטיי איך: "מען דאַרף זיך ניט נאַרן" — ווי שטאַרק איך זאָל זיך ניט באַמיִען, וועל איך מן־הסתם שוין קיין מאָל ניט קענען זײַן ווייניקער סוביעקטיוו בײַם דערציילן וועגן יוסף ליבערבערגן און וועגן די געשעענישן, וואָס זענען פאַרבונדן מיט זיין נאָמען.

האָב איך באַשלאָסן: מ'דאַרף יאָ אָפּגעבן צום דרוק די אַרבעט אַזאַ, ווי זי האָט זיך בײַ מיר באַקומען — אַ באַהויכטע מיטן הייסן אָטעם פון אַ ייִדישער יוגנטלעכער, וועלכע האָט, ווי צענדליקער טויזנטער אירס גלײַכן, געזען די גאולה פאַר איר פיל־געליטענעם פאָלק בלויז און נאָר אונטער דער רויטער פאָן מיטן סערפּ און האַמער.

און אָפּשאַצן די דאָזיקע געשעענישן און דעם הויפּטהעלד זייערן פון היסטאָרישן שטאַנדפּונקט, ד"ה אָביעקטיוו, וועל איך אפשר נאָך באַווײַזן שפּעטער, ווען מײַן האַרץ וועט אויפהערן אַזוי שטאַרק צו צאַפּלען בײַ יעדער דערמאָנונג וועגן זיי. און אויב איך וועל דאָס ניט באַווײַזן צו טאָן מחמת מײַן עלטער, וועלן אפשר מײַנע זכרונות זײַן אַ הילף פאַר דעם שפּעטערדיקן היסטאָריקער, וואָס וועט יאָ אין שטאַנד זײַן צו אַנאַליזירן יענע עפּאָכע און יענע מענטשן אויף אַ ניכטערן און אָביעקטיוון אופן.

***

ליבערבערג און זײַן פרוי, די היסטאָריקערין ניושע גאָלדשטיין, זענען פון די ערשטע, וועלכע האָבן פאַר מיר, דער נאָר וואָס אַריבערגעקומענער

פּראָפעסאָר יוסף ליבערבערג
1898 — 1937

מיטגליד־קאָרעספּאָנדענט פון דער אַלאוקראַיִנישער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע, גרינדער און דירעקטאָר פון דער קאַטעדרע, דערנאָך פון וויסנשאַפטלעך־פאָרשערישן אינסטיטוט פאַר ייִדישער קולטור אין קיִעוו.

פאָרזיצער פון אויספירקאָם פון דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט אויפן ווייטן מיזרח — ביראָבידזשאַן.

באַלוינט מיט עטלעכע אָרדענס.

פון קאַפּיטאַליסטישן פּוילן (אין 1926), ברייט געעפנט זייער האַרץ און געשאַפן אַ וואַרעמע היימישע סביבה פאַר דער גרינער פּאַליטעמיגראַנטקע, פאַר וועלכער אַלץ איז דאָ אַזוי אַנדערש, ווי זי האָט זיך עס פאָרגעשטעלט דאָרט, אין דעם "פאַרשאָלטענעם מערב". כ׳בין געווען אַ בן־בית אין זייער היים פריִער אין קיִעוו און דערנאָך אין ביראָבידזשאַן. צו ערשט זענען דאָס געווען פריידיקע יאָרן, ווען מיר האָבן נאָך געגלייבט, אַז מיר טוען אַ גרויסע נאַציאָנאַלע אַרבעט. און דערנאָך — בעת די שרעקלעכע צרות, וואָס האָבן זיך אַראָפּגעלאָזן אויף דער גאַנצער סאָוועטיש־ייִדישער קולטורוועלט און אויף יעדן פון אונדז באַזונדער, האָט זיך אונדזער פריינדשאַפט פון יאָר צו יאָר געשטאַרקט. און טאַקע דעמאָלט, אין יענע גרויליקע צייטן, ווען אַן נאָענטע פריינד האָט אונדז אַלעמען געדראָט מאָראַליש און פיזיש זיך איינצוברעכן, איז אונדזער נאָענטקייט, טראָץ אַלע געפאַרן, וואָס זי האָט געבראַכט מיט זיך, געוואָרן טיפער און שטאַרקער, און זייער ליבשאַפט וואַרעמט מיך נאָך ביז היינט צו טאָג.

ביז ליבערבערג איז אָפּגעפאָרן פון קיִעוו קיין ביראָבידזשאַן (סוף 1934), האָב איך געלערנט און געאַרבעט אונטער זיין אָנפירונג. ער איז דעמאָלט געווען דער דירעקטאָר, פריִער פון דער קאַטעדרע, דערנאָך פון אינסטיטוט פאַר ייִדישער קולטור ביי דער אַלאוקראַיִנישער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע. איך בין אין 1930 אַהער אָנגעקומען ווי אַן אַספּיראַנט. ווען כ׳האָב די אַספּיראַנטור פאַרענדיקט — דאָ פאַרבליבן אַרבעטן ווי אַ וויסנ־שאַפטלער. אַ צייט בין איך דאָ געווען דער סעקרעטאַר פון דער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע, און אַזוי אַרום געהאָלפן דעם דירעקטאָר, אַז די ייִדישע וויסנשאַפטלעכע אַרבעט זאָל שטיין אויף דעם געהעריקן "אידעאָלאָגישן ניוואָ" און זאָל חלילה ניט "אָפּווייכן פון דער פּאַרטיי־ליניע". מיט אַנדערע ווערטער: זי זאָל ניט זיין "צו פיל" נאַציאָנאַל־ייִדיש.

דערנאָך, ווען איך בין אין אָנהייב 1935 אויך אַוועק בויען די "ייִדישע סאָציאַליסטישע היים" אויפן וויַיטן מיזרח, האָב איך ווידער — ביזן לעצטן טאָג פון זיין ברוויזנדיקער טעטיקייט אין ביראָבידזשאַן — מיט אים מיט־געאַרבעט. אַזוי ביז זיין טראַגישן סוף: די נ.ק.וו.ד. האָט אים אין מאָסקווע אַרעסטירט, אַ שטיקל צייט געהאַלטן אין קיִעווער תפיסה און דערנאָך דערשאָסן. ווען ניושע, זיין פרוי, איז אין 1947 צוריקגעקומען פון לאַגער קיין קיִעוו, האָבן מיר זיך ווידער געטוליעט איינע צו דער אַנדערער. אַזוי ביז מיין פאַרלאָזן אין יאָר 1958 דעם ראַטן־פאַרבאַנד. שווער איז געווען

אונדזער צעשיידונג — דער בריוואויסטויש, וואָס מיר האָבן צווישן זיך געפירט — קיִעוו־וואַרשע — האָט בשום־אופן ניט געקענט קאָמפּענסירן דעם פאַרגעפיל, אַז מיר וועלן זיך שוין מער אין לעבן ניט באַגעגענען. אַ ליבנדיק האַרץ איז אַ נביא — ניושע איז אין אַ קורצער צייט אַרום ניפטר געוואָרן אין קיִעוו.

די שבועה

ביז זיין הויכן פּאָסטן ווי ערשטער פאָרזיצער פון אויספירקאָם פון דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט, האָט ליבערבערג געהאַט הינטער זיך אַ רייַך, פילפאַרביק לעבן. און וועגן דעם דאָזיקן פעריאָד וויל איך דאָ דערציילן.

ער איז געבוירן געוואָרן אין אוקראַיִנישן שטעטל אַלט־קאָנסטאַנטינאָוו. דער טאַטע — ישראל ליבערבערג — אַ באַשיידענער שטילער מענטש, איז געווען אַ פּשוטער אָנגעשטעלטער. ער האָט אַוועקגענומען דעם ביסן פון מויל כּדי זיין געראָטענער זון זאָל קענען באַקומען בילדונג.

עד־היום שטייט נאָך אַ גאַנצע — ניט געריירט פון אַלע מלחמה־חורבנות — די געביידע פון דער קיִעווער רוסישער גימנאַזיע, ווו דער ייִדישער גימנאַזיסט יוסף ליבערבערג האָט געשעמט מיט זיינע אַלזייטיקע קענטענישן, פענאָמענאַלן זכּרון און געזעלשאַפטלעכן טעמפּעראַמענט. ער איז באַפרייט פון שכר־לימוד און איז דער ליבלינג פון זיינע חברים און לערערס.

שוין אַ מענטש נאָענט צו די דרייסיק, פלעגט ער ניט קענען גלייכגילטיק פאַרבייגיין דעם דאָזיקן בנין. יעדעס מאָל, ווען מיר פלעגן זיך געפינען אין יענעם קוואַרטאַל, פלעגט ער דערציילן עפּעס אַ נייעם עפּיזאָד וועגן יענע ייִנגלש־בונטאַרישע יאָרן זיינע.

שוין אויף דער שולבאַנק קען ער פראַנצויזיש, דייטש און ענגליש, הגם קיינער פאָדערט דאָס ניט פון אים. די קלאַסישע ליטעראַטור לייענט ער פרינציפּיעל נאָר אין אָריגינאַל. בעת שמועסן וועגן שעדעווערן פון דער וועלט־ליטעראַטור, פלעגט ער זאָגן: "כ׳האָב ניט ליב צו לייענען די קלאַ־סיקער אין איבערזעצונגען", און גלייך צוגעבן: "ניט אומזיסט זאָגט מען, אַז די בעסטע איבערזעצונג איז ניט מער ווי אַ קוש פון אַ שיין מיידל דורך אַ זיידן טיכעלע...". מיר זענען אים מקנא געווען: אַחוץ אייניקע חברים

האָט זעלטן װער פון אונדז פּערפעקט געקענט אַזש דרײַ מערבדיקע פרעמד־שפּראַכן.

צו 15 יאָר איז ער געצװוּנגען זיך אַלײן מפרנס צו זײַן און געפינט אַרבעט אין דער קיִעװער ביבליאָטעק אױף דמיעװקע. דאָ כאַפּט ער זיך צו מיט יוגנטלעכן ברען צו ייִדישע װיסנשאַפטן. דאָ װערט ער צום ערשטן מאָל אין זײַן לעבן אַ דורשטיקער לײענער פון דער ייִדישער ליטעראַטור און דער געשיכטע פון זײַן אײגן פאָלק, פון ייִדישן פאָלקלאָר און שפּראַך. דאָס באַשטימט זײַן װײַטערדיקן לעבנסגאַנג.

די װעלכע האָבן מיט אים מיטגעאַרבעט װײסן, אַז דער דאָזיקער ליב־שאַפט צו די גײַסטיקע װערטן פון זײַן פאָלק איז ליבערבערג געבליבן טרײַ ביז זײַן לעצטן אָטעמצוג.

די פּראָפעסאָרן פון היסטאָריש־פילאָלאָגישן פאַקולטעט בײַם קיִעװער אוניװערסיטעט אױפן נאָמען פון הײליקן װלאַדימיר שטאָלצירן מיט זײער סטודענט ליבערבערג ניט װײניקער, װי פריִער זײַנע גימנאַזיע־לערערס. זײ זעען פאָרויס פאַר אים אַ גרױסע װיסנשאַפטלעכע קאַריערע.

**

אָבער װי קען ער זיצן און שטודירן די פאַרגאַנגענע צײַטן, בעת אין רוסלאַנד װערט יעדן טאָג, יעדע שעה געשמידט די נײַע געשיכטע? די צאַרישע הערשאַפט איז דאָך געפאַלן!! און די באָלשעװיסטישע פּאַרטײ איז מכריז דער װעלט, אַז זי נעמט אױף זיך איבערצואַנדערשן דעם גאַנג פון דער ריזיקער רוסישער אימפּעריע!.. אַז די תּפיסה פון פעלקער װעט זי פאַרװאַנדלען אין אַ גן־עדן פאַר די פאַרקנעכטעטע.

גראָד אין דער נאַכט, װען די באָלשעװיסטישע פּאַרטײ, בראש מיט לענינען, פּראָקלאַמירט די ראַטנמאַכט (7.11.1917), פּראַװען די נאָענטע פרײַנד פון דעם לינקן פּועלי־ציוניסט יוסף ליבערבערג זײַן 18־יאָריקן געבוירן־טאָג. ער האָט ליב צו דערצײלן װי זײַן באַשײדענער געבורטסטאָג איז פאַרװאַנדלט געװאָרן אין אַ פּאָליטישן יום־טוב. דער בעל־שׂמחה גיט אָפּ אַ הײסע שבועה: ער װעט זײַן אַ געטרײַער קעמפער פאַר רוסלאַנדס פרײַהײט, פאַר אַ רוסלאַנד אָן עקספּלאָאַטאַציע פון מענטש צו מענטש, פאַר אַ רוסלאַנד, װוּ אַלע פעלקער און נאַציעס װעלן לעבן װי ברידער!

שױן דעמאָלט ברױזט אין אים אַ ים ענערגיע און עס שטראָמט פון אים

לײַדנשאַפטלעכע ליבע צו זײַן פיל־געליטענעם פאָלק, איבער הױפּט צו דער ייִדישער אַרבעטנדיקער אָרעמשאַפט.

געבוירן און געװאַקסן אין אַ סביבה פון ייִדישע האָרעפּאַשניקעס, פילט ער זײער כּוח און איז זיכער, אַז מ׳קען מיט אָט דעם כּוח װעלטן איבערקערן. מען דאַרף נאָר אים — דעם דאָזיקן כּוח פון די ייִדישע אַרבעטנדיקע, װענדן אין דער נײטיקער ריכטונג, און די סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע גאולה װעט קומען. צוזאַמען מיט אַ גרופּע לינקע פּועלי־ציוניסטן טרעט ער אַרײַן אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטײ. זײ זענען איבערצײַגט: די אָקטאָבער־רעװאָלוציע װעט לײזן אַלע אָן אױסנאַם אַנגעװײטיקטע סאָציאַלע, נאַציאָנאַלע און קלאַסן־פּראָבלעמען. און במילא פאַר אײנװעגס אױך די „פאַרשאָלטענע ייִדן־פּראַגע״.

ער רײַסט איבער זײַן אוניװערסיטעט־בילדונג. מיט לײַב און לעבן װאַרפט ער זיך אַרײַן אין דער באָלשעװיסטישער רעװאָלוציע — װערט אַ פרײַװיליקער שלאַכטמאַן פון דער רױטער אַרמײ. מיט װערדע און שטאָלץ טראָגט ער זײַן מיליטערישן שינעל גאַנצע 6 יאָר (פון 1918 ביז 1924). אין די רױטע מיליטערישע טײלן, װאָס קעמפן קעגן באַנדיטיזם אױף אוקראַיִנע, פאַרנעמט ער דעם אַמט פון אַ פּאָליטרוק (פּאָליטישער אָנפירער). ער שטײט אין דער שפּיץ פון אַ רױטאַרמײיִשער בריגאַדע, װאָס פאָרט אַרום איבער די צעפּאָגראָמירטע ייִדישע שטעטלעך און פאַרטײלט הילף דער געליטענער ייִדישער באַפעלקערונג.

בעת דעניקין קומט קײַן אוקראַיִנע איז ליבערבערג טעטיק אין באָל־שעװיסטישן אונטערערד פון פּאָלטאַװער און קיִעװער קרײַזן. אַהין צו האָט אים די קאָמוניסטישע פּאַרטײ געשיקט אױף געהײמער אַרבעט, װאָס איז פאַרבונדן מיט גרױס געפאַר. ער פלעגט מיר דערצײלן פאַרשידענע עפּיזאָדן פון יענער צײַט. גערעדט װעגן דעם מיט אַזאַ גרינגן שמײכל, װי מען דער־צײלט װעגן גאָר פּשוטע זאַכן, אָבער פאַר מיר איז געװען קלאָר — ניט אײן מאָל איז דעמאָלט זײַן לעבן געהאָנגען אױף אַ האָר.

נאָך דעם װי פּעטליורע און דעניקין זענען פאַריאָגט געװאָרן פון אוקראַיִנע, האָט ער געאַרבעט, לױט דער אױפגאַבע פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטײ, אין ייִדישן בערדיטשעװ. דאָרט איז ער גיך געװאָרן אַן אָנגעזע־ענער מיטגליד פון בערדיטשעװער פּאַרטײיִשן קרײַז־קאָמיטעט.

מײַנע חברים חיים שיף, מאָטיע גלאַזמאַן, בוזי גאָלדינבערג און בײדע בראָװאַרניקס — לײב און פרײדע — האָבן אױך אַ צײט געװוינט אין

בערדיטשעוו. פֿון זיי האָב איך געוווּסט, אַז ליבערבערג איז געווען דער באַליבטער טריבון פֿון דעמאָלטיקן ייִדישן האָרעפּאַשנעם בערדיטשעוו, ער וועקט בײַ דער אָרעמשאַפֿט גלויבן אין דער יונגער ראַטנמאַכט און רופֿט: „ייִדן! זײַט געטרײַ דער נײַער געזעלשאַפֿטלעכער אָרדענונג — בלויז זי וועט פֿאַר אײַך ברענגען די גאולה!". אין טאָן פֿון מײַנע חברים הער איך אַ סך ליבשאַפֿט און אָנערקענונג פֿאַר זייער חבר יאָניע. אַזוי פֿלעגן אים רופֿן זײַנע נאָענטע.

ערשטע טריט

אין 1918—1919 שטעלט ער זײַנע ערשטע טריט ווי אַ זשורנאַליסט. מיט איין און דער זעלבער גרינגשאַפֿט שרײַבט ער אין דרײַ שפּראַכן: ייִדיש, אוקראַיִניש, רוסיש. די סאָוועטישע צײַטונגען און זשורנאַלן דרוקן גערן זײַנע ענטוזיאַסטישע אַרטיקלען. אין בערדיטשעוו פֿירט ער אָן מיט דער אוקראַיִנישער און ייִדישער פּרעסע. עס פֿעלן אויס זעצערס אין די דרוקע־רײַען פֿון די חרובע שטעט? — דאָס טאָר קיין מניעה ניט זײַן! שטעלט ער זיך אַליין צו דער קאַסע און צוזאַמען מיט זײַן יונגיטשקער ענערגישער פֿרוי ניושע גאָלדשטיין זעצט מען אויס איבער נאַכט די צײַטונג. און וועמען קען אײַנפֿאַלן צו גיין אַהיים כאַפּן אַ דרעמל? גלײַך פֿון דרוקערײַ אײַלט ער גאַנץ פֿרי צו זײַן אַרבעט אין פּאַרטיי־קאָמיטעט.

אין יעדער שטאָט און שטעטל קומען דעמאָלט אויף און ווערן שנעל פֿאַרשווּנדן קאָמוניסטישע בראָשורן, צײַטונגען, קליינע צײַטשריפֿטן אויף אוקראַיִניש און ייִדיש. ליבערבערג איז דער אָרגאַניזאַטאָר און רעדאַקטאָר פֿון אַ ריי אַזעלכע אויסגאַבעס [1]. אַזוי ווי אין בערדיטשעוו, איז ער אויך דאָרט סײַ דער רעדאַקטאָר, סײַ דער אַרטיקלען־שרײַבער, סײַ דער בחור־הזעצער.

שוין דעמאָלט, אין די שווערע טעג פֿון קאַמף מיט די באַנדעס, ווען יעדן מאָנטיק און דאָנערשטיק בײַט זיך די מאַכט אין אוקראַיִנע, געפֿינט דער פֿאָליטרוק פֿון דער רויטער אַרמיי צײַט צו פֿאַרנעמען זיך מיט די

1 זען, למשל, דער ייִדישער קאָמונאַר, זשיטאָמיר, אַפּריל 1920. רעד. י. ליבערבערג און אַנדערע.

ערנסטע ייִדישע פֿאָרשונגען. אין 1919 פֿאַרעפֿנטלעכט ער זײַן ערשטע ביבליאָגראַפֿישע אַרבעט [2].

די יאָרן 1922—1925 זענען פֿאַר דעם ייִדישן רויטן אָפֿיציר אויך אַ צײַט פֿון אָנגעשטרענגטער אַרבעט איבער זיך. ער פֿאַרענדיקט אויף „אויסגע־צייכנט" דעם קיִעווער אוניווערסיטעט און גרייט צום דרוק זײַן בוך וועגן דער גרויסער פֿראַנצייזישער רעוואָלוציע. דאָס בוך שרײַבט ער מיט איין און דער זעלבער לײַכטער פֿען אין דרײַ שפּראַכן — ייִדיש, רוסיש און אוקראַיִניש.[3]

אין דער זעלביקער צײַט פֿאַרנעמט ער זיך מיט פּעדאַגאָגישער אַרבעט. אין די מאַטעריאַלן פֿון קיִעווער געגנטלעכן מלוכה־אַרכיוו האָב איך אַרויס־געלייענט: „דער פּאָליטרוק פֿון דער רויטער אַרמיי יוסף ליבערבערג אַרבעט אין די יאָרן 1920—1922 אַלס לעקטאָר פֿון מערב־געשיכטע אויף די ייִדישע פּעדאַגאָגישע קורסן און אויך אין דער העכערער פּאַרטיישול". ווײַטער איז דאָרט אָנגעוויזן: אין 1922סטן יאָר ווערט יוסף ליבערבערג באַשטימט ווי אַ לעקטאָר פֿון געשיכטע אין דעם קיִעווער אינסטיטוט פֿאַר פֿאָלקס־ווירטשאַפֿט

ער איז דעמאָלט אַלט ניט מער ווי 23 יאָר, און דאָך צייכנט ער זיך דאָ אויס מיט זײַן גרויסער ערודיציע און ווערט גיך די פֿירנדיקע פּערזאָן אויף דער קאַטעדרע פֿון געשיכטע. אין 3 יאָר אַרום (1.10.1925) ווערט ער דורכן פֿאָלקס־קאָמיסאַריאַט פֿאַר בילדונג אָפֿיציעל נאָמינירט ווי פּראָפֿעסאָר פֿון מערב־אייראָפּעיִשער געשיכטע.

אין 1927 דערשײַנען זײַנע צוויי נײַע פֿאָרשונג־אַרבעטן [4]. מיט עטלעכע יאָר שפּעטער איז אויך דערשינען זײַן בוך דער 1848 יאָר אין דײַטשלאַנד,

2 י. ליבערבערג, „רשימה פֿון דער ייִדישער פּרעסע אין אוקראַיִנע אין דער צײַט פֿון דער רעוואָלוציע — פֿעווראַל 1917 — פֿעווראַל 1919", געדרוקט אין ביכער־וועלט, קיִעוו 1919, נומ' 2—3, זז' 89—94.

3 י. ליבערבערג, די גרויסע פֿראַנצויזישע רעוואָלוציע. דערשינען אין די אויבן דער־מאָנטע שפּראַכן. די אוקראַיִנישע אויפֿלאַגע (דוכט זיך — די צווייטע) איז אַרויס אין 1931 אין פֿאַרלאַג „פּראָלעטאַרי", כאַרקאָוו־קיִעוו, 192 זײַטן.

4 י. ליבערבערג, „פֿראַנק־מאַסאָנישע טעטיקייט ערב דער גרויסער פֿראַנצויזישער רעוואָלוציע אַלס אויסדרוק פֿון פּאָליטיש־געזעלשאַפֿטלעכער זעלבסט־אָרגאַניזאַציע פֿון דער בירזשואַזיע". געדרוקט אין דער אוקראַיִנישער צײַטשריפֿט א"נ Прапор марксизму, 1927, נומ' 1, זײַטן 177—211.

וואָס ווערט דער גרונטבוך פֿאַר די סטודענטן פֿון די סאָוועטישע הויכשולן [5].
אַ ריי היסטאָרישע אַרבעטן דרוקט ער אויך אין די רוסישע און אוקראַיִנישע צײַטשריפֿטן באָלשעוויק, בילשאָוויק, פּראַפּאָר מאַרקסיזמו און אַנדערע. ער אַרבעט מיט אין די יִדישע צײַטשריפֿטן רויטע וועלט, ראַטנבילדונג און אין דער יִדישער טעגלעכער פּרעסע.

אייניקע שטריכן צו זיין פּאָרטרעט

ביז מײַן באַקאַנטשאַפֿט מיט אים האָב איך קיין מאָל ניט באַגעגנט אַזאַ יִדישן קאָמוניסט ווי ליבערבערג: ער האָט מיט זיך פֿאָרגעשטעלט אַ זעל־טענע האַרמאָניע פֿון פֿיזישער געזונטער שיינקייט, הויכן אינטעלעקט, פּשטות, גוטמוטיקייט און אומגעהײַער גרויסער אַרבעטזאַמקייט. דער באַגריף ״אָפּרוען זיך״ איז אים געווען פֿרעמד, ער איז געווען מסוגל צו אַרבעטן די גאַנצע 24 שעה אין מעת־לעת. איר האָט אים געקענט טרעפֿן זיצן בײַ זײַן שרײַבטיש אין אינסטיטוט ביז שפּעט נאָך האַלבער נאַכט. אַהיים פֿלעגט ער קומען צו לויפֿן נאָר אָפּעסן (זײַן דירה אויף אינסטיטוטסקע 13 האָט זיך געפֿונען עטלעכע מינוט גאַנג פֿון אינסטיטוט). מחמת זײַן אַרײַנגעטאָנקייט אין דער אַרבעט פֿלעגט ער פֿאַרנאַכלעסיקן זײַן פֿאַמיליע־לעבן און געהאַט דערפֿאַר ניט ווייניק אויסצושטיין פֿון זײַן זייער ענערגישער ניושען. אויך תּמר, זייער געראָטן בת־יחידהלע, פֿלעגט פֿאָרוואַרפֿן דעם טאַטן: ״פֿאַר וואָס שפּילסטו זיך מיט מיר אַזוי ווייניק?!..״.

ער איז געווען אַ ברונעט, הויך און לאַנגפּיסיק, שלאַנק ווי אַ טאָפּאָל, העכער פֿון אונדז אַלעמען, געהאַט אַ פֿול מויל מיט שניי־ווײַסע ציין און אַ ליבן שמייכל, אַ שמייכל, וואָס איז אָפּט מאָל מסוגל געווען צו אַנטוואָ־פֿענען אָפּילו זײַנע קעגנערס. געהאַט גרויס דערפֿאָלג בײַ יונגע פֿרויען פֿון פֿאַרשידענע שיכטן. די שלעכט פֿאַרבאַהאַלטענע פֿאַרערונג זייערע פֿלעגט

י. ליבערבערג, עקאָנאָמישע און סאָציאַלע געשיכטע פֿון ענגלאַנד (1760—1850). קיִעוו, ״קולטור־ליגע״, 1927, 185 זז׳. דאָס דאָזיקע בוך איז אויך דערשינען אין רוסיש און אוקראַיִניש.

5 ליידער האָב איך ניט קיין מעגלעכקייט פֿעסטצושטעלן די גענויע דאַטע ווען דאָס בוך איז דערשינען.

ער אויפֿנעמען מיט פֿאַרגעניגן, ברייט געשמייכלט מיט גוטסקייט, אַ מאָל געכאַפּט אַ פֿלירט, אָבער ניט אויף לאַנג: ניט מחמת דעם וואָס ער איז געווען אַזאַ גרויסער פּוריטאַן — ער האָט פּשוט קיין צײַט נישט געהאַט אויף ערנסטערע פּערזענלעכע ענינים.

זאַפֿטיק און רײַך איז געווען זײַן יִדיש — אַ בלומענשפּראַך. פּונקט אַזוי רײַך און בילדעריש — זײַן רוסיש און אוקראַיִניש. ער האָט באַהערשט די צוויי סלאַווישע לשונות בעסער און שענער ווי פֿיל זײַנע אוקראַיִנישע און רוסישע קאָלעגעס. בײַ פֿאַרשידענע געלעגנהייטן פֿלעגן זיי אַליין מיט שלעכט באַהאַלטענער קינאה דאָס מודה זײַן.

אַ טעמפּעראַמענטפֿולער אָראַטאָר, באַזיצט ער די קונסט מײַסטערהאַפֿט און שאַרפֿזיניק צו פּאָלעמיזירן מיט זײַנע קעגנערס. די פֿאַרזאַמלטע הערן אים תּמיד מיט אַ פֿאַרכאַפּטן אָטעם. אַפֿילו קעגנערס באַוווּנדערן ליבערבערגס אָריגינעלע אַרגומענטאַציע בײַם פֿאַרטיידיקן זײַנעם אַ שטאַנדפּונקט. איך פֿלעג שטענדיק באַוווּנדערן אין אים דעם בעל־וויכּוח: זײַן פּאָלעמיק איז געווען דורכגעדרונגען מיט שאַרפֿער סאַטירע, מיט קלאָרקייט און אײַזערנער לאָגיק, אָפֿט מאָל געמאַכט לאַכן די צוהערערס. אַפֿילו ווען ער פֿלעגט זיצן און שווײַגן, האָט איר געפֿילט זײַן אינערלעכן דינאַמיזם. ווען ער איז שוין אַלט געווען איבער די דרײַסיק איז אַלץ נאָך פֿאַרבליבן אין אים דער יוגנטלעכער סטודענטישער ברען.

ער איז קיין מאָל נישט געווען וואָכעדיק, תּמיד כּולו יום־טובֿ, אַפֿילו דאַן, ווען ער פֿלעגט טאָן און ריידן וועגן די סאַמע פּראָזאַיִשע און ניט אָנגענעמע ענינים. זײַן שטים — אַ קלינגעוודיקע, און דאָך אַ ווייכע — האָט פֿאַרמאָגט אין זיך עפּעס אַ מין ליכטיקע דערהויבנקייט. און די דאָזיקע ליכטיקע דערהויבנקייט פֿלעגט זיך, צי דו ווילסט עס, צי ניט, איבערגעבן צו דיר, מיט וועמען ער האָט געאַרבעט און אָנגעפֿירט.

ער האָט געהאַט קלוגע קאַרשן־אויגן, מיט אַ שטענדיקן גלי אין זיי, און געקוקט האָבן זיי אויף אַלץ און אויף אַלעמען אַרום מיט באַגלייבט־קייט, מיט האַרציקער אוממיטלדיקייט. ניט געווען אין זיי קיין סימן פֿון דער פּאַרטייִשער גאווה, וועלכע איז שוין דעמאָלט געווען אַזוי כאַראַקטעריסטיש פֿאַר אָנפֿירערס פֿון זײַן גראַד. (ס׳קען קלינגען ווי אויסגעטראַכט: אָבער דווקא אין לאַנד פֿון סאָציאַליזם איז די דיסטאַנץ צווישן קליינעם טשינאָווניק און העכערן באַאַמטן געוואָרן פֿון יאָר צו יאָר גרעסער און דער תּהום טיפֿער און טיפֿער).

דער שמייכל איז כּמעט קיין מאָל ניט אַראָפּ פון זײַנע שיין געשניצטע פולבלעכע ליפּן. אָט דער שמייכל זײַנער איז, אפשר נאָך מער ווי זײַנע אויגן, געווען באַשײַנט מיט דער דאָזיקער כּמעט קינדערישער באַגלייבטקייט צו די, מיט וועמען ער האָט אָנגעפירט[6].

ער האָט געהאָט אַ גרויסע ווירקונג (כ׳דענק, אַז אַ גרעסערע ווי אַלע קיִעווער ייִדטוערס) אויף דער אַקאַדעמישער לערן־יוגנט סײַ פון די ייִדישע, סײַ פון די אוקראַיִנישע אינסטיטוטן און טעכניקומס. אויף זײַנע לעקציעס וועגן מערב־געשיכטע, פּאָליטישער עקאָנאָמיע און וועגן דער אַנטוויקלונג פון דער סאָוועטיש־ייִדישער וויסנשאַפט, וועלכע ער האָט געלייענט אין קיִעווער אוניווערסיטעט, אין אָדעסער און זשיטאָמירער פּעדאַגאָגישע אינסטיטוטן, און אויך אין ניעזשינער אוקראַיִנישן פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט, זענען די אודיטאָריעס געווען איבערפולט אַפילו דעמאָלט, ווען דער באַזוך פון די לעקציעס איז ניט געווען אָבליגאַטאָריש פאַר די סטודענטן. קומען אויף ליבערבערגס לעקציעס פלעגן ניט בלויז סטודענטן, נאָר אויך די ייִדישע, אוקראַיִנישע און רוסישע פּראָפעסאָרן און לערערס.

ווי אַ מיטגליד פון קיִעווער פּאַרטייִשן קרײַז־קאָמיטעט טרעט ער אָפט אַרויס אויף מאַסן־פאַרזאַמלונגען אין די גרעסטע מעטאַלורגישע אונטער־נעמונגען פון אוקראַיִנע. שיקן פלעגט מען אים נאָר אַהין, וווּ ס׳איז געווען אַ דורכרײַס, וווּ די אַרבעטערס האָבן שטילערהייט, בשתיקה, סאַבאָטירט און ניט אויסגעפילט דעם פּלאַן מחמת די אוממענטשלעכע לעבנס־באַדינגונגען. פאַרשטייט זיך, אַז וועגן אַזעלכע בונטן פלעגט קיין איין וואָרט אין דער פּרעסע ניט דערמאָנט ווערן. בלויז אין אויסנאַמפאַלן פלעגט מען אונדז וועגן דעם דערציילן אויף שטרענג פאַרמאַכטע פּאַרטיי־אַקטיוון און בלויז מיט פאַרשטעלטע רמזים.

סוף צוואַנציקער און אָנהייב דרײַסיקער יאָרן — שוידערלעך הונגעריקע מחמת דער אויפגעצוווּנגענער אַלגעמיינער קאָלעקטיוויזאַציע — האָב איך זיך איינִיקע מאָל צוגעהערט צו זײַנע פלאַם־פײַערדיקע רעדעס אויף אַזעלכע

6 ערשט מיט עטלעכע יאָר שפּעטער — אין ביראָבידזשאַן — וווּ ער האָט, נאָך איי־דער מ׳האָט אים אַרעסטירט, דורכגעליטן שיבעה גהינומס, ערשט דעמאָלט האָב איך צום ערשטן מאָל דערזען אין זײַנע אויגן אַזאַ פאַרלוירנקייט, אַזאַ טיפן ווייטיק, אַז נאָך היינט גיט מיר אַ קלעם דאָס האַרץ ביי יעדער דערמאָנונג וועגן יענער פײַנלעכער צייט.

אינדוסטריעלע גיגאַנטן ווי דער קיִעווער ״באָלשעוויק״ איז געווען[7]. מיט חידוש פלעג איך זיך צוקוקן ווי בהדרגה באַרויִקט ער די אויפגעבראַזטע געמיטער פון די אויסגעצערטע אַרבעטערס, און ווי נאָך יעדער אַזאַ רעדע זײַנער פאַרציִען זיי שטאַרקער דעם פּאַסעק אויף די געלאַטעטע אויסגע־ריבענע הויזן און שטרענגען ווײַטער אָן די אָפּגעשוואַכטע כּוחות, כּדי אויסצופילן די פאַרהאַסטע ״פּיאַטילעטקע״. און ווידער זופּן זיי שטומערהייט אין דער שמוציקער פאַבריק־סטאָלאָווקע די שיטערע יושקע און שטעלן אונטער די לינקע דלאָניע צו דער גאָמבע בעת זיי בײַסן זיך גיריק אײַן מיט די ציין אין דעם שטרענג אויסגעטיילטן שטיקל ברויט, וואָס איז אַ געמיש פון הירזש און קלײַען: זאָל חלילה קיין קרישקע ניט גיין לאיבוד, און ווידער וואַרפן זיי קונציק יעדעס אויפגעכאַפּט ברעקעלע צוריק אין ברייט צעעפנטן מויל אַרײַן...

צי האָבן אויף זיי געווירקט בלויז ליבערבערגס הייסע רעדעס?

איך און אַזעלכע ווי איך האָבן דאָך דעמאָלט שוין פאַרשטאַנען, און — צו וואָס דאַרף איך לייקענען? — מיר האָבן גוט געוווּסט, אַז באַוועגן באַוועגט זיי — די צעבונטעוועטע אַרבעטערס — צו פאַרקלענערן דעם שטילן סאַבאָטאַזש זייערן קודם־כּל די שרעק פאַר דער נ.ק.וו.ד. דער געדאַנקען־גאַנג פון אַזעלכע אײַנגעגלייבטע און ווייכהאַרציקע קאָמוניסטן ווי איך, איז געווען אַזאַ: ״אַוודאי וואָלט געווען גלײַכער די אַרבעטערס זאָלן אויס־בויען דעם סאָציאַליזם מיט זייער גוטן ווילן, אָן שרעק פיזיש פאַרניכטעט צו ווערן דורך דער נ.ק.וו.ד., אָבער מיר האָבן דאָך קיין אַנדער ברירה ניט, מוזן מיר אויך בנוגע אים — דעם אַרבעטער־קלאַס גופא, וועלכער איז דאָס אייבערשטע פון שטייסל — דורכפירן אין לעבן דעם באָלשע־וויסטישן פּרינציפּ ״דער הייליקער ציל באַרעכטיקט אַלע מיטלען״, און דאָ איז ער, דער פּרינציפּ, נאָך מער באַרעכטיקט: מיר ווענדן אים דאָך אָן, ווײַל מיר ווילן זייער אייגענע טובה, זייער בעסערן מאָרגן. און בלויז דערפאַר, וואָס זיי אַליין, די פּראָלעטאַריערס, פאַרשטייען דאָס נאָך נישט. אַז מ׳קען ניט אַריבער, מוז מען אַרונטער.

גלײַכצײַטיק אָבער איז בײַ מיר קיין ספק ניט געווען, און אויך איצט צווייפל איך ניט אין דעם, אַז דער פאַרליבטער אין דער אידעע פון קאָמר

7 אַ צייט האָב איך דאָרט ווי אַגיטאַטאָר געפירט אויפקלערונגס־אַרבעט צווישן די אַרבעטערס.

ניזם יוסף ליבערבערג הויכט אַרײַן אין אַ טייל פון זיי, דער עיקר אין די ייִנגערע און אין די ווייניקער דערפאַרענע, זײַן אייגענעם טיפן גלויבן, אַז נאָר מיט זייער שקלאַפערישער פּראַצע קענען זיי פאַר זיך און פאַר זייערע משפּחות ברענגען דעם זאַטערן מאָרגן. איך און מײַנס גלײַכן האָבן דאָך אויך אין דעם געגלייבט.

אָבער צום בעסטן פילט זיך ליבערבערג — דער אַגיטאַטאָר — צווישן עמך : אין די קיִעווער פאַבריקן מיט אַ ייִדישער אַרבעטערשאַפט — אין דער גרויסער נייפאַבריק אויפן נאָמען פון לאַסטאָטשקין־סמירנאָוו, וועלכע געפינט זיך אין דער ייִדישער געדיכטעניש — אויף פּאָדאָל ; אין דער טריקאָטאַזש־פאַבריק אויפן נאָמען פון ראָזע לוקסעמבורג, אין די ייִדישע קאָאָפּעראַטיוון און קוסטאַרישע אַרטעלן. דאָ רופט מען אים נישט אַנדערש (און ניט חלילה מיט איראָניע) ווי ״אונדזער פּראָפעסאָר״ און מען נעמט אים אויף ווי אַן אייגענעם. פאַר אים האָבן זיי ניט קיין מורא צו זאָגן אַ מאָל אַ שאַרף וואָרט קעגן די קליינע און קעגן די גרויסע ״נײַע בעל־הבתים״, און אויך קעגן די אַנטיסעמיטישע שטיקלעך פון אייניקע קיִעווער אָנפירערס, וועלכע זענען ניט בכּוח צו באַהאַלטן זייער שׂינאה צו די ייִדישע אַרבעטערס. ליבערבערג הערט זיך אויפמערקזאַם צו צו זייערע רייד. און די ייִדישע אַרבעטערס ווייסן, אַז ניט איינער פון די שוואַרץ־מאַהניקעס מיט אַ פּאַרטיי־בילעט אין טאַש איז אַרויסגעוואָרפן געוואָרן פון דער פּאַרטיי אַ דאַנק ליבערבערגס דרײַסטער אינטערווענץ.

כי מקייב תצא תורה...

דער לייענער ווייס געוויס, אַז שוין אין דער ערשטער העלפט צוואַנציקער יאָרן הייבט אָן די קאָמפּאַרטיי אײַנצושרומפּן און דערנאָך בהדרגה פאַר־ניכטן אַלע קלענערע און גרעסערע ייִדישע וויסנשאַפטלעכע אינסטיטוציעס און געזעלשאַפטן, וואָס זענען געווען טעטיק אין רוסלאַנד נאָך ביז דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, און אַז די געלערנטע, וואָס האָבן מיטגעאַרבעט אין די דאָזיקע אַנשטאַלטן, האָט מען גערודפט און זייערע שאַפונגען קאָנפיס־קירט. אייניקע איז דורך פאַרשידענע וועגן און אומוועגן געלונגען אַרויס־צופאָרן קיין אויסלאַנד, און די וועלכע זענען פאַרבליבן אין סאָוועט־רוסלאַנד זענען ווער פריִער, ווער שפּעטער, אַרעסטירט געוואָרן.

דער גורל האָט געוואָלט, אַז מײַן אָנקומען פון פּוילן קיין סאָוועט־רוסלאַנד (1926) זאָל צונויפפאַלן מיט די דאָזיקע גרויליקע געשעענישן. און אַז די ערשטע 3 — 4 יאָר פון מײַן לעבן אין קיִעוו זאָלן זײַן די יאָרן, ווען עס האָט זיך צום שטאַרקסטן צעפלאַקערט דער אָנגריף קעגן די דאָזיקע ״נעסטן פון דער שעדלעכער ייִדישער וויסנשאַפט״, און גראָד די צײַט, ווען עס ווערט בהדרגה דורכגעפירט די ענדגילטיקע ליקווידאַציע פון די 3 וויכטיקסטע ייִדישע וויסנשאַפטלעכע צענטערס. טאָקע דעמאָלט האָט מען אַרויסגעריסן מיט אַלע זייערע וואָרצלען, אַזוי אַז עס זאָל פון זיי קיין סימן ניט בלײַבן, די פאָלגנדיקע אינסטיטוציעס :

1. די ״חברה מפיצי השׂכּלה״ [8], וועלכע איז געגרינדעט געוואָרן נאָך אין די 60ער יאָרן פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט ;
2. די ״ייִדישע היסטאָריש־עטנאָגראַפישע געזעלשאַפט״ [9], וואָס האָט עק־

8 אויף רוסיש : Общество распространения просвещения среди евреев
געקירצט : ОПЕ

9 אויף רוסיש : Еврейское историческо-этногафическое общество

סיסטירט אין פּעטערבורג זינט 1908 און אַרויסגעגעבן אויף רוסיש די באַרימטע פּערטליאָר־שריפט Еврейская старина וואָס רעדאַגירט האָט זי דער גרויסער ייִדישער היסטאָריקער שמעון דובנאָוו.

3. די ״היסטאָריש־אַרכעאָגראַפישע קאָמיסיע״, וועלכע איז געווען באַקאַנט אונטערן נאָמען די ״גאַלאַנט־קאָמיסיע״, וואָס איז געווען טעטיק אין קיִעוו נאָך איידער די באָלשעוויקעס האָבן באַהערשט אוקראַיִנע, און שפּעטער בײַ דער ראַטנמאַכט (סוף 1924) איז די דאָזיקע קאָמיסיע געוואָרן אַ באַשטאַנדטייל פון דער סאָוועטישער אַלאוקראַיִנישער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע BYAH.

די ערשטע צוויי זענען געווען אַ שם־דבר אין דער גאָרער ייִדישער קולטורוועלט. די דריטע — די גאַלאַנט־קאָמיסיע — איז געווען ווייניקער באַוווּסט, אָבער אירע אויפטוען (האָבן גערעדט אין דער שטיל אַפילו די, וואָס האָבן געפירט אַ קאַמף פאַר איר ליקווידאַציע), זענען געווען וויכטיקע. די מיטאַרבעטערס האָבן זיך דאָ פאַרנומען מיט פאָרשן אַרכיוו־מאַטעריאַלן וועגן דער געשיכטע פון ייִדן אין אוקראַיִנע און אויפן סמך פון די דאָזיקע פאָרשונגען פאַרעפנטלעכט אין דער אוקראַיִנישער שפּראַך 2 זאַמלונגען. צו די בולטסטע פיגורן אין דער דאָזיקער קאָמיסיע האָבן געהערט איר פאָרזיצער — דער אַקאַדעמיקער קרימסקי (אַן אוקראַיִנער) און דער אַסימילירטער ייִד פּראָפעסאָר אליהו גאַלאַנט. דאָ האָבן אויך מיטגעאַרבעט פּראָפ׳ וו. פּ. דובינסקי און ד. י. ווײַנשטיין.[10]

די דאָזיקע ליקווידאַציע איז דורכגעפירט געוואָרן מערסטנטייל מיט

10 די גאַלאַנט־קאָמיסיע האָט זיך פאַרנומען מיט זאַמלען מאַטעריאַלן וועגן דער געשיכטע פון ייִדישער בילדונג אין אוקראַיִנע, וועגן ייִדישער ערד־איינאָרדענונג, ריטועלע מינהגים, וועגן דעם אָנטייל פון די אוקראַיִנישע ייִדן אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, וועגן פּאָגראָמען אויף ייִדן א״אַ.
אירע פאָרשונגס־אַרבעטן האָט די קאָמיסיע טיילווייז קאָאָרדינירט מיט די 2 אויבן דערמאָנטע ייִדישע געזעלשאַפטן אין לענינגראַד. אין יאָר 1925 איז אין זשורנאַל אוקראַיִנע אָפּגעדרוקט אַן אַרבעט פון דער גאַלאַנט־קאָמיסיע א״נ ״דער זשיטאָמירער פּאָגראָם אין 1905 יאָר״. שפּעטער, דאַכט זיך אין 1929 זענען נאָך 2 אירע אַרבעטן ״דאָס ייִדישע געטאָ אין קיִעוו״ און ״די קיִעווער פּראָיעקטן פון ייִדישער ערדאיינאָרדענונג״, פאַרעפנטלעכט אין דער יובילײ־זאַמלונג פון דער אוקראַיִנישער וויסנשאַפטלעכער אַקאַדעמיע, אַרויסגעגעבן לכבוד דעם אַקאַדעמיקער באַגאַליי.

אייגענע ייִדישע הענט — דורך די ייִדסעקציעס — אונטערן לאָזונג ״קאַמף קעגן דער ייִדישער נאַציאָנאַליסטישער בורזשואַזער וויסנשאַפט״ וכדומה.

און איך בין, מחמת דער אַרבעט מײַנער און צוליב דער פּערזענלעכער פרײַנדשאַפט מיט די מענטשן, וואָס זענען געווען דירעקט באַשעפטיקט בײַ דער דאָזיקער פאַרניכטונג, — אַ לעבעדיקער עדות (ניט שטענדיק אַ פּאַסיווער) פון דעם, ווי אַזוי די ליקווידאַציע פון די דאָזיקע 3 וויכטיקע אַנשטאַלטן איז פּאָליטיש אַרומגעשטעלט געוואָרן, וועלכע מעטאָדן האָט מען אָנגעווענדן בעת דעם קאַמף וואָס איז געפירט געוואָרן אַרום דער ירושה פון די דאָזיקע פאַרניכטעטע געזעלשאַפטן. און וועגן דעם וויל איך דאָ דערציילן.

ווי אַזוי האָב איך דעמאָלט געקוקט אויף דעם אַלעם?

כ׳האָב געזען אין דעם אַ ״היסטאָרישע נויטווענדיקייט״ — דעריבער זענען מײַנע סימפּאַטיעס געווען אויף דער זײַט פון די, וואָס האָבן פאַרניכטעט דאָס ״אַלטע״ און לויטן ווילן פון דער פּאַרטיי געבויט דאָס נײַע אויף די חורבות פון ״אַלטן״.

***

אויפן אָרט פון די צעטראָטענע אַנשטאַלטן האָט די פּאַרטיי באַדאַרפט שאַפן אַזעלכע נײַע וויסנשאַפטלעכע אינסטיטוציעס וואָס, להיפּוך צו די אומגעבראַכטע, דאַרף זייער טעטיקייט אַנטשפּרעכן דער באָלשעוויסטישער פאָרמולע: נאַציאָנאַל בלויז לויט דער פאָרעם, אָבער אומבאַדינגט אינטערנאַציאָנאַליסטיש לויט איר אינהאַלט. אין די דאָזיקע אינסטיטוציעס דאַרף געשאַפן ווערן די נײַע סאָוועטיש־ייִדישע וויסנשאַפט, וואָס וועט געטרײַ דינען דער קאָמוניסטישער אידעאָלאָגיע, און אַזוי אַרום פאַרוואַנדלט ווערן אין איינעם פון די מעכטיקע פאַקטאָרן צו באָלשעוויזירן די קולטור און פּסיכיק פון סאָוועטישן ייִדנטום. שוין דעם 4טן נאָוועמבער 1924 איז אָפיציעל געמאָלדן געוואָרן, אַז בײַ דעם נאָר וואָס געגרינדעטן אינסטיטוט פאַר ווײַסרוסישער קולטור אין מינסק ווערט געשאַפן דער ייִדישער וויסנשאַפטלעכער אָפּטייל צו פאָרשן די ייִדישע שפּראַך, די סאָציאַלע געשיכטע פון ייִדן און ייִדישן פאָלקלאָר. דער נאָמען פון דעם דאָזיקן ייִדישן אָפּטייל האָט דורכגעמאַכט פאַרשידענע גילגולים — זיך געביטן אָפּהענגיק פון דער

פּאָליטישער קאָניונקטור, פּונקט אַזוי ווי די נעמען פֿון כּמעט אַלע ייִדישע און אויך ניט־ייִדישע סאָוועטישע אינסטיטוציעס, צײַטשריפֿטן, אָרגאַניזאַציעס א״אַ.

אָ, וויפֿל וואַסערן האָבן באַדאַרפֿט אָפּפֿליסן, וויפֿל אומשולדיק ייִדיש בלוט און ניט בלויז ייִדיש בלוט האָט באַדאַרפֿט אין סאָוועט־רוסלאַנד פֿאַרגאָסן ווערן, ביז ייִדישע קולטור־טוערס (בתוכם אויך איך) זאָלן אָנהייבן באַנעמען דעם גרויסן שווינדל, וועלכער ליגט אין תּוך פֿון דער דאָזיקער פֿאָרמולע, לויט וועלכער די סאָוועטישע פֿעלקער דאַרפֿן בויען זייערע קולטורן „נאַציאָנאַל לויט דער פֿאָרעם און אינטערנאַציאָנאַליסטיש לויט זייער אינהאַלט״. שווער און לאַנג איז געווען דער וועג צו קומען צום אויספֿיר, אַז אין איר תּוך איז די פֿאָרמולע אַנטיפֿאָלקיש, אַז איר מיין איז בהדרגה צו ליקווידירן דאָס אייגענע דור־דורותדיקע רײַכטום, וואָס די קולטור פֿון יעדן פֿאָלק פֿאַרמאָגט, און אַזוי אַרום פֿאַקטיש אויפֿהערן צו עקסיסטירן ווי אַ פֿאָלק. נאָך לענגער האָט געדויערט, ביז אַזעלכע ווי איך האָבן באַנומען, אַז אין גרונט ליגט דאָ דער גרויסרוסישער שאָוויניזם, אַז דער ענדציל פֿון דעם דאָזיקן צביעותדיקן באָלשעוויסטישן פּרינציפּ איז: אויסצוואָרצלען די נאַציאָנאַלע קולטורן — פֿריִער פֿון די קליינע, דערנאָך פֿון די גרעסערע פֿעלקער, וואָס באַוווינען די סאָוועטישע טעריטאָריעס, און איינוואָרצלען אין זיי די גרויסרוסישע קולטור, און אַז אין דער ערשטער ריי דאַרף דאָס כּפּרה־הינדל פֿון דער דאָזיקער „גאולה״ זײַן מײַן פֿאָלק — דאָס פּילמיליאָניקע סאָוועטישע ייִדנטום.

אָבער דערווײַל האָלט איך ערשט בײַם יאָר 1926, ווען די ענטוזיאַסטישע סאָוועטיש־ייִדישע קולטור־טוערס האָבן מיט פֿרייד אויפֿגענומען די ידיעה, אַז די העכסטע פּאַרטיי־אינסטאַנץ האַלט, אַז דער ייִדישער וויסנשאַפֿטלעכער צענטער, וואָס עקסיסטירט אין מינסק, איז ניט גענוג, און דעריבער האָט מען באַשלאָסן צו אָרגאַניזירן נאָך איינעם אַ ייִדישן פֿאָרשעריש־וויסנשאַפֿטלעכן צענטער, און טאַקע בײַ אונדז אויף אוקראַיִנע, וואָס פֿאַרמאָגט פֿיל מער ייִדישע איינוווינער ווי אַלע אַנדערע רעפּובליקן.

פֿאַר דעם פֿאַסיקסטן אָנפֿירער פֿון דעם דאָזיקן נײַעם צענטער האַלט די פּאַרטיי־אינסטאַנץ דעם 27־יאָריקן פּראָפֿעסאָר יוסף ליבערבערג.

כ׳האָב שוין דערציילט, אַז דעמאָלט איז ער שוין געווען אַ פּאָפּולערע פּערזענלעכקייט אין דער אוקראַיִנישער און רוסישער סביבה, און פֿאַר אים

איז אָפֿן געווען דער וועג צו וויסנשאַפֿטלעכער און פּאָליטישער קאַריערע אויף דער אַזוי גערופֿענער אַלגעמיינער גאַס.[11]

אָבער ליבערבערג זאָגט זיך אָפּ פֿון דעם לײַכטערן וועג און קלײַבט אויס דעם שווערערן. אים פֿאַרכאַפּט דער געדאַנק: אָפּגעבן אַלע כּוחות דעם אויפֿבוי פֿון אַ סאָוועטיש־ייִדישן וויסנשאַפֿטלעכן צענטער, ווײַל אַזוי ווי זייער פֿיל ענלעכע צו אים גלייבט ער, אַז די ייִדישע קולטור דאַרף זײַן סאָציאַליסטיש לויטן אינהאַלט און נאַציאָנאַל־ייִדיש בלויז לויט דער פֿאָרעם. ער ווערט דער אָרגאַניזאַטאָר און אָנפֿירער פֿון דעם נײַעם אַנשטאַלט וואָס באַקומט דעם נאָמען „קאַטעדרע פֿאַר ייִדישער קולטור בײַ דער אַלאוקראַיִנישער וויסנשאַפֿט־אַקאַדעמיע אין קיִעוו״.

מײַן ערשטע באַקאַנטשאַפֿט מיט דער קאַטעדרע און אירע מענטשן איז עד־היום פֿאַרבליבן אין מײַן זכּרון ווי איינע פֿון די פֿריידיקסטע איבערלעבונגען בעת די ערשטע טריט, וואָס איך האָב געמאַכט אין אויסגעטרוימטן סאָציאַליסטישן לאַנד.

אין באַנד 2 נפֿתולי דרכים האָב איך שוין דערציילט, אַז כ׳בין פֿון פּוילן אָנגעקומען קיין קיִעוו ניט דירעקט, נאָר דורך דער סאָוועטישער הויפּטשטאָט, און אַז דאָרט האָב איך שוין אין די ערשטע טעג זיך אָנגעטראָפֿן פּנים־אל־פּנים מיט די, וואָס האָבן אָנגעפֿירט מיט דעם סאָוועטיש־ייִדישן בילדונגס־וועזן אין גאַנצן לאַנד. אַ געריכטע ביז טרערן פֿון דעם, וואָס איך האָב זיך דאָרט דערוווּסט וועגן דעם קאָלאָסאַלן פֿאַרנעם פֿון דער ייִדישער קולטור־אַרבעט, וואָס ווערט געטאָן פֿאַרן סאָוועטישן ייִדנטום, איז מײַן האַרץ געווען איבערפֿולט מיט דאַנקשאַפֿט פֿאַר דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. דאָס מיינט ניט, אַז אין דער זעלבער צײַט האָב איך שוין ניט געליטן פֿון פֿאַרשידענע ספֿקות, ניט געקענט פֿאַרדײַען אַ סך זאַכן, אָבער

11 אין דער צווייטער העלפֿט צוואַנציקער יאָרן איז זײַן ייִדישער אָפּשטאַם כּמעט קיין מניעה צו דעם ניט געווען, וואָרעם אין ראַטן־פֿאַרבאַנד איז נאָך דעמאָלט זייער קליין די צאָל רוסישע און אוקראַיִנישע געלערנטע, וועמען די קאָמוניסטישע פּאַרטיי זאָל קענען פּאָליטיש געטרויען. ערשט שפּעטער, ווען די באַגלייבטע געלערנטע פֿון ייִדישן אָפּשטאַם האָבן באַוויזן צוצוגרייטן אַ נײַעם דור אוקראַיִנישע און רוסישע וויסנשאַפֿטלערס מיט אַ סאָוועטישער אידעאָלאָגיע, הייבט אָן די קאָמוניסטישע פּאַרטיי, אונטער פֿאַרשידענע צביעותדיקע תּירוצים, בהדרגה אַרויסצושטויסן די ייִדן פֿון זייערע וויסנשאַפֿטלעכע פּאָזיציעס: „דער מאַוור האָט געטאָן וואָס מ׳האָט באַדאַרפֿט, דער מאַוור קען שוין גיין״.

דאָס אַלץ האָב איך געהאַלטן פאַר קלייניקייטן, וועלכע האָבן ניט געקענט צעשטערן דעם גליק פון אַ מענטשן, וואָס דערזעט באַשײַמפּערלעך ווי די ראַטנמאַכט ברענגט די גאולה פאַר מײַן אייגענעם אַרבעטספאָלק. אין אַזאַ גליקלעכן געמיט־צושטאַנד בין איך אָנגעקומען קיין קיִעוו. און ווען די קיִעווער חברים האָבן געוואָלט בײַ דער נײַ־געקומענער "גרינער" נאָך מער פאַרשטאַרקן איר סאָוועטישן פּאַטריאָטיזם, האָבן זיי מיך אַרײַנגעפירט אין הויז נומ׳ 9 אויף דער פּראָריעזנאַיאַ־גאַס — אין דער געבײַדע פון דער קאַטעדרע פאַר ייִדישער קולטור. און זיי האָבן קיין טעות ניט געהאַט. איך האָב דערזען אין דער קאַטעדרע, וואָס האָט זיך ערשט געהאַלטן אין אויספּיקן, די קרוין פון גאַנצן גרויסאַרטיקן ייִדישן בנין, געקוקט אויף איר, ווי אויף דעם גרעסטן אויפטו פון דער קאָמפּאַרטיי, שיער ניט ווי אויף אַ נס, וואָס איז געשען דעם סאָוועטישן ייִדנטום, און פון דעם טאָג אָן האָב איך צוזאַמען מיט די, וואָס האָבן די קאַטעדרע געבויט, געטרוימט: די נײַע סאָוועטיש־ייִדישע וויסנשאַפט וועט גאָר אין גיכן, אַ דאַנק דעם מאַרקסיסטישן מעטאָד, וועלכן זי ווענדט אָן אין אירע פאָרשונגען און אַ דאַנק דעם אינטערנאַציאָנאַליסטישן אינהאַלט אירן, ווערן דער וועגווײַזער פאַר דער גאַנצער ייִדישער שאַפונג אויף גאָר דער וועלט, און אַזוי אַרום וועט "מקיים תּצא תּורה" פאַרן ייִדישן פאָלק. זאָל דער לייענער ניט פאַרגעסן, אַז דאָ רעדט זיך וועגן די יאָרן 1926—1930, ווען עס האָבן שוין עקסיסטירט אַזעלכע צוויי ערשטראַנגיקע וויסנשאַפטלעכע ייִדישע צענטערס ווי דער העברעיִשער אוניווערסיטעט אויפן הר הצופים און דער ייִדישער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט אין ירושלים דליטא — ייִוואָ, און מיט ביידע האָט שוין שטאָלצירט די ייִדישע וועלט. און אויב עס האָט זיך שוין יאָ פון צײַט צו צײַט אַדורכגעריסן צו אונדז עפּעס אַ ידיעה וועגן זייערע וויסנשאַפטלעכע דערגרייכונגען, איז זי אויסגעטײַטשט געוואָרן אין אַזעלכע חושכדיקע פאַרבן, אַז די דערפאָלגן האָבן גאָר באַטײַט "ציוניסטיש־קלאַסנפײַנטלעכע"... "שאָוויניסטיש־רעליגיעזע אַנטיוויסנשאַפטלעכע" טעטיקייט, וועלכע מיר, ייִדישע קאָמוניסטן, זענען מחויב צו באַקעמפן, כּדי ראַטעווען די ייִדישע וויסנשאַפט פון אַלע פאַרקריפּלונגען און פעלשונגען.

הײַנט פאַרשטיי איך, אַז אַ גרויסער טייל יונגע און עלטערע קולטור־טוערס האָבן דאָס אָנגענומען ערנסט ניט בלויז מחמת זייער בלינדן גלייבן אין אַלץ, וואָס די פאַרטיי־אָנפירונג זאָגט, נײַערט אויך און אפשר אין אַ גרעסערער מאָס האָט צו דעם גורם געווען זייער עם־הארצות. אונדזערע

קענטעניש (בתוכם אויך מײַנע) אין ייִדישע וויסנשאַפטן, דער עיקר אין געביט פון אַלט־ייִדישע גײַסטיקע אוצרות זענען געווען מינימאַלע, אָפט מאָל — אַ רונדיקער נאָל.

הײַנט פאַרשטיי איך נאָך עפּעס, דהײַנו, אַז די דאָזיקע אָנפירערס מיט דער ייִדיש־סאָוועטישער קולטור־אַרבעט און די דאָזיקע ייִדיש־סאָוועטישע וויסנשאַפטלערס, וועלכע זענען יאָ געווען בקי אין די קליינע אותיותלעך (אַ גאַנץ באַדײַטנדיקע גרופּע האָט געהאַט סמיכות אויף רבנות, געווען ערנסטע תּלמידי־חכמים) האָבן ניט בלויז געזען די פעלשונגען און ניט בלויז זיי פאַרשוויגן, נאָר צוגעהאָלפן זיי אײַנגלידערן אין די פוסטע מוחות פון דער גאַנצער און האַלבער עם־הארצות־אינטעליגענץ. איינע האָבן דאָס געטאָן מחמת ווילדער פײַנטשאַפט צו אַלץ, וואָס איז ניט באָלשעוויסטיש און וואָס דערמאָנט זייער אייגענעם נאַציאָנאַלן נעכטן, אַנדערע מחמת דעם, וואָס די פאַרטיי־אינטערעסן שטייען העכער איבער דעם אמת, ווײַל "אַלע מיטלען הייליקן דעם גרויסן ציל". אָבער אין דער אונטערשטער שורה איז יעדער פון אונדז, אומאָפּהענגיק צו וועלכער קאַטעגאָריע ער האָט געהערט, פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פּראָפעסיאָנעלן פעלשער פון דעם מהות פון ייִדישקייט.

פון דאַנען האָט אויך געשטאַמט אונדזער גוזמהדיק איבערשאַצן דאָס אַלץ וואָס מיר האָבן אויפגעטאָן אין סאָוועט־רוסלאַנד. און פון דעם דאָזיקן ערנסטן פּגם בין איך, זעט אויס, ביז הײַנט צו טאָג ניט אין שטאַנד זיך צו באַפרײַען. און דאָס לייגט, אָן ספק, אַ סוביעקטיוון חותם אויף אַלץ וואָס איך באַשרײַב אין דעם איצטיקן פּרק.

איך דערצייל וועגן דעם טיפן אײַנדרוק, וואָס די קיִעווער קאַטעדרע האָט אויף מיר געמאַכט, און בעת־מעשה קומט דער געדאַנק — צי איז נייטיק צו באַשווערן דעם לייענערס אויפמערקזאַמקייט מיט אַזאַ פּערזענלעכער איבערלעבונג? אָבער דעמאָלט האָבן דאָך אַזוי ווי איך געקוקט אויף די סאָוועטישע אויפטוען פאַר דער ייִדישער קולטור זייער און זייער פיל ענטוזיאַסטישע יונגע מענטשן פון מײַן סביבה, דערפאַר מיין איך, אַז די ווערטער, וואָס ווײַזן מײַן קעלבערנע התפּעלות, דאַרפן דאָ פאַרבלײַבן.

כ׳בין געוואָרן אַ הייסער חסיד פון דער קאַטעדרע, מיט פרייד פרײַוויליק זיך אָנגעשלאָסן אין די סעמינאַרן, וואָס האָבן דאָרט געפירט דער ניט לאַנג געקומענער פון אויסלאַנד נחום שטיף און דער היסטאָריקער יודיצקי. אויף קיין איין טאָג האָב איך ניט איבערגעריסן די ענגע פאַרבינדונג סײַ

מיט דעם אַנשטאַלט, סײַ מיט די מענטשן, וואָס האָבן דאָ געאַרבעט, אַפּילו דעמאָלט, ווען די פּאַרטיי האָט מיך פאַרפליכטעט צו אַרבעטן ניט אויף דער ייִדישער גאַס, נאָר אויף דער "פּוילישער סאָוועטישער גאַס". כ'האָב מיטגעלעבט מיט אַלע פרייד און לייד בעת דעם פאַרוואַנדלען די באַשיידענע קאַטעדרע אין אַ גרויסן אינסטיטוט, אין וועלכן כ'האָב גאַנצע 5 יאָר (1930—1935) מיטגעאַרבעט אינעווייניק. אַזוי ביזן טאָג פון מײַן אָפּפאָרן קיין ביראָבידזשאַן. אָבער ס'איז אַוועק ווייניקער ווי איין איינציק יאָר נאָך מײַן פאַרלאָזן קיִעוו, און שוין האָט זיך די שאַרפע האַק פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אַראָפּגעלאָזן אויף דעם בליִענדיקן אַנשטאַלט און בהדרגה געמאַכט אַ סוף אויך צום לעבן פון אַ גרויסער צאָל זײַנע מיטאַרבעטערס. וועגן דעם גרויסן בראָך האָב איך שוין דערציילט אין מײַן צווייטן באַנד נפתולי דרכים.

קאַמף פאַר דער ירושה

די צוויי זייטן פון „גאָלדענעם רענדל"

יעדע מטבע פאַרמאָגט 2 זײַטן. דאָס "גאָלדענע רענדל", וואָס די פּאַרטיי האָט אָנגעפאַרטרויט ליבערבערגן, האָט אים מחייב געווען גלײַכצײַטיק אויסצופירן 2 פונקציעס — רויִנירן און בויען. קודם־כּל דאַרף ער שפּילן די ערשטע פידל בײַם פאַרניכטן די "בורזשואַז־נאַציאָנאַליסטישע" וויסנשאַפט־לעכע ייִדישע אַנשטאַלטן. אין דער פּרעסע, אויף זיצונגען, אויף עקסטראַ גערופענע פאַרזאַמלונגען, אין ראַדיאָ־הילכערס, דאַרף זײַן קול קלינגען העכער און איבערצײַגעוודיקער ווי די שטימען פון דעם גאַנצן כאָר, וואָס די פּאַרטיי האָט אָרגאַניזירט אַרום דעם באַגראָבן די דרײַ "קאָנטערעוואָ־לוציאָנערע" אינסטיטוציעס.

דאָס "גאָלדענע רענדל" האָט אים מחייב געווען צו ווערן ניט בלויז דער הויפּט־אַגיטאַטאָר, בויער און אָנפירער פון דעם נייעם, נײַערט אויך צו באַווײַזן שוואַרץ אויף ווײַס די "נישטיקייט און שעדלעכקייט" פון דעם, וואָס די פּאַרטיי פאַרניכטעט. ער דאַרף באַווײַזן, אַז אין דער נײַער סאָציאַ־ליסטישער געזעלשאַפט איז ניטאָ קיין פּלאַץ פאַר זיי, פּונקט אַזוי ווי ס'קען ניט זײַן קיין אָרט פאַר דער עקסיסטענץ פון עקספּלאָאַטאַטאָרישע קלאַסן אין אונדזער לאַנד פון פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור.

ליבערבערג דאַרף קודם־כּל דערווײַזן, אַז די צעבליִונג פון דער נײַער קאָמוניסטישער ייִדישער וויסנשאַפט איז דירעקט אָפּהענגיק פון דער פאַרניכטונג פון דער אַלטער, און אַז בויען די נײַע קען מען נאָר אויף די חורבות פון דער אַלטער.

***

און ליבערבערג האָט זיך גוט געספּראַוועט מיט ביידע פונקציעס. ער ווערט איינציַיטיק דער באַגרעבער און דער בויער. מיט ברען וואַרפט ער זיך אַרײַן אין דער אַרבעט. ער ווייס ניט פון קיין טאָג און פון קיין נאַכט. די אינטענסיווקייט זײַנע פלעגט מאַכן שטוינען די אַרומיקע. און דאָ אַנט־פּלעקן זיך זײַנע אויסערגעוויינלעכע אָרגאַניזאַטאָרישע פעיִקייטן. די דאָזיקע פעיִקייטן ווערן געטאָפּלט אויף זײַן אויפריכטיקן גלייבן אין דער פּאַרטיי און אויף דעם גרויסן ענטוזיאַזם פאַר דער זאַך, וועלכע זי האָט אים אָנגעפּאַרטרויט.

דאָס כישוף־בריוועלע

ליבערבערג באַקומט אַרויס אַן אָפיציעלן דאָקומענט, וואָס מיר רופן אים אין שפּאַס "דאָס כישוף־בריוועלע"[12]. און תּיכּף ווערט ער מיט אים פאַר־שווונדן פון קיִעוו. ווו איז ער אַהינגעקומען? זײַן ניושע גייט אַרום אַ פאַרדאגהטע: ער פאַרגעסט פון אונטערוועגנס אַפילו אַ בריוועלע אַהיימ־צושרײַבן צו ווײַב און קינד, זעט אויס מחמת זײַן שטאַרקער פאַרנומענקייט. די דעקאַנען פון די קיִעווער הויכשולן זוכן: וועמען שיקט מען אויף די לעקציעס צו פאַרבײַטן דעם פאַרשווונדענעם פּראָפעסאָר פון געשיכטע און פּאָליטעקאָנאָמיע?

אָט איז עס, דאָס דאָזיקע "כישוף־בריוועלע", וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין ביולעטען פון אינסטיטוט פאַר ייִדישער קולטור, נומ' 4—3 (7—6), 1930. (זען זייט 257).

דער לייענער קען זיך איבערצײַגן, אַז אין דעם דאָזיקן דאָקומענט גייט אַ רייד וועגן דעם, ווער דאַרף ווערן דער יורש פון די אומגעבראַכטע ייִדישע

12 דאָס איז געווען דער אָפיציעלער בריוו פון אוקראַיִנישן פאָלקס־קאָמיסאַריאַט פאַר בילדונג צו זייער אַ וויכטיקן אַדרעסאַט אין מאָסקווע — צום פאָלקס־קאָמיסאַריאַט פאַר בילדונג פון דער חשובסטער פעדעראַטיווער רוסישער רעפּובליק (רספּס״ר).

וויסנשאַפטלעכע אינסטיטוציעס, און אַז דאָרט שרײַבט זיך שוואַרץ אויף ווײַס: די גאַנצע ירושה קומט ניט קיינעם, נאָר אים — ליבערבערגן, דעם בעל־הבית פון קיִעווער אינסטיטוט פאַר ייִדישער קולטור[13]. אָבער מינסק כלאָפּאָטשעט דאָך אויך וועגן דער זעלבער ירושה! און דאָך טריומפירט ליבערבערג, טריומפירן מיר אין קיִעוו. פאַר וואָס? ווײַל "דער קיִעווער אַנשטאַלט", שרײַבט זיך אין דאָקומענט, "איז איינער פון די גרעסטע וויסנשאַפטלעך־פאָרשערישע ייִדישע אינסטיטוציעס אין סאָוועט־רוסלאַנד און ער טראָגט אַן אַלפאַרבאַנדישן כאַראַקטער." ליבערבערג איז אַ גרויסער אָנהענגער פון שפּריכוואָרט "שמיד דאָס אײַזן כּל־זמן עס איז הייס," אָט פאַר וואָס ער ווערט דעמאָלט אַ פליִענדיקער האָלענדער — דאָ איז ער אין כאַרקאָוו — מ׳דאַרף זיך דערשלאָגן צו אַן אוידיענץ אין צענטראַל־קאָמיטעט פון דער אוקראַיִנישער קאָמפּאַרטיי און באַקומען זײַן פולע אונטערשטיצונג; דאָ זיצט ער שוין אין מאָסקווע... און אָט ווערט ער אַן אייגענער מענטש אין לענינגראַדער געגנטלעכן פּאַרטיי־קאָמיטעט. אַגב קומט ער קיין לענינגראַד צו די הויפּט־בעלי־הבתים פון דער ירושה ווי אַ פאָרשטייער ניט בלויז פון דער אוקראַיִנישער רעפּובליק, נײַערט אויך ווי פאָרשטייער פון פאָלקס־קאָמיסאַריאַט פאַר בילדונג פון ר. ס. פ. ס. ר. אין מאָסקווע.

ער איז אַגרעסיוו, וויל פאַרכאַפּן וואָס מער ווערטפולע אוצרות און סוף־כּל־סוף קומט ער אַהיים ווי אַ זיגער: קיִעוו באַקומט כּמעט דאָס גאַנצע פאַרמעגן! און דער ייִדאָפּטייל פון דער ווײַסרוסישער אַקאַדעמיע? ער באַקומט בלויז דעם מוזיי וואָס איז פאַרבליבן נאָך די פאַרמאַכטע אַנשטאַלטן און... דובלעטן פון די ווערק, אויב זיי זענען פאַראַן.

כ׳מיין, אַז פאַרן לייענער וועט זײַן אינטערעסאַנט זיך צו דערוויסן כאָטש אין אַלגעמיינע שטריכן ווי גרויס ס׳איז געווען דער אוצר, וואָס קיִעוו האָט אַרײַנבאַקומען. דערייבער ברענג איך דאָ דעם אויסצוג פון ביולעטען פון אינסטיטוט פאַר ייִדישער קולטור, 3—4 (6—7), 1930 (זען זײַט 258).

13 עס שרײַבט זיך דאָרט ניט קאַטעדרע, נאָר אינסטיטוט, ווייל פאַר דער צייט ווערט די קאַטעדרע פאַרוואַנדלט אין אַ גרויסן אינסטיטוט (וועגן דעם אַ ביסל ווייטער).

מינסק און קיעוו

דער ייִדישער אָפּטייל בײַ דער װײַסרוסישער אַקאַדעמיע האָט שוין געהאַט הינטער זיך עטלעכע יאָר פּראָדוקטיװע װיסנשאַפטלעכע אַרבעט און אַ היפּשע צאָל געדרוקטע אױסגאַבעס, און זייער אָרגאַן די צײַטשריפט האָט שוין געהאַט פאַרעפנטלעכט װיכטיקע אַרבעטן װעגן דער ייִדישער שפּראַך, געשיכטע און פאָלקלאָר, און די קאַטעדרע פאַר ייִדישער קולטור אין קיִעװ האָט זיך דעמאָלט נאָך געפונען אין די װיקעלעך, און דאָך האָט ליבערבערג זיך אױפגעפירט בנוגע די מינסקער װי אַן עלטערער רײַכער אָפּיעקון לגבי אַן אָרעמען קרוב.

אין זײַנע אַרױסטרעטונגען װעגן דער ייִדישער װיסנשאַפט אין ראַטן־פאַרבאַנד איז ער דװקא לגבי מינסק קאָרעקט און פאַרגעסט ניט אונטער־צושטרײַכן, אַז די מינסקער קאָלעגעס האָבן װיכטיקע דערגרייכונגען. פאַר־מעל איז ניט געװען צו װאָס זיך צו טשעפּען, און דאָך האָבן יענע זיך געפילט געטראָפן און באַליידיקט פון דעם אונטערטאָן זײַנעם, װאָרעם ס'איז אַ מאָל ניט װיכטיק װ א ָ ס מען זאָגט, נאָר װ י אַ ז ױ מען זאָגט. און דאָס האָט געשאַפן אומאָנגענעמע אָנגעצױגענע באַציִונגען אַפילו צװישן די װיסנשאַפטלערס פון ביידע אינסטיטוציעס, װעלכע האָבן זיך אין די ענינים פון דער קאָנקורענץ קיִעװ—מינסק נישט געמישט.

און װען אױפן צװייטן ייִדישן קולטור־צוזאַמענפאָר אין 1928 לייגט מען דעם טראָפּ אױף דעם קאַמף קעגן ליבעראַליזם אין דער ייִדישער װיסנשאַפט, װערט ליבערבערג לגבי מינסק גאָר אָנגרײַפעריש. אַגב האָט ער זיך דאָס געקענט דערלױבן, װײַל דער מינסקער אָפּטייל האָט אין זײַנע װערק דערלאָזט פיל מער פּאָליטישע פעלערן װי זײַן קאַטעדרע, און איז שטאַרקער געשלאָגן געװאָרן אױף די טשיסטקעס װי קיִעװ (פאַר זײַן נאַציאָנאַלן אָפּאָרטוניזם — איבער הױפּט אין די װערק פון ייִדישן היסטאָריקער סאָסיס). בכלל האָט דער מינסקער ייִדישער אָפּטייל געליטן װאָס אַ מאָל מער װי קיִעװ. דאָס איז געשען פּראָסט און פּשוט דערפאַר, װאָס אין יענע יאָרן האָט מינסק װעגן געשיכטע פון ייִדן געהאַט מער פאַרעפנטלעכטע אַרבעטן װי די קיִעװער קאַטעדרע, און ס'איז דאָך געװען אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכע זאַך: װאָס מער אַרבעטן, אַלץ מער פּאָליטישע פעלערן איז מען באַגאַנגען — איבער הױפּט אין פּראָבלעמען פון געשיכטע און פון ייִדישער געשיכטע בפרט.

הגם ליבערבערג האָט שוין דעמאָלט אױף זײַן פּערזענלעכן חשבון ניט װייניק אייגענע פּאָליטישע חטאים (װעגן דעם אַ ביסל װײַטער), האַנדלט ער נאָך אַלץ בנוגע מינסק װי מיט אַ שװאַכן קאָנקורענט, און דער שװאַכער קאָנקורענט װערט װירקלעך פון יאָר צו יאָר מער אײַנגע־שרומפּן, און ליבערבערג סטאַרעט זיך אױסקאָנקורירן פון מינסק פאַר קיִעװ דאָס, װאָס לאָזט זיך נאָר — סײַ מענטשן, סײַ װיסנשאַפטלעכן פאַרמעג.

***

ער טרעט ניט אָפּ פון זײַן לענינגראַדער אוצר, היט, אַז פון דעם װאָס איז פאַרשריבן געװאָרן אין דער רשימה, זאָל די מינדסטע זאַך ניט פאַרפאַלן װערן. פאַרקאַשערט ער די אַרבל און צוזאַמען מיט י. קװיטני (דעם צײַטװײַליקן אָנפירער פון דער ביבליאָטעק אין אינסטיטוט) האָרע־װעט מען פיזיש טעג און נעכט. קריגן טאַרע איז אומגעהײַער שװער און אױפן טראַנספּאָרט הערשט ממש אַן אַנאַרכיע. אַחוץ דעם זיצט דאָרט אַ גנב אױף אַ גנב און דערשלאָגן זיך צו אַ װאַגאָן אָפּצושיקן דעם אוצר איז ממש קריעת־ים־סוף. אָבער סוף־סוף זענען די באַמיִונגען געקרוינט געװאָרן מיט דערפאָלג: אָט־אָט דאַרפן די פאָנדן אָנקומען קיין קיִעװ.

קומט ער צוריק אַהיים אַ טױט מידער, אָבער אַ גליקלעכער — אין אַ דערהױבענער שטימונג, און די קיִעװער ייִדישע קולטורװעלט פרייט זיך צוזאַמען מיט אים און קוקט אױף אים מיט ליבשאַפט.

און װען דער אוצר קומט טאַקע אָן קיין קיִעװ, איז דער יום־טוב גרױס, זייער גרױס.

פון ליבערבערגס דערציילונגען װעגן פאַרשידענע קוריאָזן, װאָס האָבן באַגלייט די דאָזיקע טראַנזאַקציעס, לאַכט מען מיט יאַשטשערקעס. די אומאָרדענונג, די צעפאָרנקייט פון דער דעמאָלטיקער סאָװעטישער װירטשאַפט קלינגט װי אַ בינטל אומגלייבלעכע אַנעקדאָטן. נאָר גוט, װאָס אַלע שװעריקייטן זענען שוין פאַרביי, און אונדזער ייִדישע קיִעװ האָט אַרײַנבאַקומען אַזאַ רײַכטום.

אָבער איצט הייבט זיך אָן פאַר דעם באַזיצער פון קורחס אוצר אַ נײַע שװערע תקופה: מ'דאַרף אױספּועלן בײַ דער אוקראַיִנישער מאַכט געלט אױף אױסבױען אַ נײַע געבײַדע פאַר דעם עשירות, מ'דאַרף אױפ־

הייבן אַ קאַמף פאַר קריגן נײַע געלטמיטלען כּדי אָננעמען נײַע מענטשן, וואָס זאָלן באַאַרבעטן דאָס רײַכטום.

דאָס אַלץ, וואָס איך דערצייל דאָ, קומט דאָך פאָר אין סאַמע אָנהייב 30ער יאָרן, אין דער צײַט פון דער צוואַנגס־קאָלעקטיוויזאַציע, ווען דער עקאָנאָמישער קריזיס, דער הונגער אין לאַנד נעמט אָן אַ מוראדיקן פאַרנעם. און פונדעסטוועגן דערגרייכט ליבערבערג זײַנס: "די השתּדלות פונעם אינסטיטוט איז פולקאָם באַפרידיקט געוואָרן. די פלאַן־קאָמיסיע פון פאָלקאָמבילד האָט אײַנגעשלאָסן אין איר פינפיאָר אַ נײַע געבײַדע פאַרן אינסטיטוט און אויף אײַנאָרדענען די ביבליאָטעק האָט דער פאָל־קאָמבילד אַסיגנירט 22 טויזנט רובל. אַחוץ דעם האָט דער קיִעווער קרייזאויספירקאָם אַסיגנירט נאָך 15 טויזנט רובל. דער פאָלקאָמבילד האָט אויך באַשטעטיקט דעם נײַעם שטאַט פון דער ביבליאָטעק, וואָס ווערט שוין אינעם לויפנדיקן יאָר (דעם ערשטן יוני) דערפירט ביז 11 מענטשן. (ביז אַהער האָט די ביבליאָטעק געהאַט בלויז 2 שטאַטן)" — לייענען מיר אין ביולעטען פון אינסטיטוט פאַר יידישער קולטור, נומ' 3—4 (6—7), 1930.

אַ גרינגע שטיקל אַרבעט

נאָך פאַר דער ליקווידאַציע פון די לענינגראַדער צוויי וויסנשאַפטלעכע אַנשטאַלטן איז פאַרמאַכט געוואָרן די גאַלאַנט־קאָמיסיע אין קיִעוו. אַרײַנבאַקומען דעם פאַרמעגן פון דער דאָזיקער ליקווידירטער קאָמיסיע איז געווען פיל לײַכטער ווי פון די לענינגראַדער. די גאַלאַנט־קאָמיסיע האָט דאָך געהערט צו דעם זעלבן בעל־הבית וואָס די קאַטעדרע (שפּעטער אינסטיטוט). ביידע האָבן זיך געפונען אין רשות פון דער אַלאוקראַיִנישער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע. קיין ייִדישע קאָנקורענטן אויף דער גאַלאַנט־ירושה זענען אויך ניט געווען. (עפּעס וואָס האָט באַקומען איינער פון די אוקראַיִנישע אינערלעכע אַנשטאַלטן פון דער אַקאַדעמיע גופא, כ׳געדענק אָבער ניט וועלכער).

להיפּוך צו דעם קאַמף וואָס ליבערבערג האָט געדאַרפט פירן פאַר דער ירושה פון לענינגראַד, זענען דאָ קיין שתּדלנות און קיין דרוק מצד די הויכע פענצטער ניט נייטיק געווען. נאָך די רוישיקע אַטאַקן, וואָס

זענען געפירט געוואָרן מינדלעך און אין דער ייִדישער און אוקראַיִנישער פּרעסע קעגן דער "קאָנטררעוואָלוציאָנערער טעטיקייט פון דער גאַלאַנט־קאָמיסיע", איז דער סוף דאָ, אינעווייניק, צוגעגאַנגען שאַ־שטיל, כּמעט אידיליש. דאָס איבערגעבן די ירושה פון איין אַנשטאַלט אירן צו אַ צווייטן איז באַטראַכט געוואָרן בלויז ווי אַן אינערלעכע רעאָרגאַניזאַציע אין פּרעזידיום פון דער אַקאַדעמיע גופא.

אָט ווי אומשולדיק עס קלינגט די ידיעה, וואָס עס האָט זיך באַוויזן וועגן דעם אין די אוקראַיִנישע אָפיציעלע אָרגאַנען פון דער אַלאוקראַיִני־שער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע און אויך אין דעם ייִדישן ביולעטען פון אינסטיטוט פאַר ייִדישער קולטור, נומ׳ 1 (4) פון אָקטאָבער 1929 (זען זײַט 259).

וואָס דאַרף מען לוויות? גלייכער חתונות...

אין לענינגראַד

די וואָס נעמען אָן דעם באַשלוס צו ליקווידירן די ייִדישע אַנשטאַלטן אין לענינגראַד פֿאַרגעסן ניט, ווי דער שטייגער איז בײַ אַזאַ געלעגנהייט, צו שלאָגן פּאָליטישן קאַפּיטאַל. און אין פּונקט 2 פֿון באַשלוס ווערט געגעבן אַ וויכטיקער באַפֿעל:

„גענומען אין אַכט די גרויסע געזעלשאַפֿטלעכע באַדײַטונג פֿון איבערגעבן דאָס פֿאַרמעגן, וואָס איז פֿאַרצייכנט אין 1טן פּונקט, פֿאַרלייגן דער הויפּט־וויסנשאַפֿט ווי געהעריק באַלויכטן אָט דעם ענין אין דער פּרעסע און דעם עצם אַקט פֿון איבערגעבן דאָס פֿאַרמעגן דורכפֿירן אין דער געהעריקער פּאָליטישער פֿאָרעם. בעטן דעם פֿאָלקאָמבילד פֿון אוססר דורכמאַכן עס אויפֿן זעלביקן אופֿן בײַ זיך.”

(זען זײַט 6 פֿון ביולעטען נומ׳ 3—4 (6—7).

אויפֿן לשון פֿון דער פּאַרטיי האָט דאָס געמיינט „פֿאַרגעסט ניט אַנשטאָט אַ לוויה צו מאַכן אַ פֿריילעכע חתונה... און זאָלן זײַן שׂימחות בײַם סאָוועטישן ייִדנטום!”. און דער באַפֿעל ווערט ערלעך אויסגעפֿירט מיט דעם צוועק ווערט אין לענינגראַד אָרגאַניזירט אַ פֿײַערלעכער עפֿנטלעכער אָוונט.

ווען ליבערבערג קומט צוריק פֿון דאָרטן, איז ער מלא־שׂימחה (און מיר צוזאַמען מיט אים). וואָרעם דער יום־טוב איז דאָרט געווען ניט אַבי וועלכער.

אין פֿולגעפּאַקטן זאַל האָט מען צונויפֿגענומען עטלעכע הונדערט לענינגראַדער אַרבעטערס, און בײַגעווען זענען דאָ די פּראָמינענטסטע

ייִדישע און ניט־ייִדישע קולטור־טוערס: דער רעדאַקטאָר פֿון „עמעס” משה ליטוואַקאָוו איז ספּעציעל אַהערגעקומען פֿון מאָסקווע; אויבן אָן איז געזעסן דער חבר ראַפּאָפּאָרט — דער פֿאַרוואַלטער פֿון דער דערווײַל נאָך ניט ליקווידירטער ייִדסעקציע בײַם לענינגראַדער פּאַרטייִשן קרײַז־קאָמיטעט; ס׳איז געקומען אַהער אַפֿילו דער חבר טאָמסינסקי, און דאָס האָט באַטײַט, אַז גאָר אַ הויכער אידעאָלאָגישער גײַסט שוועבט אין זאַל. וואָרעם טאָמסינסקי איז דאָ בײַגעווען אין נאָמען ניט פֿון עפּעס סתּם אַ וויסנשאַפֿטלעכער אַקאַדעמיע, נײַערט אין נאָמען פֿון דער קאָמוניסטישער אַקאַדעמיע, דאָס הייסט פֿון דער חשובסטער פֿון אַלע חשובֿע אַקאַדעמיעס אין לאַנד, און זי געפֿינט זיך דירעקט אונטער דער אָנפֿירונג פֿון דעם סאַמע צענטראַל־קאָמיטעט פֿון דער אַלפֿאַרבאַנדישער קאָמפּאַרטיי. און הגם ס׳איז פֿאַר קיינעם קיין סוד ניט געווען אַז אָט דער דאָזיקער קעניג איז כּמעט נאַקעט, ד״ה אַז די אויספֿירן פֿון די רעוואָלוציאָנערע מאַרקסיסטיש־לעניניסטישע פֿאָרשונגען, מיט וועלכע עס פֿאַרנעמט זיך די קאָמוניסטישע אַקאַדעמיע און אויף וועלכע מען פֿאַטערט דאָ אומגעהײַערע געלטמיטלען, זענען פֿון אַ גאַנץ ספֿקדיקן איכות און גאַנץ ווײַט פֿון דעם אמת, האָבן מיר דאָך זיך געגרויסט... אַזאַ חשובֿער גאַסט: די קאָמאַקאַדעמיע אויף אונדזער גרויסן ייִדישן יום־טוב!..

אָבער דער הויפּט־מחותּן, ריכטיקער געזאָגט דער חתן, איז דאָ יוסף ליבערבערג — דער ערשטער יורש פֿון די קולטור־אוצרות, וועלכע זענען פֿאַרבליבן נאָך די שוין אָפּגעטויטע „מפֿיצי־השׂכּלה” און „ייִדישער עטנאָגראַפֿישער געזעלשאַפֿט”. אַ ביסל אַ קלענערער מחותּן, אָבער אויך אַ וויכטיקער, איז דער חבר אָשעראָוויטש פֿון מינסק, דער דירעקטאָר פֿון ייִדישן אָפּטייל בײַ דער ווײַסרוסישער וויסנשאַפֿט־אַקאַדעמיע. ער באַקומט דאָך אויך, ווי איר ווייסט שוין פֿון די פֿרײַערדיקע קאַפּיטלעך, אַ קליינעם טייל פֿון דער ירושה.

אין קיעוו

אין דעם זעלבן דאָקומענט, וואָס כ׳האָב נאָר וואָס ציטירט, איז צוגעגעבן נאָך עטלעכע ווערטער: „בעטן דעם פֿאָלקסקאָמיסאַריאַט פֿאַר בילדונג

פון דער אוקראַיִנישער רעפּובליק דורכצומאַכן עס (ד״ה דעם יום־טוב — א. ר. ש.) אויפן זעלביקן אופן ביַי זיך.״

און שוין דעם 6טן אַפּריל קומט פאָר מיט גרויס פּאָמפּע ביַי אונדז אין קיִעוו דער אָפיציעלער אָוונט, געווידמעט דער ליקווידאַציע פון די ״שעדלעכע קאָנטררעוואָלוציאָנערע אַנשטאַלטן״ און דאָס פיַיערלעכע איבערגעבן זייערע גרויסע פאַרמעגנס דעם אינסטיטוט. די יִדישע קיִעוו האָט שוין לאַנג אַזאַ שימחה ניט געזען. אויך איך פיל זיך יום־טובדיק און זיץ אַן אויסגעפּוצטע אין מיַינע שענסטע בגדים — די רעשטלעך פון דעם וואָס איך האָב נאָך מיט 4 יאָר צוריק געבראַכט פון דער קאַפּיטאַליסטישער וואַרשע, און ניט איין חברטע איז מיך מקנא.

דער זאַל איז באַפּוצט מיט רויטע פענער, לענינס בילד שמייכלט אַראָפּ צו אונדז גוטמוטיק און צופרידן — ״ס׳האָט מיר געלוינט אָפּצוגעבן מיַין לעבן״... (סטאַלינס פּאָרטרעטן זענען נאָך דעמאָלט ניט געווען אַזוי שטאַרק אין דער מאָדע ווי אַ ביסל שפּעטער).

ווער עס האָט ניט געזען יענעם טאָג דאָס שיַינענדיקע פּנים פון יוסף ליבערבערג, דער האָט מן־הסתּם קיין גליקלעכן מענטשן ניט געזען. פאַרשטייט זיך, אַז אויך דאָ, ווי אין לענינגראַד, פעלן ניט אויס קיין פאָרשטייערס פון דער פּראָלעטאַרישער געזעלשאַפטלעכקייט. דעם אויבנאָן אין פּרעזידיום פאַרנעמען וויכטיקע פאָרשטייערס פון דער פּאַרטייִשער און סאָוועטישער אָנפירונג. איינער נאָך דעם אַנדערן — לויט דעם פּאָסטן וואָס זיי פאַרנעמען — שטייען זיי אויף פון די ערטער און האַלטן זייערע באַגריסונגען, ריידן וועגן דער ניַיער סאָוועטיש־יִדישער קולטור, מ׳דאַרף פאַרקאַשערן די אַרבל און בויען זי וויַיטער מיט גיכע טעמפּן!

אָט רעדט אויף אוקראַיִניש דער חבר שטשופּאַק — דער פאַרוואַלטער פון אָפּטייל פאַר קולטור און פּראָפּאַגאַנדע אין קיִעווער קריַיזישן פּאַרטיי־קאָמיטעט. מיר, יִדישע קולטורמענטשן, האָבן אים דווקא פיַינט, הגם שטשופּאַק איז אַ ייִד, איז ער דאָך טיף אין האַרצן אַ פּאַסקודנער אַנטיסעמיט. ער איז דאָך, לויט דעם פּאָסטן וואָס ער פאַרנעמט, דער דירעקטער בעל־הבית פון דער גאַנצער יִדישער קולטור־אַרבעט. ווען ער רופט עמעצן פון אונדז צו זיך אין קאַבינעט, האַלט ער זיך קאַלט און אָפּגעפרעמדט. אַפילו מיט אַ פינטל פון זיַין אויג גיט ער ניט אָנצוהערן, אַז ער האָט עפּעס וואָס געמיינזאַמעס מיט אונדז — אַז מיר זענען סוף־כל־סוף קינדער פון איין און דעם זעלביקן יִדישן פיל־געליטענעם פאָלק. ער

קוקט אויף אונדז — יִדישע קולטור־טוערס — ווי אויף פאָרטייערס פון אַ נידעריקער מדרגה [14].

אָבער איצט האָט ער ניט קיין ברירה. די שטיַיפקייט זיַינע איז גאָר לינדער געוואָרן און ער רעדט מיט אַ סך שבחים וועגן די אויפטוען פון דער יִדישער אַרבעטערשאַפט פאַרן בויען דעם קאָמוניזם. און דער עולם, וואָס קען אים, טריומפירט: ״אַ ברירה האָט ער, דער אַסימילאַטאָר?! ער מוז טאָן דאָס, וואָס אונדזער גערעכטע פּאַרטיי הייסט, צי דאָס איז אים יאָ צום האַרצן, צי ניט...״

אפילו דער אָפּנהאַרציקער קוליניטשענקאָ, דער גאָר קליינער חכם, וואָס פאַרנעמט אָבער דעם גאָר גרויסן פּאָסטן אין קיִעווער קריַיזאויספּירקאָם (ער איז דעמאָלט געווען דער געהילף פון פּאָרזיצער), האָט היַינט שכל צו זאָגן אין זיַין אָפיציעלער באַגריסונג, אַז דער היַינטיקער יום־טוב איז ניט בלויז אונדזערער, די ייִדנס הייסט עס, נייַערט אויך אַ יום־טוב פאָר זייער אוקראַיִנישער קולטור, אַז אויך ביַי זיי איז נאָך דאָ ניט ווייניק רעשטלעך פון בורזשואַז־קולאַקישן נעכטן און אַז זיי וועלן זיך מוזן לערנען ביַי אונדז ייִדן, ווי אַזוי די דאָזיקע רעשטלעך אָפּצוראַמען פון וועג. און דווקא פון זיַינע חניפהדיקע רייד ווערט מיר עפּעס אומהיימלעך, כאָטש ס׳דאַרף דאָך מיַין שטימונג זיַין אַ פאַרקערטע. אפשר דערפאַר, וואָס מיַינע סימפּאַטיעס צו קוליניטשענקאָ זענען אַזעלכע ספקדיקע וואָס שייך זיַין ייִדנפריַינדשאַפט...

און פון אָדעס איז אָנגעקומען דער פאַרוואַלטער פון דער ייִדסעקציע, דער שטרענגער לייב אַבראַם — ער באַגריסט דעם גרויסן אויפטו פון דער פּאַרטיי, וואָס האָט ענדגילטיק פאַרענדיקט מיט די רעשטן פון בורזשואַזער וויסנשאַפט, אָבער ער וואָרנט אונדז איין מאָל, וואָרנט אַ צווייטן מאָל — ״פאַרכאַפּט זיך ניט צו פיל מיט דער ירושה, וואָס איר האָט באַקומען. קליַיבט זאָרגפעלטיק אָפּ בלויז און נאָר דאָס וואָס האָט אַ ווערט פאַרן פּראָלעטאַריאַט... באַפריַיט זיך פון דעם בורזשואַזן נאַציאָנאַליסטישן פּסולת...״

14 שטשופּאַק איז אין דער קיִעווער פּאַרטיי־אָנפירונג געווען ניט איינער, וועלכער האָט געקוקט אויף די וואָס זענען געווען טעטיק אין דער יִדישער קולטור־בויונג פון אויבן אַראָפּ, ווי אויף חברים פון אַ צווייטער מדרגה. אַזוי איז געווען אויך אין פּוילן — די זעלבע באַציונג האָט געהערשט אין דער פּוילישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי — יעדנפאַלס ביז מיין אָפּפאָרן פון וואַרשע קיין ר״פ אין יאָר 1926.

און דער חבר אַבראַם זיצט מיט אָנגעשפּיצטע אויערן: צי כאַפּן ניט איבער די באַגריסערס און רעדע־האַלטערס די פּראָלעטאַרישע מאָס? צי זענען זייערע רייד ניט נאַציאָנאַליסטיש?...

עס זענען נאָך ניט אײַנגעשטילט געוואָרן די אַפּלאָדיסמענטן, וואָס דער דאַנקבאַרער ייִדישער עולם שענקט דעם אוקראַיִנישן פאָלקאָמבילד פאַר זײַן צוגעשיקטער באַגריסונג צו אונדזער גרויסן יום־טוב, און אויף דער בינע שטייען שוין 2 פאָרשטייערס פון דער קיִעווער ייִדישער אַרבעטערשאַפט און פון דער קיִעווער ייִדישער טאָגצײַטונג קאָמפאָן: די צוויי זענען שוין גאָר, גאָר היימישע, אייגענע מענטשן — ברוך הובערמאַן און מײַן שאול (כ׳ווייס ניט צי דער לייענער געדענקט אַז דאָ אין ראַטן־פאַרבאַנד איז ער מגולגל געוואָרן, לויטן פאָרשלאָג פון דער פּוילישער סעקציע פון קאָמאינטערן, אין טעאָדאָר סקורסקי). ביידע האַלטן פלאַם־פײַערדיקע רעדעס: די ייִדישע אַרבעטערשאַפט האָט אונדז אַהערגעשיקט כּדי מיר זאָלן אײַך זאָגן, אַז זי איז גליקלעך, וואָס סוף־כּל־סוף האָט די פּאַרטיי אַרויסגעריסן מיטן שורש די גיפטיקע קאָנטררעוואָלוציאָנערע נעסטן פון דער ייִדישער נאַציאָנאַליסטיש־ציוניסטישער וויסנשאַפט.

אין פּרעזידיום זיצט משה ליטוואַקאָוו — ער איז ספּעציעל פון מאָסקווע אַראָפּגעקומען, און פון זײַן זויערער מינע, מיט וועלכער ער הערט זיך צו צו די אַרויסטרעטונגען, איז אונדז שווער צו וויסן: צי באַפרידיקן זיי אים? צי זענען זיי אויף דער געהעריקער פּאַרטייִשער הייך? און ווי וועט ער, דער רעדאַקטאָר פון עמעס, בכלל אָפּשאַצן אונדזער היינטיקן יום־טוב?..

אָבער אָט שטעלט ער זיך אויף און הייבט אָן זײַן פּראָגראַם־רעדע. אין זאַל איז געוואָרן אַ טויטע שטילקייט. מיר זיצן ווי עלעקטריזירט. קיִעוו האָט מן־הסתּם נאָך קיין מאָל ניט געהערט פון ליטוואַקאָוון אַזעלכע גיפטיקע רייד קעגן דעם "קלאַסנפײַנטלעכן ייִדישן קולטור־שימל." בעתן קורצן איבעררײַס רעדט מען נאָר וועגן אָט דער גאַליקער רעדע זײַנער... אָבער דער יום־טוב איז דאָך גראַנדיעז!..

און ווען ליבערבערג שטייט אויף און רעכנט בלויז סכעמאַטיש אויס דעם פאַרמעג, וואָס ער האָט אַרויסגעקראָגן פאַרן אינסטיטוט, הייבט אײַך אָן שווינדלען פאַר די אויגן: הערט נאָר, הערט וואָס פאַר אַ פאַרמעג ער האָט עס אַרויסגעקראָגן פון דעם קלאַסן־שונאס הענט!.. און אין וואָס

פאַר אַ עשירים מיר זענען דאָס פאַרוואַנדלט געוואָרן!.. הערן מיר ניט אויף צו פּאַטשן בראַוואָ. און ווי קען מען זיצן גלײַכגילטיק, ווען אין אונדזער נאָמען לייענט מען פאַר די דאַנקבריוו צו די אַלע הויכע אינסטאַנצן, וואָס האָבן געהאָלפן רעאַליזירן די וויכטיקע היסטאָרישע געשעעניש? מיר דאַנקען דעם רוסישן און אוקראַיִנישן פאָלקס־קאָמיסאַריאַטן פאַר בילדונג, מע דאַנקט די אַקאַדעמיעס... אָבער צום שטאַרקסטן הילכן די בראַוואָס, ווען מען ענדיקט פאָרלייענען דעם דאַנקבריוו צום צענטראַל־קאָמיטעט פון דער אַלפאַרבאַנדישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. אָן איר פירנדיקע האַנט וואָלטן מיר דאָך דעם הײַנטיקן יום־טוב ניט געפּראַוועט!..

שטורעם און דראַנג

ווי אויף הייוון...

מצד דער מאַכט איז די קאַטעדרע פאַר ייִדישער קולטור לכתחילה פאַרטראַכט געוואָרן ווי אַ גאַנץ באַשיידענע מיניאַטור־אינסטיטוציעלע, אַזוי ווי אירס גלייַכן — די אַנדערע קאָמיסיעס, קאַטעדרעס, וויסנשאַפטלעכע קאָמיטעטן פון פאַרשידענע נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, וואָס עקסיסטירן אין די סאָוועטישע אַקאַדעמיעס און זיי באַשטייען פון געציילטע געלערנטע. אָבער גאָר גיך איז די קאַטעדרע אונטער ליבערבערגס אָנפירונג איבערגעוואַקסן די אָפיציעל געפּלאַנטע ראַמען אירע. פאַר איר קורצער עקסיסטענץ האָט זי אויפגעטאָן מערער ווי אַנדערע אוקראַיִנישע גרויסע אינסטיטוטן אין משך פון לאַנגע יאָרן.

די קאַטעדרע גיט אַזוי פיל דרוק־פּראָדוקציע, פירט אַזאַ פאַרצווייַגטע פאָרשונג־אַרבעט, און דאָס וויכטיקסטע — אָט־אָט באַקומט זי אין איר רשות די גרויסע ירושה פון די ליקווידירטע ייִדישע אַנשטאַלטן — אַז די ראַמען און יורידישע רעכט, וואָס זי פאַרמאָגט לויטן סטאַטוס פון דער אַקאַדעמיע, ווערן פאַר איר צו ענג און האַרמאָניזירן שוין ניט מיט דער פאַקטישער לאַגע, אין וועלכער ליבערבערגס ברויזנדיקע טעטיקייט האָט זי אַוועקגעשטעלט.

אַזוי אַרום האָט ער זייַנע דירעקטע בעלי־בתים — דעם פּרעזידיום פון דער אַלאוקראַיִנישער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע — געשטעלט פאַר אַ געשעענעם פאַקט — אַ דיספּראָפּאָרץ צווישן דעם פּלאַנירטן און דעם פאַקטיש אָפּגעטאָענעם.

איז דער פּרעזידיום געצוווּנגען, ווילנדיק צי ניט, אַוועקשטעלן פאַר דעם צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי די פראַגע: אויף וועלכן וועג זאָל מען די דאָזיקע דיספּראָפּאָרץ ליקווידירן? דורך איינשרומפּן די

טעטיקייט פון דער קאַטעדרע, כּדי איר אַרבעט זאָל זיך אַרייַנפּאַסן אין אירע יורידישע ראַמען (און אַזעלכעס האָבן מיר אין יענע יאָרן ניט איין מאָל געזען בייַ ענלעכע סיטואַציעס), אָדער גיין מיט אַ צווייטן וועג: אויסברייטערן די ראַמען פון דער קאַטעדרע און אַזוי אַרום שאַפן נייַע, גרעסערע מאַטעריעלע און יורידישע מעגלעכקייטן פאַרן ווייַטערדיקן וווּקס פון דער סאָוועטיש־ייִדישער וויסנשאַפט?

קען מען זיך פאַרלאָזן אויף דעם, ווער ס'האָט די דאָזיקע דיספּראָפּאָרץ געשאַפן. פאַרשרייַבט דער פּרעזידיום אין דער רעזאָלוציע שבחים פאַר דער "נוצלעכער נאַציאָנאַלער טעטיקייט פון דער קאַטעדרע". לויטן ווּנק פון צענטראַל־קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי באַשליסט דער העכסטער אָרגאַן פון דער אוקראַיִנישער רעפּובליק — דער ראַט פון פאָלקס־קאָמיסאַרן פון דער אוקראַיִנישער רעפּובליק Совет народных комиссаров Украины צו פאַרוואַנדלען זי אין אַן אַנשטאַלט מיט אויסגעברייטערטע רעכט און גרויסע געלטמיטלען. אין 1930/1929 ווערט די "קאַטעדרע פאַר ייִדישער קולטור" פאַרוואַנדלט אין אַן "אינסטיטוט פאַר ייִדישער קולטור", און בהדרגה ווערט דער אינסטיטוט באַרייַכערט מיט אַלץ נייַע סעקציעס און הילפס־וויסנשאַפטלעכע אינסטיטוציעס (זען זייַט 260).

דאָס פאַרוואַנדלען די קאַטעדרע אין אַן אינסטיטוט האָט באַטייַט אַ גרויסן שריט פאָרויס און געשאַפן פיל ברייטערע מעגלעכקייטן פאַרן ווייַטערדיקן פונאַנדערוווּקס פון דער סאָוועטיש־ייִדישער פאָרשערישער אַרבעט, און איז אויפגענומען געוואָרן ווי אַ גרויס געשעעניש אין די ייִדישע קולטורקרייַזן ניט בלויז אין ראַטן־פאַרבאַנד, נאָר אויך אין אויסלאַנד. וועגן דער גרויסער רעקלאַמע, צו וועלכער די געשעעניש האָט זוכה געווען חוץ־לארץ, האָבן מיר געוווּסט פון דער קאָמוניסטישער און פון דער אַזוי גערופענער פּראָגרעסיווער ייִדישער פּרעסע, וואָס די נ.ק.וו.ד. האָט דעמאָלט, ווי אַן אויסדרוק פון גרויסן צוטרוי צום אינסטיטוט, דערלויבט אים צו באַקומען כּמעט פון דער גאַנצער וועלט (פאַרשטייט זיך, מיטן תּנאַי, אַז אַ צוטריט צו דעם שטרענג פאַרבאָטענעם אוצר זאָלן האָבן נאָר פּאָליטיש־באַגלייבטע וויסנשאַפטלערס).

די סאָוועטיש־ייִדישע צייַטונגען פלעגן מיט דער פולער האַנט ברענגען אויסצוגן און אַפילו וואָרט בייַ וואָרט איבערדרוקן די אויסלענדישע ענטוזיאַסטישע אָפּרופן וועגן דעם גרויסן אויפטו פון דער ראַטנ־

מאַכט פאַרן סאָוועטישן ייִדנטום, און אַזוי אַרום איז דער אינסטיטוט געוואָרן נאָך אַ גרעסערע געשעעניש פאַר די לייענערס פון דער סאָוועטישער ייִדישער פּרעסע.

מיר, די ייִדישע קולטור־טוערס, וועלכע זענען צוגעפּעסטיקט צו די פאַבריקן, באַקומען פון דער נאָך ניט ליקווידירטער ייִדסעקציע אַן אויפגאַבע: דערציילן פאַר די אַרבעטערס וועגן דעם גרויסן נאַציאָנאַלן אויפטו פון דער פּאַרטיי! אין די גרעסטע פאַבריקן און קלובן זענען גערופן געוואָרן פאַרזאַמלונגען, געווידמעט דער דאָזיקער געשעעניש. און אין אינסטיטוט גופא ווערט אײַנגעאָרדנט אַ ספּעציעל פײַערלעכער אַקט, צו וועלכן עס קומען אָפּיציעלע פאָרשטייערס פון וויכטיקע פּאַרטייִשע און מלוכהשע אינסטיטוציעס, און זיי האַלטן ענטוזיאַסטישע רעדעס אין נאָמען פון דער אוקראַיִנישער און ייִדישער געזעלשאַפטלעכקייט.

אָט איז אַ באַריכט וועגן דעם פײַערלעכן אַקט (זען זײַט 261).

ייִדישע לערערס, וויסנשאַפטלערס, פּראָפעסאָרן פאַרפילן דעם זאַל. אַ קלייניקייט — אַזאַ יום־טוב! זשורנאַליסטן און ייִדישע שרײַבערס זענען געקומען — ניט בלויז די קיִעווער, נאָר אויך אַזעלכע וואָס לעבן אין כאַרקאָוו. ייִדישע אַרבקאָרן זיצן בײַ אַ ספּעציעלן טיש און האָבן מורא צו פאַרלירן אַ וואָרט.

אַזעלכע ווי איך האָבן זיך ניט אויפגעהערט צו פרייען: כ׳בין אַ לעבעדיקער עדות פון אַזאַ געשעעניש! ס׳איז דען עפּעס אַ קלייניקייט? דאָס ערשטע מאָל אין דער געשיכטע פון רוסישן ייִדנטום איז געשאַפן געוואָרן אַ ייִדישער וויסנשאַפטלעך־פאָרשערישער אַנשטאַלט אין אַזאַ ברייטן פאַרנעם. און דער עיקר שבעיקר, דער דאָזיקער פאָרשונג־צענטער לעבט ניט פון פילאַנטראָפּיע און ניט אויף געזעלשאַפטלעכע מיטלען, נאָר געפינט זיך אין גאַנצן אויף דער אויסהאַלטונג פון דער מלוכה. זענען מיר אַרומגעגאַנגען יום־טובדיקע, ווי אויף אַ גרויסער שׂימחה, און אַפילו די געציילטע מײַנע פרײַנד, וואָס זענען געווען שוין דעמאָלט סקעפּטיש געשטימט — אויך זיי זענען אויף אַ צײַט אַנטשוויגן געוואָרן; פאַקטן ריידן דאָך פאַר זיך...

ס׳איז אַדורך ניט מער ווי 10 חדשים און דער אינסטיטוט פאַרעפנטלעכט אין ביולעטען, נומ׳ 2 (5), 1930, זײַן ריין קאָמוניסטישן אני־מאמין (זען זײַט 262).

אידעיִשע קעגנערס און סקעפּטיקערס

דאָ בעט זיך אַ באַמערקונג, וואָס דאַרף אַרײַנברענגען קלאָרקייט אין דעם וואָס איך דערצייל: ס׳וואָלט געווען ניט ריכטיק, כ׳זאָל דאָ ניט צוגעבן פאָלגנדיקס: מיר האָבן גוט געוווּסט, אַז צווישן דער ייִדישער אינטעליגענץ זענען פאַראַן אַזעלכע, וועלכע האָבן סײַ אין דער קאַטעדרע, סײַ אין אינסטיטוט געזען ניט מער ווי אַ סוראָגאַט, ווי אַ פעלשונג פון ייִדישער וויסנשאַפט, און דעריבער האָבן זיי נעגירט די דאָזיקע אַנשטאַלטן, קיין שום מגע־ומשא מיט זיי ניט געוואָלט האָבן. אָבער מיט די דאָזיקע מענטשן האָב איך זיך כּמעט ניט באַגעגנט. און אויב יאָ, האָבן זיי מיר, דער גלייביקער, ניט געוואָלט אָנטאָן קיין עגמת־נפש. אַנדערע ווידער האָבן פּשוט מורא געהאַט צו זײַן אָפנהאַרציק מיט אַזעלכע ווי איך. דעריבער קען איך וועגן די דאָזיקע שיכטן כּמעט גאָרניט זאָגן. קיין דרײַסטע, וועלכע זאָלן הויך אויפן קול דערקלערן וועגן זייער סקעפּטיציזם, האָב איך אויך ניט באַגעגנט. דאָס איז ניט קיין וווּנדער, ווײַל יעדע אַזאַ אָפענע אַרויסטרעטונג איז געווען פאַרבונדן מיט געפאַר גערודפט צו ווערן. דער לייענער דאַרף ניט פאַרגעסן, אַז דער רויטער טעראָר איז שוין אין יענע יאָרן געווען דער עפעקטיווסטער מיטל "איבערצוצײַגן" יעדן ווידערשפעניקן.

וואָס גרעסער ס׳איז געווען זײַן קעגנערשאַפט, אַלץ מער האָט דער מענטש זיך געהיט אַרויסצוזאָגן זײַן מיינונג — איבער הויפּט פאַר אַקטיווע פּאַרטיי־טוערס. ריידן אָפנהאַרציק האָבן אַזעלכע מענטשן געקענט נאָר צווישן סאַמע נאָענטסטע, צו וועמען זיי האָבן געהאַט אַבסאָלוטן צוטרוי, אַז זיי וועלן ניט מסרן.

געווען אויך סקעפּטיקערס פון אַן אַנדערן מין — די האָב איך יאָ געקענט, און מיט זיי בין איך געווען פאַרבונדן: דאָס זענען געווען אַזעלכע מענטשן, וואָס האָבן אויך געקוקט אויף דער קאַטעדרע און אינסטיטוט מיט ווייניק גלויבן, געספּקט אין דעם נאַציאָנאַלן איכות פון דעם, וואָס ווערט דאָ געטאָן, אָבער זיי האָבן זיך געהאַלטן בײַם גלײַכוואָרט "בעסער עפּעס ווי גאָרנישט".

ווען איך בין אין יאָר 1930 אָנגעקומען אין אינסטיטוט לערנען ווי אַספּיראַנט, האָב איך זיך מיט דער דאָזיקער קאַטעגאָריע ייִדן געטראָפן אויג אויף אויג. אַ ביסל האָב איך וועגן זיי שוין דערציילט אין מײַן

מאַכט פאַרן סאָוועטישן ייִדנטום, און אַזוי אַרום איז דער אינסטיטוט געוואָרן נאָך אַ גרעסערע געשעעניש פאַר די לייענערס פון דער סאָוועטישער ייִדישער פרעסע.

מיר, די ייִדישע קולטור־טוערס, וועלכע זענען צוגעפּעסטיקט צו די פאַבריקן, באַקומען פון דער נאָך ניט ליקווידירטער ייִדסעקציע אַן אויפגאַבע: דערציילן פאַר די אַרבעטערס וועגן דעם גרויסן נאַציאָנאַלן אויפטו פון דער פאַרטיי! אין די גרעסטע פאַבריקן און קלובן זענען גערופן געוואָרן פאַרזאַמלונגען, געווידמעט דער דאָזיקער געשעעניש. און אין אינסטיטוט גופא ווערט אײַנגעאָרדנט אַ ספּעציעל פײַערלעכער אַקט, צו וועלכן עס קומען אָפיציעלע פאָרשטייערס פון וויכטיקע פאַרטייִשע און מלוכהשע אינסטיטוציעס, און זיי האַלטן ענטוזיאַסטישע רעדעס אין נאָמען פון דער אוקראַיִנישער און ייִדישער געזעלשאַפטלעכקייט.

אָט איז אַ באַריכט וועגן דעם פײַערלעכן אַקט (זען זײַט 261).

ייִדישע לערערס, וויסנשאַפטלערס, פּראָפעסאָרן פאַרפילן דעם זאַל. אַ קלייניקייט — אַזאַ יום־טוב! זשורנאַליסטן און ייִדישע שרײַבערס זענען געקומען — ניט בלויז די קיִעווער, נאָר אויך אַזעלכע וואָס לעבן אין כאַרקאָוו. ייִדישע אַרבקאָרן זיצן בײַ אַ ספּעציעלן טיש און האָבן מורא צו פאַרלירן אַ וואָרט.

אַזעלכע ווי איך האָבן זיך ניט אויפגעהערט צו פרייען: כ׳בין אַ לעבעדיקער עדות פון אַזאַ געשעעניש! ס׳איז דען עפּעס אַ קלייניקייט? דאָס ערשטע מאָל אין דער געשיכטע פון רוסישן ייִדנטום איז געשאַפן געוואָרן אַ ייִדישער וויסנשאַפטלעך־פאָרשערישער אַנשטאַלט אין אַזאַ ברייטן פאַרנעם. און דער עיקר שבעיקר, דער דאָזיקער פאָרשונג־צענטער לעבט ניט פון פילאַנטראָפּיע און ניט אויף געזעלשאַפטלעכע מיטלען, נאָר געפינט זיך אין גאַנצן אויף דער אויסהאַלטונג פון דער מלוכה. זענען מיר אַרומגעגאַנגען יום־טובדיקע, ווי אויף אַ גרויסער שׂימחה, און אַפילו די געציילטע מײַנע פרײַנד, וואָס זענען געווען שוין דעמאָלט סקעפּטיש געשטימט — אויך זיי זענען אויף אַ צײַט אַנטשוויגן געוואָרן; פאַקטן ריידן דאָך פאַר זיך...

ס׳איז אַדורך ניט מער ווי 10 חדשים און דער אינסטיטוט פאַרעפנטלעכט אין ביולעטען, נומ׳ 2 (5), 1930, זײַן ריין קאָמוניסטישן אני־מאמין (זען זײַט 262).

אידעיִשע קעגנערס און סקעפּטיקערס

דאָ בעט זיך אַ באַמערקונג, וואָס דאַרף אַרײַנברענגען קלאָרקייט אין דעם וואָס איך דערצייל: ס׳וואָלט געווען ניט ריכטיק, כ׳זאָל דאָ ניט צוגעבן פאָלגנדיקס: מיר האָבן גוט געוווּסט, אַז צווישן דער ייִדישער אינטעליגענץ זענען פאַראַן אַזעלכע, וועלכע האָבן סײַ אין דער קאַטעדרע, סײַ אין אינסטיטוט געזען ניט מער ווי אַ סוראָגאַט, ווי אַ פעלשונג פון ייִדישער וויסנשאַפט, און דעריבער האָבן זיי נעגירט די דאָזיקע אַנשטאַלטן, קיין שום מגע־ומשא מיט זיי ניט געוואָלט האָבן. אָבער מיט די דאָזיקע מענטשן האָב איך זיך כּמעט ניט באַגעגנט. און אויב יאָ, האָבן זיי מיר, דער גלייביקער, ניט געוואָלט אָנטאָן קיין עגמת־נפש. אַנדערע ווידער האָבן פּשוט מורא געהאַט צו זײַן אָפנהאַרציק מיט אַזעלכע ווי איך. דעריבער קען איך וועגן די דאָזיקע שיכטן כּמעט גאָרניט זאָגן. קיין דרײַסטע, וועלכע זאָלן הויך אויפן קול דערקלערן וועגן זייער סקעפּטיציזם, האָב איך אויך ניט באַגעגנט. דאָס איז ניט קיין ווונדער, ווײַל יעדע אַזאַ אָפענע אַרויסטרעטונג איז געווען פאַרבונדן מיט געפאַר גערודפט צו ווערן. דער לייענער דאַרף ניט פאַרגעסן, אַז דער רויטער טעראָר איז שוין אין יענע יאָרן געווען דער עפעקטיווסטער מיטל "איבערצוצײַגן" יעדן ווידערשפעניקן.

וואָס גרעסער ס׳איז געווען זײַן קעגנערשאַפט, אַלץ מער האָט דער מענטש זיך געהיט אַרויסצוזאָגן זײַן מיינונג — איבער הויפּט פאַר אַקטיווע פאַרטיי־טוערס. ריידן אָפנהאַרציק האָבן אַזעלכע מענטשן געקענט נאָר צווישן סאַמע נאָענטסטע, צו וועמען זיי האָבן געהאַט אַבסאָלוטן צוטרוי, אַז זיי וועלן ניט מסרן.

געווען אויך סקעפּטיקערס פון אַן אַנדערן מין — די האָב איך יאָ געקענט, און מיט זיי בין איך געווען פאַרבונדן: דאָס זענען געווען אַזעלכע מענטשן, וואָס האָבן אויך געקוקט אויף דער קאַטעדרע און אינסטיטוט מיט ווייניק גלויבן, געספּקט אין דעם נאַציאָנאַלן איכות פון דעם, וואָס ווערט דאָ געטאָן, אָבער זיי האָבן זיך געהאַלטן בײַם גלײַכוואָרט "בעסער עפּעס ווי גאָרנישט".

ווען איך בין אין יאָר 1930 אָנגעקומען אין אינסטיטוט לערנען ווי אַספּיראַנט, האָב איך זיך מיט דער דאָזיקער קאַטעגאָריע ייִדן געטראָפן אויג אויף אויג. אַ ביסל האָב איך וועגן זיי שוין דערציילט אין מײַן

אַרבעט „דער באַבי־יאַר פון ייִדישן וואָרט". דאָ וועל איך זיך באַנוגענען מיט צוגעבן בלויז נאָך אייניקע נעמען. אַזעלכע הויך קוואַליפיצירטע וויסנשאַפטלערס ווי נחום שטיף, משה בערעגאָווסקי, אליהו ספּיוואַק און אַנדערע פלעגן אין מינוטן פון אָפנהאַרציקייט, אויג אויף אויג, אין מיר, דער פּאַרטייערין, אַרייַנטענהן וועגן דעם אַנטינאַציאָנאַלן כאַראַקטער פון דער אָדער יענער טעטיקייט, וואָס מיר, און בתוכם אויך זיי, פירן.

קוקט ניט, ליבער לייענער, וואָס זייערע אַרבעטן זענען אויך געווען אָנגעפּיקעוועט מיט קאָמוניסטישער פראַזעאָלאָגיע און זידלווערטער קעגן ייִדישן נאַציאָנאַליזם. אָן דעם וואָלט מען ניט געדרוקט קיין איין וואָרט זייערס.

גרויס איז געווען די צאָל סקעפּטיקערס צווישן דעם אומפּאַרטייִשן הילפס־וויסנשאַפטלעכן פּערסאָנאַל, וואָס האָט געאַרבעט אין די אַרכיוון, ביבליאָטעקן, קאַבינעטן פון אינסטיטוט. כ'האָב שוין דערציילט אין „באַבי־יאַר פון ייִדישן וואָרט", אָבער איך מוז דאָ נאָך אַ מאָל צוגעבן, אַז ניט געקוקט אויף זייערע ספקות און אָפט מאָל נעגאַטיווער שטעלונג צו דעם נאַציאָנאַלן איכות פון דער פּאַרטיי־ליניע, וועלכע זיי זענען געווען געצוווּנגען דורכצופירן אין דעם וואָס זיי פלעגן טאָן, האָבן דווקא זיי — די אומפּאַרטייִשע — אויפגעטאָן אַ סך פּאָזיטיווס — נאַציאָנאַל לויטן אינהאַלט — פיל מער, ווי אַנדערע פרום־אויסגעהאַלטענע קאָמוניסטן.

כ'האָב דאָ אויך געטראָפן מענטשן, וועלכע האָבן מיטגעאַרבעט בלויז דערפאַר, ווייַל זיי האָבן דאָ געפונען דעם איינציקן קוואַל צו פאַרדינען דאָס שטיקל ברויט און מאָראַליש געליטן דערפון. גראָד אויף זיי איז מיר געווען אַ גרויסער רחמנות.

מנוּוולים

כ'האָב אויך אויג אויף אויג זיך דאָ באַגעגנט מיט ציניקערס, וואָס זיי איז געווען אַלץ איינס וועלכן גאָט זיי דינען — אַבי גוטע פּרנסה — און זיי האָבן ניט איין מאָל אָפגעטאָן שווייַנערייַען, געלייגט זיך אין דער לענג און אין דער ברייט נושא־חן צו זייַן אין די אויגן פון דער פּאַרטייִשער אָנפירונג; זייער באַליבטסטע אַרבעט איז געווען — צולייגן אַ קנייטל אויף אַזאַ מיטאַרבעטער, וואָס האָט (אַ מאָל גאַנץ צופעליק) אין זייַן

אַרבעט געמאַכט אַ „נאַציאָנאַליסטישן" פעלער, וועלכן מ'וואָלט אָן זייער מסירה אפשר אין גאַנצן פאַרשוויגן, און איצט האָבן זיי ציניש געלאַכט אין אַרבל אַרייַן פון דער קאַשע, וואָס זיי האָבן פאַרקאָכט.

געווען בייַ אונדז צוויי מיטאַרבעטערס, וועלכע האָבן צוגעטראָגן אין נ.ק.וו.ד. וועגן אַלע „עבירות" וואָס ווערן אָפּגעטאָן אין אינסטיטוט. מיר האָבן געוווּסט וועגן דעם און זיך אויסגעהיט פון זיי. אָנרופן זייערע נעמען? צו וואָס? זאָל זיי די ערד לייַכט זייַן — דאָס האָט קיינעם פון די מיאוסע פאַרשוינען ניט געראַטעוועט פון פאַרשיקט צו ווערן אין די סאָוועטישע לאַגערן. פאַר דער נ.ק.וו.ד. זענען זיי געווען די זעלבע יחסנים ווי די, אויף וועמען זיי פלעגן מסרן.

וועגן יעדער קאַטעגאָריע וואָלט כדאַי געווען צו שרייַבן גענויער, מאַכן אַן ערנסטן אַנאַליז פון זייער פּסיכאָלאָגיע. צי וועט אַ מאָל קומען דער מענטש, וואָס וועט זייַן בכּוח צו ווייַזן דעם אינערלעכן וועזן פון פאַרשידענע ייִדישע טיפּן, וועלכע דער סאָוועטישער רעזשים האָט טאָג־אײַן, טאָג־אויס גייַסטיק דעפאָרמירט, און אים איז געלונגען, וועמען מער, וועמען ווייניקער צו דעמאָראַליזירן און אַ היפּשע טייל מאָראַליש צו פאַרקריפּלען? אוי, ווי ס'ווילט זיך אַזאַ אַרבעט זאָל אַ מאָל געמאַכט ווערן!

מיט פאַרקאַשערטע אַרבל

לויט זייַן נאַטור איז ליבערבערג געווען עקספּאַנסיוו, ניט געקענט זיך באַנוגענען מיט קליינער טעטיקייט, אים האָט געצויגן צו גרויסע מאַס־שטאַבן. אייגנטלעך איז ער מער אָרגאַניזאַטאָר ווי וויסנשאַפטלער. אפשר דערפאַר פלעגט ער אָפט מאָל איבערשאַצן די דערגרייכונגען און דײַ וויכטיקייט פון דער אָפּגעטאָנענער אַרבעט. ער האָט אויך געקענט, ווי ס'זאָגט דאָס ווערטל: פאָרשטעלן זייַן סחורה, מאַכן רעקלאַמע, און — אַן איבערגעטריבענעם רעש. ווען דאָס האָט אַ ביסל שאָקירט מער צוריק־געהאַלטענע מיטאַרבעטערס (מאיר ווינער, בערעגאָווסקי, שמעון דאָבין; פון די יונגע — גאָלדפיין, מיך און אַנדערע) פלעגט ער זיך פאַרענטפערן: דאָס גיט צו מער חשיבות די ייִדישע אַנשטאַלטן אין די אויגן פון דער ניט־ייִדישער נאַטשאַלסטווע. מיר האָבן געוווּסט, אַז אין גרונט פון זייַן

גוזמהדיקייט ליגט די שטרעבונג צו פאַרברייטערן (הגם ניט שטענדיק צו פאַרטיפערן) די סאָוועטיש־ייִדישע קולטור־בויונג [15]. און אין דער דאָזיקער אַזוי גערופענער עקספּאַנסיע ליגן, מיין איך, זײַנע גרויסע פאַרדינסטן.

ער דערשלאָגט זיך בײַ דער מאַכט, אַז דער אינסטיטוט זאָל געשטעלט ווערן אין אַ באַזונדערס פּריווילעגירטער לאַגע. ווען איך בין אַהער אָנגעקומען ווי אַספּיראַנט (אין 1930) האָט דער אינסטיטוט פאַר ייִדישער קולטור באַקומען פון דער מלוכה אַ פּיל גרעסערן בודזשעט, ווי אייניקע פאַרשערישע אוקראַיִנישע אינסטיטוטן פון דעם זעלבן גראַד און פאַרנעם. מיר באַקומען גרויסע מיטלען אויף אויסשטאַטן קאַבינעטן, אַרכיוון און ביבליאָטעקן, אויף צאָלן סטיפּענדיעס די אַספּיראַנטן, אויף אויסהאַלטן אַ גרויסן שטאַט געלערנטע און הילפס־וויסנשאַפטלעכן פּערסאָנאַל: ביבליאָגראַפן, ביבליאָטעקערס, אַרכיוויסטן. ליבערבערגן געלינגט די באַשיידן פאַרטראַכטע דורך דער פאַרטיי קאַטעדרע צו פאַרוואַנדלען אין דעם גרעסטן ייִדישן פאָרשונג־צענטער אין סאָוועט־רוסלאַנד.

אים שטייט ניט אָן, אַז דער קרוינאַנשטאַלט פון דער סאָוועטיש־ייִדישער וויסנשאַפט זאָל זיך געפינען אין דער זעלבער ענגער געבײַדע פון דער געוועזענער קאַטעדרע אויפן ווינקל פון סווערדלאָווער און פּושקינער־גאַס. אָבער גראַד אַזוי, ווי אין אַלע סאָוועטישע שטעט, הערשט דעמאָלט אין קיִעוו אַן אומגעהײַערער מאַנגל אין דירות. און דאָך דערשלאָגט זיך ליבערבערג צו אַ „מתּנה" פון דער אוקראַיִנישער רעגירונג: דער אינסטיטוט באַקומט ווי זײַן אייגנטום בראָדסקיס קאָנפיסקירטן פּאַלאַץ, וואָס געפינט זיך אין אַריסטאָקראַטישן טייל פון קיִעוו, אויף דער אַמאָליקער לעוואַשאָווסקי־גאַס, וואָס הייסט שוין דעמאָלט קאַרל ליבקנעכט־גאַס נומ. 10. (פריִער האָבן זיך אין דעם דאָזיקן אָפּגעלאָזטן בנין געפונען דאָס ייִדישע יוגנטהויז און די דרײַ־יאָריקע ייִדישע פּעדאַגאָגישע שול). און ווען אויך דער דאָזיקער רחבֿתדיקער בנין פון געוועזענעם ייִדישן צוקער־מיליאָנער ווערט צו ענג פאַר דעם צעוואַקסענעם אַנשטאַלט, נעמט אויף זיך דער אַמביציעזער דירעקטאָר די פּערזענלעכע אַחריות איבערצובויען דעם פּאַלאַץ אין אַ גרויסאַרטיקער

15 אַגבֿ, אַזאַ איז ער אויך שפּעטער אין זײַן הויכער מלוכה־טעטיקייט ווי פאָרזיצער פון אויספירקאָם פון דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט — ביראָבידזשאַן.

מאָדערנער געבײַדע, וואָס זאָל זײַן צוגעפּאַסט פאַר דער ספּעציעלער אַרבעט פון אַ וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט. אַנשטאָט זיצן אין די אַרכיוון, כּדי אַרויסענדיקן די אָנגעהויבענע פאָרשונגען, וואַרפט ער זיך אַרײַן אין אָרגאַניזאַציאָנעלער טעטיקייט.

ווער עס געדענקט דעם שרעקלעכן מאַנגל אין בוי־מאַטעריאַלן אין יענע יאָרן, ווען אַ טשוואָק, אַ פּיצל בלעך, אַ שטיקל גלאָז איז געווען אַ יקר־המציאה, וועט פאַרשטיין וואָס פאַר אַ שווערע אויפגאַבע האָט אויף זיך גענומען דער ענטוזיאַסטישער געלערנטער. יעדער נײַ־געלייגטער ציגל רופט בײַ אים אַרויס התפּעלות. איר קענט אים טרעפן אין יעדן ווינקעלע פון דער בויונג, ער איז שטענדיק גרייט צו פאַרקאַשערן די אַרבל און אונטערשטעלן די אייגענע פּלייצע כּדי צו פאַרגיכערן די אַרבעט. ס'איז אים ממש ניט צו דערקענען... ווי עפּעס אַ געוואַלדיקער כּוח האָט זיך אין אים באַזעצט... ער טרײַבט אים וואָס מער, וואָס בעסער, וואָס שענער צו בויען דעם פּאַלאַץ פאַר דער סאָוועטיש־ייִדישער וויסנשאַפט...

כ'האָב שוין דערציילט, אַז זײַן אייפערזיכטיקייט פלעגט אַרויסרופן דערווידערונגען אין זײַן היים. איצט האָבן זײַנע נאָענטע פּראָטעסטירט קעגן דעם, וואָס ער האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ „שלעפּוואָגן" און פאַקטיש פאַרנאַכלעסיקט זײַן וויסנשאַפטלעכע אַרבעט: אין קאַלך־פאַרשטויבטע שיך? פאַרפלעקטע מלבושים בײַם ביז איצט עלעגאַנטן פּראָפעסאָר? דאָס האָט זײַן ניושע און אַפילו די בת־יחידהלע תּמר ניט געוואָלט ליידן. איז אָפט מאָל אין שטוב געקומען צו קאָנפליקטן. האָט ער געוואָלט זײַנע נאָענטע פאַרשפּאָרן עגמת־נפש, און איידער ער האָט זיך געלאָזן אַהיים גיין, כּדי אָפּכאַפּן אויף גיך דעם מאָגערן מיטאָג, פלעגט ער אויף גיך אָפּשטויבן די שיך און אָפּטרייסלען דעם קאַלך פון די קליידער...

„כ'וויל פאַרשפּאָרן עגמת־נפש מײַן ווײַב" — פלעגט ער בשעת־מעשה מורמלען אין פאַרלעגנהייט.

אים געלינגט איבערצוצײַגן די ייִדישע און אַפילו די אוקראַיִנישע בוי־אַרבעטערס, אַז זיי טוען שיר ניט אַ הייליקע עבֿודה. און זיי אַרבעטן טאַקע מיט אַ באַזונדערן פלײַס. שפּעטער פלעג איך זיי טרעפן ווי אָפטע באַזוכערס אין אינסטיטוט בײַ זייער פרײַנד ליבערבערג, און כ'פלעג זיך מיט חידוש צוקוקן ווי ער, דער שטאַרק פאַרנומענער די־

רעקטאָר, נעמט זיי אויף מיט אָפענע אָרעמס, מיט זײַן גאַנצן שאַרם — ווי די חשובֿסטע געסט.

אַז מען קען ניט אַריבער

ליבערבערג קאָנצענטרירט אַרום דער קאַטעדרע, דערנאָך אַרום דעם אינסטיטוט כּמעט אַלע ייִדישע וויסנשאַפטלערס פון אוקראַינע, אַ היפּשע צאָל פון מאָסקווע און אַנדערע שטעט, און אַפילו אַזעלכע, וואָס זענען דירעקט נאָר וואָס געקומען פון טריפהנעם קאַפּיטאַליסטישן אויסלאַנד, און דאָס לעצטע האָט געפאָדערט גרויסן פּאָליטישן מוט. אַ טייל פון די מיטאַרבעטערס האָבן שוין דעמאָלט געהאַט הינטער זיך אַ היפּשע וויסנשאַפטלעכע דערפאַרונג און פאַרעפנטלעכטע פאָרשונג־אַרבעטן. אַנדערע האָבן דאָ אָנגעהויבן שטעלן זייערע ערשטע וויסנשאַפטלעכע טריט.

דער לייענער דאַרף געדענקען, אַז דאָ האָב איך אין זינען נאָר און בלויז די ייִדישע געלערנטע, וועלכע זענען צום ווייניקסטן געווען „באַפלעקט מיט כּל־המינים פּאָליטישע און קודם־כּל מיט נאַציאָנאַליסטישע עבֿירות" און אַזעלכע וואָס האָבן ניט געשטאַמט פון אַ „שלעכטער" ד״ה פון אַ ניט־פּראָלעטאַרישער היים. אָבער אַזוי ווי אין סאָוועט־רוסלאַנד איז כּמעט ניט געווען קיין ייִדישער געלערנטער, וועלכער איז פרײַ געווען פון די דאָזיקע „זינד", האָט ליבערבערג זיך געמוזט באַנוגענען מיט די, וועלכע האָבן הינטער זיך געהאַט די „קלענסטע עבֿירות". אָבער אויך פאַר יעדן פון זיי האָט ער געמוזט פירן אַ קאַמף קודם־כּל אין קאַדערן־אָפּטייל בײַ דער אַקאַדעמיע, ד״ה בײַ דער נ.ק.וו.ד., וועלכער איז דער הויפּט־קאָנטראָלער פון דער פּאָליטישער כּשרות פון יעדן אַנשטאַלט און פון יעדער מענטש באַזונדער. בײַם אָננעמען אויף אַרבעט אין אינסטיטוט יעדן אַזאַ „בעל־עבֿירהניק" האָט ער געהאַט אויסצושטיין ניט קיין קליינע צרות קודם־כּל מצד דער ייִדסעקציע (ביז 1930, ווען מ'האָט די ייִדסעקציע ליקווידירט), און פון... די פרומע מיטאַרבעטערס אין אינסטיטוט גופא. זאָל דער לייענער ניט פאַרגעסן, אַז מערסטן טייל זענען די מיטאַרבעטערס גופא געווען מענטשן מיט אַ פּאָליטישן פּגם אין זייער אייגענער פאַרגאַנגענהייט. אגבֿ האָבן אַ טייל פון זיי געציטערט ניט אַזוי פאַר דער כּשרות פון אַנשטאַלט, ווי איבער זייער אייגענער הויט: וואָס קלענער

ס'וועט זיין די צאָל „געוועזענע" צווישן די מיטאַרבעטערס, אַלץ ווייניקער איז די געפאַר פאַר זייער אייגענער קאַריערע.

אַזוי אַרום זענען מחמת זייער „בורזשואַז־נאַציאָנאַליסטישער פאַרגאַנגענהייט" און „שלעכטן" סאָציאַלן אָפּשטאַם פאַרבליבן אויסער די ווענט פון אינסטיטוט אַ באַדײַטנדיקע צאָל דערפאַרענע ייִדישע געלערנטע און זענען פאַרפאַלן געוואָרן פאַר דער סאָוועטיש־ייִדישער וויסנשאַפט. האָבן זיי זיך איבערגעקוואַליפיצירט — און ביזן סוף פון זייער לעבן געאַרבעט ווי אָנגעשטעלטע אין ביוראָען, ווי פאַרקויפערס און בײַ פּשוטער פיזישער אַרבעט.

און דאָך... און דאָך... איז נאָך דעם ווי מ'האָט יעדן וויסנשאַפטלער און יעדן אַספּיראַנט באַזונדער דורכגעזיפּט דורך זיבן זיפּן, איז דער אינסטיטוט פאַר ייִדישער קולטור פאַרבליבן אַ נעסט פון „געוועזענע": ס'איז כּמעט ניט געווען צווישן אונדז קיין מענטש אָן פּאָליטישן פּגם אין זײַן פאַרגאַנגענהייט. איבער הויפּט איז דאָס געזאָגט געוואָרן וועגן די ערשטע יאָרן עקסיסטענץ פון דער קאַטעדרע און אינסטיטוט.

***

ווען ליבערבערג זאָל זיך צוהערן און פאָלגן די עצות און וואָרענונגען מצד די „אָפּגעהיטענע" מיטאַרבעטערס זײַנע, אַז ער זאָל ניט „פאַרמיסטיקן" די ייִדישע סאָוועטישע וויסנשאַפט מיט „פרעמדע עלעמענטן", וואָלט געווען אָך און וויי צו דעם וויסנשאַפטלעכן ניוואָ פון אינסטיטוט פאַר ייִדישער קולטור. עס וואָלט אָבער ניט ריכטיק געווען צו מיינען, אַז ער איז געווען אַ מין צדיק און האָט געוואָלט סתּם קריכן מיט אַ געזונטן קאָפּ אין אַ קראַנקער בעט און שטעלן אין געפאַר זײַן אייגענע וויסנשאַפטלעכע און פּאָליטישע קאַריערע און דעם קיום פון דעם אַנשטאַלט. פאַרשטייט זיך, ווען ער זאָל האָבן אַ מעגלעכקייט אײַנצוקאָמפּלעקטירן די קאַטעדרע און דעם אינסטיטוט מיט מער „פּאַסיקע" קאַדערן, ד״ה מיט מענטשן אָן פּאָליטישע פּגמים, וואָלט ער עס זיכער געטאָן.

כ'געדענק נישט, צי כ'האָב שוין ווו דערציילט, אַז אַזעלכע פאַרטייערס, וואָס האָבן הינטער זיך ניט געהאַט קיין נאַציאָנאַליסטישן פּגם, ד״ה אַזעלכע, וועלכע האָבן קיין מאָל צו קיין אַנדער פאַרטיי ניט געהערט,

האָבן ניט געוואָלט און אפשר אויך ניט געהאַט קיין אינטערעס צו ייִדישער וויסנשאַפטלעכער טעטיקייט. זיי פלעגן ניט באַהאַלטן זייער ביטול צו דער גאַנצער ייִדאַרבעט און במילא צו די פּאַרטייערס, וואָס האָבן זיך "געפּאָרעט" אַרום איר. זיי האָבן, אַזוי ווי אין אונדזער פּוילישער קאָמפּאַרטיי איז געווען, געקוקט אויף אונדז פון אויבן אַראָפּ.

אין תּוך זענען די דאָזיקע ייִדישע קאָמוניסטן, מיט גאָר קליינע אויסנאַמען, געווען פאַר אַסימילאַציע, פאַר צונויפגיסן זיך מיט די אַרומיקע גרעסערע פעלקער, צווישן וועלכע מיר לעבן.

זיי, די קאָמוניסטן פון ייִדישן אָפּשטאַם, זענען פאַקטיש געווען דירעקטע נאָכפאָלגערס פון דער טייל ייִדישער אינטעליגענץ, וואָס האָט זיך נאָך פאַר דער רעוואָלוציע געריסן אין די אָרעמס פון רוסישן פאָלק. איצט, פאַרשיכּורטע פון דער פאָרמעלער גלײַכהייט, וואָס די ראַטנמאַכט האָט פּראָקלאַמירט פאַר אַלע פעלקער, האָבן זיי זיך געוואָרפן אין די אָרעמס ניט פון דער אייגענער קולטור, נאָר געשטרעבט צו ווערן אויב ניט רוסן, אוקראַיִנער אָדער ווײַסרוסן, טאָ זאָל זײַן אַפילו אוזבעקן, טאַטאַרן א״א.[16]

אַזוי אַרום איז ניט געווען פון וואָס אויסצוקלײַבן — איז ליבערבערג געשטאַנען פאַר דער דילעמע: שאַפן אַן אַנשטאַלט, וואָס זאָל שטיין אויף אַ מער־ווייניקער וויסנשאַפטלעכער הייך, אָדער אַ פּיקציע דערפון?

און זײַן געוואָגטקייט האָט גענומען די אייבערהאַנט, ער האָט אויסגעקליבן דאָס ערשטע. קיין פּאָליטישע צרות האָבן אים צוליב דעם ניט געפעלט. סײַ אין די ווענט פון אינסטיטוט גופא, סײַ אין דער ייִדסעקציע בשם צ״ק פון דער פּאַרטיי (כּל־זמן זי האָט עקסיסטירט) האָט מען אים בײַ יעדער געלעגנהייט דערמאָנט זײַן ליבעראַליזם און "רעכטן אָפּנויג". "אַז מען קען ניט אַריבער, מוז מען אַרונטער". "אָן די פּסולע געלערנטע וועלן מיר קיין סאָוועטיש־ייִדישע וויסנשאַפט קיין מאָל ניט שאַפן" — איז געווען זײַן אַרגומענטאַציע. בעת די דאָזיקע שטרײַטן זענען זײַנע באַליבטע ווערטער געווען: "איר דערמאָנט מיר דעם העלד פון 'דעם מענטש אין פוטליאַר', וואָס האָט געלעבט אין איין ציטערניש: 'זאָל נאָר

16 און אַז דער צענטראַל־קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי האָט אַ גרופּע פון די "אָן אַ פּגם" אַ ביסל שפּעטער געשיקט קיין ביראָבידזשאַן דאָרט בויען דאָס ייִדישע לאַנד, איז מיר געווען אַ ביטערער רחמנות אויף זיי צו קוקן. זיי האָבן ניט געוואָלט שלום מאַכן מיט דער „דעגראַדאַציע" פון זייער פּאַרטייִשער קאַריערע.

דערפון עפּעס שלעכטס ניט אַרויסקומען!". אַ ביסל ווײַטער וועל איך ווײַזן ווי אַזוי ליבערבערג האָט פיל מאָל פּאָליטיש געליטן פאַר זײַנע געוואָגטע האַנדלונגען. ער קומט אָבער שנעל צו זיך נאָך יעדן קלאַפּ און זעצט פאָר זײַן אַרבעט מיט דעם זעלבן ברען און אײַנגעשפּאַרטקייט.[17]

***

גאָר ניט גרינג איז געווען צו שאַפן פון די דאָזיקע מענטשן מיט פאַרשידענע וועלט־אַנשויונגען, מערסטן טייל אין גרונט אַנטיקאָמוניסטישע, וואָס יעדער פון זיי האָט געהאַט זײַן אייגנאַרטיקע געשיכטע הינטער זיך — אַ קאָלעקטיוו, וועלכער האָט שעפעריש און מיט דערפאָלג געאַרבעט, טראָץ דעם שרעקלעכן דרוק, מיט וועלכן די קאָמפּאַרטיי האָט באַגלייט יעדער טריט און שריט זייערן.

ניט איין מאָל האָט אַן "אויך מיר געלערנטער גאָרנישט" מיט אַ פּאַרטייִשן אָדער קאָמיוגישן בילעט זיך גענומען די העזה צו לערנען פּאָליטישן שׂכל אַן אָנגעזעענעם, דערפאַרענעם אומפּאַרטייִשן געלערנטן.

מיט קלוגשאַפט און טאַקט פלעגט ליבערבערג צו יעדער צײַט קענען אײַנשטילן די צעהיצטע געמיטער און רופן צו אָרדענונג די ניט־געבעטענע, ס׳רוב עם־האָרצישע "לערערס".

אָבער אַליין האָט ער געקענט דעם זעלבן אויטאָריטעטן געלערנטן צוטראָגן דעם ביטערסטן פיל אויף אַזאַ אופן, אַז יענער זאָל זיך נישט באַליידיקן, נאָר פאַרשטיין, אַז אַנדערש קען מען ניט און טאָר מען נישט... אויב מען וויל די ייִדאַרבעט זאָל ווײַטער אָנגיין.

ער פלעגט זוכן אַ געלעגנהייט זיך באַגעגענען מיט יעדן פון זיי דווקא

17 ערשט מיט עטלעכע יאָר שפּעטער, ווען די ייִדישע אָפּטיילן אין די לערן־אינסטיטוטן פון קיִעוו, אָדעס, זשיטאָמיר, מאָסקווע און מינסק האָבן געגעבן די ערשטע אַביטוריענטן, האָט דער אינסטיטוט פאַר ייִדישער קולטור באַקומען אַ מעגלעכקייט אויסצוקלייבן און אָננעמען אין דער אַספּיראַנטור יוגנט מיט ווייניקער אָדער אין גאַנצן אָן פּאָליטישע פּגמים. צוליב אָט די פּאָליטישע מעלות זייערע פלעגט מען אָבער ניט זעלטן מוותּר זיין אויפן ניוואָ פון זייער אַקאַדעמישער צוגרייטונג, און מחמת דעם האָט אָפּט מאָל געליטן די קוואַליטעט פון דער אַרבעט. די פּאָליטישע כּשרות פון דער יוגנט האָט באַדאַרפט קאָמפּענסירן דעם דאָזיקן עיקרדיקן בלויז.

אויג אויף אויג, און צו אַזעלכע ווי נחום שטיף, ניט אויפהערן איינצו־טעהנען: "אַז מען קען ניט אַריבער, מוז מען אַרונטער, קיין דריטן וועג האָבן מיר ניט".

⁂

אין די 7 סעקציעס, וואָס זענען געשאַפן געוואָרן אין אינסטיטוט — ליטעראַרישע, פּעדאַגאָגישע, עטנאָגראַפישע, היסטאָרישע, לינגוויסטישע, סאָציאַל־עקאָנאָמישע און אין דער שפּעטער געגרינדעטער סעקציע פאַר ביראָבידזשאַן־קענטעניש — פירן זיי, די מענטשן מיט פאָליטישע פּגמים, פאָרשונגען און פאַרעפנטלעכן ווּיסנשאַפטלעכע אַרבעטן אויף די אַלע געביטן.

וועֶר זענען זיי געווען, די דאָזיקע מענטשן?

1. **די ליטעראַטור־פאָרשערס** — מאיר ווינער, מאַקס עריק, אַ. גור־שטיין, נחום אויסלענדער, מיכל לעוויטאַן, קלמן מרמר פון די פאַראייניקטע שטאַטן א"א. פון די 6 אויסגערעכנטע האָבן גאַנצע פינף פאַר דער רעוואָלוציע געהערט צו ייִדישע נאַציאָנאַלע פאַרטייען. צי דער זעקסטער— אַהרון גורשטיין — האָט געהאַט הינטער זיך די דאָזיקע זינד, געדענק איך ניט.

2. **די פילאָלאָגן** — נחום שטיף, מ. זאַרעצקי, ע. פאַלקאָוויטש, בער סלוצקי, אליהו ספּיוואַק, שמעון דאָבין, מ. גיטליץ א"א; פון די 7 זענען 5 געווען "באַפלעקט" מיט אַמאָליקער אָנגעהעריקייט צו נאַציאָנאַלע ייִדישע פאַרטייען און שאָוויניסטישער טעטיקייט.

3. **די עקאָנאָמיסטן** — י. ווייצבליט, קאַפּאָוויטש, ב. הובערמאַן, קאַ־דישעוויטש און אַנדערע; פון די 4 עקאָנאָמיסטן האָבן צוויי, איבער הויפּט הובערמאַן, געהאַט אַ שטורמישע פּועלי־ציוניסטישע פאַרגאַנגענ־הייט.

4. **די טעאָרעטיקערס פון פּעדאַגאָגיק** — יאַשע רעזניק, ישראל יאַכינסאָן, גרשון גאָראָכאָוו, אַברהם סלוצקי; דאָ זענען אַלע פיר, אָן אויסנאַם, פאַר דער רעוואָלוציע געווען אַנגאַזשירט אין ייִדישע פאַרטייען ביי נאַציאָנאַ־ליסטישער טעטיקייט.

5. **די היסטאָריקערס** — אשר מאַרגאָליס, טוביה הייליקמאַן, יודיצקי, סאָסיס, באָראָוואָי, יעקב מערזאָן, אַברהם סלוצקי, יונה כינטשין, רויטבלאַט, ספּעקטאָר, שלאָסבערג, שקאַראָווסקי, כאַבענסקי און יוסף ליבערבערג. פון די 14 היסטאָריקערס האָבן, אויסער די ייִנגסטע, כמעט אַלע פאַר דער רעוואָלוציע באַוויזן צו זינדיקן קעגן דער באָלשעוויסטישער אידעע.

6. **די עטנאָגראַפן** — משה בערעגאָווסקי. פרומע פאַרטייערס און נאָך פרומערע אומפאַרטייִישע האָבן קיין מאָל ניט געלאָזן פאַרגעסן זיין שרעקלעכן אָפּשטאַם — דער פאָטער איז געווען אַ מלמד, און זיינע אייגענע זינד זענען אויך עפּעס ווערט געווען: ער האָט זיך אַ מאָל שטאַרק פאַרכאַפּט מיט חזנישע נגינות. אין פאַרשידענע צייטן האָבן אין דער דאָזיקער עטנאָגראַפישער סעקציע מיטגעאַרבעט: ליפע רעזניק, מאיר ווינער, ז. סקודיצקי, מיזשיריצקי, שלמה בריאַנסקי, בנימין גוטיאַנסקי, אַלכּסנדר געלבמאַן, האָראָוועצער און אַנדערע, וועמענס נעמען זענען מיר ניט פאַרבליבן אין זכּרון. אָבער דאָס געדענק איך יאָ: כמעט אַלע מיט־אַרבעטערס פון דער עטנאָגראַפישער סעקציע, וואָס האָט בהדרגה צונויפ־געזאַמלט אומגעהייערע פאָלקלאָר־אוצרות, זענען געווען אין זייער פאַר־גאַנגענהייט אַנטיבאָלשעוויסטיש, און אויך איצט ניט אַרויסגעוויזן צו פיל סימפּאַטיע פאַר דער ראַטנמאַכט. אַזעלכע ווי דער באַגאַבטער פּאָעט און דראַמאַטורג ליפע רעזניק, אַלכּסנדר געלבמאַן, ז. סקודיצקי האָבן זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט מיט זייער שלעכט־באַהאַלטענער נעגאַטיווער באַציִונג צו דעם קינסטלעכן "אינטערנאַציאָנאַליזם" פון דער ייִדישער עטנאָגראַפישער אַרבעט.[18]

אויסער זיי האָבן באַקומען אַ מעגלעכקייט צו דרוקן זייערע אַרבעטן אין די אויסגאַבעס פון אינסטיטוט אויך אַ טייל וויסנשאַפטלערס פון קיִעוו און פון אַנדערע שטעט, פאַר וועלכע די טירן פון אַלע סאָוועטישע פאָר־שונג־אַנשטאַלטן און אויך פון אונדזער אינסטיטוט זענען אָפיציעל פעסט פאַרזיגלט מחמת זייער צו שרייענדיקן "שלעכטן" סאָציאַלן אָפּשטאַם,

18 די רשימה איז ניט קיין פולע, ווי געזאָגט זענען כמעט אין אַלע סעקציעס (חוץ אין דער היסטאָרישער) ס'רוב וויסנשאַפטלערס געווען אָן פאַרטיי־בילעטן. געווען וויסנשאַפטלערס, וואָס האָבן גלייכצייטיק געאַרבעט אין צוויי סעקציעס, געווען אויך אַזעלכע, וועלכע זענען אַריבערגעגאַנגען אַרבעטן פון איין סעקציע אין אַ צווייטער — צוליב פאַרשידענע טעמים.

אָדער ביז גאָר סטראַשנע פּאָליטישע עבֿירות אין דער פֿאַרגאַנגענהייט. ביז איצט האָבן זיי ניט געהאַט קיין מאַטעריעלע מיטלען צו פֿירן פֿאָרשונג־אַרבעטן, שוין אָפּגערעדט וועגן פֿאַרעפֿנטלעכן זיי. ליבערבערג קען ניט און טאָר זיי ניט אַרײַננעמען ווי אָפֿיציעלע מיטאַרבעטערס, אָבער ער באַשטעלט בײַ זיי אַרבעטן, זיי טוען עס אויסער די ווענט פֿון אינסטיטוט און באַקומען פֿאַרהעלטענישמעסיק הויכן האָנאָראַר, וואָס גיט זיי אַ מעגלעכקייט ווײַטער צו פֿירן אַ וויסנשאַפֿטלעכע טעטיקייט. געווען אַפֿילו אַזעלכע שטאַרק פּסולע אויטאָרן, וואָס אין די אָפֿיציעלע רשימות פֿון די אויסגעצאָלטע האָנאָראַרן האָבן זייערע נעמען קיין מאָל ניט פֿיגורירט, כּדי ניט צו רײַסן די אויגן פֿון די, וועלכע האָבן דאָס ניט באַדאַרפֿט וויסן. פֿלעגט זייער האָנאָראַר אויסגעשריבן ווערן אויפֿן נאָמען פֿון אַ כּשרן אייגענעם מענטשן, וועלכער איז אין דער שטיל מסכּים געווען צו ריזיקירן.

דאָ מוז איך דערמאָנען דעם לייענער, אַז ווען בלויז איינער אַזאַ פֿאַקט זאָל אויפֿגעדעקט ווערן דורך די וואַכזאַמע אינערלעכע פֿרומע לײַט, וואָלטן זיי עס ניט פֿאַרשוויגן, נאָר אַרויסגעטראָגן אין דער עפֿנטלעכקייט, און ליבערבערג צוזאַמען מיט די פֿעלשערס וואָלטן געבראָכן האַלדז און נאַקן.

נאָכוווּקס

ווער זענען זיי, די יונגע ?

די אַספּיראַנטור וואָס ווערט געגרינדעט פֿריִער אין דער קאַטעדרע דערנאָך אין אַ פֿיל גרעסערן פֿאַרנעם אין אינסטיטוט, גרייט אַ נײַעם דור יונגע פֿאָרשערס און קוואַליפֿיצירטע פּעדאַגאָגן, אין וועלכע ס'האָבן זיך אין יענע יאָרן שטאַרק גענייטיקט די ייִדישע אָפּטיילן, וועלכע די רעגירונג אָרגאַניזירט בהדרגה בײַ די אוקראַיִנישע, רוסישע און ווײַסרוסישע אינסטיטוטן אין קיִעוו, מינסק, מאָסקווע, אָדעס, זשיטאָמיר, כאַרקאָוו. די אַספּיראַנטן צאָלן ניט קיין שׂכר־לימוד און באַקומען זייער פֿולן אויסהאַלט פֿון דער מלוכה, אַזוי ווי אין אַלע סאָוועטישע פֿאָרשונגס־אַנשטאַלטן. צו די ערשטע אַספּיראַנטן, וועלכע האָבן שטודירט נאָך אין די צײַטן פֿון דער קאַטעדרע, האָבן געהערט אַברהם אַבטשוק, איציק פֿעפֿער און דוד האָפּשטיין.[19]

צו יענער צײַט וואַקסט אונטער אַ נײַע גרופּע יונגע ייִדישע שרײַבערס, עטלעכע זייער פֿעיִקע. הגם דער רוב פֿון זיי האָט פֿאַרענדיקט ייִדישע אָפּטיילן אין די סאָוועטישע אינסטיטוטן, פֿאַרמאָגן זיי אָבער נישט קיין גענוגנדיקע פֿאַך־קענטעניש, אייניקע זענען ביז גאָר אָרעם אין ייִדישע וויסנשאַפֿטן. דאָס נידעריקט אַראָפּ ניט בלויז דעם אַלגעמיינעם, נײַערט אויך דעם נאַציאָנאַלן איכות פֿון זייער שאַפֿונג. אין מײַן אַרבעט "מאיר ווינער

19 דוד האָפּשטיין איז געווען אַ תּלמיד־חכם, אַ מענטש מיט אַ סך בילדונג און מיט אַ הויכער אַלגעמיינער און ליטעראַרישער קולטור, און האָפּשטיין דער אַספּיראַנט האָט געקענט פֿאַרשטעקן אין אַרבל ניט איין מיטאַרבעטער, וואָס האָט געטראָגן דעם הויכן טיטל וויסנשאַפֿטלער. לעבערבערג האָט אויסגעפֿועלט פֿאַר אים די אַספּיראַנטור, כּדי מיט דער סטיפּענדיע כאָטש אַ ביסל לינדערן דעם דלות אין דער משפּחה פֿון גרויסן פּאָעט.

און מאַקס עריק״ האָב איך שוין דערציילט וועגן דעם, ווי ליבערבערג כאַפּט אונטער דעם פאָרשלאָג פון מאַקס עריק, מאיר ווינער און גורשטיין: ער באַקומט פֿון דער מלוכה אַ נײַעם צוגאָבלעכן געלטפאָנד, און אין אינסטיטוט ווערט געגרינדעט די ספּעציעלע אַספּיראַנטור פאַר יונגע ייִדישע שרײַבערס, וואָס פאַרפולקומען דאָ זייערע קענטעניש במשך 2—3 יאָר.

כ׳געדענק גאָר ניט אַזאַ יונגן ייִדישן וויסנשאַפטלער און שרײַבער (פון קיִעוו, כאַרקאָוו, אומאַן, אָדעס, זשיטאָמיר און אַנדערע אוקראַיִנישע שטעט), וועלכער זאָל נישט זײַן פאַרבונדן מיטן אינסטיטוט אויף אַזאַ אָדער אַנדער אופן. אַ טייל האָט דאָ שטודירט אין פאַרשידענע סעקציעס ווי אַספּיראַנטן, אַנדערע — געאַרבעט ווי לאַבאָראַנטן, ביבליאָגראַפן, אַרכיוויסטן פאָלקלאָריסטן און דאָס גלײַכן. דאָ האָבן זיי פאַרטיידיקט דיסערטאַציעס, פאַרשטייט זיך אין דער ייִדישער שפּראַך, און באַקומען דעם אָפיציעלן טיטל ״קאַנדידאַט פון וויסנשאַפטן״. כּמעט אַלע האָבן זיי דאָ געשטעלט די ערשטע טריט ווי וויסנשאַפטלערס און פאַרעפנטלעכט זייערע פאָרשונג־אַרבעטן. דאָ זענען זיי אויסגעשולט געוואָרן ווי אַסיסטענטן און דאָצענטן און ווי אַזעלכע באַקומען אַרבעט ניט בלויז אין די ייִדישע אָפּטיילן פון די אינסטיטוטן, נאָר אויך אין די אוקראַיִנישע, רוסישע העכערע לערן־אַנשטאַלטן, אַפילו אין דעם פוילישן פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט. אָט דאָס זענען די נעמען פון דער דאָזיקער יונגוואַרג.[20]

די שרײַבערישע אַספּיראַנטן־גרופּע: נתן זאַבאַרע, אַברהם גאָנטאַר, אליהו קאַהאַן, האַרצמאַן, שטורמאַן. דער נאָמען פון זעקסטן יונגן שרײַבער איז מיר אַרויס פון זכּרון. אַחוץ זיי האָבן דאָ אויף פאַרשידענע געצאָלטע שטעלעס געאַרבעט און איינצײַטיק געלערנט צוזאַמען מיט זייערע קאָלעגעס־אַספּיראַנטן די יונגע פּאָעטעסעס דאָרע כײַקינע, ריווע באַליאַסנע און אַנדערע.

ליטעראַטור־פאָרשערס און קריטיקערס: ש. בריאַנסקי, ש. בילאָוו, דוד בענדאַס, מ. דובילעט, אַברהם וועלעדניצקי, אַ. האָלדעס, דער פריי־פאַרשטאָרבענער זייער פעיִקער און באַליבטער בײַ אַלעמען סיאָמע זשו־

20 דעם באַגריף ״יונגוואַרג״ באַנוץ איך דאָ באַדינגלעך, וואָרעם לויט זייערע יאָרן זענען אַ טייל פון זיי געווען גאָר ניט אַזוי יונג. יונג, ד״ה אָנהייבער, זענען זיי געווען ווי וויסנשאַפטלערס.

קאָווסקי, אַ. ראָזענצווײַג, ליובע טשערניאַק, מ. מיזשיריצקי, פּ. שאַמעס, אַברהם אַבטשוק, דער אַמעריקאַנער בירגער אַלעקסאַנדער פּאָמעראַנץ.[21]

די יידישע שפּראַכפאָרשערס: חיים לויצקער, מ. שאַפּירא, מ. מײַדאַנסקי, אַלעקסאַנדער געלבמאַן, ראובן לערנער א״א.

די יידישע עטנאָגראַפן: ז. סקודיצקי, יוסף טשערניאַק, שׂרה שנײַדער, א״א.

די טעאָרעטיקערס פון פּעדאַגאָגיק: מאָטל קרוגליאַק, יצחק ראָדאָק, ראָוונאַיאַ, בנימין גאָלדפײַן, נחמן ראָזענבערג, שיינע גיטעליס, ה. סאַפּיאַן, וועקסלער, קאָראָסטישעווסקי, ספּעקטאָר, ז. שאַפּירא, גאָלדפאַרב, ליפּמאַן, דער נאָר וואָס געקומענער פון קאַנאַדע משה דיאַמאַנט, די אויטאָרין פון די דאָזיקע שורות — אסתר שנײַדערמאַן און אַנדערע, וועמענס נעמען כ׳האָב פאַרגעסן.

די יידישע היסטאָריקערס: דער הויך־באַגאַבטער ישראל ראַבינאָוויטש, כאַבענסקי, נתן קאָרמאַן, ספּעקטאָר (ניט דער, וואָס האָט געלערנט אין דער פּעדאַגאָגישער סעקציע), טשודנאָווסקי, ב. גוטערמאַן, הערשל ווערבער, רײַטער א״א.

די יידישע ביבליאָגראַפן: לייבאָוויטש, י. עליאָוויטש, י. מיטלמאַן, י. קוויטני, באַבינסקי, פּרוי באָדיק, דאָבע נוסינזאָן א״א.

אויך די רשימה פון די ״יונגע״ איז ניט קיין פולע.

אויף מײַן ירושלימער שרײַבטיש ליגט איצט די דאָזיקע פאָטאָ פון אַ ביז גאָר פּראָזאַיִשן דאָקומענט: דער פינאַנסיעלער דין־וחשבון נומ׳ 65 פון די אויסגעצאָלטע מלוכה־סטיפּענדיעס פאַר די אַספּיראַנטן פון אינסטיטוט פאַר ייִדישער קולטור. דעם דין־וחשבון האָבן געחתמעט דער דירעקטאָר ליבערבערג און דער הויפּט־בוכהאַלטער חיים גוסאָווסקי דעם 13טן אָקטאָבער 1934. הײַנט האָבן מיר שוין מאַרץ פון יאָר 1976, ס׳זענען הייסט עס שוין אַריבער כּמעט 42 יאָר, און דאָס איז דאָך אַ ריין געשעפטלעך פּאַפּירל מיט טרוקענע ציפערן... אָבער ווײ ווײ, וויפל פרייד, געמישט מיט צער, האָט עס מיר פאַרשאַפט, ווען כ׳האָב עס דערזען און גענומען אין האַנט!.. זיבן און

21 אַ. פּאָמעראַנץ, דער מיטגליד פון דער אַמעריקאַנער קאָמוניסטישער פאַרטיי, האָט דאָ פאַרענדיקט די אַספּיראַנטור, פאַרטיידיקט אַ דיסערטאַציע, באַקומען דעם טיטל „קאַנדידאַט פון פילאָלאָגישע וויסנשאַפטן״, און נאָך פריִער ווי קלמן מרמר איז ער שנעל צוריקגעפאָרן קיין ניו־יאָרק אין איין שרעק מ׳זאָל אים ניט אַרעסטירן.

צוואַנציק זענען דאָ די אונטערשריפטן זייערע, וואָס באַשטעטיקן, אַז יעדער פון זיי האָט באַקומען אויסגעצאָלט די חודשלעכע אַספּיראַנטישע מלוכה־סטיפּענדיע.[22] וואָס פאַר אַ שלל דערמאָנונגען וועקן אויף אין מיר זייערע אונטערשריפטן... דערמאָנונגען וועגן געשעענישן... וועגן מענטשן, וואָס די מערהייט פון זיי האָט דורכגעמאַכט דעם מאַרטירער־וועג פון ייִדישע סאָוועטישע קולטור־טוערס און זענען שוין לאַנג ניטאָ. כּמעט אַלע זענען זיי געווען יונג, איינער פעיִקער פאַרן צווייטן און מיט גרויס התמדה זיך געגרייט צו ייִדישער וויסנשאַפטלעכער טעטיקייט (זען זײַטן 266—267).

אין דער אַספּיראַנטור האָבן געלערנט אויך פרײַע צוהערערס. דאָס זענען געווען געבילדעטע פּעדאַגאָגן פון די קיִעווער ייִדישע מיטלשולן און טעכניקומס, וועלכע זענען צוליב פאַרשידענע טעמים (מערסטן טייל מחמת פּאָליטישן אומצוטרוי צו זיי) ניט אָנגענומען געוואָרן אין אינסטיטוט. צוויי פון די פרײַע צוהערערס: פאַניע ראָדאַק און בת־שבע הורביץ זענען געווען מײַנע פרײַנד, ביידע זייער באַגאַבטע און אויסערגעוויינלעך קלוגע יונגע פרויען. די ערשטע — לויטן פאַך אַ ביאָלאָג און פּסיכאָלאָג — איז אַרום 1927—1928 צוזאַמען מיט איר מאַן יצחק ראָדאַק געקומען פון קאַפּיטאַליס־טישן ריגע קיין ראַטן־פאַרבאַנד,[23] די צווייטע — בת־שבע — אַ לערערין פון ליטעראַטור און שפּראַך — פלעגט מיט אירע פעיִקייטן ממש איבעראַשן די אַנפירערס פון די סעמינאַרן.

ליבערבערג פלעגט נאָך מיט אַ באַזונדערער הנאה נאָכן ווּקס פון דעם נײַעם דור סאָוועטיש־ייִדישע אינטעלעקטואַלן, וועלכע ווערן דערצויגן אין אַנשטאַלט, מיט וועלכן ער פירט אָן.

מיר, אַלע "יונגע", פילן זײַן זאָרגעוודיקע האַנט, וואָס איז שטענדיק גרייט אַרויסצוהעלפן אין אַ שווערער מינוט, און מיר זענען פול מיט אָנערקענונג פאַר אונדזער אָנפירער.

דעמאָלט, סוף 1934, האָב איך שוין לאַנג געהאַט פאַרענדיקט די אַספּיראַנטור, זיך געקליבן אין וועג אַרײַן — בויען ביראָבידזשאַן —

22 דאָס זענען זייערע נעמען: בריאַנסקי ש., דובילעט מ., בענדאַס ד., ספּעקטאָר י., רייטער ה., שאַפּיראָ ז., פּאָמעראַנץ א., שאַפּיראָ מ., וועלעדניצקי אַ., גאָנטאַר מ., האַרצמאַן, לערנער ר., גוטערמאַן ב., קאָראָסטישעווסקי, בילענקין נ., ראָזענבערג נ., וועקסלער ד., מיילאַכס, גוטמאַן, טשודנאָווסקי, ליפּמאַן, גאָלדפאַרב ח., שטורמאַן, זאַבאַרע נ., קאַגאַן, דיאַמאַנט מ., רעמיניק.

23 כ׳האָב וועגן זיי דערציילט אין צווייטן באַנד "אויף וועגן און אומוועגן".

אַ ייִדישע מלוכה אויפן ווײַטן מיזרח, האָב איך שוין אויף זיי — דעם נאָכוווּקס אונדזערן — געקוקט ווי אַן עלטערער חבר, מיט ליבע און שטאָלץ. מיט דער מערהייט געווען האַרציק נאָענט און יאָרן לאַנג נאָכגעפאָלגט נאָך זייער ווײַטערדיקן גורל. ביז די קאָמוניסטישע פּאַרטיי האָט ניט פאַרניכטעט די ייִדישע קולטור־אַרבעט, איז די מערהייט פון זיי געווען שעפע־ריש, פּובליקירט פאָרשאַרבעטן, לערנביכער, געאַרבעט אין הויכשולן.

הגם צווישן זיי, אַזוי ווי צווישן די איבעריקע מיטאַרבעטערס פון אינסטיטוט, האָבן ניט אויסגעפעלט קיין פריקרע פאַרשוינען, און ניט איין מאָל האָבן זיי געגעבן דעם "פאַרשאַרפטן" פּאָליטישן טאָן, זענען ניט זיי כאַראַקטעריסטיש, נאָר די מערהייט, וואָס איז מיט לײַב און לעבן געווען אַרײַנגעטאָן אין פּראָבלעמען פון אַנטוויקלען די ייִדישע קולטור אין סאָוועטן־פאַרבאַנד.

און דערפאַר, ס׳־הסתם, זענען אין האַרצן פאַרבליבן דער עיקר די בעסטע, די שיִנסטע פּערזענלעכקייטן צווישן זיי.

אין אַ נויט איז אַ סקאָרינקע אויך ברויט

אַ פאָרשטעלונג וועגן דעם, ווי אַזוי ס׳איז אָרגאַניזירט געווען דאָס שטודיום פון דער אַספּיראַנטור און וועלכע וויסנשאַפטן זיי זענען מחויב געווען צו שטודירן, קען דער לייענער באַקומען פון דער אָפיציעלער מעלדונג, וואָס איז פאַרעפנטלעכט דעם 1טן פעברואַר 1930 אין ביולעטען פון אינסטיטוט פאַר ייִדישער קולטור, נומ׳ 5 (2), ז׳ 24 (זען זײַט 264).

און אָט איז נאָך אַן אָפיציעלער דאָקומענט, "דער צעטל פון די פאָרגעקומענע סעמינאַרן פאַר סענטיאַבער 1934 יאָר". געחתמעט פון דעם דעמאָלטיקן פאַרוואַלטער מיט דער לערנטייל, דעם באַקאַנטן טעאָרעטיקער פון פּעדאַגאָגיק, פּראָפעסאָר יעקב רעזניק (זען זײַט 265).

איר וווּנדערט זיך וואָס אין דער אַלגעמיינער צאָל — 104 לערן־שעהען — פאַרנעמט דער לימוד העברעיִשע שפּראַך אַזש... 2 שעה? און די געשיכטע פון די ייִדן — 6 שעה? און וואָס פאַרשריבן אין אָפיציעלן באַריכט איז נישט ייִדישע געשיכטע, נײַערט די משונהדיק פאַרקריפּלטע, אויסגעטראַכטע ווערטער "ייִדן־געשיכטע"?..

אַנדערש האָט מען ניט געטאָרט. וואָרעם לויט דער אָפיציעלער פּראָגראַם פאַר די סעמינאַרן און לויט דעם באַריכט, וואָס איר האָט נאָר וואָס געלייענט, האָבן די ייִדישע וויסנשאַפטן באַדאַרפט געגעבן ווערן אויפן שפּיץ מעסער און דער עיקר שבעיקר: לויט דער מאַרקסיסטיש־לענינסטישער אויסטייַטשונג, דאָס הייסט — בלויז אַזוי ווי דאָס האָט דערלויבט די קאָמוניסטישע לערע.

אָבער אין דער אמתן זענען די אָפיציעל געשריבענע פּראָגראַם און די באַריכטן געווען בלויז פאַר דער דרויסנדיקער נאַטשאַלסטווע, און געלערנט האָט מען גאָרניט אַזוי כּשר און זייער אָפט גאָרניט דאָס, וואָס איז געווען געשריבן אין פּראָגראַם.

טראָץ דעם וואָס יעקב רעזניק איז געווען אַרומגערינגלט מיט וואַכזאַמע אויגן ניט בלויז פון דרויסן, נאָר אויך פון אינעווייניקע פרומע לייַט, פלעגט ער, אַליין אַ תּלמיד־חכם און הייסער ייִד, ווי ווייַט עס איז נאָר מעגלעך געווען, זיך באַמיִען דאָס קאַפּעלע ייִדישע וויסנשאַפטן, וואָס מ'האָט צוגעטראָגן פאַר די אַספּיראַנטן, אַרויסצוציִען פון דעם סדום־בעטל, אין וועלכן מ'האָט זיי באַפוילן צו ליגן, און אויפן חשבון פון פּאַרטיי־געשיכטע, פון דיאַלעקטישן מאַטעריאַליזם, היסטאָרישן מאַטעריאַליזם און ענלעכע האָט מען געשמאַק געלערנט אויף די פאַרגרעסערטע צאָל שיעורים פון די ייִדישע וויסנשאַפטן.

ליבערבערג האָט וועגן דעם, פאַרשטייט זיך, זייער גוט געוווּסט און איז געווען אַן אויסגעצייכנטער צודעק פאַר די אַלע "עבירות".

דעם צעטל פון די פאָרגעקומענע סעמינאַרן האָב איך צופעליק געפונען. אין אַן אַנדער באַריכט האָט געקענט זייַן אַ ביסל מער ייִדישקייט, נאָר כאַראַקטעריסטיש פאַר יענער צייַט איז ער אָן ספק, וואָרעם אַזעלכע זענען זיי, די געפעלשטע באַריכטן, פאַרבליבן אין מייַן זכּרון. און אַגב פלעגן זיי מיך, דעם סעקרעטאַר פון דער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע, גאָרנישט שאַקירן... פאַרקערט, כ'פלעג צוזאַמען מיט די איבעריקע לעקן די פינגער פון די פאַרבאָטענע פּירות.

איר קוועטשט מיט די פּלייצעס: ווי שיקט זיך עס? און איר גיט זיכער אַ טראַכט וועגן מיר מיט פאַראַכטונג: "ווי איז מען אַזוי צביעותדיק?" און "ווי שעמט זי זיך ניט צו דערציילן וועגן דעם?!"

כ'ווייס ניט, צי עס וועט זיך מיר אייַנגעבן אייַך צו ווייַזן דעם דעמאָל־

טיקן געדאַנקגאַנג מייַנעם, מייַן אייגענעם און פון טויזנטער אַזעלכע ייִדישע קאָמוניסטן ווי איך. אָבער פּרוּוון וועל איך.[24]

מיר דאַכט זיך, אַז דאָס ערשטע און וויכטיקסטע פון וואָס איך דאַרף אָנהייבן איז פאָלגנדיקס: מיר האָבן דעמאָלט אַלץ נאָך געקוקט אויף דער פּאַרטיי ווי אויף דעם איין און איינציקן פרייַנד פון דער לייַדנדיקער מענטשהייט, און פאַרשטייט זיך, אויך פון אונדזער אייגן ייִדיש פאָלק, ווי אויף אַ מעכטיקן פרייַנד, וואָס וויל אונדזער גוטס, אָבער... דער דאָזיקער איין און איינציקער פרייַנד פון דער גאַנצער מענטשהייט אויף דער גאָרער עקספּלאָאַטאָרישער וועלט פאַרשטייט ניט אַ סך זאַכן, דעריבער באַגייט ער פאַרשידענע פעלערן, וואָס אָפט מאָל גרענעצן זיי מיט שווייַנערייַ און אַ מאָל אויך מיט פאַרברעכנס... ווי, צום בייַשפּיל, די נ.ק.וו.ד. מיר האָבן דאָך ניט געגלייבט, ריכטיקער געזאָגט, ניט געווען מסוגל און ניט געוואָלט גלייבן אין די פינצטערע אָפּגעריסענע שמועות וועגן אירע פאַרברעכנס. מיר פלעגן זיך אַליין באַרויִקן, זיך אייַנריידן, אַז דאָס טראַכטן אויס שׂונאים פון אונדזער רעוואָלוציע. אַזוי האָבן געטראַכט די פאַרליבטע אין דער רעוואָלוציע, אָבער אויך די גרעסטע אַפּיקורסים אין מייַן סביבה זענען געווען זיכער, אַז די קלאַנגען זענען גוואַלדיק איבערגעטריבן אָבער... יעדער פון אונדז האָט גלייַכצייַטיק זיך אַליין געשראָקן... "נאָר ניט אַרייַנ־

24 ווי פאַרוואַלטער מיט דער לערנטייל איז צו ערשט נאָמינירט געוואָרן גרשון גאָראָכאָוו, און (ס'איז אַ שאַנדע צו דערציילן, נאָר אַזוי איז געווען), דערנאָך האָב איך — אַן אָנפאַנגערין, וואָס דאַרף זיך נאָך אַליין אַ סך, אַ סך לערנען בײַ די פּראָפעסאָרן, מיט וועלכע איך דאַרף "אָנפירן" — אַ שטיקל צייַט פאַרנומען דעם דאָזיקן פּאָסטן. ס'האָבן ניט געהאָלפן מיינע פּראָטעסטן — אַ שטיקל מבין אויף זיך בין איך שטענדיק געווען — סוף־כּל־סוף האָט מען זיך געכאַפּט אַז דאָס היטל, וואָס מ'האָט אונדז ביידן אָנגעטאָן, איז צו גרויס אויך אויף אונדזערע פּאַרטייִשע קעפּ... און ערשט דעמאָלט האָט מען נאָמינירט אויף דעם פּאָסטן דעם מענטש, וואָס איז געשטאַנען אָן אַ שיעור העכער פון אונדז ביידן — דעם אומפּאַרטייִשן, הויך קוואַליפיצירטן געלערנטן יעקב רעזניק, וועלכן ליבערבערג האָט אַראָפּגעבראַכט פון אָדעס. אונדזער ביידנס וויכטיקע הויפּט־מעלה איז דאָך געווען דאָס, וואָס מיר זענען געווען פּאַרטיי־מיטגלידער. צי וועלן מיר זייַן אין שטאַנד אָנצופירן מיט אַזאַ וויכטיקער אַרבעט? דאָס איז שוין געווען פאַר די העכערע פּאַרטיי־אָרגאַנען אַ צווייטראַנגיקע זאַך. איז טאַקע ביז דער נאָמינאַציע פון יעקב רעזניקן די אָנפירונג מיט דער לערנאַרבעט פון די אַספּיראַנטן געווען זייער ווייט פון "ניט צו פאַרזינדיקן".

פאַלן אין די דאָזיקע אײַזערנע הענט פון אונדזער אײגענער רעוואָלוציע!..״ און דער קאַלענדאַר װײַזט דאָך ערשט די לעצטע יאָרן פון דעם צװײטן צענדליק און די ערשטע יאָרן פון דריטן צענדליק!.. די שרעק האָט זיך שוין געגעסטלט אין אונדז, הגם צו יעזשאָװס צײַטן איז נאָך געװען גאַנץ װײַטלעך...[25]

אָבער מחמת דעם פאַנצער פון אײַזערנער דיסציפּלין, אין װעלכן די פּאַרטײ פאַרשמידט יעדן פּאַרטײ־מיטגליד, מוז מען שװײַגן. שװײַגן און

25 אונדזער שרעק איז שוין דעמאָלט ניט געװען קײן אַבסטראַקטע, נײערט אַ גאַנץ ממשותדיקע. פאַקטן פון פּערזענלעכן לעבן װאָלט מען געקענט ברענגען אָן אַ שיעור, נאָר לאָמיר נעמען ניט מער װי צװײ. אונדזער חבר ראָדאַל — אַן אַקטיװער ייִדישער קולטור־טוער — איז געװען אַ טײַערער, האַרציקער מענטש און ייִד. מיר האָבן אים שטאַרק ליב געהאַט און אָפּט פאַרבראַכט צוזאַמען. אָבער װען מיר האָבן זיך דערװוּסט, אַז ער אַרבעט װי אַן אָנגעשטעלטער אין דער נ.ק.װ.ד., דוכט זיך — בלויז אויף װירטשאַפטלעכער אַרבעט, האָבן מיר אַלע װי אײנער אינסטינקטיװ, אַז ער זאָל דאָס ניט באַמערקן, אָנגעהויבן זיך אויסהיטן פון אים מיט אַן איבעריק װאָרט. דאָ מוז איך צוליב קלאָרקײט צוגעבן, אַז מיר האָבן אים, חלילה, ניט פאַראורטײלט און ניט אויפגעהערט ליב צו האָבן. דער ניט־געשריבענער דעװיז בײַ די סאַמע גלײַביקסטע פּאַרטײערס איז דאָך געװען: ״פאָרזיכטיקײט קען קײן מאָל ניט שאַטן!״.
און בלויז נאָך אײן בײַשפּיל. אין דעם הויז, װוּ מיר האָבן געװוינט ביז דער טראַגישער פּטירה פון מײַן שאָולן — אויף קרעשטשאַטיק 25, האָבן געװוינט ס׳רוב פּאַרטײ־טוערס און אויך די ייִדישע לערערין רחלע מיט איר מאַן (זײער פאַמיליע־נאָמען האָט זיך ניט פאַרהאַלטן אין מײַן זכרון) — אַ יונג פּאָרפאָלק, בײדע געקומענע פון דער פּראָווינץ, דוכט זיך פון װאַסילקאָװ, און אפשר פון ביעלאַ־צערקאָװ. כ׳האָב ליב געהאַט זיך צוצוהערן צו רחלעס פּשוטע רײד װעגן שװערן ייִדישן לעבן אין די אוקראַיִנישע שטעטלעך. כ׳האָב זײ דעמאָלט נאָך װײניק געקענט. ״הער אויף מיט דײַנע װיזיטן בײַ רחלען״, — זאָגט מיר עטלעכע מאָל מײַן שאָול. ״פאַר װאָס?״ — ״מוחל די פרײַנדשאַפט!.. ער איז אַן ענקאַװעדעשניק...״.
אין טאָג פון מײַן שאָולן — דעם געװאַגטן פון די געװאַגטע װאַרשעװער אונטערערדישע קאָמוניסטן הער איך ניט בלויז אַ שמץ פון פאַראַכטונג, נאָר אויך... בפירושן... אומרו...
איך פיל נאָך ניט קײן פאַראַכטונג צו די מיטאַרבעטערס פון נ.ק.װ.ד. אַזוי װי שאָול, חלילה, אָבער דאָך האָב איך — די קאָמוניסטקע — אויפגעהערט אַרײַנצוגײן צו די צװײ פּאַרטײ־חברים אונדזערע. שוין אַן ערך אין 1930 בין איך, הײסט עס, מסכּים מיט שאָולן: ״בעסער צו זײַן מיט זײ פון דער װײטנס...״. כ׳האָב אויסגעקליבן די צװײ פאַקטן, װײַל זײ זענען ניט קײן צופעליקע. זײ

האָבן געדולד... ביז זײ, די פּאַרטײ־אָנפירערס, װעלן פאַרשטײן[26], און דערװײַל, דערװײַל, ביז די גאולה װעט קומען, איז גאָר נישט קײן עבירה אַ מאָל צו טאָן ניט דאָס, װאָס זי, די פּאַרטײ, באַפעלט... אַז מען קען ניט אַריבער, מוז מען אַרונטער.

דעריבער האָבן אַ סך אַזעלכע װי איך — איבערגעגעבענע פּאַרטײערס — װאָס האָבן געװוּסט, אָדער צוגעלײגט די אײגענע האַנט צו דער דאָזיקער און צו ענלעכע פעלשונגען אין דער אַרבעט פון אונדזער אינסטיטוט און אין דער ייִדישער קולטור־אַרבעט בכלל, אין דעם ניט אײַנגעזען קײן צביעות. דער געדאַנקען־גאַנג אונדזערער איז דעמאָלט געװען מער־װײניקער אַזאַ: די פאַרגרעסערטע צאָל ייִדישע לימודים פאַר די אַספּיראַנטן װעט, חלילה, דער פּאַרטײ ניט שאַטן, און דאָס בויען דעם קאָמוניזם װעט עס אויך ניט פאַרהאַלטן, און פאַר מײַן אײגן פאָלק איז דאָס נײטיק, כּדי אונדזער אונטערװאַקסנדיקע אינטעליגענץ זאָל ניט װערן אויס ייִדן. אַז איך דערצײל דאָ: מ׳האָט מיט מסירת־נפש אַרײַנגעשמוגלט מער ייִדישע װיסנשאַפטן פאַר די אַספּיראַנטן, דאַרף דער לײענער װיסן, אַז ניט װעגן תּלמוד און אַפילו ניט װעגן תּנ״ך גײט דאָ אַ רײד, און ניט װעגן קײן שום װערק װאָס געהערט צו דער ייִדישער רעליגיע, װאָרעם די שמוגלערס גופא זענען דאָך אַלײן געװען אַטעיִסטן, און עס האָט זיך געהאַנדלט בלויז װעגן פאַרגרעסערן דעם כּמות און איכות פון װעלטלעכע ייִדישע װיסנשאַפטן.

אָבער דאָ פיל איך, אַז מײַן חוב איז צו זאָגן פאָלגנדיקס: װען אַפילו די אָנפירערס פון די סעמינאַרן װאָלטן זיך געהאַלטן בײַ דער אָפיציעלער מאָגערער און פאַרקריפּלטער פּראָגראַם, װאָלט דאָס אין יענע יאָרן אויך עפּעס װאָס געװען, װאָרעם אין אַ נויט איז דאָך אַ שקאָרינקע אויך ברויט.

זאָל דער לײענער ניט פאַרגעסן, אַז די פּאַרטײ־ליניע האָט דיקטירט:

זענען געװען כאַראַקטעריסטיש פאַר דער גאַנצער ייִדישער קולטור־סביבה אין קיִעװ שוין סוף צװאַנציקער אָנהײב דרײַסיקער יאָרן.

26 אגב האָט די אָפּשאַצונג אונדזערע, אַז אַפילו די אָנפירערס פון דער פּאַרטײ אין די גאָר, גאָר הויכע פענצטער זענען אַ ביסל עם־האָרציש און אַ צאָל אויך אינפאַנטיליש, אַנטהאַלטן אין זיך אַ גוטמוטיקן, אָבער אַ טיף באַהאַלטענעם ביטול צו זײ, צו די ״איװאַנעס״, צו די ״גויִישע קעפּ״: װאָס זענען ״זײ״ מסוגל צו פאַרשטײן אין אַזעלכע אײגנאַרטיקע פּראָבלעמען װי די סאָװעטיש־ייִדישע קולטור און אירע קאָמפּליצירטע ענינים?... — אָבער אַזױנס האָבן מיר זיך דערלויבט צו רײדן בלויז צװישן גאָר, גאָר אײגענע מענטשן.

פאַלן אין די דאָזיקע אײַזערנע הענט פון אונדזער אייגענער רעוואָלוציע !..״ און דער קאַלענדאַר ווײַזט דאָך ערשט די לעצטע יאָרן פון דעם צווייטן צענדליק און די ערשטע יאָרן פון דריטן צענדליק !.. די שרעק האָט זיך שוין געזעסטלט אין אונדז, הגם צו יעזשאָווס צײַטן איז נאָך געווען גאַנץ ווײַטלעך...[25]

אָבער מחמת דעם פאַנצער פון אײַזערנער דיסציפּלין, אין וועלכן די פּאַרטיי פאַרשמידט יעדן פּאַרטיי־מיטגליד, מוז מען שווײַגן. שווײַגן און

25 אונדזער שרעק איז שוין דעמאָלט ניט געווען קיין אַבסטראַקטע, נייערט אַ גאַנץ ממשותדיקע. פאַקטן פון פּערזענלעכן לעבן וואָלט מען געקענט ברענגען אָן אַ שיעור, נאָר לאָמיר נעמען ניט מער ווי צוויי. אונדזער חבר ראָדאַל — אַן אַקטיווער יידישער קולטור־טוער — איז געווען אַ טייערער, האַרציקער מענטש און ייִד. מיר האָבן אים שטאַרק ליב געהאַט און אָפּט פאַרבראַכט צוזאַמען. אָבער ווען מיר האָבן זיך דערוווּסט, אַז ער אַרבעט ווי אַן אָנגעשטעלטער אין דער נ.ק.וו.ד., דוכט זיך — בלויז אויף ווירטשאַפטלעכער אַרבעט, האָבן מיר אַלע ווי איינער אינסטינקטיוו, אַז ער זאָל דאָס ניט באַמערקן, אָנגעהויבן זיך אויסהיטן פון אים מיט אַן איבעריק וואָרט. דאָ מוז איך צוליב קלאָרקייט צוגעבן, אַז מיר האָבן אים, חלילה, ניט פאַראורטיילט און ניט אויפגעהערט ליב צו האָבן. דער ניט־געשריבענער דעוויז ביי די סאַמע גלייביקסטע פּאַרטייערס איז דאָך געווען: ״פאָרזיכטיקייט קען קיין מאָל ניט שאַטן !״.

און בלויז נאָך איין ביישפּיל. אין דעם הויז, ווו מיר האָבן געוווינט ביז דער טראַגישער פּטירה פון מיין שאָולן — אויף קרעשטשאַטיק 25, האָבן געוווינט ס׳רוב פּאַרטיי־טוערס און אויך די יידישע לערערין רחלע מיט איר מאַן (זייער פאַמיליענאָמען האָט זיך ניט פאַרהאַלטן אין מיין זכרון) — אַ יונג פּאָרפאָלק,ביידע געקומענע פון דער פּראָווינץ, דוכט זיך פון וואַסילקאָוו, און אפשר פון ביעלאַ־צערקאָוו. כ׳האָב ליב געהאַט זיך צוצוהערן צו רחלעס פּשוטע רייד וועגן שווערן ייִדישן לעבן אין די אוקראַיִנישע שטעטלעך. כ׳האָב זיי דעמאָלט נאָך ווייניק געקענט. ״הער אויף מיט דיינע וויזיטן ביי רחלען״, — זאָגט מיר עטלעכע מאָל מיין שאָול. ״פאַר וואָס ?״ — ״מוחל די פריינדשאַפט !.. ער איז אַן ענקאַווּעדעשניק...״. אין טאָן פון מיין שאָולן — דעם געוואַגטן פון די געוואַגטע וואַרשעווער אונטערערדישע קאָמוניסטן הער איך ניט בלויז אַ שמץ פון פאַראַכטונג, נאָר אויך... בפירושן... אומרו...

איך פיל נאָך ניט קיין פאַראַכטונג צו די מיטאַרבעטערס פון נ.ק.וו.ד. אַזוי ווי שאָול, חלילה, אָבער דאָך האָב איך — די קאָמוניסטקע — אויפגעהערט אַריינצוגיין צו די צוויי פּאַרטיי־חברים אונדזערע. שוין אָן ערך אין 1930 בין איך, הייסט עס, מסכּים מיט שאָולן: ״בעסער צו זיין מיט זיי פון דער ווייטנס...״. כ׳האָב אויסגעקליבן די צוויי פאַקטן, ווייל זיי זענען ניט קיין צופעליקע. זיי

האָבן געדולד... ביז זיי, די פּאַרטיי־אָנפירערס, וועלן פאַרשטיין[26], און דערווײַל, דערווײַל, ביז די גאולה וועט קומען, איז גאָר נישט קיין עבירה אַ מאָל צו טאָן ניט דאָס, וואָס זי, די פּאַרטיי, באַפעלט... אַז מען קען ניט אַריבער, מוז מען אַרונטער.

דעריבער האָבן אַ סך אַזעלכע ווי איך — איבערגעגעבענע פּאַרטייערס — וואָס האָבן געוווּסט, אָדער צוגעלייגט די אייגענע האַנט צו דער דאָזיקער און צו ענלעכע פעלשונגען אין דער אַרבעט פון אונדזער אינסטיטוט און אין דער יידישער קולטור־אַרבעט בכלל, אין דעם ניט אײַנגעזען קיין צביעות. דער געדאַנקען־גאַנג אונדזערער איז דעמאָלט געווען מער־ווייניקער אַזאַ: די פאַרגרעסערטע צאָל יידישע לימודים פאַר די אַספּיראַנטן וועט, חלילה, דער פּאַרטיי ניט שאַטן, און דאָס בויען דעם קאָמוניזם וועט עס אויך ניט פאַרהאַלטן, און פאַר מײַן אייגן פאָלק איז דאָס נייטיק, כּדי אונדזער אונטערוואַקסנדיקע אינטעליגענץ זאָל ניט ווערן אויס ייִדן. אַז איך דערצייל דאָ: מ׳האָט מיט מסירת־נפש אַרײַנגעשמוגלט מער יידישע וויסנשאַפטן פאַר די אַספּיראַנטן, דאַרף דער לייענער וויסן, אַז ניט וועגן תּלמוד און אַפילו ניט וועגן תּנ״ך גייט דאָ אַ רייד, און ניט וועגן קיין שום ווערק וואָס געהערט צו דער יידישער רעליגיע, וואָרעם די שמוגלערס גופא זענען דאָך אַליין געווען אַטעיִסטן, און עס האָט זיך געהאַנדלט בלויז וועגן פאַרגרעסערן דעם כּמות און איכות פון וועלטלעכע יידישע וויסנשאַפטן.

אָבער דאָ פיל איך, אַז מײַן חוב איז צו זאָגן פאָלגנדיקס: ווען אַפילו די אָנפירערס פון די סעמינאַרן וואָלטן זיך האַלטן ביי דער אָפיציעלער מאָגערער און פאַרקריפּלטער פּראָגראַם, וואָלט דאָס אין יענע יאָרן אויך עפּעס וואָס געווען, וואָרעם אין אַ נויט איז דאָך אַ שקאָרינקע אויך ברויט. זאָל דער לייענער ניט פאַרגעסן, אַז די פּאַרטיי־ליניע האָט דיקטירט:

זענען געווען כאַראַקטעריסטיש פאַר דער גאַנצער יידישער קולטור־סביבה אין קיִעוו שוין סוף צוואַנציקער אָנהייב דרייסיקער יאָרן.

26 אגב האָט די אָפּשאַצונג אונדזערע, אַז אַפילו די אָנפירערס פון דער פּאַרטיי אין די גאָר, גאָר הויכע פענצטער זענען אַ ביסל עם־האַרציש און אַ צאָל אויך אינפאַנטיליש, אַנטהאַלטן אין זיך אַ גוטמוטיקן, אָבער אַ טיף באַהאַלטענעם ביטול צו זיי, צו די ״איוואַנעס״, צו די ״גוייִשע קעפּ״: וואָס זענען ״זיי״ מסוגל צו פאַרשטיין אין אַזעלכע אייגנאַרטיקע פּראָבלעמען ווי די סאָוועטיש־יידישע קולטור און אירע קאָמפּליצירטע ענינים ?.. — אָבער אַזוינס האָבן מיר זיך דערלויבט צו ריידן בלויז צווישן גאָר, גאָר אייגענע מענטשן.

די דערציִונג פון דער ייִדישער יוגנט אויסהוילן פון יעדן נאַציאָנאַלן אינ־האַלט, ד״ה דערפירן זי בהדרגה צו אַ נול, און אין דער דאָזיקער סיטואַציע איז אַפילו דער לעכערלעכער מינימום דאָך געווען בעסער ווי גאָרנישט.

אַזוי האָב איך דעמאָלט געטראַכט און ביז הײַנט בין איך איבערצײַגט אין דעם, הגם מײַן איצטיקער וועלטבאַנעם איז פון מײַן דעמאָלטיקן אַזוי ווײַט, ווי דער הימל איז ווײַט פון דער ערד.

אַ בליק אַריין אינעווייניק

ווי אַזוי האָט אויסגעזען די אַרבעט אין אונדזער אינסטיטוט פון אינעווייניק? וואָס איז געווען כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם אַזוי גערופענעם וואַרשטאַט, ווו עס זענען געשאַפן געוואָרן די וויסנשאַפטלעכע אַרבעטן? ביי וועלכע באַדינגונגען איז אויסגעקומען צו פירן די אַרבעט אין די סעקציעס? וואָס פאַר אַן אַטמאָספער האָט דאָ געהערשט?

כ׳בין אין ספק צי מיר וועט געלינגען אָנצומאָלן כאָטש אַ בלאַסן בילדל וועגן דעם. ווײַל צי קען אַ מענטש, וואָס האָט ניט געלעבט אין סאָוועט־רוסלאַנד, זיך פאָרשטעלן אַזאַ זאַך: פאַרטיקע אַרבעטן, איבער וועלכע פאָרשערס און אַ מאָל אַ גאַנצער שטאַט מיטהעלפערס האָבן יאָרן לאַנג געהאָרעוועט, און מ׳האָט זיי אַפילו שוין געהאַט אָפּגעגעבן אין דרוק, זאָל מען פלוצעם אין בהלהדיקער אײַלעניש אַרויסנעמען פון דער דרוקערײַ? און ניט בלויז פאַרברענען דעם כּתב־יד, נײַערט אויך צעוואַרפן די גראַנקעס עס זאָל קיין זכר פון זיי ניט בלײַבן!

און דערפאַר האָט די ליכטיקע שײַן דערזען אַ גאָר נישטיקער טייל פון די פאָרשונג־אַרבעטן, וואָס זענען פאַרטיק געוואָרן אין אונדזער אינסטיטוט. איר דאַרפט מיר ניט גלייבן אויפן וואָרט, גיט אַ קוק אַרײַן אין ערשטן בעסטן אָפיציעלן דאָקומענט פון אינסטיטוט, וועט איר איבערלייענען מיט אייגענע אויגן, למשל, אַזעלכעס: ״די היסטאָרישע סעקציע האָט ביז מײַ 1934 איבער אַ ריי סיבות געאַרבעט שוואַך״... און ווײַטער קענט איר זיך דערוויסן, וואָס עס מיינט אויף יענעם לשון ״געאַרבעט שוואַך״:

״אַ גרויס אָרט אין דער טעטיקייט פון דער סעקציע האָט פאַר־נומען די ווייניק דאַנקבאַרע, אָבער העכסט וויכטיקע אַרבעט פון אָפּרייניקן זיך פון דער שלעכטער ירושה. דאָס האָט זיך אויסגעדריקט:

1. אינעם פאַרבראַקירן 5 ווערק, וואָס זענען געווען אָנגעמערקט אינעם פאַרלאַגפּלאַן אויף צו דערשײַנען אין 1934 יאָר...״

דאָס שרײַבט אין איר באַריכט די אָנפירונג פון אינסטיטוט. (וויסנשאַפט און רעוואָלוציע, נומ׳ 2 (6), 1935, זײַט 212) אאַז״ו, אאַז״ו.

איר זאָגט, אַז דאָס דערמאָנט אײַך די שײַטער־הויפנס פון ביכער בעת דער מיטל־אַלטערלעכער אינקוויזיציע? און אין די שוואַרצע ימי־היטלער דערמאָנט עס אײַך?

אָבער אונדזער פאַרטיי האָט אונדז געלערנט: ״אויב דו ביסט אַן אמתער באָלשעוויק, ביסטו מחויב צו העלפן פאַרניכטן מיטן שורש יעדע וויסנשאַפטלעכע אַרבעט, וואָס קען שעדיקן די אינטערעסן פון אמתן ״פּראָגרעס״, ד״ה פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע. און שעדיקן — האָט מען אונדז געלערנט — קען ניט בלויז אַ בוך, אַן אַרטיקל, נײַערט אַפילו איין אָנגעשריבן וואָרט, אויב... עס איז ניט אין איינקלאַנג מיט עפּעס שפּאָגל נײַעם באַשלוס, וואָס דער צ״ק האָט אָנגענומען.

אויב אַזאַ אַרבעט איז שוין אָפּגעדרוקט, נעמט מען זי גיך אַרויס פון פאַרקויף, און זי ווערט פאַרשוווּנדן פון די פּאָליצעס אין די ביבליאָטעקן, און אויב דו ביסט אַן אָפּגעהיטענער, ערלעכער קאָמוניסט, וואַרפסטו זי אַליין וואָס גיכער אַרויס אויך פון דײַן אייגענער פּריוואַטער ביכער־שאַפע.

זעלטן ווערט דאָס געטאָן שטילערהייט, לויט אַ שריפטלעכן באַפעל פון דעם גלאַווליט (צענזור). מערסטן טייל דאַרף אַזאַ טריפהנע ווערק, בוך, אַרטיקל ליקווידירט ווערן דורך דער ברייטער עפנטלעכער מיינונג, אויף אַ געזעלשאַפטלעכן אופן, ד״ה אויף די רעוויזיעס פון דער וויסנשאַפטלעכער פּראָדוקציע אין דעם אַנשטאַלט, ווו זי, די פּסולה־פּראָדוקציע, איז געשאַפן געוואָרן.

פּרוּווט אַ בלעטער טאָן אין די אויסגאַבעס פון אינסטיטוט, וועט אויף אײַך אַ יאָג טאָן מיט שרעק פון די ידיעות און מעלדונגען וועגן די אומ־אויפהערלעכע עפנטלעכע ״רעוויזיעס פון דער אָפּגעטאָענער אַרבעט״, פון די רעזאָלוציעס, וואָס וואַרפן אָפּ מיט פאַראַכטונג דאָס, וואָס איז נאָך נעכטן געווען אַ גרויסע דערגרייכונג. איר וועט דערזען ווי אַזוי עס שלאָגן זיך על־חטא דערפאַרענע מחברים און ווי אַזוי זיי פאַרזיכערן הכנעהדיק: ״איך וועל טאָן אַלץ, כּדי אויסבעסערן מײַנע פעלערן, איבערדערציִען זיך אַליין אין קאָמוניסטישן גײַסט...״ און נאָך: ״איך בעט די פאַרטיי־אָנפירונג זאָל מיר ה ע ל פ ן אין דעם...״ אָט די לעצטע ווערטער זענען פאַרן בעל־חטאניק געווען זייער וויכטיק, דאָס האָט באַטײַט אַז ער גלייבט אַז נאָר זי, די

פאַרטיי, ווייסט בעסער פון אַלעמען וואָס איז שעדלעך און וואָס איז נוצלעך...

אַזאַ איז געווען די אַטמאָספער, אין וועלכער מ׳האָט געשאַפן אין אַלע סעקציעס, אָבער אין דער סאָציאַל־עקאָנאָמישער און אין דער היסטאָרישער פלעגט עס דערגיין ביז אַפּאָגיי. דאָ האָבן מענטשן די גאַנצע צײַט בײַ דער אַרבעט געפיבערט, קיין מאָל ניט געווען זיכער צי באַלײַכטן זיי ״ריכטיק״ די פּראָבלעמען און געשעענישן, איבער וועלכע זיי אַרבעטן.

האַלטן זיך מענטשן אין די דאָזיקע צוויי סעקציעס ניט לאַנג, אייניקע באַמיִען זיך אַריבערצוגיין אין די קרובהשע סעקציעס, ווו די אַטמאָספער איז דאָך ניט אַזוי אָנגעשפּיזט, אַנדערע שיידן זיך אין גאַנצן מיט זייער וויסנשאַפטלעכער פּראָפעסיע. ווערט די היסטאָרישע סעקציע אויסגעליי־דיקט, און אין 1935/1934 בלײַבן דאָרט אַרבעטן בלויז 3 וויסנשאַפטלערס, איין אַסיסטענט און 3 אַספּיראַנטן.

מיר דאַכט זיך, אַז אַ מענטש וואָס האָט ניט מיטגעמאַכט און ניט בײַגעוווינט יענע צעשריענע, היסטערישע זיצונגען, פאַרזאַמלונגען, ווו די רעוויזיעס זענען פאָרגעקומען, קען קיין פאָרשטעלונג ניט האָבן וועגן דער אַטמאָספער פון אייביקן קדחת, אין וועלכער ס׳איז אויסגעקומען צו ״אַרבעטן״. ווי אַזוי די דאָזיקע אַטמאָספער פון פּחד פאַר יעדן אָנגעשריי־בענעם געדאַנק וועגן דער פאַרגאַנגענהייט און וועגן דעם הײַנט פון ייִדישן פאָלק האָט בײַ די מענטשן ניט פאַראַליזירט דעם ווילן ממשיך צו זײַן די אַרבעט, דאָס איז פאַר מיר פאַרבליבן אַ רעטעניש.

וואָס האָט זיי, די דאָזיקע מענטשן, צוגעגעבן כּוח צו זײַן שעפעריש אין דער דאָזיקער שרעקלעך אָנגעשטרענגטער אַטמאָספער? און ווי אַזוי בין איך (אַ קליין שרײַפעלע אין דעם פאַרשאָלטענעם מעכאַניזם) אין שטאַנד געווען דאָס אַלץ מיטצומאַכן? אַזוי צו לעבן? ווען איך גיב אַ טראַכט וועגן דעם הײַנט, אין דער פּערספּעקטיוו פון דער צײַט, בלײַב איך זיצן אַ דערשטוינטע: אין אָט דעם שדים־טאַנץ האָסטו מיטגעהאָפּקעט?!.. און דער ענטפער לאָזט ניט לאַנג וואַרטן אויף זיך: יאָ, כ׳האָב מיטגעטאַנצט, און ניט בלויז בעת די אַזוי גערופענע רעוויזיעס אין דער פּעדאַגאָגישער סעקציע, ווו איך האָב געלערנט און שפּעטער געפירט די פאָרשאַרבעט, נײַערט אויך בעת די רעוויזיעס אין די איבעריקע סעקציעס — כ׳האָב דאָך אויסגעפילט מײַן ״וויכטיקן פאַרטייִשן פליכט״: אַ צײַט געווען דער סעקרעטאַר פון דער פאַרטיי־אָרגאַניזאַציע אין אינסטיטוט. און איך האָב געטראָגן די

אחריות פאַר דער "פּאַרטייִשער ריינקייט" פון אַלץ, וואָס אין דאָזיקן אַנשטאַלט איז געטאָן געוואָרן.

אַזאַ איז געווען דיווירקלעכקייט און איך קלײַב זיך ניט זי צו פאַרלייקענען.

צום ווייניקסטן וויסנשאַפטלעכע פּראָדוקציע האָט פאַרעפנטלעכט די היסטאָרישע סעקציע, און נאָך ווייניקער — די סאָציאַל־עקאָנאָמישע. פאַר וואָס ?

ווײַל די פאָרשונג־אַרבעטן פון דער סאָציאַל־עקאָנאָמישער סעקציע האָבן געהאַט אַ דירעקטן שײַכות צו די אַקטועלסטע סאָציאַליסטישע "אויפטוען" פון דער פּאַרטיי אין דער ייִדישער סביבה. דאָס קענט איר אַרויסלייענען פון דעם סעקציע־פּלאַן. דאָ ווערט בפירוש אָנגעוויזן איר צילאײַנשטעלונג און די אויפגאַבעס, וואָס זי שטעלט פאַר זיך. דאָס קלינגט אַזוי :

"די סעקציע שטעלט זיך פאַר אַ ציל אויסלערנען די סאָציאַל־עקאָנאָמישע סטרוקטור און סטרוקטור־ענדערונגען (קוואַליטאַטיווע און קוואַנטיטאַטיווע), וואָס קומען פאָר איצט צווישן דער ייִדישער באַפעלקערונג, אין דער ערשטער ריי צווישן די ייִדן אין או.ס.ס.ר.".

און ווײַטער — די סעקציע :

..."קאָנצענטרירט, סיסטעמאַטיזירט און באַאַרבעט אַלע סטאַטיסטישע מאַטעריאַלן, וואָס כאַראַקטעריזירן באַזונדערע סאָציאַלע גרופּעס פון דער ייִדישער באַפעלקערונג פון אוקראַיִנע און אויך פון די ייִדן אין די איבעריקע רעפּובליקן פון ראַטן־פאַרבאַנד".[27]

און וואָס האָבן געקענט ווײַזן די דאָזיקע אויספאָרשונגען ?

בײַ דעם בעסטן ווילן פון די געלערנטע צו זינגען אַ לויבליד פאַר די "אויפטוען פון דער ראַטנמאַכט אין דער ייִדישער סביבה", האָט אויף זיי שטענדיק געלויערט די געפאַר, אַז קעגן זייער ווילן וועט זיך באַקומען דאָס גרויליקע בילד פון ייִדישן דלות, אין וועלכן די קאָמוניסטישע מאַכט האָט אַרײַנגעשלײַדערט די מערהייט פון סאָוועטישן ייִדנטום. אַ שוידערלעך בילד

27 ביידע ציטאַטן האָב איך גענומען פון דעם "פּלאַן און פּראָגראַם פון דער סאָציאַל־עקאָנאָמישער סעקציע אויף די יאָרן 1931 ביז 1933". פאַרעפנטלעכט אין ביולעטען פון דער קאַטעדרע פאַר ייִדישער קולטור, נומ׳ 5(8), יולי 1930.

פון אָרעמקייט, דעקלאַסירטקייט, רעכטלאָזיקייט און מאַסנווײַזער אויסשטאַרבונג פון דעם שטעטלדיקן ייִדנטום, (כ׳מיין אַז אין אַ גרעסערן פּראָצענט ווי בײַ אַנדערע פעלקער פון ראַטן־פאַרבאַנד).

און פאַר דעם טאַקע האָט די פּאַרטיי זיך געשראָקן, ווײַל דעם גרויסן עקאָנאָמישן בראָך, וואָס זי האָט אָנגעמאַכט צווישן סאָוועטישן ייִדנטום, איז גאָרניט כדאי געווען צו ווײַזן, און מאַכן אָביעקטיווע אויספירן אַוודאי און אַוודאי ניט...

די סאָציאַל־עקאָנאָמישע און היסטאָרישע סעקציעס אין אונדזער אינסטיטוט זענען אָבער קיין אויסנאַמען ניט געווען, אויך די רוסישע, אוקראַיִנישע און ווײַסרוסישע וויסנשאַפטלעכע אינסטיטוציעס, וועלכע האָבן זיך פאַרנומען מיט פאָרשן די געשיכטע פון רוסלאַנד און מיט סאָציאַל־עקאָנאָמישע פּראָבלעמען אין סאָוועט־רוסלאַנד, האָבן איבערגעלעבט ענלעכע פּערמאַנענטע קריזיסן, און די פּאַרטיי האָט דאָ אירע אויגן און אויערן געהאַלטן נאָך מער אָנגעשפּיצט ווי אין אַנדערע פאָרשונג־געביטן.

צי איז דען מעגלעך איך זאָל אַ מאָל פאַרגעסן די אַטמאָספער, וואָס האָט געהערשט אין דער סאָציאַל־עקאָנאָמישער סעקציע פון אונדזער אינסטיטוט ? טאָג און נאַכט איז מען דאָ געווען אָנגעשטרענגט, נערוועז ביז היסטעריע, מער נאָך ווי אין אַנדערע סעקציעס. און מערקווערדיק : מיר האָבן דאָס געהאַלטן פאַר אַ נאַטירלעכער דערשײַנונג, וואָרעם אַלע, פון עלטסטן געלערנטן ביז זײַן ייִנגסטן תּלמיד, האָבן געוווּסט : מיט יעדער ציפער, וואָס וועט געבראַכט ווערן אין זייערע אַרבעטן, שוין אָפּגערעדט פון יעדן אויספיר, וואָס דער וויסנשאַפטלער מאַכט פון די דאָזיקע ציפערן, שטעלט ער זיך אויפן ראַנד פון אָפּגרונט, אין וועלכן די פּאַרטיי קען אים אַרײַנשלײַדערן, אויב ניט הײַנט, איז מאָרגן, צוקלעפּנדיק אים דאָס שילדל : "ער פאַרשוואַרצט די סאָוועטישע ווירקלעכקייט", "רעכטער אָפּנויג", "לינקער אָפּנויג", "ייִדישער שאָוויניזם", "טראָצקיזם" אאַז"וו, אאַז"וו.

איז טאַקע אין אונדזער אינסטיטוט דער ערשטער קרבן, וועלכן די נ.ק.וו.ד. האָט פיזיש פאַרטיליקט, געווען דער אָנפירער פון דער סאָציאַל־עקאָנאָמישער סעקציע, דער טײַערער, לעבנסלוסטיקער חבר אונדזערער, י. ווייצבליט.

און דאָך...

ניט אַוועקצומאַכן מיטן האַנט

כ׳האָב שוין אַנדערש ווו געזאָגט, און דאָ וויל איך ווידער אַ מאָל זאָגן, אַז טראָץ אַלע פּאָליטישע פֿאַרצוימונגען, באַגרענעצונגען און פֿאַרקריפּלונגען, זענען פֿאָרט אין די ווענט פֿון אינסטיטוט פֿאַר ייִדישער קולטור געבוירן געוואָרן אַחוץ פּסולת, אויך ווערק פֿון אַ באַדײַטנדיקן נאַציאָנאַלן ווערט.

די ערשטע העלפֿט פֿון די 30ער יאָרן זענען יאָרן פֿון שעפֿערישן שוווּנג פֿאָרן אינסטיטוט.[28] אין די 8 סעקציעס און 7 קאַבינעטן גייט אָן אַ לעבהאַפֿטע וויסנשאַפֿטלעכע טעטיקייט. צום פּראָדוקטיווסטן האָבן געאַרבעט די סעקציעס פֿון ליטעראַטור־פֿאָרשונג, ייִדישער פֿילאָלאָגיע, פּעדאַגאָגיק און עטנאָגראַפֿיע. זייערע מיטאַרבעטערס דרוקן ערנסטע ווערק אין געביט פֿון שפּראַך און ליטעראַטור־פֿאָרשונג, פּעדאַגאָגיק, עטנאָגראַפֿיע, ביבליאָגראַפֿיע. די בעסטע עדות דערפֿון זענען די אַרבעטן (ווײַט ניט אַלע, פֿאַרשטייט זיך), פֿון אַזעלכע געלערנטע, ווי מאַקס עריק, מאיר ווינער, נחום שטיף, אליהו ספּיוואַק, משה בערעגאָווסקי, קלמן מרמר, יעקב רעזניק, דער פֿיל־געליטענער ישראל יאַכינסאָן און אַנדערע. און אין דעם האָט דעם גרעסטן חלק ליבערבערגס שרעקלאָזער ליבעראַליזם אין דער אינערלעכער אַרבעט פֿון אינסטיטוט, ניט געקוקט אויף דעם, וואָס עפּנטלעך פֿלעגט ער אין דער זעלבער צײַט אַרויסטרעטן פֿאַר הונדערט־פּראָצענטיקער קאָמוניסטישער כּשרות (האָט ער דען געמעגט אַנדערש רײדן און שרײַבן ?).

שוין דעמאָלט האָט אַ טייל ייִדישע וויסנשאַפֿטלערס אויף יענער זײַט מערב־גרענעץ הויך אָפּגעשאַצט פֿיל געדרוקטע אַרבעטן פֿון אינסטיטוט.

28 פֿאַרשטייט זיך, אַז אַלץ ווערט געטאָן אונטערן שטרענגן אויפֿזיכט פֿון דער אַלמעכטיקער צענזור און זעלטן ווען עס געלינגט זי אָפּצונאַרן.

זלמן רייזען שרײַבט וועגן דעם ביבליאָלאָגישן זאַמלבוך, וואָס דער אינסטיטוט האָט פֿאַרעפֿנטלעכט אין יאָר 1930, אַזוי : ״דער ביבליאָלאָגישער זאַמלבוך איז איינע פֿון די מאָנומענטאַלסטע אויסגאַבעס... וואָס מאַכט כּבוד דער ייִדישער וויסנשאַפֿט אין ר״פֿ. אַוועקגעקוקט פֿון דעם אומאָנגענעמען בײַטעם פֿון איר גאַנצן אָנשטעל מיט דעם קאַמף קעגן דעם ׳פֿאַשיזירטן ייִדישיזם און זײַן וויסנשאַפֿט״... (ייוואָ־בלעטער, 2, פֿאַרן יאָר 1930).

״פֿאַשיזירטער ייִדישיזם און זײַן פֿאַרשימלטע וויסנשאַפֿט״ — דאָס איז דער באַליבטער עפּיטעט, וועלכן די אָפֿיציעלע אָנפֿירונג פֿון אינסטיטוט און בתוכם די מחברים פֿון דעם זעלבן ביבליאָלאָגישן זאַמלבוך קלעפּן צו דער טעטיקייט פֿון בכּבודיקן ווילנער ייִדישן אינסטיטוט און זײַנע מיטאַרבעטערס.

הײַנט, ווען איך שרײַב די דאָזיקע שורות, דערמאָן איך זיך : ערגעץ ווו אין די אויסגאַבעס פֿון אינסטיטוט האָב איך אין אוניסאָן מיט דעם גאַנצן אָרקעסטער פֿון פּוסטע פּאָליטישע זידלערײַען, פֿאַרעפֿנטלעכט אַן אַרבעט מיט עפּיטעטן ״פֿאַשיזירטע ייִדישע פּעדאַגאָגיק״, מיט וועלכער כ׳האָב טיטולירט די בונדישע קינדער־אָרגאַניזאַציע אין פּוילן. צו דעם דאָזיקן ״געלערנטן״ אויספֿיר בין איך (דאַכט זיך, צוזאַמען מיט מאָטל קרוגליאַקן) געקומען נאָך אונדזער ביידנס אַ ״וויסנשאַפֿטלעכער״ פֿאָרשונג פֿון דער סקיפּישער קינדער־פּרעסע.

כ׳געדענק שוין ניט גענוי דעם אינהאַלט פֿון מײַנע אויספֿירן, ווײַל ווען די אַרבעט האָט דערזען די ״ליכטיקע סאָוועטישע שײַן״ (דאַכט זיך אָנהייב 1938), האָב איך שוין געלעבט אין ווײַט־ווײַטן בירעבידזשאַן און געווען אַרײַנגעדרייט אין דעם שרעקלעכן ווירוואַר פֿון משוגעדיקן קאַמף אויף לעבן און טויט, וואָס די פּאַרטיי האָט דאָרט קינסטלעך צעפֿלאַקערט קעגן אַזעלכע ״שאָוויניסטן״ ווי איך און מײַנס גלײַכן, און כ׳געדענק אַפֿילו ניט, צי כ׳האָב אַ מאָל דאָס ביכל געהאַלטן אין האַנט. אין בירעבידזשאַן האָט די אַרבעט אין קיִעווער אינסטיטוט שוין אויסגעזען אין מײַנע אויגן ווי אַ ווײַטער, זיסער חלום, און אַגב האָב איך זיך שוין געשעמט מיט די אַנטינאַציאָנאַלע אויספֿירן, וועלכע מיר, דאָרט אין קיִעוו, האָבן אַזוי פֿלײַסיק פּראָדוצירט. און וואָס איז דאָ צו לייקענען ? אַפֿילו דעמאָלט, ווען מע האָט עס געקענט אויסמײַדן. און דער אייגענער געוויסן מײַנער האָט מיך שוין דאָרט אין בירעבידזשאַן געפֿרעסן : ווען דו וואָלטסט זיך שטאַרק אָנגעשטרענגט און געווען אַ קלענערער פּחדן, האָסטו זיך דאָך געקענט אין

גאַנצן אָפּזאָגן פון דער "וויסנשאַפטלעכער" טעמע "פּאַשיזירטע יידישע פּעדאַגאָגיק"...

אָבער די באַליידיקנדיקע בילבולים שטערן ניט דעם ייִוואָ אין ווילנע אָביעקטיוו אָפּצושאַצן די פּאָזיטיווע דערגרייכונגען פון זײַנע קעגנערס אין ר"פ. דער ייִוואָ האָט שוין דעמאָלט געקענט אונטערשיידן דעם געזונטן נאַציאָנאַלן יאָדער פון דעם אַנטינאַציאָנאַלן שאָלעכץ, אין וועלכן יעדער סאָוועטיש־יידישער וויסנשאַפטלער איז געצוווּנגען דעם יאָדער אײַנצוּוויקלען.

זיי דאָרט, אין ווילנע, ניו־יאָרק, בערלין, וואַרשע האָבן מן־הסתּם גאָרניט געאַנט, וויפל מוט און כּוח זייערע קלוגע רייד האָבן צוגעגעבן דער מערהייט קיִעווער "רויטע" וויסנשאַפטלערס ממשיך צו זײַן זייערע פאָרשונג־אַרבעטן, הגם זיי זענען געווען געצוווּנגען תּיכּף אָפּצוענטפערן זייערע "שׂונאים" — "די פינצטערע יידישע שאָוויניסטן" — מיט נײַע רעוואָלוציאָנערע זידלערײַען.

***

בלויז פאַר איין יאָר 1933/1932 באַטרעפט די וויסנשאַפטלעכע פּראָדוקציע פון אינסטיטוט העכער פיר הונדערט דרוקבויגנס, ניט רעכענענדיק די אַרבעטן, וואָס זײַנע מיטאַרבעטערס פאַרעפנטלעכן אויסער דעם אינסטיטוט. שוין אויפן יאָר 1935 ווערט פלאַנירט אַרויסצולאָזן אַרום 600 דרוקבויגנס.

אַפילו אין די סעקציעס, ווו פאַרטייִשע וואַכזאַמקייט איז דערגאַנגען צו איר אַפּאָגיי און פאַראַליזירט כּמעט אין גאַנצן זייער דרוק־פּראָדוקציע, איז פאַרהעלטענישמעסיק אויך אויפגעטאָן געוואָרן ניט ווייניק. אין דער היסטאָרישער סעקציע האָט מען זיך באַין־ברירה געוואָרפן אויף קלענערע, אין פלוג צווייטראַנגיקע, ווייניקער געפערלעכע, אָבער ניט ווייניקער וויכטיקע טעטיקייטן. דהײַנו, ס'איז געמאַכט געוואָרן אַ זאַמל־אַרבעט פון דאָקומענטאַציע־מאַטעריאַלן וועגן דער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין אָנווענדונג צו די יידישע מאַסן". אין דער היסטאָרישער סעקציע שאַפט מען רײַכע קאַרטאָטעקעס מיט אַנאָטאַציעס פון מאַטעריאַלן, וואָס געפינען זיך אין די דרײַ גאָר וויכטיקע מלוכה־אַרכיוון פון קיִעוו, מינסק און מאָסקווע.

דאָ זענען אויך געשאַפן געוואָרן אַנאָטירטע קאַרטאָטעקעס פון דער יידיש־רוסישער, יידישער און העברעישער פּעריאָדיק אין רוסלאַנד, אָנהייבנדיק פון דער צווייטער העלפט 19טן יאָרהונדערט.

ליבערבערג איז ניט נאָר אַ היסטאָריקער, ער איז אויך אַן ענטוזיאַסטישער יידישער ביבליאָלאָג. ווען ער באַקומט, אין דער צווייטער העלפט צוואַנציקער יאָרן, אַ דערלויבעניש אַרויסצופאָרן צוויי מאָל (און אפשר דרײַ מאָל) קיין אויסלאַנד (שוין דעמאָלט האָבן נאָר געציילטע באַגליבטע וויסנשאַפטלערס געהאַט די דאָזיקע זכיה), כּדי צו זוכן מאַטעריאַלן פאַר זײַנע אייגענע ביכער וועגן פּראָבלעמען פון מערב־געשיכטע, באַקענט ער זיך אין לאָנדאָן און אין בערלין מיט די נײַסטע סיסטעמען און מעטאָדן פון דער ביבליאָלאָגישער אַרבעט אין די דאָרטיקע גרעסטע ביבליאָטעקן.

ווען ער קומט צוריק פון אויסלאַנד, ווערט לויט זײַן איניציאַטיוו געשאַפן דער וויסנשאַפטלעכער צענטער פאַר יידישער בוכפאָרשונג אין ראַטן־פאַרבאַנד — "די ביבליאָלאָגישע קאָמיסיע" בײַם אינסטיטוט פאַר יידישער קולטור אונטער זײַן, ליבערבערגס, פּערזענלעכער אָנפירונג.

אַ טיילווײַזע פאָרשטעלונג וועגן דער אַרבעט פון דער דאָזיקער ביבליאָלאָגישער קאָמיסיע קען געבן איר מאָנומענטאַלע אויסגאַבע, וואָס אַנטהאַלט העכער 40 דרוקבויגנס און איז איבערפולט מיט וויכטיקע מאַטעריאַלן וועגן דער געשיכטע פון דער יידישער פּרעסע און דרוק, וועגן ביבליאָטעקאָגראַפיע און ביבליאָגראַפיע און אויך מיט אינטערעסאַנטע ביבליאָגראַפישע עטיודן און רעצענזיעס.[29]

ס'וואַקסט אונטער אַ גרופּע יונגע וויסנשאַפטלערס, אויסגעשולטע אין דער אַספּיראַנטור. אייניקע פירן שוין זעלבשטענדיקע פאָרשונג־אַרבעטן, שרײַבן און דרוקן זיך, פאַרנעמען אַ באַדײַטנדיקן אָרט ווי אַסיסטענטן און דאָצענטן אין די יידישע און ניט־יידישע לערן־אינסטיטוטן. באַזונדערס אָנזעעוודיק איז זייער אָנטייל אין די וויסנשאַפטלעכע עקספּעדיציעס, וואָס דער אינסטיטוט אָרגאַניזירט. אייניקע פאָרשן די צערויִנירטע עקאָנאָמיק פון די יידישע שטעטלעך, אַנדערע פאָרשן די יידישע לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָלאָניעס אין דרום־אוקראַיִנע און אין צפון פון קרים. גאָר אַ בכּבודיקן

29 זע דעם נאָר וואָס דערמאָנטן ביבליאָלאָגישער זאַמלבוך און י. ליבערבערגס אַרבעט דאָרט א"נ "די אויפגאַבן פון דער יידישער ביבליאָגראַפיע", זייטן 9־48. פאַראַן אויך אַ באַזונדערער אָפּצוג אונטער דעם זעלביקן נאָמען, קיִעוו 1930.

אָרט פֿאַרנעמט אונדזער יוגנט אין די עקספּעדיציעס, וואָס שטעלן פֿאַר זיך פֿאַרשידנאַרטיקע אויפֿגאַבעס צו פֿאָרשן די ייִדישע שפּראַך און פֿאָלקלאָר ביי דער באַפֿעלקערונג פֿון פֿאַרשידענע ערטער אין ראַטן־פֿאַרבאַנד.

אַזוי אַרום זאַמלט דער אינסטיטוט רייכע מאַטעריאַלן, וואָס לײדער איז בלויז אַ קלײנער טייל ענדגילטיק באַאַרבעט און פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן.

אַפֿילו הײַנט, ווען כ׳שרייב דאָ די דאָזיקע שורות, טוט אַ קלעם דאָס האַרץ: ווו זענען ערגעץ אַהינגעקומען די דאָזיקע רײַכע הילפֿסמאַטעריאַלן צו דער פֿאָרשונג פֿון רוסישן ייִדנטום? צי וועלן זיי ווען עס איז אַרויסגע־ריסן ווערן פֿון דער פֿאַרפֿאַלעניש? און אפשר זענען זיי חלילה פֿאַרניכטעט געוואָרן דורך די סאָוועטישע חבלנים פֿון דער ייִדיש־סאָוועטישער קולטור?

ליבערבערג איז ניט נאָר דער אָפֿיציעלער אָנפֿירער, ער איז אויך דאָס האַרץ און נשמה פֿון דעם אַלעם. אים איז געגעבן געוואָרן די גאָט־געבענטשטע קראַפֿט פֿון באַצויבערן און מיטרײַסן מענטשן. שטענדיק האָט ער אַרום זיך אַ גרופּע ענטוזיאַסטן, וואָס אַרבעטן מיט לײַב און לעבן. די ייִנגערע זענען גרייט צו גיין פֿאַר אים אין פֿײַער און אין וואַסער.

פֿון יאָר צו יאָר וואַקסן די געלטמיטלען, וואָס די מלוכה גיט אויס אויפֿן אינסטיטוט. מיר פֿאַרמאָגן שוין אַפֿילו אַן אייגענע ייִדישע דרוקערײַ. עס דערשײַנען רעגולער אונדזערע צוויי וויסנשאַפֿטלעכע צײַטשריפֿטן.[30]

די אַרבעט פֿון אינסטיטוט ווערט הויך געשעצט דורך אונדזער דירעקטן בעל־הבית, דעם פּרעזידיום פֿון דער אַלאוקראַיִנישער אַקאַדעמיע, און דער פּראָפֿ׳ ליבערבערג ווערט אויסגעוויילט ווי „מיטגליד־קאָרעספּאָנדענט פֿון דער אַלאוקראַיִנישער וויסנשאַפֿט־אַקאַדעמיע״. נאָר איין איינציקער שטאַפּל טיילט ליבערבערגן אָפּ פֿון דעם סאַמע העכסטן וויסנשאַפֿטלעכן טיטל אין ראַטן־פֿאַרבאַנד — „אַקאַדעמיקער״. אַגב איז ער, לויט זײַנע יאָרן, דעמאָלט

30 1. די ייִדישע שפּראַך; זשורנאַל פֿאַר פּראַקטישן ייִדישן שפּראַכוויסן, רעד. נחום שטיף, קיִעוו, דערשיינט אַלע 2 חדשים. דער ערשטער נומער איז אַרויס אין 1927 — מאַרץ־אַפּריל. פֿון 1932 גייט די זעלבע צייטשריפֿט שוין אַרויס אונטער דעם קריגערישן נאָמען אָפּן שפּראַכפֿראָנט (אַ בולטער סימן פֿון פֿאַר־שאַרפֿטן אַכזריותדיקן קלאַסנקאַמף, וועלכן די פּאַרטיי פּראָקלאַמירט דעמאָלט אין דער גאַנצער סאָוועטישער וויסנשאַפֿט).

2. וויסנשאַפֿט און רעוואָלוציע, פֿערטל־יאָריקער זשורנאַל, רעד. י. ליבערבערג. דער נומ׳ 1־2 איז אַרויס אין 1934 אין קיִעוו אין דער אוקראַיִנישער וויסנ־שאַפֿט־אַקאַדעמיע.

געווען שיער ניט דער ייִנגסטער געלערנטער, וועמען די אַקאַדעמיע האָט צוגעטיילט דעם דאָזיקן הויכן טיטל. דאָס האָט מען אומעטום באַזונדערס אונטערגעשטראָכן, און אין דער ייִדישער קולטורוועלט אַרויסגערופֿן נאָך מער צופֿרידנקייט.

דער הויכער וויסנשאַפֿטלעכער טיטל פֿון דירעקטאָר גיט צו חשיבות דעם ייִדישן אַנשטאַלט, מיט וועלכן ער פֿירט אָן. די חשיבות פֿון אינסטיטוט ווערט נאָך גרעסער, ווען ליבערבערג ווערט אויסגעוויילט וויווירקלעכער מיטגליד אין פּרעזידיום פֿון דער אַלאוקראַיִנישער וויסנשאַפֿט־אַקאַדעמיע.

***

דעם דאָקומענט פֿון חודש אָקטאָבער 1934 וועגן די אויסגעצאָלטע מלוכה־סטיפּענדיעס פֿאַר 27 **אַספּיראַנטן**, וועלכע האָבן זיך געגרייט צו וויסנשאַפֿטלעכער טעטיקייט, האָט דער לייענער שוין געזען אין קאַפּיטל „נאָכוווּקס״. און אָט איז דער אָפֿיציעלער דאָקומענט פֿון דעם זעלבן חודש אָקטאָבער 1934 וועגן אויסגעצאָלטן געהאַלט פֿאַר די 76 **מיטאַרבעטערס** פֿון אינסטיטוט. אַזוי אַרום באַטרעפֿט סוף 1934 די צאָל לעגאַל באַשעפֿטיקטע מענטשן אין אינסטיטוט פֿאַר ייִדישער קולטור 103 פּערזאָן (זען זײַטן 269—271).

חוץ דעם האָט דער אינסטיטוט פֿאַרמאָגט באַדײַטנדיקע געלטפֿאָנדן אויף צו צאָלן האָנאָראַר פֿאַר אַרבעטן, וועלכע אַ ריי וויסנשאַפֿטלערס האָבן געמאַכט פֿאַר אים, ניט זײַענדיק דאָ קיין אָנגעשטעלטע.

אין דעם דאָזיקן אָפֿיציעלן דאָקומענט פֿאַר די פֿינאַנס־אָרגאַנען ווערט איר, זעלבפֿאַרשטענדלעך, ניט געפֿינען די נעמען פֿון דער גרופּע „טריפֿה״ מיטאַרבעטערס, ווייל זיי פֿלעגט מען אויסצאָלן דעם שכר אומלעגאַל, אויף פֿאַרשידענע אופֿנים, למשל: אויפֿן נאָמען פֿון אַנדערע „כשרע״ מענטשן, אָדער לויט פֿאַרשידענע פּאַראַגראַפֿן פֿון בודזשעט פֿאַר דער ווירטשאַפֿט פֿון אינסטיטוט, אאַז״וו, אאַז״וו. נויט ברעכט אײַזן, און אַפֿילו שלעסער אויך...

אונדזער הויפּט־בוכהאַלטער חיים גוסאָווסקי, דער איבערגעגעבענער מיטבויער פֿון דער ייִדישער קולטור, איז געווען דער בעסטער און פּאַסיק־סטער מיטהעלפֿער פֿון ליבערבערגן ביי די דאָזיקע פּאָליטישע פֿעלשונגען.

איינזאַמלען און אָפּהיטן

אין אַן אַנדער אָרט [31] האָב איך שוין דערציילט וועגן דעם צענטראַלן ייִדישן פּרעסע־אַרכיוו און וועגן דער צענטראַלער יודאַיִסטישער אַקאַדעמישער ביבליאָטעק, וועלכע ליבערבערגן געלינגט צו אָרגאַניזירן בײַם אינסטיטוט פֿאַר ייִדישער קולטור. כ׳האָב דאָרט דערציילט וועגן דער קאָלאָסאַלער ראָלע, וואָס די דאָזיקע צוויי אַנשטאַלטן האָבן אָפּגעשפּילט פֿאַר דער ווײַטערדיקער אַנטוויקלונג פֿון דער ייִדישער קולטור־טעטיקייט אין דעמאָלטיקן סאָוועט־רוסלאַנד. ס׳ווילט זיך ניט איבערחזרן, אָבער דאָך מוז איך דאָ נאָך אַ מאָל דערמאָנען דעם לייענער, אַז דער צענטראַלער ייִדישער פּרעסע־אַרכיוו איז דאָך אין דעם זיבן מאָל זיבן פֿאַרשלאָסענעם סאָוועט־רוסלאַנד געוואָרן, אַ דאַנק ליבערבערגס אומדערמידלעכער ענערגיע, דער איין און איינציקער קוואַל און די לעגאַלע אינסטיטוציע, ווו די ייִדישע געלערנטע האָבן געקענט האַלטן אין האַנט און לייענען די פֿאַרבאָטענע ייִדישע צײַטשריפֿטן, וואָס זענען אַ מאָל דערשינען אין צאַרישן רוסלאַנד, און אויך די פּריש־צאַפּלדיקע פּעריאָדיק, וואָס פֿלעגט דערשײַנען טאַקע איצט אין אַלע שפּראַכן כּמעט אויף דער גאַנצער פֿרײַער וועלט, ווו ייִדן האָבן געלעבט.

כ׳האָב אויך דערציילט, אַז דאָס שאַפֿן בײַם אינסטיטוט די גרעסטע יודאַיִסטישע ביבליאָטעק ווערט בײַ ליבערבערגן ממש אַן אידעע פֿיקס. ער פֿאַרבינדט זיך מיט די אַנגעזעענסטע ייִדישע און ניט־ייִדישע ביבליאָטעקן און אַרכיוון אין דער גאַנצער וועלט און באַקומט צוגעשיקט ביכער, קאָמפּלעטן פֿון צײַטשריפֿטן, דאָקומענטאַציע־קאָפּיעס, וואָס האָבן אַ שײַכות צום ייִדישן לעבן אַ מאָל און הײַנט אין די לענדער ווו זיי זענען צעזייט און צעשפּרייט.

אָבער אין סאָוועט־רוסלאַנד גופֿא ווערן אין דער זעלבער צײַט פֿאַר־פֿאַלן אַן אַ שיעור ייִדישע געדרוקטע קולטור־אוצרות, און זיי מוז מען ראַטעווען פֿון אומקום — אײַנזאַמלען אין איין אָרט, ווו זיי וועלן אָפּגעהיט און געפֿלעגט ווערן, הגם לויטן אינהאַלט זייערן זענען זיי טריף־פּסול. (עס

31 זען: אסתר רוזנטל־שניידרמן, נפתולי דרכים, ספר שני, הוצאת הקיבוץ המאוחד, תל־אביב 1972, פרק "באָבי יאַר של המילה היהודית", עמודים 295—355, אָדער אויף וועגן און אומוועגן, באַנד צוויי, תל־אביב 1978, זייטן 249—332.

רעדט זיך דאָך וועגן יודאַיִק). פֿון יענער אַרבעט מײַנער ווייסט שוין דער לייענער, אַז ליבערבערג שטעקט אָן מיט דער דאָזיקער אידעע ניט בלויז די מיטאַרבעטערס פֿון אינסטיטוט (איבער הויפּט אומפּאַרטייִשע), נײַערט אויך צענדליקער ייִדישע מענטשן פֿון די אוקראַיִניש־ייִדישע שטעט און שטעטלעך, און אַז זיי ווערן פֿרײַוויליקע זאַמלערס פֿון די ייִדישע ספרים, כּתבֿ־ידן, פּינקסים, וואָס זענען פֿאַרבליבן אויף הפֿקר נאָך דעם, ווי כּמעט אַלע רעליגיעזע אַנשטאַלטן — סינאַגאָגעס, חדרים, ישיבֿות זענען דורך דער סאָוועטן־מאַכט אַכזריותדיק פֿאַרניכטעט געוואָרן.

דער פֿאַרנעם איז אַ גרויסער און די וואָלאָנטערן זענען אַ סך. דאָס קענט איר זען אַפֿילו פֿון דער איין און איינציקער פֿון די פּילצאָליקע רשימות אין ביולעטען, נומ׳ 3—4 (6—7), 1930, וועלכע איך ברענג דאָ (זען זײַט 273).

אַחוץ דעם דערשלאָגט זיך ליבערבערג בײַ דער מאַכט אַן אָפּיציעלע דערלויבעניש אײַנצוזאַמלען אין די ווענט פֿון אינסטיטוט די ייִדישע ביכער־פֿאָנדן (אין אַלע שפּראַכן), וואָס זענען דאָס אייגנטום פֿון די פֿאַרשידנסטע סאָוועטישע קולטור־אינסטיטוציעס און זענען דאָרט "איבעריק", געפֿינען זיך אָן אויפֿזיכט און זיי דראָט אומצוקומען.

אָן דער הילף פֿון די וואָלאָנטערן — אָפּט מאָל פּשוטע ייִדישע מאַסנ־מענטשן — וואָלטן די דאָזיקע גײַסטיקע אוצרות אָן ספֿק פֿאַרפֿאַלן געוואָרן און די יודאַיִסטישע ביבליאָטעק בײַם אינסטיטוט וואָלט פֿאַרבליבן ניט מער, ווי אַ גאָר באַשיידענע ביכער־זאַמלונג.[32]

כ׳מיין, אַז אַ באַגריף וועגן דער דאָזיקער זאַמל־קאַמפּאַניע קען געבן דער פֿאָלגנדיקער באַריכט, וואָס איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין ביולעטען פֿון אינסטיטוט פֿאַר ייִדישער קולטור, נומ׳ 5 (2), דעם ערשטן פֿעברואַר 1930 וועגן די אַן ערך 30 טויזנט בענד (זען זײַטן 274—276).

32 גענויע פּרטים וועגן די דאָזיקע קאָלאָסאַלע אויפֿטוען קען דער לייענער געפֿינען אין פּראָפֿעסאָר ליבערבערגס אַרבעט "די ביבליאָטעק און דער פּרעסע־אַרכיוו פֿונעם אינסטיטוט פֿאַר ייִדישער קולטור, געדרוקט אין ביבליאָלאָגישן זאַמלבוך אונטער ליבערבערגס רעדאַקציע. אויסגאַבע פֿון אינסטיטוט פֿאַר ייִדישער קולטור בײַ דער אוקראַיִנישער וויסנשאַפֿט־אַקאַדעמיע, צענטרפֿאַרלאַג, מאָסקווע־כאַרקאָוו־מינסק 1930 זז׳ 249—265.

***

ליבערבערג און מיר אַלע זענען געווען זיכער, אַז די דאָזיקע קאָלאָסאַלע נאַציאָנאַלע אוצרות זענען אויף שטענדיק אָפּגעראַטעוועט געוואָרן פון באַרבאַרישער פאַרניכטונג... אַך, וואָס פאַר אַ ביטערן טעות האָבן מיר אָבער געהאַט!

דער אומגליק האָט ניט לאַנג געלאָזט וואַרטן אויף זיך. דעם חורבן האָב איך באַשריבן, ניין, ניט באַשריבן, נאָר באַוויינט אין מײַן "באַבי יאַר פון ייִדישן וואָרט". די ראַטנמאַכט איז אַ פּנים געווען זיכער, אַז דער סוד פון איר פאַרברעכן וועט בלײַבן אויף אייביק באַגראָבן צוזאַמען מיט די ייִדישע אוצרות.

און גראָד איצט שטופּט זיך אין מײַן זכּרון אַ פּרט, און הגם ס׳איז אפשר דאָ ניט דער געהעריקער אָרט פאַר אים, וועל איך אים פאָרט דערציילן: דאָס איז געווען אין דער הויפּטשטאָט פון דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט ביראָבידזשאַן, אָנהייב פרילינג 1936, ווען ער, דער פאָרזיצער פון דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט איז געווען ביז איבערן קאָפּ פאַרטאָן אין אָן אַ שיעור שווערע דאגות, ווען די הויפּטזאָרג איז בײַ אונדז געווען — וואָס טוט מען, כּדי די איבערוואַנדערערס זאָלן זיך ניט צעלויפן פון ביראָבידזשאַן? ווּ קריגט מען פאַר זיי אַ שטיקל דאַך איבערן קאָפּ און אַ פּענעצל ברויט פאַר די קינדער?.. — טאַקע דעמאָלט פירט ער אונדז אין די זעלטענע פרײַע מינוטן שפּאַצירן דווקא צו דער פאַרשנייטער סאָפּקע, וואָס ער האָט זיך ממש אײַנגעליבט אין איר: "איר זעט? אָט דאָ וועלן מיר אין גיכן אָנהייבן בויען די געבײַדע פאַר דער יודאַיִסטישער ביכער־זאַמלונג ... זי דאַרף זײַן די גרעסטע אין דער וועלט" — ער ציט אַרויס פון בוזעמטאַש די ערשטע פּראָוויזאָרישע סקיצע פון דער געבײדע — "דער אַרכיטעקטאָר האָט אַ סך דערפאַרונג... און ער איז פאַרליבט אין דעם פּראָיעקט!.."

הײַנט מאַטערט מיך דער געדאַנק: ס׳קען דאָך גרײַלעך געמאָלט זײַן, אַז אָט דעם דאָזיקן פריידיקן שפּאַציר אונדזערן צום צוקונפטיקן "גרעסטן ייִדישן ביכער־צענטער אויף דער ביראָבידזשאַנער סאָפּקע" האָבן מיר געמאַכט דווקא אין דעם זעלבן טאָג, ווען דאָרט, אין קיִעוו, האָט די שאַרפע האַק פון דער נ.ק.וו.ד. זיך אַראָפּגעלאָזט און אָפּגעהאַקט דעם קאָפּ פון אינסטיטוט פאַר ייִדישער קולטור, און די אוצרות זענען שוין פאַרמישפּט

געווען צו פאַרניכטונג? אָבער דעמאָלט האָט זיך דאָך נאָך ניט געהאַט דערקײַקלט צו אונדז די ידיעה. ערשט אַ ביסל שפּעטער האָבן מיר זיך אין ביראָבידזשאַן דערוווּסט, אַז די דאָזיקע שחיטה איז פאָרגעקומען טאַקע אין פרײַען פרילינג — דעם 16טן אַפּריל 1936. דער סאָוועטישער מענטש טראַכט, און די נ.ק.וו.ד. לאַכט...

אָ גאָט, ווי שנעל זענען אויסגערונען אַלע אונדזערע טרוימען צו בויען אַ ייִדישע געגנט!.. ווי קאָמיש, ווי חוזקדיק האָבן זיכער אויסגעזען אין ליבערבערגס אויגן די אייגענע פאַנטאַזיעס וועגן אַ ייִדישן וויסנשאַפטלעכן צענטער אין ביראָבידזשאַן, בעת ער האָט אַ פאַרשפּאַרטער אין דעם אַמאָליקן רײַכן לערן־אַנשטאַלט Киевский институт благородных девиц פאַר פרײַלינס פון רוסישן אַדל, געוואַרט אויף זײַן פּסק־דין!.. געוואַרט האָט ער אויף זײַן טויטאורטייל אין קיִעוו, ווײַל פון מאָסקווע, ווּ די נ.ק.וו.ד. האָט אים אַרעסטירט (האַרבסט 1936), האָט מען אים אָפּגעטראַנספּאָרטירט אין דער אוקראַיִנישער הויפּטשטאָט, אַהין, ווּ ער האָט אָפּגעטאָן אַזוי פיל "נאַציאָנאַליסטישע פאַרברעכנס" נאָך איידער ער איז געוואָרן אַ "יאַפּאַנישער שפּיאָן" אויפן ווײַטן מיזרח.

זײַן ניושע האָט ניט באַדאַרפט ווײַט גיין צו איר פאַרשפּאַרטן מאַן אויף די עטלעכע זעונגען (דאַכט זיך, אַז צוויי), וואָס מ׳האָט איר דערלויבט מיט אים צו האָבן (דעמאָלט איז נאָך אַזאַ ליבעראַליזם מעגלעך געווען). וואָרעם די געבײַדע פון דער פּראָוויזאָרישער תּפיסה, אין וועלכער די נ.ק.וו.ד. האָט פאַרוואַנדלט דעם אַמאָליקן מיוחסדיקן לערן־אַנשטאַלט מחמת דעם, וואָס די קיִעווער תּפיסות זענען דעמאָלט ניט אין שטאַנד געווען אַרײַנצונעמען אין זיך די קאָלאָסאַלע צאָל פּאָליטישע אַרעסטירטע, האָט זיך געפונען ניט מער ווי עטלעכע צענדליק טריט פון זייער אייגענער דירה, אַפילו אויפן זעלבן טראָטואַר: פון אינסטיטוטסקע נומער 5 ביז אינסטיטוטסקע 13 איז דאָך אין גאַנצן געווען עטלעכע שפּאַן!..

און וועגן נאָך אַ זאַך טראַכט איך אָפט: ...ווען ס׳וואָלט געשען אַ נס און די טיר פון זײַן פאַרריגלטער צעלע וואָלט זיך פּלוצעם אָן עפן געטאָן: "יוסף ליבערבערג, דו ביסט פרײַ, קענסט גיין וווּהין דו ווילסט!" (ס׳פלעגן דאָך טרעפן אַזעלכע נסים מיט פאַרמישפּטע אַפילו אין די פינצטערע צײַטן פון מיטל־אַלטערלעכער אינקוויזיציע...) ווען ס׳וואָלט אַזאַ נס געטראָפן, בין איך זיכער (אָ, איך קען אים, ליבערבערגן), אַז ער וואָלט געוואָנדן זײַנע ערשטע טריט ניט אויף אינסטיטוטסקע 13, צו זײַן היים, צו ווײַב און

קינד... ווי אַ פאַרהיפּנאָטיזירטער וואָלט ער אַ פאַרקערעווע געטאָן אַ קליין ביסל אויף רעכטס און געאײַלט אַהין, אויף לעוואַשאָווסקע 10, צו זײַן מלכות, וואָס ער האָט זי מיט אַזוי פיל ליבשאַפט, מיט אייגענע הענט, געבויט און געכאָליעט. דאָ וואַרטן דאָך אויף אים די ייִדישע וויסנשאַפטלערס און די אײַנגעזאַמלטע גײַסטיקע אוצרות... ער דאַרף דאָך זיי אַריבערנעמען אין דער ייִדיש־סאָוועטישער מלוכה ביראָבידזשאַן... נאָר דאָרט וועלן זיי געפינען אַ זיכערן מקום־ומיקלט...

און אָט איז ער, אַ פאַרהיפּנאָטיזירטער, שוין דאָ, ער דאַרף נאָר אָן עפן געבן די פאַראַדנע טיר פון זײַן אינסטיטוט... איך זע ווי ער שטרעקט שוין אויס די האַנט, אָבער די האַנט זײַנע בלײַבט הענגען אין דער לופט:
Украинский институт истории коммунистической партии — גיט זיך אים באַלד אַ וואָרף אין די אויגן דאָס שפּאָגל נײַע מעשענע שילדל, וואָס זאָגט אָן דער וועלט ווער ס'איז איצט דער בעל־הבית פון זײַן געבײַדע. אַן אויסגעניכטערטער אָבל בלײַבט ער שטיין מיט פאַרבראָכענע הענט — מ'דאַרף גיין זיך זעצן שיבעה נאָך דער פאַרניכטעטער ייִדישער קולטור אין לאַנד פון קאָמוניזם.

אָבער דער הורבן אין קיִעוו און דער בראָך אונדזערער אין ביראָבידזשאַן זענען געקומען אַ ביסל שפּעטער, און איצט דאַרף איך זיך צוריקקערן צו די "גאָלדענע צײַטן". כּדי צו דערציילן וועגן די ווײַטערדיקע אַנטוויקלונגען פון דער סאָוועטיש־ייִדישער וויסנשאַפט אין אוקראַיִנע און וועגן דעם וואָס יוסף ליבערבערג האָט דאָ אויפגעטאָן אין יענע טעג איידער ער איז געוואָרן דער פאָרזיצער פון דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט.

אויסנוצן אַלע אָפענע און פאַרבאָרגענע כוחות

אָדעסער פיליאַל און דער פאַרוואַלטער יעקב מערזאָן

כ'האָב שוין דערציילט, אַז ווען איך בין אין 1926 געקומען פון פוילן און זיך באַזעצט אין דער סאָוועטישער אוקראַיִנע, האָבן ספּעציאַליסטן פון ייִדישע וויסנשאַפטן געלעבט ניט בלויז אין קיִעוו, נאָר אויך אין אַנדערע אוקראַיִניש־ייִדישע שטעט, איבער הויפּט דאָרט, וווּ עס האָבן צו יענער צײַט עקסיסטירט ייִדישע טעכניקומס און ייִדישע אָפּטיילן בײַ די אוקראַיִנישע לערן־אינסטיטוטן, ד"ה אין אָדעס, כאַרקאָוו, זשיטאָמיר, ווינניצע א"אַ. אָבער דאָרט האָבן זיי זיך געמוזט באַנוגענען בלויז מיט פּעדאַגאָגישער טעטיקייט. נאָך דעם ווי די ראַטנמאַכט האָט געהאַט שוין צעפּאַגראָמירט די אַזוי גערופענע בורזשואַזע ייִדישע וויסנשאַפטלעכע אַנשטאַלטן אין קיִעוו, מאָסקווע און לענינגראַד, מיטן אויסרייד אַז זיי זענען אַנטיסאָוועטיש, האָט זעלטן ווער פון די דאָזיקע פּערזענלעכקייטן זיך פאַרנומען מיט פאָרשונג־אַרבעט, און אויב יאָ, איז עס געווען ביחידות, אויף דער אייגענער האַנט, אָפּגעריסן פון וועלכן עס איז ייִדישן וויסנשאַפטלעכן צענטער. געווען אויך אַזעלכע, וואָס האָבן מורא געהאַט זיך מודה צו זײַן, אַז זיי טוען עפּעס אַ ייִדישע פאָרשונג־אַרבעט — ניט געווען זיכער צי די אַרבעט זייערע וועט אין די אויגן פון דער ייִדסעקישער קאַטעדרע אין קיִעוו אָנערקענט ווערן פאַר געטרײַ באָלשעוויסטיש.

אַזוי ווי אין קיִעוו, זענען אויך אין די אַלע שטעט געווען מענטשן, וועלכע האָבן ניט געוואָלט גיין אויף קאָמפּראָמיסן מיט דער ייִדסעקישער שטעלונג צו ייִדישע וויסנשאַפטן, און זיי זענען אויף אייביק פאַרשטומט געוואָרן, אָבער אַזעלכע האָב איך אין מײַן פאַרטייישער באַגרענעצטקייט זעלטן ווען געזען און זיך מיט זיי ניט באַגעגנט.

און דעריבער רייד איך דאָ בלויז וועגן אַזעלכע, וואָס זענען יאָ גרייט געווען זיך צוצופּאַסן און מיטצואַרבעטן מיט דער קאָמוניסטישער מאַכט. עס האָט אָבער אויסגעפעלט די אָרגאַניזירטע האַנט, וואָס זאָל זיי סטימולירן צו שעפערישער אַרבעט, עס פעלט די אָפיציעלע פּערזאָן, וואָס זאָל זיי צוגעבן מוט און שאַפן די פּערספּעקטיוו געדרוקט צו ווערן.

יוסף ליבערבערג איז דער, וואָס נעמט אויף זיך די דאָזיקע אויפגאַבע. די קאַטעדרע האָט אָבער ניט דערווײַל קיין מעגלעכקייטן אײַנצולאַדן זיי אויף שטענדיקער אַרבעט קיין קיִעוו. דער אומגעהײַערער, גרויסער מאַנגל אין דירות איז ניט זעלטן געווען די וויכטיקע סיבה. אָבער דער געזונטער חוש זאָגט אונטער ליבערבערגן אַז מ׳קען און מען דאַרף די דאָזיקע פּאַסיווע וויסנשאַפטלערס צוריקרופן צו אַקטיווער טעטיקייט. הגם זיי מוזן דער־ווײַל בלײַבן וווינען אויף זייערע אַרבעט־ערטער, קען מען זיי פאַרבינדן מיט דער קאַטעדרע, זיי זאָלן ווערן אַ טייל פון איר.

אָדעס האָט דעמאָלט געהערט צו די סאַמע גרעסטע ייִדישע קולטור־צענטערס אין סאָוועט־רוסלאַנד. דאָ האָט געבליט אַ גאַנצע נעץ דערציִונג־און לערן־אַנשטאַלטן מיט דער ייִדישער אונטעררי‌כט־שפּראַך: קינדער־גערטנער, קינדערהיימען, יוגנטהיימען, אינטערנאַטן, פאָלקסשולן, מיטל־שולן, אָוונטשולן, פּראָפעסיאָנעלע שולן, טעכניקומס, פאַכקורסן, קלובן, און די קרוין פון זיי אַלע — דער ייִדישער אָפּטייל בײַם אוקראַיִנישן פּעדאַגאָ־גישן אינסטיטוט, ווו עס האָבן שטודירט אין דער ייִדישער שפּראַך מער סטודענטן ווי אין די איבעריקע ייִדישע קולטור־צענטערס פון לאַנד. וועגן דער אומגעהײַערער ריזעוודיקייט פון די אָדעסער פּעדאַגאָגן און דערציִערס, וועגן זייער איניציאַטיוו צו העכערן זייערע קוואַליפיקאַציעס, האָב איך נאָך געהערט אין מאָסקווע, אויף דער ערשטער מעטאָדישער קאָנפערענץ, אָנהייב 1926, ווען איך בין נאָר וואָס געקומען פון וואַרשע.

כ׳האָב אין אָדעס געלעבט בלויז עטלעכע זומער־חודשים — גלײַך נאָך מײַן אָנקומען פון פּוילן, איידער כ׳האָב זיך באַזעצט אין קיִעוו. מײַן איבעראַשונג פון דעם ייִדישן סאָציאַליסטישן יש, וואָס כ׳האָב דאָ דערזען מיט מײַנע אייגענע אויגן, איז געווען אין־לשער, וועגן אַזוינס האָב איך און אַזעלכע ווי איך, אַפילו אין חלום ניט געקענט טרוימען!.. און נאָך עפּעס האָב אַפילו איך, אַזאַ גרינע, דערשפּירט בעת כ׳בין געקומען אין באַרירונג מיט אָדעסער ייִדן: מענדעלעס רעזידענץ (ס׳איז דאָך דעמאָלט, אין 1926, נאָך אַפילו קיין 10 יאָר ניט פאַרלאָפן נאָך זײַן טויט) טראָגט נאָך אַלץ

אויף זיך דעם חותם פון זיידנס טראַדיציעס, איך זע דאָס און פיל דאָס, כאָטש מײַנע פּאַרטייִשע חברים ריידן ניט וועגן דעם. ווען כ׳בין געקומען קיין קיִעוו האָב איך תיכּף דערשפּירט די אַנדערשקייט פון קיִעווער ייִדן. יענע, דאָרט אין אָדעס, זענען מער עמכדיק, האַלטן זיך נעענטער איינער צום אַנדערן, זענען אפשר גרעבלעך, פּראָסטער, אָבער נאַטירלעכער, פּשוטער... זומער 1926 פלעגן מיך מײַנע נײַע אָדעסער חברים: באַנק־האַלטער, סטריזשאַק מיט זײַן פרוי אַסיע, מאָטל קאָטליאַר און דער עלטס־טער — אינטערעסאַנטסטער פון זיי אַלע — שלאָסבערג, פירן שפּאַצירן איבער די אָדעסער גאַסן און כ׳האָב דאָרט ניט געהערט קיין אַנדער לשון ווי ייִדיש... וועגן דער אָדעסער מאָלדאַוואַנקע איז דאָך שוין אָפּגערעדט...

פאַר מײַנע אָדעסער חברים איז דאָס אַלץ געווען אַזוי נאַטירלעך, אַז צײַטנווײַז האָב איך זיך געשעמט אַרויסצווײַזן מײַן התפּעלות, כּדי ניט אויסזען לעכערלעך אין זייערע אויגן.

צווישן די אָדעסער ייִדישע פּראָפעסאָרן, דאָצענטן און לערערס זענען דעמאָלט געווען אַ פּאָר צענדליק מענטשן, וועלכע מען האָט גוט געקענט אין גאַנצן לאַנד. אויב מײַן זכּרון פאַרפירט מיך ניט, איז דאָרט זינט אַ שטיקל צײַט געווען טעמיק אַ ייִדישע היסטאָרישע קאָמיסיע בײַם פּעדאַ־גאָגישן אינסטיטוט, און אויך אַ פּעדאַגאָגישע פאָרשונג־קאָמיסיע. אָבער איך בין מיט זיי אין באַרירונג ניט געקומען, ווײַל זומערצײַט איז די ייִדישע אָדעס געזעסן אויף די דאַטשעס בײַם ים. און צום נײַער לערניאָר בין איך שוין אַריבערגעפאָרן אויף שטענדיקער אַרבעט קיין קיִעוו. אָבער צו אָדעס זענען בײַ מיר פאַרבליבן אַ סך סענטימענטן.

פרילינג 1928 באַזוכט ליבערבערג אָדעס און אויף אַ ברייטער פאַר־זאַמלונג פון ייִדישע וויסנשאַפטלערס שטעלט ער צום באַהאַנדלען די פּראָבלעם וועגן דער צוועקמעסיקייט צו גרינדן אַ פיליאַל פון דער קאַטעדרע פאַר ייִדישער קולטור בײַ זיי אין שטאָט. די אָדעסער ייִדישע וויסנשאַפט־לערס נעמען אָן זײַן פאָרשלאָג.

שוין אין עטלעכע חדשים אַרום באַקומט ליבערבערג די דערלויבעניש פון דעם אוקראַיִנישן פאָלקס־קאָמיסאַריאַט פאַר בילדונג צו אָרגאַניזירן די דאָזיקע אינסטיטוציע. די אָפיציעלע פײַערלעכע דערעפענונג פון אָדעסער פיליאַל קומט פאָר גאָר גיך — אין דעצעמבער 1928.

דער פּרעזידיום פון דער אַלאוקראַיִנישער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע גיט צו גרויס חשיבות ליבערבערגס אויפטו. דאָס קענט איר זען פון דער ספּעצ־

יעלער באַגריסונג, וואָס די אַקאַדעמיע שיקט צו דער דערעפענונג פון אָדעסער פיליאַל (געשריבן אין אַ פּרעכטיקער ייִדישער שפּראַך). די באַגריסונג ענדיקט זיך מיט אַזעלכע ווערטער:

״די אַלאוקראַיִנישע וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע — דער העכסטער קולטור־אַנשטאַלט פון או. ס. ס. ר. — פאָלגט נאָך מיטן גרעסטן אינטערעס נאָך דער אַרבעט פון די ייִדישע וויסנשאַפטלערס סײַ אין אוקראַיִנע, סײַ אין אַנדערע רעפּובליקן פונעם פ. ס. ס. ר. די אַקאַדעמיע איז גרייט מיט אַלע מיטלען צו העלפן די ייִדישע וויסנשאַפטלערס אין זייער פּרוכטבאַרער אַרבעט.״

און נאָך ווערט אין דעם דאָזיקן דאָקומענט געזאָגט:

״סײַ די ייִדישע, סײַ די אוקראַיִנישע קולטור האָבן געהאַט אויסצושטיין אַ שרעקלעכע פאַרפאָלגונג אין דער צײַט פון צאַריזם. זאָל זשע איצט לעבן די ברידערלעכע צוזאַמענאַרבעט פון ייִדישע און אוקראַיִנישע וויסנשאַפטלערס, וואָס האָבן באַגלײַך מיט די וויסנשאַפטלערס פון אַלע פעלקער באַקומען די מעגלעכקייט פון פרײַער שאַפונג אַ דאַנק דער גרויסער אָקטאָבער־רעוואָלוציע.

פרעזידענט פון דער אַלאוקר. וויסנש. אַקאַדעמיע
אַקאַדעמיקער זאַבאָלאָטני.״

אַרום דעם פיליאַל געלינגט ליבערבערגן צו אָרגאַניזירן 24 ייִדישע פּערזענלעכקייטן. דאָס זענען געווען היסטאָריקערס, ליטעראַטור־פאָרשערס, טעאָרעטיקערס פון פּעדאַגאָגיק, פילאָלאָגן און עקאָנאָמיסטן, וועלכע האָבן געאַרבעט ווי דאָצענטן און פּראָפעסאָרן ניט בלויז אין די ייִדישע אָפּטיילן פון די אָדעסער אוקראַיִנישע אינסטיטוטן, נאָר אויך אין די אוקראַיִנישע און אין די רוסישע אָפּטיילן זייערע. אין דעם נײַ־געגרינדעטן פיליאַל האָט מען אויך אײַנגעלאַדן מיטצואַרבעטן הויך קוואַליפיצירטע פּעדאַגאָגן פון די ייִדישע טעכניקומס, מיטלשולן און פּראָפעסיאָנעלע שולן, וואָס אָדעס האָט זיי פאַרמאָגט אַ מענגע.

ווי עס פירט זיך אין אַזעלכע פאַלן, איז די פּאָליטישע כשרות פון יעדן קאַנדידאַט מיטצואַרבעטן אין פיליאַל אויך דאָ שטרענג געמאָסטן און געוווֹיגן געוואָרן הינטער די פּאַרטייאישע קוליסן. פריִער בײַ אונדז אין קיִעוו, דערנאָך אין אָדעס. און דאָך זענען כּמעט אַלע מיטאַרבעטערס, וועלכע מ׳האָט צוגעלאָזן צום פיליאַל, געווען מענטשן מיט אַ נאַציאָנאַליסטישער

פאַרגאַנגענהייט — גראָד אַזוי ווי דאָס איז געווען אין דער קיִעווער קאַטעדרע און דערנאָך אין אינסטיטוט פאַר ייִדישער קולטור. ווי אַ בײַשפּיל וועל איך אָנרופן בלויז אייניקע נעמען פון די אָדעסער: פּראָפ׳ יעקב רעזניק — דער טעאָרעטיקער פון פּעדאַגאָגיק איז געווען אַ געוועזענער בונדיסט, געשטאַמט האָט ער פון טשערנאָבילער כּלי־קודש און דער טאַטע זײַנער, וואָס געוווינט האָט ער צוזאַמען מיט אים, דעם סאָוועטישן פּראָפעסאָר, איז גאָר אַ מלמד און, דאַכט זיך, אויך אַ חזן; דער לינגוויסט אליהו ספּיוואַק איז אַ געוועזענער פּועלי־ציוניסט, אַ זון פון זייער אַ פאַרמעגלעכער, שיער ניט פון אַ ״קולאַקישער״ האַנטווערקער־משפּחה. דער ליטעראַטור־פאָרשער שלמה בילאָוו איז אַ געוועזענער בונדיסט און דערצו נאָך אַ געקומענער פון אַמעריקע;[33] דער דירעקטאָר פון דער אָדעסער מיטל־

33 הגם שלמה בילאָוו איז איצט געווען אַקטיוו אין דער לינקער פּראָלעטאַרישער שרייבער־אָרגאַניזאַציע און איז אַ גרויסער בקי אין מאַרקסיזם־לעניניזם, אַ סימן האָט איר: מען געטרויט אים צו האַלטן לעקציעס וועגן דיאַלעקטישן און היסטאָרישן מאַטעריאַליזם; מען דרוקט זײַנע אַרבעטן וועגן ריין פּאַרטייִשע וויסנשאַפטן, איז דאָך אין זײַן אַנקעטע פאַרשריבן שוואַרץ אויף ווייס, אַז ער, דער הײַנטיקער באָלשעוויק, איז נאָך בעת דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע פון 1905 אַרײַנגעטראָטן אין נאַציאָנאַליסטיש־מענשעוויסטישן „בונד״ און געהערט צו אים אַזש ביזן 1919 און, אַז געקומען צו דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי איז ער ערשט מיטן „קאָמבונד״ און דער פאַקט וואָס בילאָוו האָט שטודירט אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער, וווּ ער האָט זיך זינט 1907 געפונען אויף דער עמיגראַציע, איז אויך אַ גאַנץ מיאוסער פלעק אין זײַן ביאָגראַפיע. זײַן ליטעראַריש־לינגוויסטישע אויסבילדונג האָט ער דאָך באַקומען אין די אימפּעריאַליסטישע פאַראייניקטע שטאַטן און אין נאָרוועגיע (אגב, ער האָט באַהערשט און געשריבן ניט בלויז אין ייִדיש, רוסיש, עברית, נאָר אויך אין ענגליש, נאָרוועגיש און שוועדיש) און נאָך אַ פלעק אין זײַן ביאָגראַפיע: דאָרט, אין אַמעריקע, האָט ער זײַענדיק אַ בונדאָוויעץ, געשריבן אין דער ייִדישער פּרעסע. די אַלע פאַקטן פון זײַן פאַרגאַנגענהייט האָבן תּמיד געהאָנגען איבער זײַן קאָפּ ווי שווערע חטאים, און געדריקט אויף זײַן געמיט.

ביזן אַריבערפאָרן קיין קיִעוו האָט ער אין אָדעס אָנגעפירט מיט דער קאַטעדרע פאַר ייִדישער פילאָלאָגיע און ליטעראַטור אין ייִדישן אָפּטייל פון פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט. שפּעטער, אַלס וויסנשאַפטלעכער מיטאַרבעטער, אין דער ליטעראַרישער סעקציע פון קיִעווער אינסטיטוט פאַר ייִדישער קולטור פאַרנעמט ער זיך פלייסיק מיט פאָרשערישער אַרבעט וועגן אברהם גאָלדפאַדען, משה נאַדיר, דוד עדעלשטאַט און אַנדערע. אייניקע פאָרשונגען פירט ער צוזאַמען מיט קלמן מאַר־

שול היים הפץ פאַרמאָגט הינטער זיך אַ בולטע ציוניסטישע פאַרגאַנגענהייט; דער היסטאָריקער סטריזשאַק איז אַ מענטש, וואָס איז באַפלעקט מיט פאַרשידענע נאַציאָנאַליסטישע עבירות... אאַז״וו, אאַז״וו. מיט דער מערהייט בין איך בהדרגה באַקאַנט געוואָרן, שפּעטער צוזאַמען געאַרבעט און זיך געפריינדלט.

זאָל זיך דער לייענער ניט וווּנדערן: ווען דער פּאָליטישער אָפּקלייב וואָלט געווען נאָך שטרענגער, וואָלט פשוט אין אָדעס קיין פיליאַל ניט געבוירן געוואָרן. ווײַל אויך דאָ איז כמעט אין גאַנצן ניט געווען בנימצא

מאָר, מיט אברהם וועלעדניצקי. ער איז געווען אַ פּאַוואָליער, אָבער זייער אַן אַרבעטזאַמער.

גלייכצייטיק איז בילאָוו פּראָפעסאָר אין ייִדישן אָפּטייל פון קיִעווער אוקראַיִנישן טעאַטער־אינסטיטוט אויפן נאָמען פון ליסענקאָ און האָט באַדייטנדיקע פאַרדינסטן פאַרן אויסבילדן אַ גאַנצע פּלעיאַדע ייִדיש־סאָוועטישע אַקטיאָרן.

ער איז געווען אַ וווּקסיקער, אַ פולבלעכער און ברייטפּלייציקער, מיט אַ גרויסן רונדיקן קאָפּ. די אויגן — אַ ביסל אַרויסגעשטאַרטשעטע, אין זיי — אַ מין פאַרגליווערטע אומבאַהאָלפנקייט, פאַרלוירנקייט און צעשראָקנקייט. דער דאָזיקער אויסדרוק פלעגט אין זיי ניט פאַרשווינדן אַפילו דעמאָלט, ווען ער פלעגט אַ מאָל אַ לאַך טאָן, אָדער זאָגן אַ וויץ. ביי מיר פלעגט דער דאָזיקער קאָנטראַסט שטענדיק אַרויסרופן אַן אומהיימלעכקייט. זיין באַהאַלטענע אומרויִקייט האָט זיך ניט ווילנדיק איבערגעגעבן צו די, וועלכע האָבן אים בשעת־מעשה אָבסערווירט.

בילאָוו איז געווען אַן אָרנטלעכער, איידעלער מענטש, נערוועז מחמת זיין אומגליקלעכן פאַמיליע־לעבן — זיין פרוי, אַ פעיִקע ייִדישע לערערין פון ביאַלאַגיע — איז יאָרן לאַנג געווען גייסטיק קראַנק, יעדעס מאָל אַריין און אַרויס פון היילאַנשטאַלט. דער אומגליק איז געווען נאָך איין סיבה פון זיין שווערן געמיטצושטאַנד און אויך געלייגט אַ שטאַרקן הותם אויפן לעבן פון זייער געראָטענעם בן־יחיד.

בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט זיך שלמה בילאָוו עוואַקויִרט אויף אוראַל, געוווינט אין סווערדלאָווסק און דאָרט איז ער, לויט זיינע גרוסן, וואָס זענען דערגאַנגען צו מיר, וואַרעם אויפגענומען געוואָרן דורך דער אָרטיקער און עוואַקויִרטער רוסישער שרייבער־גרופּע.

אין קיִעוו, ווו איך בין מיט מיין משפחה צוריקגעקומען בעת דער פּאָליטישעד „אויפטייונג״ און געלעבט ביז מיין אָפּפאָרן צוריק קיין פּוילן, האָבן מיר מיינע געציילטע לעבן־געבליבענע חברים פאַרזיכערט, אַז אין 1948 האָט אים די נ.ק.וו.ד. אַרעסטירט און אַז ערגעץ ווו אין אַ סאָוועטישן צוואַנגסלאַגער האָט ער אַרום דעם יאָר 1954 אויסגעהויכט זיין צעווייטיקטע נשמה. וועגן דעם גורל פון זיין קראַנקער פרוי און איין־אייניציקן זון ווייס איך ביז היינט גאָרניט.

קיין ייִדישער וויסנשאַפטלער אָדער הויך קוואַליפיצירטער לערער אָן אַ נאַציאָנאַליסטישן עבר. און די יעניקע, וועלכע האָבן אויך געשטרעבט מיטצואַרבעטן און דאָך געבליבן אין דרויסן — אויף יענער זייַט פון דעם פיליאַל, זענען געווען נאָך מער ״טריף־פּסול״ ווי די ״גליקלעכע״, וועלכע מ׳האָט יאָ אַהער אייַנגעלאַדן.

איצט לאָמיר זען: ווער איז דער מענטש, וואָס האָט זוכה געווען באַשטימט צו ווערן אויף דעם הויכן אַמט פון אָדעסער ראָש־הפיליאַל?

ווי אָנפירער פון פיליאַל ווערט באַשטימט דער פּראָפעסאָר פון ייִדישער געשיכטע יעקב מערזאָן. ער איז דעמאָלט זייער פּאָפּולער און באַליבט בייַ די אָדעסער פּעדאַגאָגן און סטודענטן. מערזאָן איז געווען אַ פאַרבנרייַכע פערזענלעכקייט מיט גרויסער ערודיציע... אָבער זייַן פאַרגאַנגענהייט?! זי איז געווען פול מיט סודות. וועגן דעם עבר זייַנעם זענען אַרומגעגאַנגען פאַרשידענע סתירהדיקע קלאַנגען, און דאָס האָט דעם נאָמען יעקב מערזאָן געמאַכט נאָך מער צוציִענדיק פאַר דער ייִדישער אינטעליגענץ, איבער הויפּט פאַר ייִדישע לערערינס און זייַנע סטודענטקעס. גענוי ווייסן מיר דעמאָלט גאָר ווייניק וועגן זייַן נעכטן, נאָר דאָס וואָס איז אויף זיכער באַוווּסט, איז אויך שוין גענוג ״אויפטרייסלענדיק״. גענוג צו זאָגן, אַז די ייִדיש־סאָוועטישע מענטשן ווייסן, אַז יעקב מערזאָן — דער וואָס איז איצט — אין יאָר 1928 — אַ קאָמוניסטישער פּראָפעסאָר אין אָדעס איז אין יאָר 1912 צי 1914 עולה געווען קיין ארץ־ישראל און אַז דאָרט האָט ער אָנטייל גענומען אין דער ציוניסטישער פּרעסע, און כאילו אָנגעשריבן אַ העברעיִשן לערנבוך פאַר קינדער, צי גאָר אַ בוך געשיכטע פון ייִדן.

איז ווי קומט אַזאַ קאָנטררעוואָלוציאָנערער ציוני צו אונדז?... ווייַזט זיך אַרויס, אַז מיט דער צייַט איז אָט די דאָזיקע פיגור מגולגל געוואָרן — טאַקע נאָך דאָרט, אין פּאַלעסטינע גופא — אין אַ פאַרברענטן שונא־ציון... צוגעשטאַנען, צי גאָר געווען איינער פון די מיטגרינדער פון די ״מאָפּסן״ (פּאַלעסטינער קאָמוניסטישע פּאַרטיי). און נאָך גייען שמועות, אַז ווען ער האָט מיט אַ קלאַפּ אין טיר פאַרלאָזט פּאַלעסטינע, האָט ער אין מערב־אייראָפּעיִשע שטעט געפירט אַ צעלייגערישע אַרבעט קעגן ציוניסטישע צוזאַמענפאָרן, אויף קאָנפערענצן און אַזוי ווייַטער און ווייַטער...

מיר האָבן אויך געוווּסט, אַז מערזאָן איז געקומען אין לאַנד פון די ראַטן ניט מיט קיין ליידיקע הענט. ער האָט שוין געהאַט הינטער זיך אויך אַנטיציוניסטישע, פּראָסאָוועטישע געדרוקטע אַרבעטן. צווישן אַנדערע איז

אין 1922 אין ווין אין פאַרלאַג "פּראָמאַכאָס" דערשינען זײַן בוך: י. מערזאָן סאָוועט־פּאָליטיק צווישן די ייִדישע מאַסן, I זאַמלונג. כּדי צו דערווײַזן די פּאָזיטיווע נאַציאָנאַלע פּאָליטיק פון דער ראַטנמאַכט בנוגע דעם סאָוועטישן ייִדנטום האָט דער מחבר דאָ צונויפגעזאַמלט אָפיציעלע סאָוועטישע דאָקומענטן און דעקרעטן.

אין דעם בוך איז פאַראַן אַ פאָרוואָרט פון צונויפשטעלער י. מערזאָן... דער אינהאַלט פון פאָרוואָרט: קאַמף קעגן די ציוניסטן און ייִדישע נאַציאָנאַליסטן, וועלכע טרײַבן רכילות אויפן ראַטן־פאַרבאַנד.

וועגן אַנדערע זײַנע אַרבעטן האָבן אַזעלכע ווי איך געגוי ניט געוווסט, אָבער פאַר אַלעמען איז געווען קלאָר, אַז אַרײַנגעלאָזן האָט מען אים קיין ראַטן־פאַרבאַנד אַ דאַנק זײַן שאַרפער אַנטיציוניסטישער טעטיקייט און אַז אין זכות פון זײַנע אויסלענדישע פאַרדינסטן האָט ער דאָ באַקומען ניט בלויז דאָס רויטע פאַרטייביכעלע, נאָר אויך דעם הויכן טיטל "פּראָפּעסאָר פון געשיכטע".

וויפל אמת און וויפל פאַנטאַזיע האָט געשטעקט אין די מעשׂיות וועגן זײַן ציוניסטישער פאַרגאַנגענהייט איז דעמאָלט געווען אַ סוד פאַרן עולם, אַחוץ, פאַרשטייט זיך, פאַר דער אַלץ ווייסנדיקער נ. ק. וו. ד.

ס'זענען אָבער אַרומגעגאַנגען אויך אַנדערע שמועות: אַז מערזאָן, דער איצטיקער קאָמוניסט, איז אין האַרצן פאַרבליבן אַ הייסער ייִד און... אַ ציוניסט. און אַז דאָס איז קיין סוד ניט פאַר אַ טייל פון דער נאַציאָנאַליסטיש געשטימטער אָדעסער ייִדישער אינטעליגענץ, מיט וועלכער ער איז מערוויניק אָפנהאַרציק... אָבער פאַר אַזעלכע ווי מיר, גלייביקע קאָמוניסטן, פאַרהוילן זיי דעם סוד.

און אָט אים, דעם איינגעהילטן אין משונהדיקע סודותפולע שמועות, האָט מען אַרויסגעוויזן אַזאַ צוטרוי?!.. באַשטימט אַלס אָנפירער פון אָדעסער פיליאַל?

די סאָוועטיש־ייִדישע וועלט, איבער הויפט די קיִעווער, איז געווען איבערראַשט: לייב אַבראַם, דער אומקאָמפּראָמיסלעכער, דער שטרענגסטער און וואַכזאַמסטער צווישן די ייִדסעקן, איז אײַנגעגאַנגען אויף דער דאָזיקער פּסולער קאַנדידאַטור? אויף דעם, וואָס האָט אַ מאָל באַטראָטן די פּאַלעסטינער ערד?! כ'ווייס ניט צי דער לייענער ווייסט, אַז אַבראַם, דער געוועזענער בונדיסט, איז דאָך דעמאָלט געווען דער פאַרוואַלטער פון דער ייִדסעקציע אין אָדעסער קרײַזישן קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער

פּאַרטיי. אָבער ל. אַבראַם, דער האַרטער דיקטאַטאָר איבער ייִדישע ענינים, איז איצט געשטעלט געוואָרן פאַר אַ געשעענעם פאַקט, וואָרעם ליבערבערג האָט די פּאַרטיקע נאָמינאַציע פון מערזאָנען מיטגעבראַכט מיט זיך קיין אָדעס דירעקט פון... די הויכע פענצטער אין קיִעוו. און ווער ווייסט עס ניט, אַז דער פּרעזידיום פון דער אַלאוקראַיִנישער אַקאַדעמיע מעג באַשטימען געלערנטע אויף אַזעלכע הויכע אַמטן בלויז און נאָר מיט דעם הכשר פון דער הויפּטאָנפירונג מיט דער אַלמעכטיקער נ. ק. וו. ד.?! און ווײַל דער נ. ק. וו. ד. איז ניט שייך צו שטעלן קיין קשיות, און פירן וויכוחים מיט איר אַוודאי און אַוודאי ניט, האָט אַבראַם דעם ביטערן פּיל דערווײַל געמוזט אַראָפּשלינגען...

צוריקקומענדיק פון אָדעס האָט ליבערבערג מיט עטלעכע קאָמישע באַוועגונגען אונדז אָפּגעשפּילט אַ קליינינקן ספּעקטאַקל, ווי אַזוי דער חבר אַבראַם, דערהערנדיק די דאָזיקע בשׂורה, איז געוואָרן ניט בלויז דערשטוינט, נאָר ממש צעטומלט... אָבער דערווײַל איז ער אָנמעכטיק און ער מוז דערלאָזן דעם "פאַרבאַהאַלטענעם ציוניסט" צו אָט דעם אידעאָלאָגיש הויכן פּאָסטן. כ'זאָג "דערווײַל", וואָרעם שוין אין אַ קורצער צײַט אַרום האָט מען אין מערזאָנס לעקציעס און שריפטן סוף־כּל־סוף געפונען דאָס, וואָס מ'האָט געזוכט: "שרײַענדיקע נציאָנאַליסטישע חטאים", און אויף אים האָבן זיך אָנגעהויבן שיטן איין רדיפה נאָך דער אַנדערער. זײַן ווײַטערדיק לעבן איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ לאַנגער קייט פון טראַגישע סיטואַציעס און מאָראַלישער פּײַן. אָבער די פּערזענלעכקייט יעקב מערזאָן — דאָס איז שוין אַ טעמע פאַר זיך און איך וועל וועגן אים דערציילן אַ ביסעלע ווײַטער.

דאָס וואָס ליבערבערג האָט אונטערגערוקט דעם פּרעזידיום פון דער אַקאַדעמיע מערזאָנס אָדיאָזע קאַנדידאַטור, און ניט קיין אַנדערע, מער כּשרע, באַווײַזט נאָך אַ מאָל אויף זײַן שרעקלאָזיקייט און פּאָליטישער "הפקרות" בעת עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן דער אַנטוויקלונג פון דער ייִדיש־סאָוועטישער וויסנשאַפט.

דער נײַ־נאָמינירטער פאַרוואַלטער פון אָדעסער פיליאַל פאַרעפנטלעכט זײַן אָפיציעלע פּאָליטישע דעקלאַראַציע, און פאָרמעל איז זיך ניט געווען וואָס צו טשעפּען צו איר. קלאָר און דײַטלעך פאָרמולירט ער זײַן הונדערט־פּראָצענטיקן באָלשעוויזם בײַם אָפּשאַצן די ייִדישע וויסנשאַפטלעכע אַרבעט, וואָס איז ביז איצט געטאָן געוואָרן; דאָס קלינגט בײַ אים אַזוי: "די ייִדישע וויסנשאַפטלערס טרעטן צו צום באַאַרבעטן געביטן, אין וועלכע

ס׳האָבן דורות לאַנג געאַרבעט אויסשליסלעך אָפּאָרטוניסטיש־נאַציאָנאַליס־
טישע געלערנטע״. און ווײַטער גייט די אויפגאַבע, וואָס מערזאָן שטעלט
פאַר די סאָוועטיש־ייִדישע וויסנשאַפטלערס בכלל און בפרט פאַר די פון
אָדעסער פּיליאַל: ״עס פאָדערט זיך פון זיי אַ גוואַלדיקע אָנשטרענגונג און
מאַרקסיסטישע פאַרהאַרטעוועטקייט, כּדי ניט אַראָפּצונידערן אינעם ׳שכנות־
דיקן׳ זומפּ. זייער פּאָזיציע דאַרף פון להתחלה אָן זײַן אַ קעמפערישע.
זיי דאַרפן איבערבויען די וויסנשאַפט, וואָס איז ביז איצט געשטאַנען אויף
בורזשואַז־אידעאַליסטישע יסודות און פאַרפעסטיקן דאָרט די מאַרקסיסטיש־
לעניניסטישע אידעאָלאָגיע״ (זע יעקב מערזאָן, ״אונדזער קולטור־יאָנטעוו״ אין
אָדעסער אַרבעטער, נומ׳ 14 (37), **דעצעמבער** 1928).

אין לייב אַבראַמס אָדעסער ייִדישן מלכות איז די **דערעפענונג פון**
פּיליאַל פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ וויכטיקער אידעאָלאָגישער געשעעניש,
און ער, דער באַליידיקטער בעל־הבית מוז דאָך אין דער עפנטלעכקייט
באַגריסן די געלערנטע, צו וועלכע ער — דער וואַכזאַמסטער פון די וואַכ־
זאַמע — האָט קיין טראָפּעלע צוטרוי ניט. רעדט ער טאַקע מיט פאַרשטשע־
מעטע ציין, אָבער ס׳באַקומט זיך קלאָר און דײַטלעך: איך גלייב אײַך
ניט!.. נאָר איך האָף, אַז איר וועט מיך, דעם באָלשעוויסטישן בעל־הבית
אײַערן, ניט פאַרראַטן און אַז איר וועט ניט פאַרראַטן די אַלוועלטלעכע
רעוואָלוציע!.. ״לאָמיר האָפן״ — ענדיקט ער זײַן מאמר — ״אַז אונדזערע
וויסנשאַפטלער וועלן זייער אַרבעט און חוב אויספילן ערלעך און איבער־
געגעבן פאַרן זיג פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע אין דער גאַנצער
וועלט״ (אָדעסער אַרבעטער, נומ׳ 14 (37) **פאַרן 10טן דעצעמבער** 1928).

ס׳קען קלינגען ווי אַן אַנעקדאָט, אָבער ס׳איז אַ פאַקט — די זעלביקע
נ. ק. וו. ד., וועלכע אַבראַמס האָט געהאַלטן פאַר ניט גענוג וואַכזאַם, האָט
אים, אַבראַמסן, אַרעסטירט פריִער פאַר אָדעסער וויסנשאַפטלערס און הגם
ער האָט צופעליק באַקומען אַ ״קליינע״ שטראָף — פאַרמישפּט געוואָרן
ווייניקער ווי אויף 10 יאָר, איז נאָך דעם ווי ער איז געקומען צוריק פון
לאַגער, דער גורל זײַנער געווען ניט ווייניקער (אַפילו מער) טראַגיש ווי
פון די ייִדטוערס, איבער וועלכע ער האָט אַזוי שטרענג רעגירט אין די
״גוטע״ יאָרן.

אין דעם זעלביקן אָדעסער אַרבעטער, נומ׳ 22, **פאַרן יאָר 1928 דער־**
שײַנט אויך אַ הייסער אַרטיקל פון דעם פּראָפעסאָר קאַפּאָוויטש, וועלכער
איז באַשטימט ווי אָנפירער פון דער סאָציאַל־עקאָנאָמישער סעקציע פון

פּיליאַל. גאָר גיך האָט אים ליבערבערג אַריבערגעפירט קיין קיִעוו און דאָ
האָט מען אים באַשטימט ווי אָנפירער מיט דער סאָציאַל־עקאָנאָמישער
סעקציע פון קיִעווער אינסטיטוט. מען האָט דאָך געמוזט אויספילן דעם
פּוסטן אָרט, וואָס איז פאַרבליבן נאָך דעם אַרעסטירטן ווייצבליטן — איינעם
פון די סאַמע ערשטע קרבנות צווישן די ייִדישע קולטור־טוערס. קאַפּאָוויטש
איז געווען פּראָפעסאָר פון פּאָליט־עקאָנאָמיע אויך פון כאַרקאָווער אוניווער־
סיטעט. אין גיכן האָט מען אויך קאַפּאָוויטשן אַרעסטירט, זײַן פרוי קאַטיע
איז אַריבערגעפאָרן קיין כאַרקאָוו. כ׳געדענק ניט, צי האָט ער זיך פון
לאַגער צוריקגעקערט.

***

אין די פיר סעקציעס, וואָס ווערן אָרגאַניזירט אין אָדעסער פּיליאַל —
ליטעראַריש־לינגוויסטישע, פּעדאַגאָגישע, היסטאָרישע און סאָציאַל־עקאָ־
נאָמישע הייבט זיך אָן אַ לעבהאַפטע פאָרשונג־אַרבעט. די גאַנצע אַרבעט
ווערט, נאַטירלעך, געפירט מיט אַ סך הויכע פראַזעס קעגן ייִדישן נאַציאָ־
נאַליזם, קעגן ציוניזם, קעגן דער רעאַקציאָנערער ייִדישער וויסנשאַפט
אַאַז״וו, אאַז״וו. אָבער דאָס איז דאָך געווען דער אַלגעמיינער סטיל פון דער
גאַנצער ייִדישער און ניט־ייִדישער קולטור־אַרבעט אין ראַטן־פאַרבאַנד,
און נאָר אַזאַ איז דערלויבט געווען מצד דער פּאַרטיייִשער אָנפירונג. און
יעקב מערזאָן האָט ניט געקענט זײַן קיין אויסנאַם, אַפילו ווען ער זאָל
עס וועלן.

אַ פרישער ציטראָם פון סאָוועטיש־ייִדישער וויסנשאַפטלעכער טעטי־
קייט הייבט אָן צו פּולסירן ניט בלויז אין די קאַבינעטן פון פּיליאַל, נײַערט
אויך אין דער עפנטלעכקייט. עס ווערן אָרגאַניזירט אָפענע זיצונגען פון
פּיליאַל און זיי ציִען צו אַן עולם פון געלערנטע, פּעדאַגאָגן און סטודענטן.
אויף די פאָרטראָגן וועגן ייִדישער געשיכטע און געשיכטע פון דער ייִדישער
ליטעראַטור זענען די אוידיטאָריעס פון פּיליאַל שטענדיק איבערגעפולט.

די מיטאַרבעטערס פון פּיליאַל פירן אויך אָן מיט סעמינאַרן פון ייִדי־
שער שפּראַך, געשיכטע און ליטעראַטור, וואָס העלפן דער ייִדישער לערער־
שאַפט בעסער צו פירן זייערע לימודים אין די פילצאָליקע ייִדישע לערן־
אַנשטאַלטן, וואָס האָבן דעמאָלט געבליט אין אָדעס און אַרום אָדעס. איי־
ניקע מיטגלידער פון פּיליאַל פלעגן אויך אָנטייל נעמען אין די אַרויספאָר־

סעסיעס אין די קלענערע שטעט מיט אַ גרויסער ייִדישער באַפעלקערונג, וואָס דער אינסטיטוט אונדזערער פלעגט אָרגאַניזירן. אַ ביסעלע געניטער וועגן די סעסיעס דערצייל איך אויף די ווײַטערדיקע זײַטלעך.

מיט דער צײַט געלינגט ליבערבערגן אַריבערצוברענגען אַ טייל וויסנשאַפטלערס פון אָדעסער פיליאַל אויף שטענדיקער אַרבעט אין קיִעווער אינסטיטוט (אליהו ספּיוואַק, יעקב רעזניק, ש. בילאָוו, י. קאַפּאָוויטש און אַנדערע). די וואָס זענען געבליבן אין אָדעס פלעגן פאַרעפנטלעכן זייערע שאַפונגען אין די אויסגאַבעס פון אינסטיטוט.

***

בעת אונדזערע באַגעגענישן — זעלטענער אין אָדעס, אָפטער ווען ער פלעגט קומען קיין קיִעוו — האָבן מיר וועגן זײַן ווײַטער פאַרגאַנגענהייט, ד״ה וועגן זײַן לעבן ביז ער איז אָנגעקומען קיין ראַטן־פאַרבאַנד, פאַרשטייט זיך, כּמעט קיין מאָל ניט גערעדט. כ׳זאָג ״פאַרשטייט זיך״, ווײַל מערזאָן איז ניט געווען קיין אויסנאַם, וואָרעם פונקט אַזוי האָט קיינער פון מײַן סביבה דעם אייגענעם נעכטן ניט דערמאָנט — אין שטוב פון אַ געהאַנגענעם דערמאָנט מען ניט דאָס וואָרט ״שטריק״. און אויך וועגן דעם וואָס מיט מערזאָנען איז פאָרגעקומען שפּעטער, נאָך דעם ווען די ייִדישע וויסנשאַפטלעכע טעטיקייט איז אין די דרײַסיקער יאָרן ברוטאַל פאַרניכטעט געוואָרן, האָב איך און מײַנע חברים אין ביראָבידזשאַן (זינט אָנהייב 1935) געהערט זייער ווייניק.

און ערשט אין מדינת־ישׂראל האָב איך זיך דערוווּסט, אַז דאָ לעבן מענטשן, וואָס האָבן אים געקענט, און דאָ בין איך געוואויר געוואָרן איבערראַשנדיקע פּרטים, וואָרעם דאָ, ווײַזט זיך אַרויס, איז וועגן מערזאָנען פאַרהעלטענישמעסיק אַ סך געשריבן געוואָרן.

פון די מאמרים האָב איך זיך דעוווּסט איינצלהייטן סײַ וועגן זײַן פּועלי־ציוניסטישער, סײַ וועגן זײַן שטורמישער אַנטיציוניסטישער טעטיקייט אין ארץ־ישׂראל און אין אייראָפּע ביז זײַן קומען קיין ר״פ.

און הגם איך האָב געלעבט אין סאָוועט־רוסלאַנד ביזן 1958 יאָר, האָב איך ערשט דאָ זיך דערוווּסט וועגן דעם פּײַנלעכן תּשובה־וועג, וואָס ער, דער מאַרטירער, האָט דאָרט דורכגעמאַכט: געלעבט אין גרויס נויט, געוואָרן פרום, געלערנט תּורה, און איינשטעלנדיק זײַן לעבן געהיימערהייט גע־

לערנט מיט סאָוועטיש־ייִדישער יוגנט העברעיִש און תּנ״ך, געשריבן אויסגעבענקטע ציון־לידער, געיאָמערט אויף דעם ביטערן גורל פון ייִדישן פאָלק, איבערגעלעבט אַ גײַסטיקע דעפּרעסיע און געשטאָרבן, אַז זײַנע אַמאָליקע חברים אין ארץ־ישׂראל זאָלן זיך דערוויסן וועגן זײַן צוריקקומען צום אייגענעם פאָלק.

ניט בלויז איך האָב וועגן דעם דאָרט ניט געוווּסט. ניט געוווּסט האָבן אַלע פון מײַן סביבה, ד״ה די רעשטלעך פון די לעבן־געבליבענע ייִדישע קולטור־טוערס. דאָ האָט איר פאַר זיך נאָך אַ באַווײַז, אַז צום ווייניקסטן ווייסן וועגן דעם, וואָס עס טוט זיך אין סאָוועט־רוסלאַנד — אירע אייגענע בירגערס.

דעם גרעסטן רושם האָט אויף מיר געמאַכט די דערציילונג פון שלמה יהלומי ״יעקב מאירזון ודרך תּשובתו״, וואָס מײַנע פרײַנד האָבן מיר געשענקט.[34]

די ידיעות וועלכע זענען אָנגעגעבן אין די אַרבעטן וועגן אים זענען פאַרשידנאַרטיקע, פאַראַן אויך סתּירותדיקע ווערסיעס. וועלכע זענען ריכטיקע? מ׳דאַרף זיי אויספאָרשן, פאַרגלײַכן און פעסטשטעלן דעם אמת. איינע פון די ווערסיעס איז אויך פאַראַן אין לעקסיקאָן פאַר ייִדישער ליטעראַטור.[35]

מיט אייניקע יאָר צוריק איז פון אָדעס עולה געווען מײַן פרײַנד, דער ייִדישער פּעדאַגאָג און פילאָלאָג חיים חפץ.[36] ער האָט אַ צײַט מיטגעאַרבעט

34 ש. יהלומיס אַרבעט איז דערשינען אין דער תּל־אביבער טאָגצייטונג דבר אין המשכים: דעם 28 דעצעמבער 1956, דעם 4 יאַנואַר 1957 און דעם 11 יאַנואַר 1957, דעמאָלט, ווען איך האָב נאָך געלעבט אין סאָוועט־רוסלאַנד.

35 זע לעקסיקאָן פון דער נייער ייִדישער ליטעראַטור, ניו־יאָרק 1963, באַנד ל—מ, זײַטן 414—415. דאָ וועט דער לייענער געפינען אויך די ביבליאָגראַפיע פון מערזאָנס (יעקב ש. מאירזאָן) פאַרעפנטלעכטע אַרבעטן אין פּעטערבורג, וואַרשע, ווין, אין פּאַלעסטינע און אין דער סאָוועטישער פּרעסע.

36 חיים חפץ — דער אסיר ציון — האָט לאַנגע יאָרן דאָרט, אין די שווערסטע באַדינגונגען, איינשטעלנדיק זיין לעבן, סיי פאַר זיין פאַרשיקונג, סיי נאָך דעם ווי ער איז באַפרייט געוואָרן פון לאַגער, געאַרבעט איבער זיין „לעקסיקאָן פון העברעיִזמען אין דער ייִדישער שפּראַך״. דער כּתב־יד געפינט זיך איצט ביי אונדז אין מדינת־ישׂראל און דאַרף אין גיכן פאַרעפנטלעכט ווערן. מיין פריינד חפץ האָט שוין באַוויזן אין דער צייטשריפט העבר כ״א און כ״ב צו פּובליקירן זייער אינטערעסאַנטע זכרונות וועגן דער סאָוועטיש־ייִדישער בילדונג־און דערציִונג־

און זיך געפּרײַנדלט מיט מערזאָנען. האָב איך אים געבעטן ער זאָל מיר דערציילן וואָס ער געדענקט וועגן אים. אָט איז דער ענטפער, וואָס חיים חפץ האָט מיר צוגעשיקט דעם 30סטן דעצעמבער 1974. איך גיב אים דאָ איבער בוכשטעבלעך, אַזוי ווי מײַן טײַערער פרײַנד האָט אים אָנגעשריבן.

> ״מיט י. מאירזאָנען (ז״ל) האָב איך זיך באַקאַנט אין די צוואַנציקער יאָרן אין דער שטאָט אָדעס. איך האָב אויך פריִער געהערט פון אים און געוווסט, אַז אַ געבוירענער איז ער פונעם דרום־אוקראַיִנישן שטעטל (איצט אַ קאָלאָסאַל גרויסע שטאָט) — קריוואָי ראָג. פון דאָרטן איז ער אין דער יוגנט אַוועק אין ארץ־ישראל, ווי אַ ציוניסט, אָנגענומען געוואָרן אין אַ פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע. ער האָט אויך אָנגעשריבן אין עברית אַ לערנבוך פאַר קינדער.
>
> פאַר זײַן קומען אין אָדעס האָב איך זיך דערוווסט, אַז מיט אַ געוויסער צײַט צוריק איז מאירזאָן אין ארץ־ישראל געוואָרן אַ קאָמוניסט, און דאָ ניט לאַנג געקומען פון דאָרטן מיט אַ גרופּע זײַנע חברים אין ווין (עסטרײַך) אויף עפּעס אַן אַלוועלטלעכן צוזאַמענפאָר פון ייִדישע פּאַרטיי־טוערס, געוועזענע ציונים און געוואָרענע קאָמוניסטן. פון דעם דאָזיקן צוזאַמענפאָר, אויף וועלכן — ווי מ׳האָט מיר דערציילט — מע האָט אים ניט פאַררעכנט ווי אַ פאָרשטייער פון ארץ אויפן צוזאַמענפאָר — איז ער געקומען אין מאָסקווע. אָט אַזוי איז מאירזאָן, אַ קאָמוניסט, געוואָרן אַ בירגער פון ראַטן־פאַרבאַנד. מ׳האָט אים צוגעשיקט אויף אַרבעט אין אָדעס. אין אָדעס איז ער באַשטימט געוואָרן ווי קורס־פירער פון ייִדישער געשיכטע אין ייִדישן הויך־אינסטיטוט. ער איז גלײַך צוגעטראָטן צו זײַן נײַער אַרבעט, האָט געהאַט דערפאָלג בײַ דער גרויסער צאָל ייִדישע סטודענטן. אַליין מאירזאָן האָט זיך אויך דערפילט אין דער אַרבעט גאַנץ גוט, ווי

אַרבעט אין די 20ער און 30ער יאָרן (״המכון החקלאי הגבוה היהודי בנובו־פולטבקה ובאודיסה״ און „קרית הילדים״ (דאָס קינדערשטעטל).

אייניקע פּרטים וועגן חיים חפצעס יונגע יאָרן און וועגן זײַן לעבן אין ר״פ אין די יאָרן 1969 ביז אָקטאָבער 1971 קען דער לייענער געפינען אין די בריוו, וועלכע אַברהם שלאָנסקי האָט געשריבן צו אים פון תּל־אָביב קיין אָדעס און די הערות צו זיי. (זען: אַברהם שלונסקי, מכתבים ליהודים בברית־המועצות, ספרית פועלים, תל־אביב 1977, זייטן 423—432).

פון דער סטודענטישער, אַזוי אויך פון דער אָנפירערישער און מיט־אַרבעטערישער באַציִונג צו אים.

אין דער נאָענטסטער צײַט בין איך מיט מאירזאָנען גאַנץ נאָענט געוואָרן, באַזונדערס ווען אין אָדעס איז געשאַפן געוואָרן אַ טייל פון דער סאָוועטישער ״ייִדישער קולטור־געזעלשאַפט״, אין וועלכער מיר זענען ביידע, ווי אויך אַנדערע, אַרײַנגעטראָטן ווי מיטגלידער אין דער ״היסטאָרישער גרופּע״. אָפט פלעגן מיר זיך מיט אים טרעפן בײַם פאָרלייענען, אויסהערן און באַהאַנדלען וויסנשאַפטלעכע פראַגעס.

פון יאָר 1930 האָב איך זיך מיט אים געזען זעלטענער. איך האָב דאַן אַ לענגערע צײַט געאַרבעט אין נײַ־פאָלטאַווקער הויכן ייִדישן לאַנדווירטשאַפטלעכן אינסטיטוט. אין אָדעס פלעג איך זײַן ניט אָפט און ווייניק ווען געהערט וואָס פון דעם, וואָס דאָרטן טוט זיך. ערשט אין אַ פאָר יאָר אַרום האָב איך דערהערט אַ וויכטיקע נײַס: אין איינער פון זײַנע געשיכטע־לעקציעס אין ייִדישן הויך־אינסטיטוט האָט ער גערעדט וועגן דעם לעבן פון ייִדן אין ראַטן־פאַרבאַנד, און האָט צווישן אַנדערן אויך אַרויסגעזאָגט אַ געדאַנק, אַז דער אָנפירער פון לאַנד סטאַלין האָט געפונען דעם שליסל צו לייזן די נאַציאָנאַלע פראַגע פון ייִדן אין ראַטן־פאַרבאַנד. דאָס האָט געהייסן, אַז די נאַציאָנאַלע פראַגע ווערט דאָ גוט געלייזט. האָט אָבער דער געדאַנק זײַנער אַרויסגערופן אַ בייזן רעש: די נאַציאָנאַלע פראַגע ווערט ערשט געלייזט? הייסט עס, אַז זי איז נאָך ניט געלייזט!! דאָס איז, אויב אַזוי, אַן אַרויסטריט קעגן דעם ראַטן־פאַרבאַנד און קעגן קאָמוניזם!

אַזוי האָבן גערעשט די קאָמוניסטישע טוערס פון אָדעס און אויך פון צענטער און געקומען צום אויספיר, אַז מאירזאָנס אַרבעט איז שעדלעך און מע האָט אים אויסגעשלאָסן פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי און אַראָפּגענומען פון זײַן אַרבעט אין אינסטיטוט.

ער איז געבליבן אָן אַרבעט, פאַקטיש אויפן גאַנצן לעבן. אָבער פון דער דירה האָט מען אים ניט אַרויסגעטריבן... די געוועזענע פאַרבינדונג זײַנע מיט דער פאַרטיי און מיט דעם גרעסטן טייל אָנגעזעענע ייִדישע פירערס האָט ער אָנגעוואָרן. מיט אַ שטיקל צײַט פאַר דער דאָזיקער געשעעניש מיט אים, האָט מאירזאָן חתונה געהאַט

מיט אַ יונג מיידל, זײַנער אַ סטודענטין, די טאָכטער פון אַן אָנגעזעגענעם שוחט אין אָדעס. די יונגע פרוי האָט געאַרבעט אַלס אַ לערערין אין אַ שול, און פּאַקטיש האָבן זיי געלעבט דערפון. דער פאָטער אירער האָט זיך אויסערגעווײנלעך האַרציק באַצויגן צו זײַן איידעם.

זומער דעם 1941 יאָר, כּמעט גלײַך נאָכן אָנהויב פון דער מלחמה מיט דײַטשלאַנד, האָט העכער העלפט פון דער ייִדישער באַפעלקערונג פאַרלאָזן אָדעס און האָט זיך באַזעצט אין צופעליק געטראָפענע פאַרשידענע קאַנטן פון ראַטן־פאַרבאַנד. אין עפּעס אַ באַנסטאַנציע אין צפון־טייל פון קאַווקאַז האָב איך באַגעגנט מאירזאָנען, וואָס איז פּונקט ווי איך און ווי פיל אַנדערע, נאָר אין אַן אַנדער באַן, געלאָפן דאַן פון אָדעס. אין משך עטלעכע מינוט, וואָס מיר האָבן געקענט דאַן עפּעס וואָס זאָגן איינער דעם צווייטן פון דעם וואָס עס קומט פאָר אין דער דעמאָלטיקער צײַט, האָט מאירזאָן גערעדט מיט מיר וועגן דער שווערער לאַגע פון ייִדן אין דער צײַט און וועגן זייער פאַרלאָזן די היימען זייערע. די לאַגע איז געווען זייער שווער. ער איז קיין מאָל אין אַזאַ שטימונג ניט געווען. מיר האָבן זיך שטיל צעשיידט. אין עטלעכע חדשים אַרום האָב איך זיך דערוווּסט, אַז ער לעבט מיט דער פרוי אין אוזבעקיסטאַן.

אין אַ צײַט אַרום נאָך דער מלחמה האָט זיך מאירזאָן מיט זײַן פרוי אומגעקערט קיין אָדעס. איך בין שוין דאַן געווען דאָרטן און ער האָט זיך, גלײַך נאָך זײַן קומען, ענג פאַרבונדן מיט מיר. דאָס ערשטע וואָרט און דער ערשטער געדאַנק וואָס איך האָב דערהערט פון אים בײַ זײַן אַרײַנקום צו מיר איז געווען זײַן פאָרשלאָג „ניט פאַרבינדן זיך איצט צו שטאַרק" מיט פיל געוועזענע אונדזערע פרײַנד און באַקאַנטע. ער האָט עס דערקלערט דערמיט, וואָס אונדזער ענין דאַרף איצט פאַרנעמען נאָר איין פראַגע: די לאַגע פון די ייִדן אויף דער גאַנצער וועלט. די איינציקע איז איצט די פראַגע פון ארץ־ישראל! — ייִדן, עברית, ישראל איז איצט געוואָרן בײַ מאירזאָנען זײַן וויכטיקסטע פּראָבלעם. ער האָט מיר אויך דערציילט, אַז אין אוזבעקיסטאַן האָט ער די גאַנצע צײַט, וואָס ער האָט געלעבט דאָרט, זיך פאַרנומען מיט לערנען עברית מיט ייִדן. אָט דאָס איז געווען דער געדאַנק פון זײַנע רייד מיט מיר אין דער דאָזיקער ניי־

אָנגעקומענער צײַט. מיט זײַן געזונט האָט ער זיך דאַן געפילט ניט שלעכט. ער מיט דער פרוי האָבן זיך דאַן באַזעצט אין דער דירה וואָס זיי האָבן פריִער געהאַט. מאירזאָן האָט אַפילו געפונען אַ טייל פון זײַנע ביכער, וואָס ער האָט ביז דער מלחמה געהאַט אין אָדעס אין אַ גרויסער צאָל.

אין 1947 יאָר (דעם חודש געדענק איך ניט) איז ער פאַרקילט געוואָרן און האָט דערפון זייער געליטן. די פרוי זײַנע האָט דאַן געוואָרט אויף אַ קינד־געבוירונג, און מאירזאָן איז געווען זייער פאַרטאָן און פאַרדאגהט מיט איר צושטאַנד. די קרענק זײַנע האָט גאַנץ לאַנג געדויערט. אין עטלעכע טעג אַרום נאָך מײַנעם אַן אָפּטן באַזוך, בין איך ווידער אַרײַן צו אים. ער האָט זיך נאָך אַלץ געפילט ניט מיט אַלעמען. גלײַך בײַ מײַן אַרײַנקום האָט ער מיר געזאָגט, אַז הײַנט אין אָוונט פאָרט ער מיט דער באַן קיין מאָסקווע. די טעג האָט ער פון „עמעס־פאַרלאַג" באַקומען אַ פאָרשלאָג אָנשרײַבן פאַר אים אַן אַרבעט וועגן ייִדישער געשיכטע און צופאָרן קיין מאָסקווע צונויפריידן זיך וועגן דעם. ער איז געווען ערנסט צופרידן דערמיט. איך האָב אים גלײַך געזאָגט, אַז בײַ זײַן געזונט־צושטאַנד טאָר ער נאָך ניט פאָרן קיין מאָסקווע. ער דאַרף צווואַרטן כאָטש נאָך אַ פּאָר טעג. די פרוי זײַנע האָט פאַר אים געטענהט דאָס זעלבע. ער האָט אונדז ניט געפאָלגט, ער מוז, זאָגט ער, פאָרן וואָס גיכער. אונדזער שפּאָרעניש מיט אים האָט, צו אונדזער אייביקן פאַרדראָס, אונדז ניט געהאָלפן. ער איז אַוועקגעפאָרן.

אין אַ פינף־זעקס טעג אַרום איז ער אין מאָסקווע געשטאָרבן און דאָרטן מקבר געוואָרן. אין דעם זעלבן טאָג האָט זײַן פרוי געבאָרן אַ קינד, אַ מיידעלע. מען האָט זי אַ נאָמען געגעבן נאָכן געשטאָרבענעם פאָטער".

***

פון דעם וואָס איך האָב זיך דאָ אין לאַנד דערוווּסט, האָב איך אים — דעם אָנוס — ערשט איצט דערזען אין זײַן גאַנצער טראַגישקייט. און נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל ברויזט אויף אין מיר דער צאָרן: „וואָס האָבן זיי געמאַכט פון די ייִדישע מענטשן, וועלכע זענען אַרײַנגעפאַלן

אין דעם שפּינוועבס, וואָס הייסט סאָוועטיש־ייִדישע קולטור־בויונג!!״

מיר דאַכט זיך, אַז עס איז כּדאי איך זאָל דאָ דערציילן עטלעכע קליינע פּרטים, וואָס זענען ניט פאַראַן אין די מאמרים, וועלכע איך האָב געלייענט. די דאָזיקע איינצלהייטן וועלן אפשר צו ניץ קומען דעם קונפטיקן ביאָגראַף פון דער דאָזיקער פאַרבנרייַכער, טראַגישער פיגור.

איך פלעג זיך מיט אים באַגעגענען פּריוואַט און אויף זיצונגען, מערסטן טייל אין צוזאַמענהאַנג מיט זייַן שייַכות צום אינסטיטוט פאַר ייִדישער קולטור אין קיִעוו און מיט דעם אָדעסער פיליאַל. אין קיִעוו זענען די באַגעגענישן פאָרגעקומען אין די היימען פון פּראָפעסאָר יוסף ליבערבערג, פון ברוך הובערמאַן און בייַ מיר אין שטוב.

מערזאָן איז געווען אַן אמתער יפה־תּואר — העכער פון מיטלן ווּוקס, ברייטפּלייציק און שלאַנק, מיט אַ קאָפּ פון אַ לייב, זייַנע טונקעלע, געדיכט געלאָקטע האָר זענען ווו ניט ווו שוין געווען באַזילבערט. געהאַט גרויסע קלוגע אויגן, אַן איראָניש שמייכל, זייער אַ וואַרעמע שטים און אַ שאַרפע צונג. דאָס אַלץ האָט אים געשאַפן גרויס דערפאָלג בייַ פרויען. אין זייַן אויפפירונג מיטן שיינעם מין איז ער געווען באָהעמיש, סיבאַריטיש, אַ ביסל ציניש, אָבער איינצייַטיק דזשענטעלמעניש, מיט אַ סך שאַרם. דער שאַרם זייַנער האָט געשאַפן אַ בולטן קאָנטראַסט צו דער נאַכלעסיקייט און שוין צו פּשוטע באַציִונגען פון די איבעריקע חברים לגבי די פרויען, מיט וועלכע ס׳איז זיי אויסגעקומען צו אַרבעטן.

אין היפּוך צו זייַן פרייַנד יוסף ליבערבערג, וועלכער האָט זיך זעלטן ווען פאַרגונען אָפּצורוען אַ ביסל צייַט, צו כאַפּן אַ פלירט מיט זייַנע הייסע פאַרערערינס, האָט מערזאָן מיט אַ לייַכט געמיט יאָ אויסגענוצט זייַן השפּעה אויף דעם שיינעם מין און געקענט פאַראייניקן ערנסטע וויסנשאַפטלעכע טעטיקייט מיט אַ ביסל עולם־הזה.

אין פריילעכע, לייַכטע מינוטן (אָ, ווי זעלטן זענען זיי געווען בייַ די פאַרהאָוועטע בויערס פון דער ייִדישער קאָמוניסטישער גאולה!..), פלעגן מיר זיך וויצלען אויפן חשבון פון די ביידע צעברעכערס פון פרויענהערצער, פאַרגלייַכן ביידנס אויפפירונג און בשעת־מעשה לאַכן, אַזוי גוטמוטיק, האַרציק לאַכן צוזאַמען מיט די אויסגעלאַכטע צוויי ״העלדן״.

איייניקע פאַקטן, וועלכע זענען מיר פאַרבליבן אין זכרון, זאָגן מיר אונטער, אַז בלויז ביזן אָנהייב פון די דרייַסיקער יאָרן און ניט שפּעטער

האָט ער גענאָסן פון צוטרוי מצד דער העכסטער קאָמוניסטישער אָנפירונג. דהיינו: אין מאָסקווע איז פון 28סטן דעצעמבער 1928 ביז דעם 4טן יאַנואַר 1929 פאָרגעקומען די אַלפאַרבאַנדישע קאָנפערענץ פון די היסטאָריקערס־מאַרקסיסטן. אין שפּיץ פון איר איז געשטאַנען דער אָנגענומענער צו יענער צייַט רוסישער היסטאָריקער מ. נ. פּאָקראָווסקי. דאָס איז געווען אַ קאָנפערענץ, ווו מען האָט אָן רחמנות געשלאָגן אַלע ״אַנטימאַרקסיסטן, נאַציאָנאַליסטן און אַנדערע אָפּנויגלערס״. ס׳איז דאָך דער סאַמע ברען פון דער צוואַנג־קאָלעקטיוויזאַציע...

אויף דער דאָזיקער קאָנפערענץ זענען אויך בייַגעווען ווי דעלעגאַטן 12 ייִדישע היסטאָריקערס, און צווישן די 12 איז געווען דער פּראָפעסאָר מערזאָן פון אָדעס. דאָס איז אָן ספק אַ סימן פון גרויס צוטרוי צו אים מצד דער העכסטער פאַרטייִשער אָנפירונג ניט בלויז פון אוקראַיִנע, נאָר אויך פון מאָסקווע, וואָרעם די כּשרות פון יעדן דעלעגאַט איז שטרענג קאָנטראָלירט געוואָרן אין סאַמע צענטראַל־קאָמיטעט פון דער אַלפאַרבאַנדישער קאָמוניסטישער פאַרטיי. אמת, די ייִדישע היסטאָריקערס האָבן דאָרט קיין שום ספּעציעלע פאָרטראָגן וועגן ייִדישער געשיכטע ניט באַקומען קיין מעגלעכקייט צו לייענען. דער איינציקער פאָרטראָג וועגן ייִדישער געשיכטע, וועלכן עס האָט געדאַרפט לייענען דער צום מערסטן דעמאָלט אָנגענומענער סאָוועטיש־ייִדישער היסטאָריקער פּראָפ׳ ט. הייליקמאַן, איז אויך ניט פאָרגעקומען צוליב דעם, וואָס דער פּראָפעסאָר איז ״קראַנק״ געוואָרן. פאַרשטייט זיך, אַז מיר אַלע האָבן גוט פאַרשטאַנען, וואָס די דאָזיקע קראַנקייט האָט באַטייַט.

מיר האָבן מיט גרויס אינטערעס נאָכגעשפּירט נאָך דעם, וואָס קומט דאָרט פאָר. בעת דער דאָזיקער אַלפאַרבאַנדישער קאָנפערענץ איז פאָרגעקומען אַ באַראַטונג פון די 12 ייִדישע דעלעגאַטן, און דאָ האָט מען באַשלאָסן אַרויסצולאָזן אַ זאַמלבוך וועגן דער ״געשיכטע פון ייִדן אין רוסלאַנד״, און איך ווייס, אַז אין די דעבאַטן אַרום דער דאָזיקער פראַגע האָט מערזאָן גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל.[37]

37 אויף וויפל מיר איז באַוווּסט איז אַזאַ זאַמלונג קיין מאָל ניט דערשינען, אָבער אין 1930 איז דערשינען אַ בוך אונטער דעם זעלבן נאָמען: געשיכטע פון ייִדן אין רוסלאַנד, באַנד 1, פון 1772—1861, און דער אויטאָר פון בוך איז אָשר מאַרגוליס.

דער לייענער ווייס שוין, אַז מערזאָנס טעטיקייט האָט קיין מאָל ניט צופרידנגעשטעלט דעם דעמאָלטיקן פאַרוואַלטער פון דער אָדעסער ייִדסעקציע — לייב אַבראַמען. ער האָט אים בײַ יעדער געלעגנהייט פאַרשוואַרצט אין די אויגן פון דער העכסטער אָנפירונג מיט די פאַרטיי־ענינים אין אוקראַיִנע. און די זוימען פון אומצוטרוי, וועלכע אַבראַם האָט פאַרזייט, האָבן געגעבן גוטע פירות, ווײַל אַפילו נאָך דעם ווי די ייִדסעקציעס זענען שוין געווען ליקווידירט (1930), און אַבראַם איז שוין אין אָדעס ניט געווען, פלעגט זיך מערזאָן קלאָגן: "וואָס שלעפן זיי מיך כסדר אין קולטפּראָפּ פון געגנטלעכן פאַרטיי־קאָמיטעט?.. זיי פאַר־שטייען דאָך אין ייִדישער געשיכטע ניט מער ווי המן אין בני־אָדם...". אָבער דאָס האָט זיי ניט געשטערט נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל אים אויפמערקזאַם צו מאַכן אויף זײַנע "נאַציאָנאַליסטישע פעלערן"...

אין אָדעס און אין קיִעוו האָט זיך שנעל פאַרשפּרייט די ידיעה, אַז די הויכע פענצטער פון דער פאַרטיי זענען מיט אים ניט צופרידן. און די פאָלגן דערפון האָבן ניט געלאָזן לאַנג וואַרטן אויף זיך.

שוין אין יאָר 1930, ווען די קאַטעדרע פאַר ייִדישער קולטור אין קיִעוו וואַקסט אויס אין אַ גרויסן וויסנשאַפטלעכן אַנשטאַלט, באַקומט זײַן אָנפירער יוסף ליבערבערג אַ מעגלעכקייט בהדרגה אַריבערצונעמען קיין קיִעוו אַ טייל פון די אָדעסער געלערנטע און זיי ווערן דאָ באַשטענ־דיקע מיטאַרבעטערס. אַ ביסל פריִער האָב איך שוין אָנגערופן זייערע פאַמיליעס, אָבער יעקב מערזאָן געפינט זיך ניט צווישן זיי.

מיר האָבן געוווסט, אַז אין זײַנע שופלאָדן געפינען זיך וויכטיקע פאָר־שונג־אַרבעטן, אָבער ניטאָ קיין אויסזיכטן זיי זאָלן אַ מאָל פאַרעפנטלעכט ווערן. און אַזוי איז טאַקע געשען. ער האָט אין ראַטן־פאַרבאַנד (אויב מײַן זכרון פאַרפירט מיך נישט), דאַכט זיך, קיין איין היסטאָרישע אַרבעט ניט פאַרעפנטלעכט. בלויז זײַנע אַרטיקלען האָבן געהאַט די זכיה פון צײַט צו צײַט געדרוקט צו ווערן אין דער טעגלעכער פרעסע. מיט ביטערער איראָניע פלעגט ער ריידן וועגן די "אויך מיר היסטאָריקערס", וואָס האָבן יאָ געקוועטשט די באַנק אין אינסטיטוט (געמיינט, און מיט רעכט, אַזעלכע ווי רויטבלאַט, אַברהם סלוצקי און אַנדערע). ער איז אייניקע מאָל געקומען וועגן דעם קיין קיִעוו. צוויי באַגעגענישן זענען געבליבן פאַרקריצט אין מײַן זכרון. זײַן קומען איז בײדע מאָל געווען ניט אָפיציעל, און זאַלבע

דריט האָבן מיר זיך געטראָפן בײַ ליבערבערגן אין דער היים אויף אינסטיטוטסקע־גאַס נומ׳ 13. אומזיסט האָט זיך מערזאָן באַמיט צו באַהאַלטן זײַן געדריקטע שטימונג. ער האָט שטאַרק געוואָלט אַוועק פון אָדעס (אַחוץ דער שווערער פּאָליטישער אַטמאָספער, וואָס די דאָרטיקע פאַרטיי־אָנפירונג האָט אַרום אים געשאַפן, האָט ער איבערגעלעבט אומאָנגענעמלעכקייטן אין צוזאַמענהאַנג מיט זײַן הייסער ליבע צו איינער פון זײַנע שיינע סטודענט־קעס. אַגב איז זי שפּעטער געוואָרן זײַן געזעצלעכע פרוי און מיטגעמאַכט מיט אים זײַן ביטערן מאַרטירער־וועג).

אומזיסט זענען געווען ניִושע ליבערבערגס באַמיִונגען אויפצוהײַטערן דעם ליבן גאַסט. אַפילו זײַן באַליבט מאכל, וואָס זי האָט פאַר אים אײַליק צוגעגרייט, האָט ניט אַרויסגערופן קיין שמייכל אויף די ליפּן פון איר גוטן פרײַנד. מ׳האָט מער געזיפצט ווי געשמועסט.

דער אינסטיטוט איז אויך אָן מערזאָנען געווען פאַרפולט מיט "געווע־זענע", אָבער קיינער פון די "באַפעלעקטע" האָט ניט געהאַט הינטער זיך אַזאַ "שוידערלעכן חטא" ווי ער, מערזאָן: יאָרן לאַנגע תּושבות אין ארץ־ישראל. דער איינציקער אַזאַ טריפהנער מענטש מיט דעם זעלביקן חטא איז געווען דוד האָפּשטיין, וועלכער האָט אין משך פון צוויי יאָר שטודירט ווי אַספּי־ראַנט אין דער קאַטעדרע. אָבער דאָס איז געווען מיט עטלעכע יאָר פריִער, ווען דער פּאָליטישער דרוק איז נאָך ניט געווען אַזוי שטאַרק.

מערזאָן האָט פאַרשטאַנען, אַז ליבערבערג איז אָנמאַכטיק, ווײַל נישט ער, ליבערבערג, נאָר די העכסטע פאַרטיי־אָנפירונג באַשטימט וועמען אַרײַנצונעמען אין אינסטיטוט. האָט ער אויף זײַן פרײַנד קיין פאַריבל ניט געהאַט. בײדע האָבן געזוכט וועגן ווי אַזוי בײַצוקומען די שוועריקייטן, פאַרשטייט זיך — בסוד פון די אַרומיקע. אָבער אָן דערפאָלג. אין דער זעלבער צײַט ווערט אין דער היסטאָרישער סעקציע פון אינסטיטוט פאַר ייִדישער קולטור אַראָפּגעבראַכט דער ערודירטער אָשר מאַרגאָליס פון מאָסקווע. חוץ אים ווערן אָבער אײַנגעלאַדן פון אַנדערע שטעט פיל שוואַ־כערע וויסנשאַפטלערס ווי מערזאָן, נאָר דערפאַר, ווײַל זיי רעכענען זיך פאַר אויסגעהאַלטענע מאַרקסיסטן... דער פאַרוואַלטער פון דער היסטאָרישער סעקציע איז אַ צײַט געווען אַברהם סלוצקי, וועלכער האָט פאַקטיש צו

ייִדישער געשיכטע געהאַט גאָר אַ קנאַפּן שײַכות. ערשט שפּעטער האָט אָשר מאַרגאָליס זיך באַזעצט אין קיִעוו און פאַרנומען דעם פּאָסטן.

מערזאָן פלעגט צושיקן אין דער היסטאָרישער סעקציע אַרבעטן וועגן ייִדישער געשיכטע און געבעטן זיי אָפּדרוקן, אָבער די אַרבעטן זענען אים שנעל צוריקגעשיקט געוואָרן צוליב פאַרשידענע פּאָליטישע אָפּנויגן. אייניקע האָט מען צוליב זייער אַפּיקורסישקייט מורא געהאַט אַפילו איבערצולאָזן אין אַרכיוו פון אינסטיטוט.

די רדיפות אויף מערזאָנען — דעם אָנפירער פון פיליאַל — האָבן, פאַרשטייט זיך, נעגאַטיוו געווירקט אויף דער גאַנצער טעטיקייט פון דער דאָזיקער אינסטיטוציע. כ׳האָב שוין דערציילט, אַז אין די יאָרן 1932—1934 האָט מען זיך אין דער היסטאָרישער סעקציע פון אינסטיטוט פיבערהאַפט פאַרנומען מיט ״אָפּרייניקן פון דער נאַציאָנאַליסטישער ירושה״, דאָס הייסט מיט פאַרבראַקירן ווערק וועגן ייִדישער געשיכטע, אַפילו אַזעלכע, וועלכע האָבן זיך שוין געפונען אין דרוקערײַ. יעקב מערזאָנס אַרבעטן זענען געווען די ערשטע, וועלכע מ׳האָט ״צום שאַרפסטן פאַראורטיילט פאַר זייערע נאַציאָנאַליסטישע אָפּנויגן״, און פאַר איין וועג שוין ״דערוויזן״ זייער וויסנשאַפטלעכע מינערווערטיקייט. דאָס לעצטע איז אַגב געווען אַן אומבאַדינגטער תּנאַי צו נישט צו מאַכן יעדן וויסנשאַפטלער, וואָס האָט געמאַכט דעם מינדסטן פּרווו אַנדערש צו דענקען ווי עס באַפעלט אין געגעבענעם מאָמענט די פאַרטיי.

אין יאָר 1934—1935 אַרבעט אין דער היסטאָרישער סעקציע פון אינסטיטוט אַ ספּעציעלע קאָמיסיע, וואָס איר ציל איז צונויפשטעלן אַ פּראָגראַם פאַר ״געשיכטע פון ייִדן״ פאַר די מיטלשולן און אויך פאַר די הויכשולן.[38] אין גרונט פון דער פּראָגראַם ווערן געלייגט די פּראָיעקטן פון די היסטאָריקערס הייליקמאַן און אָשר מאַרגאָליס.[39] אויך דאָ ווערט

38 מען אַרבעט איבער דער פּראָגראַם ״געשיכטע פון ייִדן״, און ניט איבער ״ייִדישער געשיכטע״. דער לייענער ווייס שוין, אַז דעמאָלט איז דער באַגריף ״ייִדיש פאָלק״, ״געשיכטע פון ייִדישן פאָלק״ געווען פּסול.

39 אַגב, טוביה הייליקמאַן, וואָס האָט געהערט צום עלטערן דור ייִדישע היסטאָריקערס (געבוירן אין 1870) האָט געהאַט הינטער זיך אַ ניט ווייניקער פּאָליטיש־אידיאָזע און וויסנשאַפט־פּובליציסטישע פאַרגאַנגענהייט ווי יעקב מערזאָן. געווען אַן אַק־

אויסגעמיטן דער פּראָפ׳ מערזאָן, הגם ער האָט שוין אַ באַדײַטנדיקע דערפאַרונג אין לערנען ייִדישע געשיכטע אין די סאָוועטיש־ייִדישע הויכשולן.

אין 1935 רעדט זיך שוין וועגן שאַפן ניט בלויז אַ פּראָגראַם, נאָר אויך אַ לערנבוך ״געשיכטע פון ייִדן״. אָבער אויך דאָ ווערט מערזאָנס נאָמען ניט דערמאָנט.

אין דער היסטאָרישער סעקציע פון אינסטיטוט האָבן געלערנט אייניקע אַספּיראַנטן. מ׳האָט זיי געגרייט צו ווערן ייִדישע מאַרקסיסטישע היסטאָריקערס. צוויי פון זיי — דער אויסערגעוויינלעך באַגאַבטער ישראל ראַבינאָוויטש און נתן קאָרמאַן — זענען צו אונדז געקומען פון אָדעס. דאָרט האָבן זיי אונטער מערזאָנס אָנפירונג פאַרענדיקט דעם היסטאָרישן פאַקולטעט פון

טיווער טוער שוין ביי דער אַנטשטייונג פון „בונד״. נאָענט מיטגעאַרבעט מיט וולאַדימיר מעדעם און שוין באַוויזן אַזש 2 מאָל צו זיצן אין די תּפיסות פון אָ.ג.פּ. או. אָבער נאָך דעם ווי ער איז אַרײַנגעטראָטן אין דער קאָמוניסטישער פאַרטיי — אין דער עשטער העלפט צוואַנציקער יאָרן — האָט ער, דער זייער ערודירטער, שעפערישער היסטאָריקער געטאָן אַלץ, כּדי זיך „פּאָליטיש איבערבויען״ און געגאַנגען אין שפּאַן פון דער סטאַליניסטישער „לערע״ וועגן דעם ייִדישן פאָלק, געשאַפן וויכטיקע ווערק וועגן דער געשיכטע פון ייִדן, אָבער אַלץ אין שיין פון באָלשעוויסטישן דיקטאַט. דעריבער האָט ער אין די אָפיציעלע קרייזן געהערט צו די סאַמע אָנגענומענסטע און באַגלייביקסטע וויסנשאַפטלערס. אָבער ניט אַלע, וועלכע האָבן הייליקמאַנען געקענט פון פריִער, האָבן געגלייבט אין זיין איצטיקער פּאָליטישער אויפריכטיקייט, און געספּקט אין זיין „איבערבויען זיך״, הגם אָפן האָט קיינער וועגן דעם ניט געוואַגט אַרויסצוטרעטן. בער סלוצקי און שמעון דאָבין האָבן ריידנדיק וועגן הייליקמאַנען אין מינוטן פון אויפריכטיקייט, בעת זיי פלעגן פאַרגעסן, אַז איך בין די פאַרטייערין, אים מיט איראָניע גערופן ניט אַנדערש ווי „אָ, דער הייליקער ?!״. ביידע — סיי סלוצקי, סיי דאָבין זענען דאָך פאַרבליבן אומפאַרטייִשע, און אויף הייליקמאַנס אַרײַנטרעטן אין פאַרטיי געקוקט ווי אויף אַ סימן פון זיין שטרעבן צו מאַכן אַ קאַריערע.

דער 78־יאָריקער הייליקמאַן איז געשטאָרבן „אַקוראַט צו דער צייט״: ביים אָנהייב פון דער אַנטיסעמיטישער פּראָגראַם קעגן דער ייִדישער קולטור און אירע שאַפערס, וואָס האָט זיך צעבושעוועט סוף פערציקער, אָנהייב פופציקער יאָרן אונטערן נאָמען „קאַמף קעגן קאָסמאָפּאָליטיזם״, און אַזוי אַרום האָט ער אויסגעמיטן פאַרניכטעט צו ווערן אין די לאַגערן פון מ. וו. ד.

אָשר מאַרגוליס איז געווען אַ היסטאָריקער פון אַ קלענערן קאַליבער ווי הייליקמאַן און, אויב מיין זכרון פאַרפירט מיך ניט, האָט ער געהאַט הינטער זיך אַ „פּאָליטיש ריינע פאַרגאַנגענהייט״, אָבער האָט געהערט צו די פּאָליטיש־אויסגע־

דער ייִדישער אָפּטיילונג בײַם פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט. ביידע האָבן ניט געקענט פאַרגעסן מערזאָנס לעקציעס. פאַר זיי איז ער געווען דער גרעסטער אויטאָריטעט, און זיי האָבן געטרוימט ווידער צו ווערן זײַנע תּלמידים. איצט האָבן זיי בײַ אונדז געדאַרפט לערנען אַן ערנסטן קורס ייִדישע געשיכטע, און פאַקטיש איז ניט געווען בײַ וועמען. די צײַט איז געלאָפן און מ׳האָט ניט געפונען קיין ״פּאַסיקן״ קאַנדידאַט. מערזאָנען האָט מען ניט אײַנגעלאַדן צו פירן דעם דאָזיקן קורס, כאָטש די אַספּיראַנטן האָבן געבעטן וועגן דעם, און ריזיקירט: אַפילו אָנגעשריבן אַן אָפיציעלע ווענדונג אין פאַרטיי־קעמערל: ״מיר בעטן אײַנלאַדן דעם פּראָפעסאָר מערזאָן צו פירן מיט אונדז דעם סעמינאַר פון ייִדישער געשיכטע״. אָבער מ׳האָט זיי געגעבן צו פאַר־

האַלטענע ייִדיש־סאָוועטישע היסטאָריקערס. אַגב איז ער געווען אַ גלענצנדיקער פּעדאַגאָג, דער ליבלינג פון די סטודענטן אין די ייִדישע הויכשולן. זינט אָנהייב דרייסיקער יאָרן איז ער געווען דער אָנפירער אין דער היסטאָרישער סעקציע פון אינסטיטוט פאַר ייִדישער קולטור אין קיִעוו, הגם ער האָט געוווינט אין מאָסקווע און בלויז אַ שטיקל צייט אין קיִעוו. ער איז מחבר פון אַ ריי אינטערעסאַנטע פאָרשערישע אַרבעטן איבער דער געשיכטע פון ייִדן און ייִדישער ליטעראַטור, האָט אויך געשריבן פּראָפּאַגאַנדיסטישע בראָשורן. ערשט נאָך דער 2טער וועלט־מלחמה האָט ער פאַרטיידיקט זיין דיסערטאַציע און באַקומען דעם טיטל „קאַנדידאַט פון היסטאָרישע וויסנשאַפטן״. ביזן ליקווידירן דעם „קיִעווער קאַבינעט פאַר ייִדישער קולטור״ האָט ער דאָרט מיטגעאַרבעט. גלייכצייטיק איז אַשר מאַרגוליס אויך געווען טעטיק אין דער היסטאָרישער קאָמיסיע פון אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט אין מאָסקווע און צו זיינע געדרוקטע אַרבעטן האָט מען זיך נישט געטשעפּעט.

געשטאַמט האָט ער פון ראָוונע. מיט גרויס הנאה פלעג איך זיך צוהערן צו זיין זאַפטיקן וואָלינער ייִדיש. זיין היסטאָרישע אויסבילדונג האָט ער באַקומען אין קיִעווער אוקראַיִנישן אוניווערסיטעט אויפן נאָמען פון הייליקן וולאַדימיר, ווו ער האָט איצט געגרייט סטודענטן־היסטאָריקערס פאַר דער ייִדישער בילדונגנעץ און ער פלעגט אָפט ריידן, אַז דאָס פאַרשאַפט אים אַ סך סאַטיספאַקציע. אַ פאַר־ליבטער אין קיִעוו, האָט ער ליב געהאַט אַרומצושפּאַצירן איבער אירע באַגרינטע גאַסן און סקווערן.

נאָך דער ליקווידאַציע פון די ייִדישע פאָרשונג־ און בילדונגס־אַנשטאַלטן, איז ער אויף די עלטערע יאָרן פאַרוואָגלט געוואָרן אין דער רוסישער פּראָווינצשטאָט ראַזאַן. אויך דאָ האָט ער געגרייט סטודענטן צו פּעדאַגאָגישער טעטיקייט, אָבער פאַר די רוסישע שולן. אַן איזאָלירטער פון יעדער ייִדישער קולטור־סביבה, איז ער אין עלטער פון 85 אין איינזאַמקייט אַוועק פון דער וועלט זומער 1976.

שטיין... זענען זיי גיך אַנטשוויגן געוואָרן און... אַפילו זייער שריפטלעכע ווענדונג צוריקגעצויגן, זאָל קיין זכר ניט בלײַבן... אַזוי איז געווען גלײַכער פאַר אַלע דרײַ צדדים.

זאָל דער לייענער נעמען אין אַכט אַזאַ פּרט: ער, מערזאָן, איז דאָך נאָך דעמאָלט געווען בײַ דער אַרבעט אין אָדעסער אינסטיטוט און אין פיליאַל. און דאָך איז די שרעק אונדזערע געווען גרויס. ניט אונדזער ״וואַכזאַמקייט״, לגבי דעם ״טריפהנעם״ חבר אונדזערן, נאָר פּחד פאַר דער פאַרטייִשער אָנפירונג האָט גענומען די אייבערהאַנט... מיט אַנדערע ווערטער: מיר האָבן געציטערט פאַר דער אייגענער הויט...

קיין בּיראָבּידזשאַן, ווו איך האָב געלעבט זינט 1935, זענען צו אונדז דערגאַנגען קלאַנגען, אַז עס פירט זיך קעגן מערזאָנען אַן אָרגאַניזירטע ״אידעאָלאָגישע קאַמפּאַניע״, אַז די פאַרטיי־אינסטאַנצן ״באַאַרבעטן״ אויף ספּעציעלע פאַרזאַמלונגען (ייִדישע און ניט־ייִדישע) אַלע זײַנע נאַציאָנאַליסטיש־ציוניסטישע חטאים... מיט וואָס אַזעלכע גוט רעזשיסירטע ספּעקטאַקלען ענדיקן זיך האָבן מיר שוין גוט געוווּסט...

קיינעם פון זײַנע בּיראָבּידזשאַנער פרײַנד, און אויך מיך, האָט עס ניט געוווּנדערט. אַזעלכע ״נישט שטאַנדהאַפטיקע״ ייִדישע קולטור־טוערס, ווי מערזאָן, זענען דאָך געווען די ערשטע קרבנות פון דער פאַרטייִשער וואַכזאַמקייט.

מער האָב איך וועגן זײַן גורל ניט געוווּסט, כ׳בין געווען זיכער אַז אויך ער איז ערגעץ ווו אומגעקומען אין איינעם פון די סאָוועטישע לאַגערן. ערשט איצט, ווען איך ווייס שוין וועגן דעם ווײַטערדיקן וועג, וועלכן ער האָט פרײַוויליק, מיט גרויס סכּנה פאַר זײַן לעבן, אויסגעקליבן פאַר זיך, שווימען אויף אין מײַן זכּרון פאַרשיידענע פּרטים אין זײַן אויפפירונג שוין דעמאָלט — אין זײַן סאָוועטישן ״גלאַנץ־פּעריאָד״, ווען אַלץ איז נאָך כּלומרשט געווען בײַ אים כּשורה, און די דאָזיקע פּרטים, אַ מאָל קוים באַמערקיקע, זאָגן מיר אונטער, אַז מערזאָן איז שוין דעמאָלט געווען איבערגעפולט מיט אינערלעכע סתּירות און איז, זעט אויס, קיין מאָל אין ראַטן־פאַרבאַנד ניט געווען גאַנץ מיט זיך אַליין, קיין מאָל ניט געווען צופרידן מיט זײַנע קאָמוניסטישע מעשׂים און דערפאַר האָט אים ניט אויפ־

געהערט צו פֿײַניקן זײַן געוויסן. און עס האָט געדאַרפֿט קומען "מים עד נפש" ביז ער האָט געפֿונען דעם פֿײַנפֿולן וועג אויף צוריק — צו זײַן פֿאָלק.

און דיך, חשובֿער היסטאָריקער פֿון סאָוועטישן ייִדנטום, בעט איך, למען־השם, פֿאַרגעס ניט: בעת דו דערמאָנסט די קרבנות פֿון רויטן טעראָר קעגן דער סאָוועטיש־ייִדישער קולטור, און קעגן די וואָס האָבן זי געוואָלט שאַפֿן, פֿאַרגעס ניט אַרײַנצושטעלן אין דער לאַנגער רשימה פֿון די געפּײַניקטע און פֿאַרפּײַניקטע אויך יעקבֿ מערזאָנס נאָמען.

אין זשיטאָמיר

אויך אין זשיטאָמיר האָבן געלעבט מענטשן, וועלכע האָבן זיך פֿאַרנומען מיט ייִדישער וויסנשאַפֿטלעכער אַרבעט, אייניקע נאָך ביז דער אַנטשטייונג פֿון דער ראַטנמאַכט.

דעם 21סטן מײַ 1929 קומט אַהער ליבערבערג ווי אָפֿיציעלער פֿאָר־שטייער פֿון פּרעזידיום פֿון דער אַלאוקראַיִנישער וויסנשאַפֿט־אַקאַדעמיע.

דער זאַל איז פֿול געפּאַקט מיט אינטעליגענץ, מיט פּראָפֿעסאָרן און סטודענטן פֿון ייִדישן פֿאַקולטעט בײַם זשיטאָמירער פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט. מען הערט מיט שפּאַנונג ליבערבערגס פֿאָרטראָג וועגן דעם צושטאַנד פֿון דער ייִדישער וויסנשאַפֿט אין ראַטן־פֿאַרבאַנד און וועגן דער אַרבעט פֿון דער קאַטעדרע פֿאַר ייִדישער קולטור אין קיִעוו, וואָס ווערט אָט אָט פֿאַר־וואַנדלט אין אַ גרויסן וויסנשאַפֿטלעך־פֿאָרשערישן אינסטיטוט.

ער מאָלט פֿאַר זיי די גרויסע פּערספּעקטיוון, וועלכע שטייען פֿאַר דער סאָוועטיש־ייִדישער וויסנשאַפֿט. ער וויל בײַ די צוהערערס אויפֿמונ־טערן דעם געפֿיל פֿון נאַציאָנאַלער ווערדע. ער ווענדט אָן זײַנע גרויסע אָראַטאָרישע פֿעיִקייטן געכּפֿלטע אויף זײַן אויפֿריכטיקן ענטוזיאַזם, כּדי אַרויסצורופֿן בײַ זיי אָנערקענונג פֿאַר דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און דעם ראַטן־פֿאַרבאַנד — "דעם איינציקן אָרט אין דער גרויסער וועלט, וווּ די מעגלעכקייטן פֿון אַנטוויקלונג פֿאַר די העכסטע פֿאָרמען פֿון דער ייִדי־שער קולטור זענען געגעבן געוואָרן מיט דער ברייטער האַנט" (פֿון זײַן רעדע).

צו מאָרגנס ווערט אין זשיטאָמיר אָרגאַניזירט די "ייִדישע וויסנשאַפֿט־לעכע קאָמיסיע". בראָש פֿון איר ווערט געשטעלט דער ייִדישער היסטאָ־ריקער רויטבלאַט (דעמאָלט דער דעקאַן פֿון ייִדישן סעקטאָר בײַ דעם זשיטאָמירער פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט).

עס ווערט דאָ אויך אָרגאַניזירט די גרופּע "פֿרײַנד פֿון דער קאַטעדרע פֿאַר ייִדישער קולטור". ווי איר אָנפֿירער ווערט באַשטימט דער זשיטאָמירער ייִדישער בילדונגס־איספּעקטאָר וואָרסאָווסקי — דער אַמאָליקער בונדישער טוער. אין זשיטאָמיר הייבט אָן שלאָגן אַ נײַער אָדער פֿון פֿאָרשערישן ייִדישן געדאַנק. ליבערבערג איז דאָ אָן אָפּטער באַזוכער. ער העלפֿט די מיטגלידער פֿון דער "ייִדישער וויסנשאַפֿטלעכער קאָמיסיע", זיי אַרבעטן אין ענגן קאָנטאַקט מיט דער קאַטעדרע פֿאַר ייִדישער קולטור, און שאַפֿן אייניקע אינטערעסאַנטע אַרבעטן.

די גרופּע "פֿרײַנד פֿון דער קאַטעדרע פֿאַר ייִדישער קולטור" באַשטייט מערסטן טייל פֿון אַקאַדעמישער יוגנט און פּעדאַגאָגן, וואָס אונטערריכטן אין די זשיטאָמירער ייִדישע לערן־אַנשטאַלטן. פֿאַר זיי ווערן אָרגאַניזירט ספּעציעלע סעמינאַרן, מיט וועלכע עס פֿירן אָן די אָראָפּגעקומענע פֿון קיִעוו מיטאַרבעטערס פֿון דער קאַטעדרע.

ליבערבערג אינספּירירט די גרופּע פֿרײַנד צו זאַמלען ייִדישע קולטור־ווערטן. זיי האָבן טאַקע ניט ווייניק אויפֿגעטאָן פֿאַרן אָפּראַטעווען ווערטפֿולע ייִדישע אַלטערטימלעכקייטן; אַ טייל פֿון זיי איז שפּעטער איבערגעגעבן געוואָרן אין רשות פֿון מענדעלע־מוזיי אין אָדעס.

אין מײַן אַרבעט "באַבי יאַר פֿון ייִדישן וואָרט" האָב איך שוין דער־ציילט, אַז פֿאַר דער ייִדישער אַקאַדעמישער ביבליאָטעק אין קיִעוו האָבן זיי — די זשיטאָמירער פֿרײַנד — צונויפֿגעזאַמלט בײַ טויזנט אַלטע און נײַע וויכטיקע ספֿרים, וואָס האָבן זיך, נאָך דעם ווי די פּאַרטיי האָט צעפּאָג־ראָמירט די אַמאָליקע ייִדישע אינסטיטוציעס פֿון זשיטאָמיר און פֿון די אַרומיקע שטעט און שטעטלעך, געוואַלגערט אָן אויפֿזיכט, אויף הפֿקר.[40]

40 מיר איז שווער צו פֿאַרענדיקן די דערציילונג וועגן זשיטאָמיר און ניט דערמאָנען כאָטש מיט עטלעכע ווערטער דעם גורל פֿון דעם האַרציקן און זייער קלוגן מ. נ. וואָרסאָווסקי — דעם ענטוזיאַסטישן פֿאָרזיצער פֿון דער גרופּע "זשיטאָמירער פֿרײַנד פֿון דער קאַטעדרע". נאָך דער ליקווידאַציע פֿון די ייִדסעקציעס איז ער געווען דער דירעקטאָר פֿון זשיטאָמירער ייִדישן פּעדאַגאָגישן טעכניקום, וואָס האָט געשמט מיט זײַן אינטערעסאַנטער פּעדאַגאָגישער טעטיקייט. די דאָזיקע

אײניקע מיטגלידער פֿון דער גרופּע „פֿרײַנד פֿון דער קאַטעדרע פֿאַר ייִדישער קולטור" װערן שפּעטער אָנגענומען אין דער אַספּיראַנטור פֿון קיִעװער אינסטיטוט. אין די זשיטאָמירער סעמינאַרן האָבן זײ באַקומען די נײטיקע צוגרײטונג.

מיט אַ צײט שפּעטער, װען די קאַטעדרע פֿאַר ייִדישער קולטור װאַקסט אױס אין אַ גרױסן אינסטיטוט, באַקומט ליבערבערג אַ מעגלעכקײט אַריבערצונעמען אַ טײל פֿון די זשיטאָמירער געלערנטע קײן קיִעװ, װוּ זײ װערן סטאַבילע מיטאַרבעטערס.

איך באַדױער זײער, װאָס פֿון מײַן זכּרון זענען אַרױסגעפֿאַלן אײנצלהײטן װעגן דער װיסנשאַפֿטלעכער און הילפֿס־װיסנשאַפֿטלעכער טעטיקײט אין אַ רײ אַנדערע אוקראַיִנישע שטעט, װוּהין די עקספּאַנסיװע האַנט פֿון אונדזער אינסטיטוט האָט דערגרײכט. דאָקומענטן װעגן דעם האָב איך אױך זײער װײניק.

קײן גענױע פּרטים װעגן דער טאָג־טעגלעכער טעטיקײט פֿון אָדעסער פֿיליאַל און פֿון דער זשיטאָמירער ייִדישער װיסנשאַפֿטלעכער קאָמיסיע געדענק איך אױך ניט, אָבער די יום־טובֿדיקע שטימונג, מיט װעלכער ליבערבערג פֿלעגט צוריקקומען נאָך יעדן באַזוך אין אָדעס און אין זשיטאָ־

אַרבעט האָט ער געפֿירט צוזאַמען מיט לאָניאַ פּיאַטיגאָרסקי (די שװעסטער פֿון דער סאָװעטישער פּאָעטעסע אַנאַ פּיאַטיגאָרסקי).
ל. פּיאַטיגאָרסקי — די פֿאַרװאַלטערין מיט דעם לערנטײל פֿון דעם דאָזיקן אַנשטאַלט — האָט געהערט צו די טאַלאַנטירטסטע ייִדיש־סאָװעטישע פּעדאַגאָגן, װעלכע כ'האָב װען עס איז באַגעגנט.
װאָרסאָװסקין האָט מען אַרעסטירט אין ביראָבידזשאַן, װוּהין ער איז נאָך דער צװײטער װעלט־מלחמה געפֿאָרן בױען די ייִדישע אױטאָנאָמע געגנט, גלײבנדיק אַז דאָ קען דאָך עפּעס װאָס אױפֿגעטאָן װערן אױף ס'נײ אין דער צײט, װען פֿאַקטיש איז ביראָבידזשאַן געבליבן בלױז בײ איר נאָמען „ייִדישע אױטאָנאָמע געגנט". ער האָט דערפֿאַר באַצאָלט מיט זײַן פֿרײַהײט, אַזױ װי אַנדערע נאַיִװע ייִדישע קולטור־טוערס (צװישן זײ אױך די 2 אַמאָליקע װיסנשאַפֿטלעכע מיטאַרבעטערס פֿון אינסטיטוט פֿאַר ייִדישער קולטור. דער ליבהאַרציקער תּלמיד־חכם בער סלוצקי — דער באַקאַנטער סאָװעטיש־ייִדישער לינגװיסט, דער אױטאָר פֿון פֿילאָלאָגישע אַרבעטן, און אױך יוסף טשערניאַק, װעלכער האָט בשעתו געענדיקט אַספּיראַנטור אין דעם זעלביקן אינסטיטוט, און נאָך זײַן באַפֿרײַונג פֿון לאַגער איז אים געלונגען אין די זעכציקער יאָרן עולה צו זײַן קײן ישׂראל. װאָרסאָװסקי און בער סלוצקי האָבן זיך, לױט די ידיעות, װאָס איך האָב באַקומען (אָבער ניט קאָנטראָלירט) פֿון די לאַגערן ניט אומגעקערט.

מיר, דאָס געדענק איך יאָ. בעת ער פֿלעגט אָפּגעבן באַריכטן פֿאַרן קיִעװער ייִדישן פּאַרטײ־אַקטיװ װעגן די דאָרטיקע אױפֿטוען, האָט זײַן שטים געקלונגען שטאָלץ און אונדז אַלעמען צוגעגעבן זיכערקײט, אַז דער קיִעװער אינסטיטוט פֿאַר ייִדישער קולטור איז אַ יש: ער קאָנצענטרירט אַרום זיך דאָס בעסטע װאָס אין דער ייִדישער אוקראַיִנע איז בנימצא. און באַפֿליגלטע — האָט מען מיט אַ סך האָפֿענונג געקוקט פֿאָרױס, געגלײבט, אַז דאָס איז ערשט אַן אָנהײב, אַז דער סאָװעטיש־ייִדישער װיסנשאַפֿטלעכער טעטיקײט אין אוקראַיִנע שטײען פֿאָר גרױסע אױפֿטוען.

כ'װײס ניט צי אין דער אונטערשטער שורה האָבן דער פֿיליאַל און די זשיטאָמירער קאָמיסיע אַ סך אױפֿגעטאָן, אָבער װיכטיק איז, אַז דער לײענער זאָל װיסן: די השׂגות אונדזערע זענען געװען גרױסע און יוסף ליבערבערג האָט דאָ געשפּילט דעם ערשטן פֿידל.

כ'װײס אױך ניט גענױ װי לאַנג האָט אין אָדעסער פֿיליאַל און אין זשיטאָמירער קאָמיסיע אָנגעהאַלטן די אַקטיװיטעט פֿון זײערע מיטאַרבעטערס, װאָרעם װען איך בין אַװעקגעפֿאָרן קײן ביראָבידזשאַן האָב איך פֿאַרלאָרן דעם קאָנטאַקט מיט די אָדעסער און זשיטאָמירער חבֿרים. די אימהדיקע אַטמאָספֿער, װאָס דער קינסטלעך צעפֿלאַקערטער קאַמף קעגן ייִדישע שאָװיניסטן (לױט דער דירעקטער פֿאַרגעבונג פֿון צ"ק) האָט געשאַפֿן אין דער ייִדישער אױטאָנאָמער געגנט, האָט װי מיט אַ שאַרפֿער האַק אָפּגעהאַקט יעדע פֿאַרבינדונג מיטן נעכטן פֿון די פֿאַרטײערס, װאָס האָבן ביז זײער קומען קײן ביראָבידזשאַן געהאַט אַ שײַכות צו ייִדישער קולטור־טעטיקײט. די שרעק פֿאַר דײַן אײגענער פּאַרטײ האָט געװאָרנט: „דערמאָן ניט װער דו ביסט געװען נעכטן, פֿאַרשװײַג װעגן דײַנע ביזאיצטיקע פֿרײַנד און חבֿרים!"... ס'האָט זיך דאָך אָנגעהױבן די מהומה פֿון ליקװידירן די ייִדישע קולטור־אַרבעט אין אוקראַיִנע און אין װײַסרוסלאַנד. אַרעסטן, באַהעלטענישן, לױפֿענישן װוּהין די אױגן טראָגן, אַבי װאָס װײַטער פֿון די ערטער װוּ מ'קען דיך...

אַרױספֿאָר־סעסיעס

הגם ליבערבערג האָט זיך פֿאַרנומען מיט ערנסטער פֿאָרשונג פֿון דער מערבֿ־אײראָפּעיִשער געשיכטע, איז ער דאָך געװען מער אָרגאַניזאַטאָר װי

געלערנטער, און דווקא דאָס לעצטע האָבן מיר געהאַלטן פאַר אַן אמתע ברכה פאַר דער ייִדישער וויסנשאַפטלעכער אַרבעט, מיט וועלכער ער האָט אָנגעפירט. ער איז געווען גוואַלדיק דינאַמיש. זײַן פּרינציפּ איז געווען: מ׳טאָר די רעזולטאַטן פון די ייִדיש־סאָוועטישע וויסנשאַפטלעכע פאָרשונגען ניט האַלטן פאַרשפאַרט אין די ענגע ראַמען פון אינסטיטוט, מ׳דאַרף זיי אַרויסטראָגן צום ייִדישן אינטעליגענט. מיט דעם צוועק פאָרט ער, כּמעט שטענדיק לויט זײַן אייגענער איניציאַטיוו, אין די גרעסערע אוקראַיִנישע שטעט, וואָס פאַרמאָגן אַ קאָמפּאַקטע ייִדישע באַפעלקערונג. ער פאָרט קיין אומאַן, וויניצע, אָדעס, זשיטאָמיר, ביעלאָצערקאָוו און בערדיטשעוו. אויף גרויסע פאַרזאַמלונגען דערציילט ער דאָרט וועגן די אויפגאַבעס פון דער ייִדיש־סאָוועטישער וויסנשאַפט און וועגן דער טעטיקייט פון קיִעווער אינסטיטוט פאַר ייִדישער קולטור. די ייִדישע בערדיטשעוו נעמט אים אויף ענטוזיאַסטישער ווי אומעטום. וואָרעם מיט אָט דער שטאָט זענען פאַרבונדן אַ סך זכרונות פון בירגערקריג. ער פאָרט אויך לויט ספּעציעלע אײַנלאַדונגען קיין ניעזשין, לייענט דאָרט פאָרטראָגן פאַר דער פּראָפעסור און סטודענטן פון אַלטן ניעזשינער אוקראַיִנישן פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט. די זאַלן זענען אויך דאָ פול געפּאַקט — זײַנע לעקציעס אין אוקראַיִניש וועגן די דערגרייכונגען פון דער סאָוועטיש־ייִדישער וויסנשאַפט ווערן דאָרט אַ שם־דבר.

דערנאָך שאַפט ער אַ נײַע פאָרעם פון קאָנטאַקטן מיט דער ייִדישער אינטעליגענץ: ער אָרגאַניזירט די אַזוי גערופענע אַרויספאָר־סעסיעס פון באַזונדערע סעקציעס. מען פאָרט קיין אָדעס, קיין זשיטאָמיר, וויניצע, און אַ מאָל אויך קיין אומאַן. יעדע אַזאַ אונטערנעמונג איז דעמאָלט געווען פאַרבונדן מיט גרויסע מאַטעריעלע שוועריקייטן, אָבער דאָס האָט קיינעם ניט אָפּגעהאַלטן. אויף יעדער אַרויספאָר־סעסיע פלעגן עטלעכע מיטאַרבע־טערס פון דער סעקציע — סײַ די אָנגעזעענסטע געלערנטע, סײַ די יונגע וויסנשאַפטלערס ברענגען פאַר דער עפנטלעכקייט די רעזולטאַטן פון זייערע פאָרשונגען. אויך די מיטגלידער פון אָדעסער פיליאַל און פון דער זשיטאָ־מירער ייִדישער וויסנשאַפטלעכער קאָמיסיע פלעגן דאָ פאָרלייענען זייערע אַרבעטן. מיר — די נײַ־געבאַקענע יונגע וויסנשאַפטלערס, און אויך איך בתוכם — האָבן זיך צו יעדער אַרויספאָר־סעסיע געגרייט ווי צו אַ גרויסן עפנטלעכן עקזאַמען.

דאָס איז געווען אַ נײַער אופן פון אוממיטלדיקן קאָנטאַקט מיט דער

ייִדישער אינטעליגענץ, אָפּט מאָל מיט אַזעלכע, וועלכע זענען ביז דעמאָלט געשטאַנען אָן אַ זײַט פון דער סאָוועטיש־ייִדישער קולטור־בויונג און געווען גענייגט צו אַסימילאַציע.

יעדע אַרויספאָר־סעסיע פלעגט אַרײַנברענגען פיל לעבן בײַ דער ייִדישער אינטעליגענץ אין דער פּראָווינץ (די זאַלן, ווו מיר זענען אַרויס־געטראָטן, זענען שטענדיק געווען פול געפּאַקט). דער עולם שטעלט פראַגעס, מען דיסקוסירט וועגן תּוכיקע פּראָבלעמען פון דער ייִדישער געשיכטע, שפּראַך, ליטעראַטור, פּעדאַגאָגיק, עטנאָגראַפיע, עקאָנאָמיק, און די חשיבות פון דער ייִדישער וויסנשאַפט ווערט גרעסער.[41]

מיר פאָרן צוריק טויט מידע, אָבער שטאַרק דערמוטיקטע: ס׳איז דאָ פאַר וועמען צו אַרבעטן, עס לוינט. דער געפיל פון אָנערקענונג צו ליבער־בערגן וואַקסט: ער איז דאָך דער, וואָס שאַפט פאַר אונדז מעגלעכקייטן צו איבערצײַגן זיך, אַז עס לוינט די טירחה, אַז די סאָוועטיש־ייִדישע וויסנשאַפט האָט איר אויפמערקזאַמען אָפּנעמער און יורש.

41 כ׳מיין, אַז דער לייענער פאַרשטייט, אַז אַזעלכע אויסדרוקן, ווי איך באַנוץ דאָ: ״דער עולם שטעלט פראַגעס״, ״מען דיסקוסירט וועגן תּוכיקע פּראָבלעמען...״ זענען זייער און זייער רעלאַטיוו, וואָרעם אַלץ ווערט דאָ, ווי אין גאַנצן לאַנד, געטאָן בלויז און נאָר לויט די געקינצלטע אינטערנאַציאָנאַליסטישע פּרינציפּן, אין וועלכע די קאָמפּאַרטיי האָט אַרײַנגעקוועטשט די ייִדישע וויסנשאַפטן און די גאַנצע נאַציאָנאַלע קולטור־אַרבעט מיטן ציל פאַר יעדן פּרײַז אויסצולײדיקן זיי פון נאַציאָנאַלן ייִדישן תּוך.

ווען מען כאַפּט איבער די מאָס...

פּרשה דובנאָוו און "בונד"

וואָס עלטער איך ווער און וואָס מער איך טראַכט וועגן די מענטשן, מיט וועלכע כ'האָב יאָרן לאַנג מיטגעאַרבעט אין ראַטן־פאַרבאַנד, אַלץ מער קום איך צום אויספיר, אַז מאָדנע און משונהדיק־סתירותדיק זענען געווען די מעשׂים פון די, וואָס זענען געשטאַנען ביים רודער פון דער סאָוועטיש־ייִדישער קולטור. ווער האָט עס געקענט דערגיין, וואָס דאָרט אינעווייניק, אין זייערע נשמות, האָט זיך אָפּגעטאָן? נעמט, צום ביישפּיל, אַזאַ יוסף ליבערבערג. ער דאַרף זיין דער הויפּט־קברן פון אַלטן, און ער פּילט טאַקע אויס די דאָזיקע ראָלע אויף הונדערט פּראָצענט — ווערט פאַרוואַנדלט אין הויפּט־שרייער קעגן דער יודאַיִסטיש־העברעיִסטישער וויסנשאַפט. אָבער איינצייטיק דאַרף ער אויף אירע חורבות בויערן דאָס נייע — די ייִדיש־סאָוועטישע, די קאָמוניסטישע וויסנשאַפט. אַזוי באַפעלט אים די פּאַרטיי.

און גיט נאָר אַ קוק וואָס עס קומט דאָ פאָר: אַזוי ווי ער הייבט נאָר אָן דאָס דאָזיקע נייע צו בויען, גליטשט ער זיך גלייך אויס און פאַלט אַריין... אין דער זעלבער "נאַציאָנאַליסטישער בלאָטע", וועלכע ער באַקעמפט אַזוי שטאַרק.

מיט אַנדערע ווערטער: דווקא ער, דער אויסדערוויילטער, דער וועמען די פּאַרטיי טרויט אָן צו בויען דאָס נייע, דווקא ער באַגייט אָן אַ שיעור פּאָליטישע פעלערן שוין בעת די סאַמע ערשטע שריט, וואָס ער מאַכט צו פאַרווירקלעכן די אויפגאַבע. און מ'דאַרף נישט זיין קיין גרויסער מומחה כדי צו דערזען, אַז אייגנטלעך זענען "די פעלערן" נישט עפּעס אַנדערש, ווי דאָס אַלטע, וואָס ער האַלט בשעת־מעשׂה אין איין באַקעמפן.

נעמט, צום ביישפּיל, אַזאַ "אומשולדיקן" פאַקט. צו דער דערעפענונג פון דער קאַטעדרע פאַר ייִדישער קולטור ביי דער אַלאוקראַיִנישער וויסנ־

שאַפטס־אַקאַדעמיע [42] שיקט ער אַרויס קיין בערלין אַ שריפטלעכע איינלאַדונג, און צו וועמען מיינט איר? נישט צו עמעצן אַנדערש, ווי צום באַוווסטן ייִדישן היסטאָריקער שמעון דובנאָוו, וועלכער האָט גאָר נישט לאַנג צוריק מיט אַ טראַסק אין טיר פאַרלאָזט דעם ראַטן־פאַרבאַנד. און ווי מיינט איר, וואָס איז געווען ווייטער?

אויב דובנאָוו וואָלט אַפילו אָנגענומען די איינלאַדונג, וואָלט דער פּאָליטישער סקאַנדאַל אויך געווען אַ גרויסער. אָבער אַז דובנאָוו האָט די דאָזיקע פאַרבעטונג ניט נאָר נישט אָנגענומען, נייערט ער האָט נאָך דערצו צוגעשיקט אין פּרעזידיום פון דער אוקראַיִנישער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע אַן "אַרויסרופערישן" בריוו, און דער אינהאַלט איז בליץ־שנעל באַוווסט געוואָרן סיי אין אויסלאַנד, סיי אין ראַטן־פאַרבאַנד, — איז דאָס געווען אַ פּאָליטישער פּאַטש אין פּנים פאַר דער גאַנצער סאָוועטישער וויסנשאַפט.

אָ, דער דאָזיקער הילכיקער פּאַטש! אַפילו איך, וואָס בין נאָך דעמאָלט געווען נישט מער ווי אַ לערערין פון די ייִדיש־סאָוועטישע שולן, וועל קיין מאָל ניט פאַרגעסן דעם פּייַנלעכן איינדרוק, וואָס האָט אויף מיר און אַזעלכע ווי איך געמאַכט דער קורצער אינהאַלט פון דובנאָווס אָפּזאָגבריוו.[43] דער אינהאַלט איז בליץ־שנעל באַוווסט געוואָרן אין ייִדישן אינטעלעקטועלן קיִעוו, און יעדעס וואָרט האָט אויך געשמיסן ווי אַ בייטש:

"אָן פרייַהייט פון געוויסן און געדאַנק איז אוממעגלעך אָביעקטיווע פאָרשונג, און אָן פּאָליטישער פרייַהייט קענען נישט זיין פרייַ ניט דער געוויסן, ניט דער געדאַנק".

ניט מער ווי מיט צוויי טוץ ווערטער, און זיי איז גאָר ניט שווער געווען צו פאַרגעדענקען אויף אויסווייניק, זיי האָבן דאָך געקלונגען ווי אַ שאַרפער אַפאָריזם, און אַז איר ווילט — ווי אַ פּאָליטישע פּראָגראַם. געדרוקט איז דער קאָמפּראָמיטירנדיקער דאָקומענט, פאַרשטייט זיך, אין אונדזער פּרעסע

42 די קאַטעדרע האָט פאַקטיש עקסיסטירט און געאַרבעט זינט דעם יאָר 1926. ליבערבערג לייגט איין וועלטן, אַז די דאָזיקע געשעעניש זאָל אַרויסגעטראָגן ווערן אין דער ברייטער עפנטלעכקייט, — ניט בלויז אין לאַנד גופא, נאָר אויך אין ייִדישן אויסלאַנד. דאָס איז אים אָנגעקומען ניט לייכט, און דערפאַר איז ערשט דעם 5טן פעברואַר 1928 פאָרגעקומען איר פייערלעכע דערעפענונג.

43 דאַכט זיך, אַז דאָס איז גאָר געווען ניט קיין בריוו, נאָר אַ טעלעגראַמע, אָבער זיכער אין דעם בין איך ניט.

ניט געווען, און דאָך האָט אים איבערגעחזרט אפשר אַ העלפט פון ייִדישן קיִעוו. ניט וויכטיק, וואָס ביַי אונדז אין לאַנד איז אַפילו די נישטיקסטע געשעעניש אַ שטרענגע מלוכה־געהיימעניש — אין אונדזער ייִדיש וועלטל זענען קיין סודות ניט פאַראַן.

מיַינע אומפאַרטייִישע חברים פון דער 17טער שול לאָזן מיך דווקא דאָס מאָל צו רו. כאָטש איך קלאָג זיך קיין מאָל ניט פאַר זיי (זיי זענען דאָך אומפאַרטייִישע!), ווייסן זיי גוט — מיר, דער ניט לאַנג געקומענער פון רעאַקציאָנערן פוילן (וויניקער ווי מיט 2 יאָר צוריק), איז כּמעט אַלץ, וואָס קומט פאָר אין מיַין ניַיעם היימלאַנד, ניט אַזוי לייַכט צו פאַרדיַיען. זיי ווייסן: איך האָב זיך נאָך ניט אין גאַנצן צוגעוווינט צו דער סאָוועטישער ווירקלעכקייט און נעם זיך שטאַרק צום האַרצן יעדן דורכפאַל פון מיַין פאַרטיי. היַינט זע איך ניט קיין נקמה אין זייערע בליקן, גיכער רחמנות צו מיר. אַפילו פון באָבערן און פויניצקין הער איך היַינט ניט זייערע שטעכ־ווערטלעך אויפן חשבון פון מיַין פאָליטישער נאַיִווקייט און בלינדן גלויבן.[44] אָבער צו מיַינע אויערן דערקיַיקלען זיך אָפּגעהאַקטע פראַזעס פון די לעבהאַפטע שמועסן, וואָס די לערערס פירן צווישן זיך אויף די איבער־ריַיסן צווישן איין לימוד און דעם צווייטן. זיי האָבן בפירוש גרויס נחת פון דובנאָווס ענטפער!..

נישט אַזוי רעאַגירן מיַינע תּלמידים־פּראָלעטאַריערס פון דער קיִעווער טריקאָטאַזש־פאַבריק אויפן נאָמען פון ראָזע לוקסעמבורג. דאָ זענען באַ־שעפטיקט ס׳רוב ייִדישע אַרבעטערינס און אַרבעטערס, וואָס זענען געקומען צו לויפן פון פוילן נאָך מיט דער אָפּטרעטנדיקער רויטער אַרמיי. דאָ בין איך צוגעפעסטיקט צו פירן ייִדישע קולטור־אַרבעט. איך בין דאָ אַ היימישע און כ׳ווייס, אַז אַ סך פון זיי האָבן מיך ליב, און דאָך בין איך דאָ אַן אָפיציעלע פערזאָן, אַ געשיקטע פון דער ייִדסעקציע ביַים קיִעווער קריַיזישן פאַרטיי־קאָמיטעט.

זיי, די ״פוילישע״, זענען אין קריַיזפאַרטקאָם באַוווסט ווי ״פּאָליטיקאַ־נער״, טוען אָן ניט ווייניק צרות דער פאַרטיי־אָנפירונג פון דער פאַבריק...

44 באָבער איז געווען דער פאַרוואַלטער פון דער 17טער ייִדישער שול, פויניצקי — אַ באַגאַבטער לערער פון פיזיק, דער אויטאָר פון ייִדישע ביכלעך וועגן פּאָפּולערע פּראָבלעמען פון פיזיק און טעכניק, וואָס זענען געווען זייער באַליבט ביי ייִדישע שולקינדער און יוגנט.

האָבן זיך ליב צו מישן ווו מען דאַרף נישט... און ריידן וואָס מען טאָר נישט... און מיר איז מיט זיי גאָר ניט אַזוי לייַכט צו פירן די קאָמוניסטישע אויפקלערונגס־אַרבעט. דאָס מאָל קוקן זיי אויף מיר מיט אַ סאַרקאַסטישן שמייכל. און אפשר דאַכט זיך מיר נאָר אויס? די געציילטע פאַרשאָלטענע ווערטער פון דובנאָווס שטאָלצן ענטפער לאָזן מיך נישט צו רו — זיי האָבן מיך אין גאַנצן צעשרויפט... פון די חברהס בליקן פיל איך אַרויס: דער פּאָליטישער סקאַנדאַל איז שוין אויך צו זיי דערגאַנגען...

מיַין אינטויִציע פירט מיך דאָס מאָל נישט אונטער: די מער אַקטיווערע רינגלען מיך אַרום און פאַרשיטן מיט פראַגעס, וואָס קלעפן זיך גאָרנישט צו דער טעמע, וואָס מיר האָבן היַינט געלערנט אויפן פּאָליטקריַיז. ״ווי מיינט איר, חברטע שניַידערמאַן, צי האָט בכלל געדאַרפט איַינגעלאַדן ווערן אַזאַ פיגור ווי שמעון דובנאָוו?..״ און ״צי איז אַזוי שווער געווען פאָרויס־צוזען, אַז ער וועט אַהער נישט קומען?״... און צום סוף קומט דאָס, פאַר וואָס איך האָב אַזוי מורא: ווי מיינט זייער אָנפירערין פון פּאָליט־אויפקלער־קריַיז — דאָס הייסט איך — „צי איז אין דובנאָווס ענטפער ניט פאַראַן אַ שמץ גערעכטיקייט?״...

אָט שעלמעס! אַזוי ווי זיי וואָלטן דערהערט דעם קאַצן־יאָמער, וואָס האָט זיך אין די דאָזיקע טעג צעשפּילט אין מיַין מוח און אין האַרצן. איך אַליין קען דאָך בשום־אופן מיט זיך אַליין ניט פאַרטיק ווערן. טאָ גיי ענטפער זיי רויִק און פעסט, אַזוי ווי ס׳איז מחויב צו ענטפערן אַ באָלשעוויסטישער פּראָפּאַגאַנדיסט. ענטפער זיי, אַז פּאָליטישע פריַיהייט פון געוויסן עקסיסטירט דווקא און נאָר דאָ — ביַי אונדז אין ראַטן־פאַרבאַנד!... אַז דער אמת ליגט אויסשליסלעך אין די הענט נאָר פון אונדזער רומפולער פאַרטיי... ענטפער, אַז אַלץ וואָס אַנדערע באַהויפּטן, איז בלאָטע שבבלאָטע — אַזוי ווי די פאַרטיי מיַינע לערנט מיך.

און איך טו עס, וויַיל אַזוי דאַרף טאָן יעדער געטריַיער קאָמוניסט, ווען ס׳איז טיַיער די רעוואָלוציע — און מיר איז זי טיַיער, אוי ווי טיַיער! און מיטן מוח פאַרשטיי איך און מיטן שׂכל וויל איך מסכּים זיַין, אַז אַלע מיטלען, אַפילו די סאַמע שאַרפסטע, וואָס די פאַרטיי ווענדט אָן, כּדי צו פאַרפעסטיקן די שטענדיק באַדראָטע רעוואָלוציע, זענען כּשר.

מיַינע געטריַיע אַרבעטער־תּלמידים הערן אויס די ענטפערס, אָבער זיי סטאַרען זיך נישט צו קוקן אין מיַין זיַיט. פאָרט אייגענע חברה, היַינט דער־

ווידערן זיי מיר מיט קיין וואָרט נישט. זיי פֿאַרשטייען: איך טאָר ניט אַנדערש... איך האָב געטאָן מײַן פּאַרטיייִשע פֿליכט!..

— — —

"זאָל נאָר עמעצן פֿון זיי נישט אײַנפֿאַלן הײַנט מיך צו גיין באַגלייטן" — באַפֿאַלט מיך פּלוצעם אַ פּאַנישע שרעק... (זיי טוען דאָס אָפּט מאָל). און איך לויף גיך אַרויס פֿון אַגיטפּונקט: "זײַט געזונט... כ'האָב קיין צײַט נישט..." דעם גאַנצן וועג אַהיים פֿיל איך — מײַנע אויערן ברענען און זענען זיכער צונטער רויט.

***

ס'האָט גאָר ניט לאַנג געדויערט און די מעשׂה "דובנאָווס ענטפֿער" איז דערגאַנגען קיין מאָסקווע ביז צום צ"ק אַלק"פּ (ב). ווערט אין די ייִדישע פּאַרטייקרײַזן אַ סומאַטאָכע. וואָרעם אַלע האָבן פֿאַרשטאַנען אַזאַ פּשוטע זאַך: ליבערבערג האָט דאָך זײַן אײַנלאַדונג צו דובנאָוון ניט געקענט שיקן אָן דעם וויסן פֿון אַלעקסאַנדער טשעמעריסקי — דעם הויפּט־בעל־הבית איבער דער ייִדאַרבעט אין גאַנצן ראַטן־פֿאַרבאַנד[45] און אַז ער, ליבערבערג האָט דאָס געטאָן אויך מיט דער הסכּמה פֿון הויפּט־ביוראָ פֿון די ייִדסעקציעס בײַם צ"ק קפּ (ב)"או אין כאַרקאָוו. אין דעם האָט קיינער נישט געצווייפֿלט, וואָרעם אַז אַליין טוט מען ניט בײַ אונדז אַזוינע זאַכן, ווייסן קינדער אין די וויגן.

ווי אַזוי זשע האָט געקענט קומען צו אַזאַ פּאָליטישן לאַפּסוס? אין דער סביבה וווּ איך האָב געאַרבעט און געלעבט זענען קיין צוויי מיינונגען וועגן דעם ניט געווען: די הויפּט־סיבה האָט מען געזען אין יוסף ליבערבערגס גוואַלדיקער ווילנסקראַפּט, וואָס האָט ניט איין מאָל געגרענעצט מיט פּאָליטישער הפקרות. מיט זײַן ענטוזיאַזם פֿאַר אַלץ צו וואָס ער נעמט זיך, איז ער פֿעיִק אַפֿילו אַ בער מאַכן טאַנצן — אַזוי האָט מען, ווער מיט צופֿרידנקייט, ווער מיט אויפֿרעגונג, גערעדט וועגן ליבערבערגן. ווי האָבן

45 אַלעקסאַנדער טשעמעריסקי איז אין צ"ק אַלק"פּ(ב) אין מאָסקווע געווען דער פֿאַרוואַלטער פֿון דעם צענטראַל־ביוראָ פֿון אַלע ייִדסעקציעס, וואָס האָבן עקסיסטירט אין ראַטן־פֿאַרבאַנד. אומגעקומען אין אַ סאָוועטישן לאַגער.

זיי דאָרטן, אין די הויכע פּאַרטיי־פֿענצטער, געקענט בײַשטיין זײַן הויפּטמאָטיוו: "זאָל דאָרט די רעאַקציאָנערע ייִדישע וועלט וויסן וואָס מיר טוען דאָ אויף!.."

דאָס מאָל איז עס אים געלונגען. אונטער ליבערבערגס צודרינגלעכקייט און זײַן שטאַרקן ווילן צו פּאָפּולאַריזירן די סאָוועטישע ייִדאַרבעט אין גאָר דער וועלט האָבן די אָנפֿירערס, מסכּים זײַענדיק צו שיקן די אײַנלאַדונג צו דובנאָוון, ווי פֿאַרגעסן, אַז נאָך אין דעצעמבער 1927 האָט דער 15טער פּאַרטיי־צוזאַמענפֿאָר איינשטימיק אָנגענומען (אַלץ ווערט אין ראַטן־פֿאַרבאַנד באַשלאָסן איינשטימיק) די פּראָגראַם פֿון דער אַלגעמיינער טאָטאַלער קאָלעקטיוויזאַציע אין דאָרף און אויסגעשלאָסן פֿון פּאַרטיי (אויך איינשטימיק) די אָפּאָזיציאָנערן מיט טראָצקין און זינאָוויעוון אין דער שפּיץ. די אָנפֿירערשאַפֿט פֿון דער סאָוועטישער ייִדאַרבעט איז דאָס מאָל געווען קורצזיכטיק — זי האָט אַרויסגעלאָזן פֿון זינען, אַז בײַנאַנד מיטן דעקלאַרירן דעם ערשטן פֿינפֿיאָר־פּלאַן (אויף דעם זעלבן 15טן פּאַרטיי־צוזאַמענפֿאָר אין דעצעמבער 1927) איז פּראָקלאַמירט געוואָרן, אַז דער קאַמף מיטן אינערלעכן קלאַסן־שׂונא דאַרף פֿאַרשטאַרקט ווערן און דער שרויף פֿון דעם דיקטאַטאָרישן פּרעס אויף דער וויסנשאַפֿט מוז פֿאַרדרייט ווערן פֿעסטער ווי ביז איצט.

זיי האָבן ניט פֿאָרויסגעזען, אַז ניט מער ווי אין עטלעכע חדשים אַרום (סוף מײַ — אָנהייב יוני 1928) — וועט די אינספּירירטע פֿון סטאַלינען גופֿא "אַלפֿאַרבאַנדישע באַראַטונג בײַם צ"ק אַלק"פּ (ב) וועגן פּראַגעס פֿון אַגיטאַציע, פּראָפּאַגאַנדע און קולטור־בויונג" אַרויס מיט אַ שטרענגער פֿאָדערונג צו די אָנפֿירערס מיט דער סאָוועטישער וויסנשאַפֿט, און במילא אויך צו די אָנפֿירערס מיט דער ייִדישער וויסנשאַפֿט, זיי זאָלן נאָך מער ווי ביז איצט פֿאַרשטאַרקן דעם אַכזריותדיקן קאַמף קעגן יעדן אויסדרוק פֿון ליבעראַליזם און אַלע אָן אויסנאַם וויסנשאַפֿטן מאַכן נאָך מער אונטערטעניק דער באָלשעוויסטישער אידעאָלאָגיע.

דער זעקסטער פּונקט פֿון דער רעזאָלוציע, וואָס ווערט אָנגענומען אויף דער דאָזיקער באַראַטונג, ווײַזט גענוי אָן אין וואָס באַשטייען די הויפּט־עבירות פֿון סאָוועטישע געלערנטע, וועמער איז מחויב אָנצוגרײַפֿן די, וואָס זענען עובר אויף דער נײַ־פֿאַרשאַרפֿטער אומקאָמפּראָמיסלעכער פּאַרטיי־ליניע: "די רעדאַקציעס פֿון די פֿאַרלאַגן און פֿון די זשורנאַלן, די פּראָפּאַגאַנדיסטן פֿון דער פּאַרטיי דאַרפֿן אַנטשלאָסן קעמפֿן קעגן דערשײַנונגען

פֿון ניט דערלאָזלעכער זאָרגלאָזיקייט און פּאַסיווקייט מצד קאָמוניסטן און אומפּאַרטייִשע מאַרקסיסטן אין אָנבליק פֿון בורזשואַזע פֿאַרקריפּלונגען אויפֿן געביט פֿון וויסנשאַפֿט, און קעגן נישט קריטישער באַציִונג מצד קוואַליפֿיצירטע געלערנטע קאָמוניסטן צו וויסנשאַפֿטלעך־פֿאָרשערישער אַרבעט פֿון בורזשואַזע געלערנטע".[46]

דאָס האָט דאָך קלאָר באַטײַט: קוקט אויף די פֿינגער פֿון די געלערנטע און ספּעציאַליסטן, ניט בלויז פֿון אומפּאַרטייִשע, נאָר אויך פֿון פּאַרטייִשע וויסנשאַפֿטלערס. די אײַנלאַדונג פֿאַר דובנאָוון איז געשטאַנען אין שרײַענדיקער סתּירה צו דעם אַלעם און איז געווען אַ פֿאַטאַלער פֿעלער פֿון דער העכסטער אָנפֿירונג מיט דער ייִדאַרבעט אין מאָסקווע און אין כאַרקאָוו. וועגן דעם האָבן איצט אין דער ייִדישער קולטור־סביבה גערעדט גרויס און קליין.

האָט מען באַדאַרפֿט פֿאַר יעדן פּרײַז ראַטעווען די סיטואַציע — ריינוואַשן די אָנפֿירונג מיט דער ייִדאַרבעט פֿון דעם שאַנדפֿלעק, וואָס זי האָט אויף זיך מיט ליבערבערגס הענט אַרויפֿגעצויגן. אָבער אָפֿן מודה זײַן, אַז די אײַנלאַדונג צו דובנאָוון קיין בערלין איז געשיקט געוואָרן מיטן וויסן פֿון די העכסטע ייִדיש־סאָוועטישע פֿענצטער? — דאָס וואָלט פֿאַר זיי געקענט ברענגען זייער ביטערע רעזולטאַטן מצד דעם צענטראַל־קאָמיטעט פֿון דער אַלק"פּ (ב).

ווי ס'קריסטלט זיך, אַזוי ייִדלט זיך — האָט מען אויך דאָס מאָל אָנגעוואַנדן די אויסגעפּרוּווטע טאַקטיק, וואָס הערשט אין דער פּאַרטיי און וואָס אין פֿאַלקסמויל רופֿט מען זי Начальство никогда не ошибается דאָס הייסט — שולדיק אין אַ באַגאַנגענעם פּאָליטישן פֿעלער איז קיין מאָל ניט די אָנפֿירונג, נאָר דער וואָס האָט אויסגעפֿירט די פֿעלערהאַפֿטע אָנווײַזונג, באַקומענע טאַקע פֿון נאַטשאַלסטווע אַליין. אַזאַ איז אויך, נאַטירלעך, געווען דער אָנגענומענער סטיל פֿון דער אָנפֿירונג מיט דער ייִדאַרבעט, וואָס איז און מוז זײַן אַ געטרײַע קאָפּיע פֿון דער גאַנצער פּאַרטיי־אַרבעט.

פֿאַרשטייט שוין דער לייענער, פֿאַר וואָס משה ליטוואַקאָוו, דער רע־

46 איך בעט מחילה פֿאַר דער הילצערנער שפּראַך, נאָר אַזוי איז געשריבן דער רוסישער אָריגינאַל. זע — 1. Справочник партийного работника, выпуск VII, т. 1, Москва 1930, стр. 420—421 ; 2. КПСС о культуре, просвещения и науке. Сборник документов, Москва 1963.

דאַקטאָר פֿון עמעס,[47] איז אַרויס מיט אַ גיפֿטיקן אַרטיקל, אין וועלכן ער גיסט קודם־כּל אויס עמערס שמוץ אויף דובנאָוון — דעם "ווײַסגוואַרדעיִשן עמיגראַנט און זײַן קליקע", און פֿאַר וואָס ליטוואַקאָוו ווײַזט אָן, אַז די איינציקע שולדיקע אין דעם פּאָליטישן פּאַטש, וואָס די ראַטנמאַכט האָט באַקומען, זענען ניט די הויכע ייִדישע פּאַרטיי־פֿענצטער, נאָר דער פּאַרטייִשער פּראָפֿעסאָר ליבערבערג און זײַן רעכטע האַנט, דער אומפּאַרטייִשער פּאָליטיש פֿאַרדעכטיקטער נחום שטיף. אין נאָמען פֿון דער "ייִדישער פּראָלעטאַרישער געזעלשאַפֿטלעכקייט" שיט ער פּעך און שוועבל אויף די צוויי בעל־עבירהניקעס. (די אײַנלאַדונג צו דובנאָוון איז געווען געחתמעט אויך פֿון דעם וויצע־פּאָרזיצער פֿון דער אָרגאַניזיר־קאָמיסיע נחום שטיף — דעם הויפּט־מיטאַרבעטער פֿון דער קאַטעדרע), וואָס האָבן זיך דערנידעריקט ביז צום אײַנלאַדן דעם "קאָנטררעוואָלוציאָנער" שמעון דובנאָוו. די שולדיקע ווערן אויפֿגעפֿאָדערט צוריקצוציִען די אײַנלאַדונג און אָנערקענען בפֿרהסיא זייער פּאָליטישן פֿעלער.

מיט קיין פֿײַער שפּילט מען זיך ניט. טוט מען דאָס, וואָס אַלע טוען אין אַזעלכע פֿאַלן. גאָר גיך באַווײַזט זיך אין דעם זעלבן עמעס ליבערבערגס און שטיפֿס תּשובֿה־בריוו. ביידע באַשולדיקטע קלאַפּן זיך על־חטא פֿאַר זייער פּאָליטישער בלינדקייט, וואָס האָט זיי געבראַכט צו דעם דאָזיקן שאָוויניסטישן אָפּנויג, און זיי זאָגן הייליק צו: אויף להבא וועלן מיר זײַן מער וואַכזאַם לגבי אַזעלכע ייִדישע קאָנטררעוואָלוציאָנערן ווי שמעון דובנאָוו.

דער פֿאַקטישער ווערט פֿון "על־חטא־בריוו" איז שוין דעמאָלט געווען גוט באַקאַנט פֿאַר יעדן דענקענדיקן מענטשן. וועלכן פֿענמענטש און ווייסנשאַפֿטלער איז דען ניט אויסגעקומען צו שרײַבן "על־חטא־בריוו"? דאָס זענען נאָך געווען צײַטן ווען אַ חרטה־רעדע און אַ חרטה־בריוו האָבן נאָך געקענט ראַטעווען דעם שולדיקן. מען האָט שוין פֿון פֿאָרויס געוווּסט דעם נוסח און וואָס דער בעל־עבירהניק וועט אין אַזאַ מין רעדע אָדער בריוו זאָגן, און איר האָט אים פֿאַרשפּאָרט צו לייענען. און ניט ליבערבערגס, און אַוודאי און אַוודאי ניט נחום שטיפֿס אויטאָריטעט איז אין די ייִדישע קולטורקרײַזן אַפֿילו אויף איין האָר ניט געמינערט געוואָרן.

47 דער עמעס איז דעמאָלט נאָך געווען דער אָרגאַן פֿון צענטראַל־ביוראָ פֿון די ייִדסעקציעס ביי דעם צ"ק אַלק"פּ (ב) אין מאָסקווע.

און נאָך אַ זאַך. הגם דער עולם ווייס גוט, אַז דער גאַנצער באַשולדיקונגס־אַקט קעגן די צוויי וויסנשאַפטלערס איז געניײט מיט ווײַסע פּאָדעם, האָט מען דאָך אויך אויף ליטוואַקאָוון קיין פּאַריבל נישט געהאַט. וואָרעם — צי קען ער און צי מעג ער אַנדערש האַנדלען? צי קען ער שרײַבן קעגן דער אָנפירונג פון צ״ב? איינשטעלן זי אין די אויגן פון קולטפּראָפּ אין צ״ק אַלק״פּ (ב), ווען דער צ״ב איז דירעקט אונטערגעאָרדנט? ניין, ער קען ניט און טאָר ניט אײַנשטעלן דעם גוטן פּאָליטישן נאָמען פון דעם אַנשטאַלט, וואָס פירט אָן מיט דער ייִדאַרבעט אין גאַנצן לאַנד.

אָבער גלײַכצײַטיק ציטערט דאָס האַרץ בײַ ייִדישע קולטור־טוערס, און מיר ווייסן, אַז בײַ דעם זעלבן ליטוואַקאָוון אויך: זאָל נאָר דער פּאָליטישער סקאַנדאַל ניט שאַטן דער קאַטעדרע — דעם שײַנדל פון דער ייִדאַרבעט אין אוקראַיִנע, וואָס הייבט ערשט אָן שטעלן אירע ערשטע טריט און אויף וועלכער מ׳לייגט אַזוי פיל האָפענונגען! פאַרן לעבן פון ליבערבערגן און שטיפן האָט מען זיך ווייניקער געשראָקן (דעמאָלט, אין יאָר 1928, פלעגט מען נאָך פאַר אַזעלכע אָפּנויגן זעלטן ווען אַרעסטירן).

אין יענע טעג האָט זיך ליבערבערגס פּאָליטישע קאַריערע אַ שטאַרקן וואַקל געטאָן. ס׳איז געווען אַ ביטערער רחמנות צו קוקן אויף זײַן פינצטער געוואָרענעם פּנים. אַפילו אין אָנטאָן איז ער געוואָרן ווייניקער מדייק, אין זײַן שטוב איז געווען תּשעה באב: אָט, אָט גייען אונטער זײַנע שיפן. אָבער אַרויס פון דעם אומגליק איז ער אַ גאַנצער — ממש מיט נסים. יאָרן לאַנג האָט מען אין די סאָוועטיש־ייִדישע קולטורקרײַזן געקוועטשט מיט די פּלייצעס: ווי אַזוי האָט דאָס געקענט געשען?.. ניט אַנדערש, נאָר אַ צופאַל... אַ מזל פון אַ מענטשן!..

און ער — דער מיטגליד און ליבלינג פון קיִעווער קרײַזישן פּאַרטײקאָמיטעט — האָט אין דער שטיל אויף אַ זיצונג אַרײַנגעכאַפּט אַ פּאָליטישן פּסק פאַר זײַן אָפּאָרטוניסטישן כלל־ישראלדיקן צוגאַנג צו קולטור־בויונג אין ראַטן־פאַרבאַנד — ניט מער. נחום שטיפן האָט מען ווייניקער געטרײבערט — ״וואָס קען מען שוין פאָדערן פון אַ נעכטיקן אויסלענדער, אַן אומפּאַרטייִשן, מיט אַזאַ נאַציאָנאַליסטישער פאַרגאַנגענהייט?״... כאָטש דאָרט אויבן גיבן זיי אויף דער זיצונג אָנצוהערן, אַז זיי שטויסן זיך אָן, אַז פאַקטיש האָט אין דער אידעע צו שיקן די אײַנלאַדונג צו דובנאָוון אַ היפּשן חלק דער אומפּאַרטייִשער שטיף, אַז דאָס האָט ער געדריקט אויפן פּאָליטיש־לײַכטזיניקן און ענטוזיאַסטישן פּאַרטייִשן דירעקטאָר ליבערבערג.

אומזיסט איז דאָראַ שטיף אַ צײַט אַרומגעגאַנגען מיט צעשראָקענע אויגן. איצט, נאָך דעם שטורעם, באַגלייט זי ווידער איר מאַן אויף יעדער זיצונג און פאַרזאַמלונג און וואַרט דאָ אויף אים מיט דער אייגענער זעלבסטווערדע ווי פריִער.[48]

און וואָס שייך אונדז — די ייִדישע פּראָפּאַגאַנדיסטן און אַגיטאַטאָרס — האָבן מיר שוין איצט אַ קלאָרע פּאַרטיי־אײַנשטעלונג צו דעם גאַנצן ענין, מיר וועלן שוין ניט בלאָנדזשען אין דער פינצטער: ענדלעך קען מען שוין אויפהערן זוכן דעם ענטפער אין דעם אייגענעם מוח און בײַם אייגענעם געוויסן, דאָס איז דאָך דאָס שווערסטע און דאָס פײַנלעכסטע. ליטוואַקאָווס אַרטיקל אין עמעס איז שאַרף און איבערצײַגעוודיק. ליבערבערגס און שטיפס על־חטא־בריוו אין רעדאַקציע פון עמעס איז די בעסטע באַשטעטיקונג, אַז די פּאַרטיי־ליניע איז אַ גערעכטע. מיר קענען ליטוואַקאָווס אַרטיקל און זייער על־חטא־בריוו פּראָסט־פּשוט פאַרלייענען אַזוי ווי זיי שטייען און גייען, פאַר די ייִדישע אַרבעטסמענטשן. און אַזוי טוען מיר טאַקע. און אויך איך טו אַזוי, און אַ שטיין פאַלט מיר אַראָפּ פון האַרצן, איצט בין איך שוין מער־ווייניקער רויִקער און פעסטער בײַ זיך. און אַדרבה,

48 דאָראַ שטיף האָט געהאַט דערפאַרונג אין פילאָלאָגישע פאָרשונגען, האָט אַ סך געלערנט בײַ איר מאַן, בעת זי האָט אים געהאָלפן אין זײַן טאָג־טעגלעכער אַרבעט. נאָך זײַן טויט איז זי געווען מיטאַרבעטערין אין אונדזער אינסטיטוט, אָפיציעל אַלס מאַשיניסטקע, אָבער פאַקטיש האָט זי אַקטיוו מיטגעאַרבעט בײַם שאַפן אַ ריי ייִדישע טערמינאָלאָגיעס, איבער הויפּט די יורידישע.
זייערעביידע מיידלעך האָבן גערעדט אַ געשמאַקן וואָלינער ייִדיש, ביידע געענדיקט די ייִדישע מיטלשול נומ׳ 60 אויף וואָראָשילאָוו־גאַס, אין דער צייט ווען די איבערוועגנדיקע מערהייט ייִדישע קולטור־טוערס האָבן געשיקט זייערע קינדער אין די רוסישע שולן.
נחום שטיף האָט געהאַט מזל — ער איז געשטאָרבן מיט אַ נאַטירלעכן טויט דעם 7טן אַפּריל 1933, איידער די לאַפּעס פון דער נ. ק. וו. ד. האָבן צו אים דערגרייכט. אָבער זײַן געטרייע פרוי דאָראַ שטיף (משה זילבערפאַרבס שוועסטער און עפּרויקינס שוועגערין) האָט טייער באַצאָלט פאַר דעם פאַטאַלן פעלער, וואָס איר מאַן נחום שטיף איז באַגאַנגען מיט זײַן קומען פון אויסלאַנד קיין ראַטן־פאַרבאַנד. וועגן די שוידערלעכע עינויים, וואָס זי איז אויסגעשטאַנען אין תּפיסה, קען דער לייענער געוויער זיך דערוויסן פון ניסן ראָזענטאַלס (א. בן־דובס בוך ייִדיש לעבן אין סאָוועט־רוסלאַנד, פאַרלאַג י. ל פּרץ, תּל־אביב 1971, אויף די זייטן 251—262.

און נאָך אַ זאַך. הגם דער עולם ווייס גוט, אַז דער גאַנצער באַשולדי־קונגס־אַקט קעגן די צוויי וויסנשאַפטלערס איז געבייט מיט ווײַסע פאָדעם, האָט מען דאָך אויך אויף ליטוואַקאָוון קיין פאַריבל נישט געהאַט. וואָרעם — צי קען ער און צי מעג ער אַנדערש האַנדלען? צי קען ער שרײַבן קעגן דער אָנפירונג פון צ״ב? אײַנשטעלן זי אין די אויגן פון קולטפּראָפּ אין צ״ק אַלק״פּ (ב), וועמען דער צ״ב איז דירעקט אונטערגעאָרדנט? ניין, ער קען ניט און טאָר ניט אײַנשטעלן דעם גוטן פּאָליטישן נאָמען פון דעם אַנשטאַלט, וואָס פירט אָן מיט דער ייִדאַרבעט אין גאַנצן לאַנד.

אָבער גלײַכצײַטיק ציטערט דאָס האַרץ בײַ ייִדישע קולטור־טוערס, און מיר ווייסן, אַז בײַ דעם זעלבן ליטוואַקאָוון אויך: זאָל נאָר דער פּאָליטישער סקאַנדאַל ניט שאַטן דער קאַטעדרע — דעם שײַנדל פון דער ייִדאַרבעט אין אוקראַיִנע, וואָס הייבט ערשט אָן שטעלן אירע ערשטע טריט און אויף וועלכער מ׳לייגט אַזוי פיל האָפענונגען! פאַרן לעבן פון ליבערבערגן און שטיפן האָט מען זיך ווייניקער געשראָקן (דעמאָלט, אין יאָר 1928, פלעגט מען .נאָך פאַר אַזעלכע אָפנויגן זעלטן ווען אַרעסטירן).

אין יענע טעג האָט זיך ליבערבערגס פּאָליטישע קאַריערע אַ שטאַרקן וואַקל געטאָן. ס׳איז געווען אַ ביטערער רחמנות צו קוקן אויף זײַן פינצטער געוואָרענעם פּנים. אַפילו אין אָנטאָן איז ער געוואָרן ווייניקער מדייק, אין זײַן שטוב איז געווען תשעה באב: אָט, אָט גייען אונטער זײַנע שיפן. אָבער אַרויס פון דעם אומגליק איז ער אַ גאַנצער — ממש מיט נסים. יאָרן לאַנג האָט מען אין די סאָוועטיש־ייִדישע קולטורקרײַזן געקוועטשט מיט די פּלייצעס: ווי אַזוי האָט דאָס געקענט געשען?.. ניט אַנדערש, נאָר אַ צופאַל... אַ מזל פון אַ מענטשן!..

און ער — דער מיטגליד און ליבלינג פון קיִעווער קרײַזישן פּאַרטיי־קאָמיטעט — האָט אין דער שטיל אויף אַ זיצונג אַרײַנגעכאַפּט אַ פּאָליטישן פּסק פאַר זײַן אָפּאָרטוניסטישן כלל־ישראלדיקן צוגאַנג צו קולטור־בויונג אין ראַטן־פאַרבאַנד — ניט מער. נחום שטיפן האָט מען ווייניקער געטריי־בערט — ״וואָס קען מען שוין פאָדערן פון אַ נעכטיקן אויסלענדער, אַן אומפּאַרטייִשן, מיט אַזאַ נאַציאָנאַליסטישער פאַרגאַנגענהייט?״... כאָטש דאָרט אויבן גיבן זיי אויף דער זיצונג אָנצוהערן, אַז זיי שטויסן זיך אָן, אַז פּאַקטיש האָט אין דער אידעע צו שיקן די אײַנלאַדונג צו דובנאָוון אַ היפּשן חלק דער אומפּאַרטייִשער שטיף, אַז דאָס האָט ער געדריקט אויפן פּאָליטיש־לײַכטזיניקן און ענטוזיאַסטישן פּאַרטייִשן דירעקטאָר ליבערבערג.

אומזיסט איז דאָראַ שטיף אַ צײַט אַרומגעגאַנגען מיט צעשראָקענע אויגן. איצט, נאָך דעם שטורעם, באַגלייט זי ווידער איר מאַן אויף יעדער זיצונג און פאַרזאַמלונג און וואַרט דאָ אויף אים מיט דער אייגענער זעלבסטווערדע ווי פריִער.[48]

און וואָס שייך אונדז — די ייִדישע פּראָפּאַגאַנדיסטן און אַגיטאַטאָרס — האָבן מיר שוין איצט אַ קלאָרע פּאַרטיי־אײַנשטעלונג צו דעם גאַנצן ענין, מיר וועלן שוין ניט בלאָנדזשען אין דער פינצטער: ענדלעך קען מען שוין אויפהערן זוכן דעם ענטפער אין דעם אייגענעם מוח און בײַם אייגענעם געוויסן, דאָס איז דאָך דאָס שווערסטע און דאָס פּײַנלעכסטע. ליטוואַקאָווס אַרטיקל אין עמעס איז שאַרף און איבערצײַגעוודיק. ליבערבערגס און שטיפס על־חטא־בריוו אין רעדאַקציע פון עמעס איז די בעסטע באַשטע־טיקונג, אַז די פּאַרטיי־ליניע איז אַ גערעכטע. מיר קענען ליטוואַקאָווס אַרטיקל און זייער על־חטא־בריוו פּראָסט־פּשוט פאַרלייענען אַזוי ווי זיי שטייען און גייען, פאַר די ייִדישע אַרבעטסמענטשן. און אַזוי טוען מיר טאַקע. און אויך איך טו אַזוי, און אַ שטיין פאַלט מיר אַראָפּ פון האַרצן, איצט בין איך שוין מער־ווייניקער רויִקער און פעסטער בײַ זיך. און אַדרבה,

48 דאָראַ שטיף האָט געהאַט דערפאַרונג אין פילאָלאָגישע פאָרשונגען, האָט אַ סך געלערנט בײַ איר מאַן, בעת זי האָט אים געהאָלפן אין זײַן טאָג־טעגלעכער אַר־בעט. נאָך זײַן טויט איז זי געווען מיטאַרבעטערין אין אונדזער אינסטיטוט, אָפיצ־יעל אַלס מאַשיניסטקע, אָבער פּאַקטיש האָט זי אַקטיוו מיטגעאַרבעט בײַם שאַפן אַ רײ ייִדישע טערמינאָלאָגיעס, איבער הויפּט די יורידישע.
זייערע ביידע מיידלעך האָבן גערעדט אַ געשמאַקן וואָלינער ייִדיש, ביידע געענ־דיקט די ייִדישע מיטלשול נומ׳ 60 אויף וואָראָשילאָוו־גאַס, אין דער צייט ווען די איבערוועגנדיקע מערהייט ייִדישע קולטור־טוערס האָבן געשיקט זייערע קינ־דער אין די רוסישע שולן.
נחום שטיף האָט געהאַט מזל — ער איז געשטאָרבן מיט אַ נאַטירלעכן טויט דעם 7טן אַפּריל 1933, איידער די לאַפּעס פון דער נ.ק.וו.ד. האָבן צו אים דערגרייכט. אָבער זײַן געטרייע פרוי דאָראַ שטיף (משה זילבערפאַרבס שוועסטער און עפּ־רויקינס שוועגערין) האָט טייער באַצאָלט פאַר דעם פאַטאַלן פעלער, וואָס איר מאַן נחום שטיף איז באַגאַנגען מיט זײַן קומען פון אויסלאַנד קיין ראַטן־פאַרבאַנד. וועגן די שוידערלעכע עינויים, וואָס זי איז אויסגעשטאַנען אין תּפיסה, קען דער לייענער געוויער זיך דערוויסן פון ניסן ראָזענטאַלס (א. בן־דובס בוך ייִדיש לעבן אין סאָוועטן־רוסלאַנד, פאַרלאַג י. ל פּרץ, תּל־אביב 1971, אויף די זייטן .262—251

וויַיזט מיר כאָטש איין מענטש, וואָס וועט וואַגן צו זאָגן בקול רם, אַז די על־חטא־בריוו זענען אויפגעצווּנגענע ?..

***

ניט געקוקט אויף זיַין דורכפאַל האָט ליבערבערג ניט אויפגעהערט צו זיַין ממש פאַרליבט אין דובנאָוון. כ׳דענק, אַז ער האָט ניט געהאַט דאָס גליק זיך אַ מאָל צו באַגעגענען מיט דעם גרויסן ייִדישן היסטאָריקער, אָבער ער האָט אים געהאַלטן פאַר זיַין רבין, ניט געקוקט אויף דעם, וואָס דובנאָוו האָט קיין מאָל ניט באַהאַלטן זיַין אַנטימאַרקסיסטישן וועלטבאַנעם. אָבער ליבערבערג, דער פריידיקער פון מאַרקסיזם־לעניניזם, פלעגט קיין מאָל ניט מיד ווערן צו באַוווּנדערן די קאָלאָסאַלע אויפטוען זיַינע פאַר דערלערנען די ייִדישע געשיכטע און דובנאָוו האָט דאָך אין יענע יאָרן אָפן פאַר־לוימדעט די ראַטנמאַכט, ניט געשאַנעוועט אַפילו לענינען, דעם ״קרום־אויגיקן, שיקלדיקן פויער״ (אַזוי רופט ער אים אין זיַין רוסיש ווערק ״דאָס בוך פון לעבן״, וואָס איז דערשינען אין 1934 אין ריגע). אַלע יאָרן, וואָס איך האָב ליבערבערגן געקענט, האָט ער ניט אויפגעגעבן דעם געדאַנק, אַז אים וועט סוף־כּל־סוף געלינגען אַראָפּצוברענגען דובנאָוון קיין ראַטן־פאַרבאַנד, און דער גרויסער געלערנטער וועט באַקרוינען די היסטאָרישע סעקציע פון אינסטיטוט פאַר ייִדישער קולטור, וואָס איז געווען אַזוי אָרעם און נאַקעט ווי קיין שום אַנדער סעקציע. ״מ׳דאַרף נאָר האָבן געדולד״. ווי לאַנג ? — פרעגט מען אים אין שפּאַס. ״ביז די פּאָליטישע קאָניונקטור וועט זיך ענדערן״ — פלעגט דער שטענדיקער אָפּטימיסט ענטפערן מיט דער גאַנצער ערנסטקייט, און איך האָב בפירוש געזען : ליבערבערג — דער פּראַקטיקער, דער פּראַגמאַטיקער גלייבט באמונה־שלמה, אַז די פּאָליטישע קאָניונקטור לגבי דער ייִדישער קולטור־בויונג קען זיך טאַקע ענדערן צום בעסערן.

אַ געוויסע דערפאַרונג האָט ליבערבערג שוין פאַרמאָגט : עס האָט זיך אים דאָך איַינגעגעבן אַראָפּצוברענגען פון בערלין אַזאַ אַדיאָזע פיגור ווי נחום שטיפן — דעם באַוווּסטן ייִדישן פילאָלאָג — דעם איניציאַטאָר און גרינדער פון ייִוואָ ; אַ ביסל שפּעטער אַוועקשטעלן אויף אָנפירנדיקער אַרבעט אין דער קאַטעדרע איינעם פון די ווערטפולסטע פאָרשערס פון דער ייִדישער ליטעראַטור, דעם אויסלענדער מאיר ווינער, וואָס איז ניט לאַנג

געקומען פון ווין ; און נאָך שפּעטער — מאַקס עריקן, דעם גלענצנדיקן און הויך ערודירטן ליטעראַטור־קענער, וועלכער איז נאָר וואָס אָנגעקומען קיין מינסק פון פוילן ; מיט עטלעכע יאָר שפּעטער — דעם היסטאָריקער קאָמוניסט קלמן מרמר און דעם אַספּיראַנט אַלעקסאַנדער פּאָמעראַנץ, ביידע אַזש פון דער אימפּעריאַליסטישער אַמעריקע.

אמת, דאָס זענען געווען מענטשן, וואָס האָבן נאָך דאָרט, אויף יענער זיַיט גרענעץ דעקלאַרירט זייער פּראָסאָוועטישקייט, אָבער דאָך זענען זיי געווען אויסלענדער און אַלע אָן אויסנאַם האָבן אַ מאָל געהערט צו ייִדישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען.[49]

די דאָזיקע האַלב־ און גאַנץ־פּסולע געלערנטע האָבן פאַרנומען אין אינסטיטוט שליסל־פּאָזיציעס און האָבן באַשיַינט די ייִדישע סאָוועטישע וויסנשאַפט. ניט צופעליק איז אַזוי אָפט געקומען צו פּאָליטישע סקאַנדאַלן אין דער וויסנשאַפטלעכער טעטיקייט פון אינסטיטוט דווקא דעמאָלט, ווען די אַרבעטן זענען געוואָרן ווערטפולע, און להיפוך, דאָס איז קיין מאָל ניט געשען מיט די אָנפאַנגערישע, זייער אָפט אומבאַהאָלפענע אַרבעטן, וואָס זענען שטענדיק געווען הונדערט פּראָצענט פּאָליטיש כשר.

די דערפאַרונג האָט אים אונטערגעזאָגט, אַז ווען מען וויל די פאַר־שונג־אַרבעטן זאָלן האָבן אַ ממשותדיקן ווערט, מוז מען אַ ביסל פאַרבייגן די קאָמוניסטישע מעטאָדאָלאָגיע און דעם ריינעם סטערילן קלאַסאָוון צוגאַנג (וועגן וועלכע ער פּריידיקט אַזוי הייס אין דער עפנטלעכקייט), זיך ניט

49 פּאָמעראַנץ ווערט אָנגענומען ווי אַספּיראַנט אין דער סעקציע פאַר ליטעראַטור־פאָרשונג, שטודירט דאָ עטלעכע יאָר, פאַרטיידיקט זיין קאַנדידאַטסקע דיסער־טאַציע און פאָרט צוריק קיין אַמעריקע. פון זיין לעצטן בוך סאָוועטישע הרוגי מלכות (ייִוואָ, בוענאָס־איירעס 1962) קען דער לייענער זען דעם לאַנגן און שווערן וועג, וועלכן ער האָט דורכגעמאַכט, פון אַ הייסן קאָמוניסט ביז צו נאַציאָ־נאַלער דערוואַכונג.
קלמן מרמר איז אַ דערשראָקענער שנעל צוריקגעפאָרן אַהיים קיין אַמעריקע, נאָך דעם ווי אים איז באַשערט געווען איבערצולאָזן אין קיִעוו דעם קבר פון זיין פרוי, און צו זיין אַ לעבעדיקער עדות פון דעם פּאָגראָם וואָס די נ.ק.וו.ד. האָט גע־מאַכט אין דעם אינסטיטוט (אין אַפּריל 1936). אָבער ער האָט אָנגענומען אַ פול מויל מיט וואַסער : איינגעעקשנט פאַרשוויגן דאָס, וואָס ער האָט בייגעוווינט אין קיִעוו און מיטגענומען מיט זיך אין קבר דעם שוידערלעכן אמת, וואָס איז אים געווען געגנוי באַוווּסט.

רעכענענדיק מיט דער באָלשעוויסטישער איינשטעלונג, נאָר מיטן פאַקטישן מאַטעריאַל איבער וועלכן מען אַרבעט.

אַז איר ווילט איז ליבערבערגס אָפּטימיזם גאָר ניט אַזוי משונהדיק. די ניט סטאַבילקייט פון אידעיִשע אָפּשאַצונגען האָט דאָך אָפּט מאָל געגרענעצט מיט פּאַראַדאָקסאַלקייט. אַ מינוט צו אַ מינוט איז ניט געווען גלײַך, אַז דו הייבסט אָן אַרבעטן איבער עפּעס אַ וויסנשאַפטלעכער פּראָבלעם, ווייסטו קיין מאָל ניט צי מאָרגן וועט זײַן ריכטיק דאָס, וואָס איז הײַנט כּשר למהדרין. איז דען אַ צופאַל, וואָס אין דער ייִדישער סביבה איז געווען זייער פּאָפּולער דער אַנעקדאָט: "וואָס איז אין אונדזער אַרבעט דאָס סאַמע סטאַבילסטע? — די ניט־סטאַבילקייט" — איז געווען דער ענטפער. ליבערבערגן האָט דער נסיון געלערנט, אַז די פּאָליטישע סיטואַציע קען זיך בײַטן יעדע מינוט. אָבער ער, דער פאַרליבטער אין זײַן אַרבעט, האָט איין זאַך — דאָס סאַמע, סאַמע עיקרדיקסטע — ניט פאַרשטאַנען, דהײַנו: אַז די ענדערונגען וועלן קיין מאָל ניט זײַן אויף רעכטס, דער שרויף קען קיין מאָל ניט לויזער ווערן, נאָר אַדרבא, יעדעס מאָל אַלץ פעסטער און פעסטער פאַרשרויפט ווערן. אָפט מאָל טראַכט איך, אַז אָן דעם בלינדן גלייבן אין דעם, אַז עס מוז סוף־כּל־סוף קומען די ענדערונג צום גוטן, וואָלט ער ניט געווען ביכולת צו שלעפּן דעם שווערן וואָגן.

ליבערבערגס אײַנלאַדונג צו דובנאָוון איז געווען אַ גרעסערער פּאָליטישער סקאַנדאַל, ווי עס האָט זיך אין ערשטן אויגנבליק געקענט אויסדאַכטן, וואָרעם שמעון דובנאָוו האָט דעמאָלט געפירט אַ קאַמף ניט נאָר קעגן דעם וואָס די סאָוועטישע וויסנשאַפט איז פאַרקאָוועט אין קאָמוניסטישע קייטן, נאָר אויך קעגן דער שווערער עקאָנאָמישער לאַגע פון די ייִדישע מאַסן אין ראַטן־פאַרבאַנד. דאָס הײַפעלע פאַרטרויטע מענטשן, וואָס האָט געהאַט אַ צוטריט צום אַרכיוו פון דער אויסלענדישער ייִדישער פּרעסע, האָט מיט שפּאַנונג נאָכגעפאָלגט נאָך דער דאָזיקער פּאָלעמיק. בפרט נאָך, אַז אין איר איז אַרײַנגעצויגן געוואָרן אַפילו דער פאָרזיצער פון אויספירקאָם פון דער ווײַסרוסישער סאָוועטישער רעפּובליק, דער ווײַסרוס טשערוויאַקאָוו בכבודו ובעצמו.

אַוודאי האָט זיך די פּאָלעמיק געפירט אין פיל ייִדישע צײַטונגען און זשורנאַלן אויף יענער זײַט גרענעץ. אָבער מיר האָבן זיך געמוזט באַנוגענען בלויז מיט דעם, וואָס די סאָוועטישע צענזור האָט גרויסמוטיק דערלויבט דעם אַרכיוו צו באַקומען אין יענע חדשים. איך זאָג אין יענע חודשים, ווײַל

בדרך־כּלל האָט די צענזור געהערשט ווי אַ קאַפּריזער דיקטאַטאָר: ניט געקוקט אויף די ליצענציעס וואָס דער אַרכיוו האָט באַקומען, פלעגט אַהער דערגיין נאָר דאָס, וואָס איז אים אין דער געגעבענער מינוט געפעלן געוואָרן. די איבעריקע האָט ער פּשוט פאַרניכטעט. די ערשטע ידיעה וועגן דער דאָזיקער פּאָלעמיק איז צו אונדז דערגאַנגען אַזוי: אין דער מינסקער טאָגצײַטונג אָקטיאַבר איז דערשינען די סטענאָגראַמע פון אַ רעדע, וואָס טשערוויאַקאָוו האָט געהאַלטן אין יאַנואַר 1928 אויפן צוזאַמענפאָר פון ייִדישע פּויערים אין ווײַסרוסלאַנד. פון אָט דער סטענאָגראַמע האָבן זיך צו ערשט די אָנטייל־נעמערס פון דעם פּויערים־צוזאַמענפאָר און דערנאָך די גאַנצע ייִדישע באַפעלקערונג דערוווּסט, אַז שמעון דובנאָוו האָט אין זײַנעם אַן אַנטיסאָוועטישן רעפעראַט, וואָס ער האָט געלייענט אין דער שווייץ, מיט צופרידנקייט פעסטגעשטעלט, אַז פון באָלשעוויסטישן גהינום האָבן זיך צום גליק אָפּגעראַטעוועט די דרײַ מיליאָן ייִדן וואָס וווינען אין פּוילן, ליטע און לעטלאַנד.

דער אויפגערעגטער טשערוויאַקאָוו ווענדעט זיך אין זײַן רעדע צו די פאַרזאַמלטע ייִדישע פּויערים: ווער, ווער, נאָר איר ווייסט דאָך גוט, אַז ראַטן־פאַרבאַנד איז דאָס איין אײן איינציקע לאַנד אין דער וועלט, ווו איר, ייִדן, האָט די פולע רעכט צו בויען אײַער אייגן, נײַ גליקלעך לעבן, און אַז דובנאָוו טראַכט אויס בילבולים.

דובנאָוו איז ניט געבליבן שולדיק דעם אָנפירער פון קאָמוניסטישן ווײַסרוסלאַנד, און גאָר גיך האָבן מיר איינער בײַם אַנדערן געריסן פון די הענט די ניו־יאָרקער צײַטונג דער טאָג (פאַרן 7טן אַפּריל 1928) מיט זײַן, דובנאָווס, ענטפער אונטער אַ גרויסן קאָפּ: "לעבט זיך טאַקע די ייִדן אין רוסלאַנד בעסער ווי אין אַנדערע לענדער?". אויפן סמך פון פאַקטן און ציפערן, וואָס דובנאָוו נעמט דווקא פון אונדזער סאָוועטישער פּרעסע גופא, ווײַזט ער שוואַרץ אויף ווײַס, אַז אונדזער שטעטלדיקע ייִדישע באַפעלקערונג שטאַרבט אויס פון נויט און הונגער און אַז דער ייִדישער מיטלקלאַס און די ניט־פאַרטייִשע ייִדישע אינטעליגענץ ווערט פּשוט אויסגעראָטן. נאָך דעם האָט טשערוויאַקאָוו, פאַרשטייט זיך, ווידער שאַרף אָנגעגריפן דעם "ווײַסגוואַרדעיִשן" אויסטראַכטער דובנאָוו. דאָס מאָל שוין ניט אַבי ווו, נאָר אין זײַן רעדע אין דער העכסטער סאָוועטישער אינסטאַנץ — אויף אַ זיצונג פון פּרעזידיום פון ווײַסרוסישן אויספיר־קאָמיטעט, ווו ס'איז באַהאַנדלט געוואָרן די פראַגע וועגן קאָלאָניזירן די ייִדן אין ביראָבידזשאַן.

די קאָמוניסטישע ייִדישע פּרעסע אין אויסלאַנד האָט זיכער געקערט וועלטן קעגן דובנאָוון, אָבער איך געדענק נאָר דעם שאַרפסטן פון זיי — אין דער ניו־יאָרקער קאָמוניסטישער צײַטונג פרײַהייט פון 28סטן יוני 1928. דאָרט איז דערשינען אַ לאַנגער פּאָלעמישער אַרטיקל קעגן דובנאָווס "אומפאַרשעמטע אויסטראַכטענישן".[50]

עס זענען נאָך ניט אָפּגעקילט געוואָרן די צעהיצטע געמיטער אַרום דער דאָזיקער פּאָלעמיק און (ווי דער לייענער ווייס שוין פון די פריִערדיקע קאַפּיטלען) די מאַכט האָט גאָר אין גיכן, אויף אַ ברוטאַלן אופן ענדגילטיק צעפּאַגראָמירט די צוויי וויכטיקע ייִדישע וויסנשאַפטלעכע געזעלשאַפטן: "מפיצי־השׂכּלה" (דעם "אָפּע") און די "ייִדישע היסטאָריש־עטנאָגראַפישע געזעלשאַפט" אין לענינגראַד. און קיינעם פון אונדז האָט ניט געוווּנדערט, וואָס אַלס אָפיציעלע סיבה פון דער ליקווידאַציע ווערט אָנגעגעבן ניט בלויז אַז "די אידעאָלאָגיע פון די דאָזיקע געזעלשאַפטן איז פרעמד דער ראַטנמאַכט", נאָר אויך — דערפאַר, ווײַל "זיי האָבן אונטערגעהאַלטן באַציִונגען מיטן ווײַסגוואַרדעיִשן עמיגראַנט דובנאָוו". אַזוי אַרום איז ווידער אַ מאָל (אומדירעקט דאָס מאָל) דערמאָנט געוואָרן ליבערבערגס לײַכטזיניקע אײַנלאַדונג, וואָס ער האָט געשיקט דובנאָוון, אין גאַנצן מיט עטלעכע חדשים פריִער — אין יאַנואַר פון דעם זעלבן 1928סטן יאָר.

האָט זיך באַקומען אַ מאָדנע לאַגע: ער, ליבערבערג, וועלכער האָט נאָר וואָס געהאַט אויסגעשטרעקט זײַן האַנט צו דעם זעלבן "ווײַסגוואַרדעיִשן עמיגראַנט דובנאָוון" — ער, און ניט עמעץ אַנדערש, האָט דאָך לויט זײַן אָפיציעלן אַמט געדאַרפט באַווײַזן שוואַרץ אויף ווײַס, אַז די "שולדיקע" געזעלשאַפטן זענען ווערט דעם שטעקן און גלײַכצײַטיק קעמפן דערפאַר, אַז די גרויסע ייִדישע קולטור־ירושה, וואָס איז נאָך זיי פאַרבליבן, זאָל ניט גיין לאיבוד, נאָר אַריבערגיין אין רשות פון דער קאַטעדרע. קומען טאַקע ליבערבערגס, נאָך שאַרפערע ווי פריִער, "אַנטי־יהודיסטישע" אַרויסטרעטונגען און רעזאָלוציעס פון זײַן אינסטיטוט, וואָס באַרעכטיקן דאָס שליסן די "לעצטע פעסטונגען פון דער קאָנטררעוואָלוציאָנערער בורזשואַזנאַציאָנאַליסטישער ייִדישער וויסנשאַפט".

50 די געניַיע דאַטעס, וואָס איך ברענג דאָ, האָבן זיך ניט געהאַט פאַרהאַלטן אין מײַן זכּרון, און ערשט דאָ אין ירושלים האָב איך באַקומען די מעגלעכקייט זיי צו קאָנפראָנטירן מיט דעם פאַרגעדענקטן.

די דאָזיקע אַטעסטאַציע וווּנדערט קיינעם נישט. מע קוקט דערויף ווי אויף אַ זעלבפאַרשטענדלעכער פאָרמעלער דעקלאַראַציע פון דער סאָוועטיש־ייִדישער וויסנשאַפט, וואָס איז אַנטשטאַנען אויף די חורבות פון יענער אַלטער און "קאָנטררעוואָלוציאָנערער". אָן די דאָזיקע דעקלאַראַציעס וואָלט די סאָוועטיש־ייִדישע וויסנשאַפט ניט באַקומען קיין רעכט אויף עקסיסטענץ. און ער, ליבערבערג, ווייס, אַז מ׳דאַרף נאָך איבערוואַרטן דעם קריטישן מאָמענט ביז די "קאַמפּאַניע" וועט זיך פאַרענדיקן — אַזוי פלעגט ער זיך און אונדז טרייסטן יעדעס מאָל, ווען עס פלעגט זיך אָנרוקן אַ נײַע צרה.

אויפן צווייטן אַלפאַרבאַנדישן קולטור־צוזאַמענפאָר

אין סאַמע פלאַקער פון דעם פּאָליטישן סקאַנדאַל "שמעון דובנאָוו" האָט מען זיך אין די ייִדסעקציעס פון אַלע 3 רעפּובליקן אינטענסיוו געגרייט צום צווייטן אַלפאַרבאַנדישן ייִדישן קולטור־צוזאַמענפאָר. ער איז פאָרגעקומען אין דער ערשטער העלפט אַפּריל פון יאָר 1928 אין דער דעמאָלטיקער אוקראַיִנישער הויפּטשטאָט כאַרקאָוו. ניט דאָ איז דאָס אָרט אָפּצושאַצן און גענוי צו דערציילן וועגן דער דאָזיקער וויכטיקער געשעעניש אין דער ייִדישער פאַרטיי־סביבה, ווו ס׳האָבן זיך פאַרזאַמלט די פּני פון דער ייִדיש־סאָוועטישער אַרבעט פון גאַנצן לאַנד. צו באַגריסן דעם צוזאַמענפאָר זענען געקומען דעלעגאַציעס פון די גרעסטע זאַוואָדן — ניט בלויז ייִדן, נאָר אויך אוקראַיִנער און ווײַסרוסן. די שטימונג איז דאָ געווען זייער אַ געהויבענע. סײַ זיי, סײַ די אָנפירערס פון צוזאַמענפאָר האָבן אַ סך גערעדט וועגן דער ברידערלעכקייט, וואָס הערשט צווישן די דאָזיקע פיר פעלקער, און וועגן בונד צווישן זייערע און אונדזער ייִדישער קולטורן... די שטימונג איז דאָ געווען זייער אַ געהויבענע. איך — אין גאַנצן 2 יאָר אין לאַנד — בין דאָ געווען מער צושויער ווי אָנטייל־נעמער, אָבער דעם יום־טוב האָב איך מן־הסתּם אָפּגעפילט שטאַרקער ווי די אַלט־אײַנגעזעסענע...

איך דערמאָן דאָ דעם צוזאַמענפאָר בלויז אויף אַזוי פיל, אויף וויפל יוסף ליבערבערג האָט געהאַט אַ גאַנץ היפּשן חלק בײַם צוגרייטן אים און געשפּילט אַן ערשטקלאַסיקע ראָלע אויף דעם צוזאַמענפאָר גופא, ניט געקוקט אויף די גליטשיקע וועגן, אויף וועלכע ער האָט אַזוי אָפט פאַרבלאָנדזשעט פאַר דעם צוזאַמענפאָר און אויך נאָך אים. די צוגרייטונג צו

דעם צוזאַמענפאָר האָט געדויערט אַ לאַנגע צײַט. די פּרעסע איז פול געווען מיט אַרטיקלען וועגן דער דאָזיקער געשעעניש. די דעלעגאַטן צום צוזאַמענפאָר האָט מען געוויילט אין אַלע דרײַ רעפּובליקן אויף פאַבריקן, זאַוואָדן, קלובן, פּעדאַגאָגישע ראַטן פון די שולן און טעכניקומס, אויף סטודענטישע און אַלשטאָטישע פאַרזאַמלונגען פון ייִדישע קולטור־אַרבעטערס. דאָ האָט מען מיט אַ סך פּאַטאָס דערציילט וועגן די זיבן פּראָבלעמען, וואָס וועלן באַהאַנדלט ווערן אויפן צוזאַמענפאָר: ערשטנס — וועגן די ייִדישע קינדער־ און יוגנט־שולן; צווייטנס — וועגן דער ייִדישער פּאָליטאויפקלער־אַרבעט; דריטנס — וועגן דער ייִדישער ליטעראַטור; פערטנס — וועגן דער פּיאָנערן־באַוועגונג צווישן ייִדישע קינדער; פינפטנס — וועגן דער ייִדישער אָרטאָגראַפיע; זעקסטנס — וועגן ייִדישער פאַרלאַג־אַרבעט, און אַחרון־אַחרון חביב — וועגן דער ייִדישער וויסנשאַפטלעכער אַרבעט אין סאָוועט־רוסלאַנד.

דאָס איז געווען דער ערשטער קולטור־צוזאַמענפאָר, אויף וועלכן ס'זענען אָפיציעל באַהאַנדלט געוואָרן די פראַגעס וועגן ייִדישער וויסנשאַפטלעך־פאָרשערישער אַרבעט. אויפן ערשטן אַלפאַרבאַנדישן קולטור־צוזאַמענפאָר, וועלכער איז פאָרגעקומען אין יאָר 1924, איז נאָך די פּראָבלעם וועגן ייִדיש־סאָוועטישער וויסנשאַפט ניט געשטאַנען — וואָרעם דעמאָלט איז אַזאַ כּמעט נאָך ניט געווען בנימצא, און די וואָס איז געווען האָט זיך נאָך געפונען אין די וויקעלעך. צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון די גרויסע באַראַטונגען וועגן ייִדיש־סאָוועטישער קולטור איז דאָ, צווישן די זיבן סעקציעס, וואָס זענען אָרגאַניזירט געוואָרן, געשאַפן געוואָרן אויך אַ וויסנשאַפטלעכע סעקציע. אין איר האָבן זיך פאַרשריבן עטלעכע און פערציק דעלעגאַטן. דאָס איז געווען די סמעטענע פון די סאָוועטיש־ייִדישע קולטור־טוערס — מיטאַרבעטערס פון ייִדישע וויסנשאַפטלעכע אינסטיטוציעס און מוזייען, וואָס זענען שוין דעמאָלט געווען טעטיק, פּראָפעסאָרן פון די ייִדישע אָפּטיילן בײַ די אַלגעמיינע אינסטיטוטן און אוניווערסיטעטן פון גאַנצן לאַנד. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס ערשטע וואָס די דאָזיקע סעקציע האָט געהאַלטן פאַר נייטיק איז געווען: אונטערשטרײַכן איר פּאָליטישע קעגנערשאַפט צו דער וויסנשאַפט, וואָס איז געפירט געוואָרן אין צאַרישן רוסלאַנד, און קעגן דער, וואָס פירט זיך אין קאַפּיטאַליסטישן אויסלאַנד. און טאַקע דאָ איז געגעבן געוואָרן דער טאָן "אויס ליבעראַליזאַציע! פאַרשטאַרקן דעם קלאַסנקאַמף ניט בלויז קעגן דער אויסלענדישער ייִדישער

וויסנשאַפט, נאָר קעגן די אייגענע סאָוועטיש־ייִדישע וויסנשאַפטלערס, וואָס זענען ניט גענוג מאַרקסיסטיש אויסגעהאַלטן".

אָט־אָט דאַרף זיך עפענען דער צוזאַמענפאָר. איז די ייִדישע קיִעוו געווען אומרויִק: דאָרט וועט ליבערבערג זיכער אַרײַנכאַפּן דעם פאַרדינטן פּסק און דאָרט וועט נעמען אַ סוף צו זײַן וויסנשאַפטלעך־פּאָליטישער קאַריערע. און דאָס וואָלט באַטײַט צו פאַרלירן דעם ענערגישסטן, אײַנפלוס־רײַכסטן ייִדישן טוער. אוןווירקלעך, שוין בײַם סאַמע פּײַערלעכן אָנהייב פון צוזאַמענפאָר האָט זיך פון דער טריבונע קלאָר און דײַטלעך דערהערט אויף וואָס פאַר אַ מענשעוויסטיש־נאַציאָנאַליסטישע שטיק דער זעלבער ליבערבערג איז פעיִק.

כּדי איר זאָלט האָבן אַ פּינקטלעכן באַגריף וועגן דעם, וואָס איז דאָרט געזאָגט געוואָרן, ברענג איך דאָ אין דער ייִדישער איבערזעצונג דעם אויסצוג פון דער אָפיציעלער רעדע, וואָס ניט אַבי ווער, נאָר דער דעמאָלטיקער סעקרעטאַר פון דעם צענטראַל־קאָמיטעט פון דער אַלאוקראַיִנישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי כּ.פּ. ליובטשענקאָ האָט געהאַלטן אויף דעם דאָזיקן צוזאַמענפאָר דעם 10טן אַפּריל 1928. איך ציטיר ליובטשענקאָס ווערטער, וואָס האָבן אַ שײַכות צו ליבערבערגס עבֿירות, וואָרט בײַ וואָרט, אַזוי ווי זיי זענען געווען פאַרעפנטלעכט אין 2 טעג אַרום אין דער רוסישער צײַטונג Киевский пролетарий ("קיִעווער פּראָלעטאַריער"):

"פאַראַן חסרונות (недочеты) אין דער אַרבעט פון דער קאַטעדרע פאַר ייִדישער קולטור. ניט לאַנג צוריק איז פון דער קאַטעדרע געשיקט געוואָרן אויף איר פּײַערלעכער עפענונג אַן אײַנלאַדונג צו דעם צענטראַלן אָרגאַן פון פּוילישן 'בונד'" (דאָס מיינט קיין וואַרשע — א.ר.ש.). און ווײַטער זאָגט ליובטשענקאָ:

"אויב די מיטאַרבעטערס פון דער קאַטעדרע פאַרשטייען ניט, אַז דאָס האָט מען ניט געטאָרט טאָן — איז דאָס ניט גוט. אויב אָבער זיי פאַרשטייען ניט, אַז מ'האָט ניט געטאָרט אײַנלאַדן אויף דער פּײַערלעכקייט דובנאָוון — איז דאָס שוין אין גאַנצן ניט גוט. וואָרעם אין רעזולטאַט פון די דאָזיקע ניט־דורכגעטראַכטע שריט האָט זיך באַקומען אַ קאָנפוז: דובנאָוו איז ניט געקומען, ענטפערנדיק, אַז ער גלייבט איבער הויפּט ניט, אַז בײַ דער ראַטנמאַכט איז מעגלעך אַ וועלכע עס איז קולטור־אַרבעט, און דער 'בונד' האָט אָנגעשריבן: 'אַ גאַנץ יאָר רופט איר אונדז פאַשיסטן, און איצט פאַרבעט איר אונדז אויף דער פּײַערלעכקייט'".

אין זאַל איז דעמאָלט אויסגעבראָכן אַ הילכיקער געלעכטער, אָבער אין דעם זעלבן אויגנבליק ווערט מען פאַרשטומט, און ליובטשענקאָ ענדיקט אַזוי: „איך דענק, אַז מיר וועלן זיך באַגיין אָן דובנאָוון און אָן דעם ‚בונד‘. די קאַטעדרע פאַר ייִדישער קולטור וועט זיך בעסער אַנטוויקלען אָן זיי, אײדער מיט זיי" — און דאָ דערהערט זיך שוין וואָס מען באַדאַרף — הילכיקע אַפּלאָדיסמענטן, וואָס האָבן געדאַרפט באַטײַטן, אַז דער גאַנצער צוזאַמענפאָר איז מסכים מיט ליובטשענקאָ און איז קעגן דעם אָפּאָרטוניסט יוסף ליבערבערג.

ליבערבערג איז געווען דער ליבלינג פון פּ. פּ. ליובטשענקאָ, און מיר האָבן פאַרשטאַנען: ער באַמיט זיך, ווי ווײַט דאָס איז געווען מעגלעך אין פּאַרטײיִשע ענינים, אים צו שוינען. אגב האָט ליובטשענקאָ געשעמט פאַר אַן אָרנטלעכן אײדעלן מענטשן, פאַר אַ פרײַנד פון ייִדן. און די וואָס זענען געווען אומרויִק פאַר ליבערבערגס גורל האָבן פרײַער אָפּגעאָטעמט: דער הויפּט־טאָן איז געגעבן געוואָרן — „ניט גוט!", „ניט דורכגעטראַכטע טריט!" — ווי איר זעט איז ער אַ מילדער, אָן הויכע פּאָליטישע פראַזעס, און איצט וועלן שוין אויך די ייִדטוערס ניט וואַגן צו זײַן צו שטרענג צו ליבערבערגס באַגאַנגענע עבירות, און אַזוי אַרום וועט ער אויפן צוזאַמענפאָר שוין קענען שפּילן די ביז גאָר וויכטיקע ראָלע, וואָס ער איז מסוגל אויסצושפּילן. און אַזוי איז טאָקע געווען. ניט מינסק, וואָס האָט געהאַט די בכורה — דאָרט איז דאָך פיל פריִער, נאָך אין 1924, געשאַפן געוואָרן דער ייִדישער אָפּטייל בײַם אינסטיטוט פאַר ווײַסרוסישער קולטור, און דער דאָזיקער אָפּטייל האָט שוין געהאַט פאַרעפנטלעכט וויכטיקע ייִדישע פאָרשאַרבעטן, — נאָר אים, דעם אָנפירער מיט דער קאַטעדרע אין קיִעוו, וואָס איז געבוירן געוואָרן שפּעטער, האָט מען אָנגעפאַרטרויט דעם וויכטיקן, סאַמע ממשותדיקן גרונטפאָרטראָג וועגן דער „אָרגאַניזאַציע פון דער ייִדישער וויסנשאַפטלעך־פאָרשערישער אַרבעט אין סאָוועט־רוסלאַנד". פאַר וואָס דווקא אים, און ניט די פאָרשטייערס פון מינסקער וויסנשאַפט? אַלע האָבן מיר גוט געוווּסט פאַר וואָס: „אַז מען דאַרף דעם גנב, נעמט מען אים אַראָפּ פון דער תּליה". ליבערבערג איז געווען דער דינאַמישסטער, דרײַסטער און אָנגרײַפערישסטער פון זיי אַלע. ער ווײַזט אַרויס אומגעהײַערע ענערגיע אין דער באַרבאַרישער „אַקציע" צו ליקווידירן דאָס, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין משך פון צענדליקער יאָרן דורך דעם ייִדישן וויסנשאַפטלעכן געדאַנק אין רוסלאַנד, וואָס איצט רופט זיך עס מיט פאַראַכטונג

„בורזשואַז־נאַציאָנאַליסטישע וויסנשאַפט". און נאָך מיט גרעסערן אימפּעט שאַפט ער, אויף די חורבות פון די בהדרגה אומגעבראַכטע,[51] נײַע סאָוועטיש־ייִדישע אַנשטאַלטן, באַקומט אַרויס פאַר זיי גרויסע סומעס געלט און קומט צום צוזאַמענפאָר ווי אַן אָנפירער, וואָס האָט אין משך פון אַ קורצער צײַט דערגרייכט די גרויסע אויפטוען און דערפאַר איז געווען זעלבסט־פאַרשטענדלעך, אַז ער באַדאַרף לייענען דעם פאָרטראָג וועגן דער אָרגאַניזאַציע פון ייִדישער וויסנשאַפטלעכער אַרבעט אין סאָוועט־רוסלאַנד, און ניט די מינסקער.[52]

***

אין קיין שום סעקציע האָב איך אַזוינס ניט געזען: נאָך אײדער דער זייגער האָט געוויזן די שעה, ווען ליבערבערג וועט האַלטן זײַן פאָרטראָג, איז שוין דער צימער, וואָס איז אויסגעטיילט געוואָרן פאַר דער אַרבעט פון דער וויסנשאַפטלעכער סעקציע, געווען פול געפּאַקט. זײַן פאָרטראָג הערן מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם ניט בלויז די מיטגלידער פון דער סעקציע, נאָר אויך געסט פון אַלע 3 רעפּובליקן. דער דאָזיקער פאָרטראָג איז, ווי כּמעט אַלע זײַנע אַרויסטרעטונגען, געווען אײַנצײַטיק פּאַטעטיש און ריין פּראַקטיש. ער איז געווען אָנגעפּיקעוועט מיט קאָנקרעטע פאַקטן, וואָס עס איז שוין דערגרייכט געוואָרן און, דער עיקר, וואָס עס שטייט נאָך פאָר צו טאָן, דהײַנו: דרינגענדיק צונויפזאַמלען די הפקרדיק צעוואָרפענע ייִדישע אַרכיוואַלע אוצרות, שאַפן ייִדישע מוזייען, אַקאַדעמישע ייִדישע ביבליאָטעקן אאַז"וו, אאַז"וו. ליבערבערג פאַרשטייט, אַז די פּראָבלעם וועגן מענטשן איז אַן ערשטראַנגיקע, דעריבער לייגט ער פאָר דאָס, וואָס ער טוט שוין פּאַקטיש זינט ער האָט געשאַפן די קאַטעדרע פאַר ייִדישער קולטור — דהײַנו, כּדי פאַרפילן דעם חלל, וואָס עקסיסטירט זינט מען רודפט די וויכטיקסטע „נאַציאָנאַליסטיש־בורזשואַזע געלערנטע" — צונויפזאַמלען די

51 די ענדגילטיקע אָפיציעלע פאַרניכטונג פון די לענינגראַדער און מאָסקווער וויסנשאַפטלעכע אינסטיטוציעס האָט זיך שוין געשטיצט אויף דעם „ווילן" פון דעם דאָזיקן צוזאַמענפאָר, און איז פאָרגעקומען אַ ביסל שפּעטער — סוף 1929.

52 פאַרשטייט זיך, אַז דעם ריין אידעאָלאָגישן פאָרטראָג: „וועגן די פּאָליטישע פּראָבלעמען פון דער סאָוועטיש־ייִדישער וויסנשאַפט" האָט מען פאַרטרויט בלויז משה ליטוואַקאָוון.

מענטשן, וואָס אַרבעטן ביחידות סײַ אין די צענטערס, סײַ אויף דער פּראָווינץ, און זענען מסכּים מיטצואַרבעטן מיט דער ראַטנמאַכט. מענטשן — דאָס איז געווען ממש אַ לעבנס־פּראַגע פאַר דער ווײַטערדיקער אַנטוויקלונג פון דער ייִדיש־סאָוועטישער וויסנשאַפט, וואָס איז דערווײַל אַזוי אָרעם־נאַקעט.

דערמוטיקטע פון זײַן דרייסטער שטעלונג הייבן זיך אָן שיטן פון פאַרזאַמלטן עולם נאָך דרייסטערע פאָרשלאָגן, דהײַנו: מ'דאַרף שאַפן זעלבשטענדיקע ייִדישע פּעדאַגאָגישע אינסטיטוטן, ווײַל די ייִדישע אָפּטיילן בײַ די רוסישע, ווײַסרוסישע און אוקראַיִנישע זענען געהאַמעוועט אין זייער נאַציאָנאַלער טעטיקייט. זיי דאַרפן אויפהערן צו זײַן בלויז אַ שרײַפעלע אין דעם גרויסן מעכאַניזם פון די אַלגעמיינע פּעדאינסטיטוטן.

און נאָך האָט מען פאָרגעלייגט: מ'דאַרף אָרגאַניזירן ייִדישע מעדיצינישע אינסטיטוטן, וואָס וועלן גרייטן אין דער ייִדישער שפּראַך דאָקטוירים פאַר דער ייִדיש־רעדנדיקער באַפעלקערונג, און נאָך און נאָך (וועלכע זענען, אַגב, קיין מאָל ניט פאַרווירקלעכט געוואָרן).

אין דער אונטערשטער שורה איז געווען: ליבערבערג האָט אויף דעם 2טן אַלפאַרבאַנדישן ייִדישן קולטור־צוזאַמענפאָר אָפּגעשפּילט אַן ערשטקלאַסיקע ראָלע. זײַן אויטאָריטעט איז נאָך מער אויסגעוואַקסן, ניט געקוקט אויף דעם וואָס ער איז געווען דער היפוך צו דער שטעלונג פון דער מערהייט אָנפירערס מיט דער ייִדאַרבעט, וועלכע מיר פלעגן רופן אין שפּאַס: "די וואָס האָבן מורא פאַר אַן עין־הרעה", אין דער פּראַקטיק האָט דאָס אויסגעזען אַזוי: אויף יעדער עפנטלעכער באַראַטונג האָט מען זיך געסטאַרעט: "שאַ, מאַכט ניט קיין רעש, לאָמיר ניט אויפרייַסן די אויגן פון די גויִישע בעלי־הבתּים, וואָס ערגעץ טיף אין האַרצן האָבן זיי אונדז פײַנט... מ'דאַרף זײַן באַשיידענער אין אונדזערע פאָדערונגען"...[53]

53 כּמעט אַלע וויכטיקערע אָנטייל־נעמערס פון דעם 2טן ייִדישן קולטור־צוזאַמענפאָר זענען, ווער פריִער, ווער שפּעטער, אומגעקומען אין די סאָוועטישע צוואַנגסלאַגערן. נאָר געציילטע האָבן זיך פון דאָרט אומגעקערט. קראַנקע, גייסטיק צעבראָכענע האָבן זיי איצט געלעבט אין ביז גאָר שווערע מאַטעריעלע באַדינגונגען. מ'האָט זיי פּשוט ניט אָנגעטרויט קיין בעסער באַצאָלטע אַרבעט. געווען צווישן די צוריקגעקומענע אויך אַזעלכע, וואָס האָבן זיך דווקא יאָ געריסן אָנטייל צו נעמען אין געזעלשאַפטלעכן לעבן (ניט קיין ייִדישן — אַזאַ האָט שוין דעמאָלט ניט עקסיסטירט). פון די לאַגער־יאָרן האָבן זיי גאָרניט געלערנט. אָבער צו קיין

דער פּאָליטישער לעקסיקאָן

פרילינג 1929 גיבן זיך ווידער אַ וואַקל ליבערבערגס פּאָליטישע פּאָזיציעס. דאָס איז געשען גלײַך נאָך דעם, ווען עס איז אַרויס פון דרוק דער ייִדישער פּאָליטישער לעקסיקאָן מיט זײַן, ליבערבערגס, פאָרוואָרט און אונטער זײַן מיטרעדאַקציע.[54] האָט זיך אין דעם עמעס גאָר גיך — דעם 14טן אַפּריל פון דעם זעלביקן יאָר באַוויזן דער אַרטיקל אונטערן נאָמען "פרעמד־ווערטער", זײַן אויטאָר איז געווען ניט אַבי ווער, נײַערט אַזאַ וויכטיקע פּאָליטישע פיגור ווי משה אַלטשולער.[55]

שום ערנסטער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט האָט מען זיי מער ניט צוגעלאָזן, אַפילו נאָך דעם ווי מ'האָט זיי רעהאַביליטירט.

54 זע ד. ב. סלוצקי, לעקסיקאָן פון פּאָליטישע און פרעמד־ווערטער, פאָרוואָרט י. ליבערבערג, רעדאַקציע: י. ליבערבערג און הענעך קאַזאַקעוויטש. קיִעוו, פאַרלאַג קולטור־ליגע, 1929.

55 משה אַלטשולער איז געווען אַ פּובליציסט, פילאָלאָג און איבערזעצער פון לעגינס ווערק אויף ייִדיש. אין די צוואַנציקער יאָרן געלעבט אין כאַרקאָוו, ווו ער האָט פאַרנומען דעם העכסטן פּאַרטייִשן אַמט אין דער סאָוועטיש־ייִדישער פּאַרטיי־אַרבעט: געווען דער סעקרעטאַר פון דער הויפּט־ביוראָ אין דעם צ"ק פון דער אוקראַיִנישער קאָמפּאַרטיי. נאָך זײַן אַריבערפאָרן קיין מאָסקווע איז ער באַשטימט געוואָרן ווי אַ מיטגליד פון דעם צענטראַלן ביוראָ פון די ייִדסעקציעס ביים צ"ק פון דער אַלפאַרבאַנדישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. ער האָט געהערט צו די דאָגמאַטישע ייִדטוערס און שאַרפסטע קעמפערס קעגן דער ייִדישער רעליגיע. פאַרעפנטלעכט פיל אַנטירעליגיעזע בראָשורן, לערנביכער און מעטאָדיקעס פון אַנטירעליגיעזער אַרבעט צווישן יוגנט און דערוואַקסענע. האָט מען אים פאַרטרויט דעם פּאָסטן פון הויפּט־רעדאַקטאָר פון דער צייטשריפט אַפּיקורס; אויך געווען רעדאַקציע־מיטגליד פון דער טאָגצייטונג דער עמעס און פון דער יונגער גוואַרדיע (אָרגאַן פון צ"ק קפּ(ב)"או). געהערט צו די שטרענגסטע לעקטאָרן אין ייִדישן אָפּטייל פון דעם פּילשפּראַכיקן קאָמוניסטישן אוניווערסיטעט פאַר מערב־פעלקער (מערבקע KYH) ביים קאָמאינטערן אין מאָסקווע. דאָ האָבן זיך געלערנט אין זייער מוטערשפּראַך הונדערטער אומלעגאַלע געקומענע פון אַלע עקן וועלט קאָמוניסטישע אַקטיוויסטן, דאָ האָט מען זיי געגרייט צו ווערן אָנפירערס פון די קאָמפּאַרטייען אין זייערע לענדער, וווהין זיי וועלן צוריקפאָרן נאָכן פאַרענדיקן דעם אוניווערסיטעט.

אין דער "מערבקע" האָט אַלטשולער זיך גערעכנט פאַר איינעם פון די וואַכזאַמסטע לעניניסטן. ניט איין מאָל האָט ער איינגעפונען אַנטי־באָלשעוויסטישע

די פּאָליטישע אָפּשאַצונג, וואָס דער דאָזיקער לעקסיקאָן האָט באַקומען פון אַלטשולערן, איז געווען אַ צעשמעטערנדיקע. דער שטרענגער רעצענזענט האָט צוגעמישפּט, אַז די אויסטײַטשונגען פון די ווערטער אין לעקסיקאָן זענען ניט מער און ניט ווייניקער ווי: פּײַנטלעך... אַנטיבאָלשעוויסטיש... מענשעוויסטיש־נאַציאָנאַליסטיש!.. אאַז״וו. דער עיקר, זאָגט ער, איז דאָס צו זען אין די אויסטײַטשונגען פון אַזעלכע גרונטבאַגריפן פון דער באָלשעוויסטישער לערע, ווי: ״דעמאָקראַטיע״, ״דיקטאַטור״, ״העגעמאָניע פון פּראָלעטאַריאַט״, ״קאָמוניסטישע פּאַרטיי״, ״קאַמף אויף צוויי פראָנטן״... און וואָס דאַרפט איר מער? אַפילו דער קאָנטררעוואָלוציאָנערער תּוכן פון מענשעוויזם אין די ווערק פון פאַרהאַסטן פּלעכאַנאָוו איז אין לעקסיקאָן ניט גענוג דערוויזן געוואָרן.

איז דאָס אַלץ נאָך גאָרניט אַנטקעגן דעם, וואָס גייט ווײַטער: דער אויפגערעגטער אַלטשולער שטעלט פעסט, אַז דער לעקסיקאָן ווײַזט ניט, אַז דער ״בונד״ איז געווען דער ״אינערלעכער שׂונא פון באָלשעוויזם״. דערפאַר אָבער פאַרגעסן ניט דער מחבר און ניט די רעדאַקטאָרן ליבער־בערג און קאַזאַקעוויטש אויסצוטראַכטן אַזאַ ליגן, פון וועלכן די האָר שטעלן זיך קאַפּויער. זיי שרײַבן, אַז דער ״בונד״ איז אַ מאָל, ביזן 1917, געווען רעוואָלוציאָנער און קאַמפּסלוסטיק און איז געגאַנגען אין די ערשטע רייען אינעם קאַמף קעגן דער צאַרישער זעלבסטהערשונג!! און צום סוף קומען עבֿירות, וואָס שרעקלעכערע קענען גאָר ניט געמאָלט זײַן: דער לעקסיקאָן מײַדט גאָר קונציק אויס צו געבן די באָלשעוויסטישע שטעלונג צום לאָזונג ״כּל ישׂראל חבֿרים״ און גיט בכלל ניט דעם פּאָליטישן באַטײַט פון אים!.. ווי קענען זײַן נאָך בולטערע באַווײַזן, אַז דער אומפּאַרטייִישער בער סלוצקי און די צוויי פּאַרטייִשע רעדאַקטאָרן זענען אויסגעשפּראָכענע ייִדישע שאָוויניסטן...

די אונטערשטע שורה: ער, דער לעקסיקאָן, וועמענס פּאָליטישע רעדאַקטאָרן זענען די צוויי אָנגעזעענסטע פּאַרטייערס יוסף ליבערבערג און

אָפּגעיִגן אַפילו ביי אַזאַ פּאָליטישן אויטאָריטעט ווי אסתּר פרומקין, וועלכע איז געשטאַנען אין דער שפּיץ פריִער פון דער ייִדישער סעקציע אין דאָזיקן אַנ־שטאַלט, און שפּעטער, נאָך מאַרכלעווסקיס טויט, נאָמינירט געוואָרן ווי רעקטאָ־רין פון דער גאַנצער ״מערבֿקע״.

אַלטשולער איז געשטאָרבן אין יאָר 1969 אין עלטער פון 82 יאָר.

הענעך קאַזאַקעוויטש, איז אַ פּראָדוקט פון ״פאַרשלייערטן רעכטן און לינקן אָפּאָרטוניזם, פון בורזשואַזער און קליינבירגערלעכער אידעאָלאָגיע״.

און געשען איז נאָך דעם דאָזיקן האַרבן אורטייל פון רעצענזענט דאָס ערגסטע, וואָס האָט געקענט טרעפן אַ סאָוועטישן מחבר און רעדאַקטאָר: דער פאַרלאַג האָט דעם לעקסיקאָן שנעל אַרויסגעצויגן פון אומגאַנג ״ביז ער וועט גרינטלעך ניט אויסגעבעסערט ווערן״.

ס'איז אַ רחמנות אויף ליבערבערגן. ווען ער בלײַבט צווישן זײַנע נאָענטע הייבט ער אָן בײַסן די נעגל פון די פינגער, ווערט פּלוצעם פאַר־שטומט און דערשלאָגן, אָבער בײַ דער אַרבעט באַמיט ער זיך צו האַלטן פאַסאָן, און אַלע זענען זיכער, אַז ער וועט סוף־כּל־סוף אויך דעם אומגליק איבערקומען.

גאָר גרויס איז אָבער געווען דער צער און ווייטיק צו קוקן אויף דעם אַלטן דובֿ בער סלוצקי. מיט זײַן אָדיאָזער פאַרגאַנגענהייט — ווי געווע־זענער העברעיִשער פּובליציסט און שרײַבער האָט ער זיך בכלל דאָ געזען ווי אויף אַ פרעמדער חתונה און האָט גוט געוווסט, אַז מען טאָלערירט אים בלויז אַ דאַנק זײַן גרויסער ערודיציע און קאָלאָסאַלער אַרבעטסזאַמקייט... אוי וויי, וויפל פּײַן האָט דעמאָלט אַרויסגעקוקט פון סלוצקיס אויגן. אין יענע טעג איז ער עפּעס נאָך דאַרער געוואָרן, דאָס פּנים מער אויסגעצויגן. קוקסט אויף דעם נאָך שטילער געוואָרענעם און מער אײַנגעהאַלטענעם ווי פריִער מענטשן, און דו ווייסט נישט וואָס איז גרעסער בײַ אים — די שרעק פאַר ״פּאָליטישע אויספירן״, וואָס די נ.ק.וו.ד. קען מאַכן און אים אַרעסטירן, צי די דאגות־פּרנסה — צי וועט מען אים פון דער אַרבעט ניט פאַרטרײַבן? אָבער איינס ווייס איך אויף זיכער: סלוצקי איז איצט בײַ מיר געגליכן צו אַ פאַראָבלטן פאָטער, וועמען ס'האָט געטראָפן אַ גרויסער אומגליק — ער האָט פאַרלאָרן זײַן געליבט קינד, און מען מאַכט עס נאָך צו שאַנד און צו שפּאָט. זײַן לעקסיקאָן האָט בײַ אים צוגענומען אָן אַ שיעור ניט־דערשלאָפענע נעכט (דאָס בוך האַלט דאָך העכער טויזנט זײַטן!). ער פלעגט דערציילן, אַז ווען פּונקט 12 בײַ נאַכט ווערט אויסגעלאָשן דער עלעקטרישער שטראָם, אַרבעט ער ביי אַ נאַפטלאָמפּ און אין הענטשקעס, כּדי צו קענען האַלטן די פּען אין דער פאַרשטאַרטער האַנט. ער, דער 52־יאָריקער מאַנצביל, וואָס האָט נאָך דעמאָלט ניט געהאַט פאַרלייגט קיין משפּחה, האָט זיך איצט געפילט נאָך איינזאַמער ווי ביז איצט.

***

אויך דאָס מאָל איז ליבערבערג געווען בלויז איין שפּאַן ביז צו פאַרלירן זײַן הויכע קאַריערע. נאָר עס האָט אים אָפּגעגליקט, די צײַט איז נאָך ניט געווען אַזוי סכנהדיק. ס'איז דאָך ערשט דאָס יאָר 1929! און די פּרשה „לעקסיקאָן" איז שנעל אויסגעוועבט געוואָרן. ווען דאָס געשעט מיט עטלעכע יאָר שפּעטער, וואָלטן אַלע דרײַ זינדיקע געווען פאַרפאַלן.

איצט וואַרפט זיך ליבערבערג מיט נאָך אַ גרעסערן אימפּעט אַרויסצובאַקומען וואָס אַ גרעסערע ירושה פון די „קאָנטררעוואָלוציאָנערע" אַנשטאַלטן, וועלכע זענען שוין פאַרמישפּט אָט אָט, מיט הויכע מאַרקסיסטישע פּראַזעס, אָפיציעל פאַרניכטעט צו ווערן. איצט פאָדערט ער די גרויסע ירושה שוין ניט פאַר דער קאַטעדרע, נײַערט פאַר דעם אויסגעברייטערטן אינסטיטוט, אין וועלכן די קאַטעדרע ווערט אָפיציעל אין גיכן פאַרוואַנדלט. און אויף אים איז שוין ניט צו זען קיין סימן פון פאַרלאָרנקייט, אין וועלכער ער האָט אויף אַ ווײַלע זיך געפונען נאָך דעם פּאָליטישן דורכפאַל מיטן לעקסיקאָן. כ'געדענק ניט ווי מײַן פרײַנד הענעך קאַזאַקעוויטש האָט זיך געפילט נאָך דער הייסער באָד, ער האָט דעמאָלט געוווינט אין כאַרקאָוו און מיר האָבן זיך ניט אָפּט באַגעגנט.

אָבער פון בער סלוצקיס פּנים גייט אַלץ ניט אַראָפּ דער טיפער טרויער, זײַן באַשאַף ליגט טיף באַגראָבן אין די סקלאַדן פון פאַרלאַג „דער עמעס". דעם פּאָליטישן לעקסיקאָן זײַנעם האָט מען אין די ביבליאָטעקן שנעל אַראָפּגענומען פון די פּאָליצעס, אויך אין דער ביכערקראָם פון דער קיִעווער „קולטור־ליגע" אויפן ראָג פון גרויס וואַסילקאָווער און מאַרײַנסקער גאַסן קען מען דאָס בוך מער ניט קויפן פאַר קיין שום געלט. און די וואָס האָבן עס יאָ באַוויזן צו קויפן ביז די קריטיק איז דערשינען, האָבן עס אין יאָר 1936—1937 אַראָפּגענומען פון זייערע אייגענע ביכער־פּאָליצעס און שנעל פאַרניכטעט.[56]

56 דוב בער סלוצקי איז איינער פון די אָנערקענטסטע איבערזעצערס פון טאָלסטויען, טשעכאָוון און גאָגאָלן אויף ייִדיש; מיטאַרבעטער אין דער פילאָלאָגישער סעקציע פון אינסטיטוט פאַר ייִדישער קולטור, דער שאַפער פון פאַרשידענע ייִדישע טערמינאָלאָגיעס, שרייבט ערנסטע פאַרגלייך־אַרבעטן פון שלום־עליכמס ווערק, דרוקט ייִדישע לידער און דערציילונגען; ביז דעם יאָר 1930 — רעדאַקציע־מיטגליד פון דעם צוויי־חדשימדיקן זשורנאַל ייִדיש שפּראַך, שטיפס שטענדיקער מיטאַרבעטער. אין דער עוואַקואַציע — שוין מיט זײַן פרוי דאָבע נוסינזאָן און איר קליין טעכטערל — האָט ער מיט זײַן משפּחה געליטן שרעקלעך הונגער און ניט געהאַט מיט וואָס צו פאַרדעקן זייערע נאַקעטע לײַבער בעת די גרויסע פרעסט. זײַנע בריוו פון דאָרט צו מיר און מײַן מאַן קיין נאַלטשיק (וואָס איז נאָך ניט געווען פאַרנומען דורך די דײַטשן) האָבן געריסן ביים האַרצן. אַרעסטירט האָט מען אים „ערשט" אין ביראָבידזשאַן, וווּ ער האָט זיך באַזעצט נאָך דער 2טער וועלט־מלחמה. כ'ווייס, אַז אין ביראָבידזשאַן האָט ער געשריבן אַ גרויסן היסטאָרישן ראָמאַן אויף אַ תּנכישער טעמע, כ'ווייס אָבער ניט צי האָט ער דאָס ווערק ביזן אַרעסט באַוויזן צו פאַרענדיקן, און וווהין איז אַהינגעקומען זײַן כתב־יד? צי האָט אים ווער אָפּגעהיט? זײַן פרוי איז דאָך געשטאָרבן פון הונגער נאָך אין דער עוואַקואַציע. ס'קען זײַן, אַז ביי זײַן אַדאָפּטירטער טאָכטער געפינט זיך דעם פאַרפייניקטנס, סלוצקיס, גייסטיקע ירושה. ס'וועט זײַן אַ גרויסער שאָדן אויב זי וועט פאַרפאַלן ווערן.

57 זע, צום ביישפּיל — י. ליבערבערג, „פאַר דער פּאַרטייִשקייט אין דער ייִדישער וויסנשאַפטס־אַרבעט (צו די סך־הכּלען פון דער שפּראַך־קאָנפערענץ)", געדרוקט אין ייִדיש שפּראַך, 25 (6), זייטן 1—6, קיִעוו 1930, און: י. ליבערבערג, אַרײַנפיר־וואָרט אין זאַמלבוך קעגן אַנטימאַרקסיסטישע טעאָריעס אין דער ליטעראַטור־פאָרשונג (דיסקוסיע אויפן פּלענום פון דער ליטסעקציע, 26 פעברואַר—2 מאַרץ 1932), קיִעוו 1932, און אַנדערע.

„העכער די פאָן פון קריטיק און זעלבסטקריטיק אין דער סאָוועטישער וויסנשאַפט!" — דאָס איז געווען אין דער ערשטער העלפט פון די 30ער יאָרן דער אָפיציעלער און וויכטיקסטער פּאַרטיי־לאָזונג פאַר יעדן וויסנשאַפטלעכן אַנשטאַלט און, פאַרשטייט זיך, אויך פאַרן ייִדישן אינסטיטוט. דעריבער זענען דעמאָלט געווען אַבסאָלוט פאַרשטענדלעך ליבערבערגס שאַרפע, ריין קאָמוניסטישע אַרויסטרעטונגען פאַר פּאַרטייִשער כּשרות, קעגן דעם רעכטן און לינקן אָפּנויג אין דער ייִדישער וויסנשאַפט. דעריבער זענען אויפגענומען געוואָרן ווי אַ נאַטירלעכע זאַך זײַנע אַרטיקלען וועגן ייִדישער ביבליאָגראַפיע, וועגן שפּראַכפאָרשונג און ליטעראַטור־קריטיק, אין וועלכע ער פאָדערט צו זײַן מער וואַכזאַם קעגן כּלערליי בורזשואַזנאַציאָנאַליסטישע אײַנפלוסן און רופט צו די וויסנשאַפטלערס, זיי זאָלן נאָך מער זוכן און נאָך מער קריטיקירן די באַגאַנגענע פעלערן.[57]

אָבער די פּרשה „לעקסיקאָן" איז ניט די לעצטע פּאָליטישע עבירה פון ליבערבערגן. ניט איין מאָל האָט ער זיך ווידער און ווידער געפונען „אונטערן פײַער פון קריטיק" סײַ מצד פאַרמאַכטע פּאַרטייִשע אינסטאַנצן, סײַ מצד דער אַזוי גערופענער באָלשעוויסטישער וואַכזאַמער עפנטלעכקייט.

עס איז אָבער געגנוג, אַז די אָדער יענע פּאָליטישע קאַמפּאַניע זאָל ווערן עטוואָס לינדער, די אויערן פון פרומע פּאַרטייערס אַ ביסל ווייניקער אָנגעשפּיצט, און די אַטמאָספער אַ קאַפּעלע רויִקער, באַגייט ער נײַע "נאַציאָנאַליסטישע" פעלערן, ביז דאָרט אויבן כאַפּט מען זיך און ער באַקומט נײַע קלעפּ...

אָבער דו באַווײַזסט זיך ניט אומצוקוקן, און אַזוי ווי יענער "וואַנקאַ ווסטאַנקאַ", שטייט ער שוין ווידער אויף די פיס כּדי... גאָר גיך נאָך אַ מאָל צו באַגיין עפּעס אַ פרישע עבֿירה לגבי דער פּאַרטיי־ליניע... אַזוי די גאַנצע 10 יאָר, וואָס איך האָב אים געקענט — סײַ אין קיִעוו, סײַ אין ביראָבידזשאַן.

"די צוויי פּאָליטישע זשוליקעס"

ליטוואַקאָווס באַציִונג צו דעם קוועקזילבערדיקן ליבערבערגן וואָלט ווערט געווען באַשריבן צו ווערן באַריכות, דערווײַל נעם איך זיך דאָס ניט אונטער צו טאָן. אָבער עפּעס וואָס דערציילן וועגן דעם ווילט זיך דאָך. לאָמיר נעמען אַזאַ מאָמענט: ווען אונדזער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע האָט באַשלאָסן, אַז דער אינסטיטוט זאָל נאָמינירן משה ליטוואַקאָוון ווי אַווירקלעכן מיטגליד פון פרעזידיום האָט עס, פאַרשטייט זיך, ליטוואַקאָוון שטאַרק אימפּאָנירט, אָבער... נאָך שטאַרקער געשראָקן. דאָס האָט דאָך באַטײַט, אַז ער נעמט אויף זיך די מיטפאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר אַלע מעשׂים, וואָס ווערן אָפּגעטאָן אין אינסטיטוט. דער שוואַכער אין געזונט ליטוואַקאָוו האָט אָפן געזאָגט: "כ'בין פּשוט פיזיש ניט בכּוח נאָכצופאָלגן נאָך ליבערבערגס קאָפּשווינדלערישן "אַרויף און אַראָפּ"... און אפשר דערפאַר האָט ער זיך באַצויגן צו אים מיט געמישטע געפילן: פון איין זײַט געשעצט און באַוווּנדערט זײַן אומאויסשעפּלעכע ענערגיע און דרײַסטקייט, און פון דער אַנדער זײַט מורא געהאַט פאַר זײַנע "גליטשיקע וועגן". און דערפאַר איז ער צום אינסטיטוט געווען בדרך־כּלל צוריקגעהאַלטן. "ער האָט גרויסע אויגן", פלעגט ער זאָגן וועגן ליבערבערגן אָפן — "וויפל איר האָט, איז אײַך דאָ אַלץ ווייניק" — בורטשעט ער שוין מיט רוגזה. און ליבערבערג? ער איז גרייט שטענדיק צו זעצן ליטוואַקאָוון אויבן אָן. איין מאָל האָט ליטוואַקאָוו צו מיר אַ זאָג געטאָן מיט אַ שמייכל: "אײַער ליבערבערג? ער

קען אַפילו מיטן טײַוול אויסקומען, אַבי דער אינסטיטוט זאָל עפּעס האָבן דערפון". ער פלעגט עטלעכע מאָל אין יאָר קומען אַהער פון מאָסקווע אויף וויכטיקע וויסנשאַפטלעכע סעסיעס, און שטענדיק — ליבערבערג פאַר ליטוואַקאָוון אדרבא ואדרבא, און ליטוואַקאָוו צו ליבערבערגן — קידער־ווידער.

אָבער מיר האָבן געפילט — ליטוואַקאָווס מוסר זאָגן און בייזערן זיך איז נאָר לפּנים. אין דער אמתן פלעגט ער ליב האָבן צו אונדז צו קומען. דעריבער האָב איך מיט עטלעכע יאָר שפּעטער בײַם לייענען ליטוואַקאָווס צעשמעטערנדיקן אַרטיקל "געווידמעט" ליבערבערגס אַרעסט (אין האַרבסט 1936) געוווּסט, אַז ניט נאָר מיר שטיקן די טרערן אין האַלדז, נאָר אויך בײַ אים האָט זיכער געציטערט די האַנט בײַם שרײַבן, ניט בלויז מחמת דעם פּאַראַגראַף "הײַנט אים, מאָרגן מיך" נאָר אויך פאַר ווייטיק. כ'האָב דאָך שוין פון מײַן ערשטער באַגעגעניש אויג אויף אויג מיט ליטוואַקאָוון, תּיכּף נאָך מײַן אַריבערקומען פון פוילן קיין מאָסקווע, מער דערפילט מיט שטוינונג ווי געוווּסט, אַז ער שרײַבט איינס און טראַכט גאָר עפּעס אַנדערש.[58] און ביז הײַנט צו טאָג איז בײַ מיר פאַרבליבן די טיפע איבערצײַגונג, אַז גאָר גאָר זעלטן האָט ער געשריבן דאָס וואָס ער מיינט, און גערעדט דאָס וואָס ער טראַכט.

און איך בין ניט געוואָרן איבערראַשט, ווען אויף אַ וועטשערינקע, וואָס מיר האָבן לכּבֿוד דעם גאַסט פון מאָסקווע אײַנגעאָרדנט (נאָך עפּעס אַ סעסיע פון דער ליטסעקציע, דאַכט זיך אין 1932), האָט דער אַבסאָלוט ניט בגלופינער ליטוואַקאָוו אַ טײַטל געטאָן אויף ליבערבערגן און זײַן בוזעם־פרײַנד ברוך הובערמאַן, און צו אונדז אַ זאָג געטאָן: "אָט די צוויי פּאָליטישע זשוליקעס?.. זיי קענען דאָך אַ גאַנצע וועלט אַרומדרייען אַרום זייער אייגענעם פינגער!.." — פון דעם איצט ווייניקער ווי שטענדיק פאַרזאָרגטן פּנים זײַנעם איז מיר דאָס מאָל ניט שווער געווען אַראָפּצולייענען, אַז דאָס מאָל זאָגט ער עס ניט מיט כּעס, נאָר מיט מילדקייט.

58 וועגן דעם האָב איך געגויער דערציילט אין מיין צווייטן באַנד נפתולי דרכים, פרק "פגישה ראשונה פנים אל פנים עם הפעולה היהודית־הסובייטית", הוצאת הקיבוץ המאוחד, תשל"ב, און אין צווייטן באַנד אויף וועגן און אומוועגן, תל־אביב 1978, תשל"ח.

ווען איך האָב דאָס דערציילט ביידע "זשוליקעס", האָבן זיי ניט נאָר זיך ניט באַליידיקט, נאָר הילכיק זיך צעלאַכט און, דאַכט זיך, גאָר הנאה געהאַט פון ליטוואַקאָווס אָפּשאַצונג.

און ער — דער "פּאָליטישער זשוליק" — טוט ווידער דאָס זעלבע מיט זײַן אייגנאַרטיקן ליבערבערגישן פאַרנעם און שווונג און שטעקט ווײַטער אָן זײַנע מיטאַרבעטערס מיט נאַציאָנאַלן אָפּטימיזם און גלויבן אין דער וויכטיקייט פון זייער טעטיקייט.

אויף דער פּאַרטיי־רייניקונג

די פּאַרטיי־רייניקונגען (טשיסטקי), דאָס הייסט דער פּעריאָדישער עפנט־לעכער קאָנטראָל איבער דער פּאָליטישער כשרות פון יעדן פּאַרטיי־מיטגליד, האָבן זיך אָנגעהויבן נאָך אין 1921. דער 18טער פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר, וועלכער איז פאָרגעקומען אין 1939, האָט באַשלאָסן איבעררײַסן די "פּעריאָדישע טשיסטקעס", אָבער אין דער ווירקלעכקייט האָבן זיי ווײַטער עקסיסטירט אין אַ ביסל געענדערטער פאָרעם: אָן גרויסן רעש און פּאָמפּע.

ווען איך בין געקומען פון פּוילן קיין קיִעוו, האָב איך זיך געוווּנדערט הלמאי אייניקע מײַנע נײַע סאָוועטישע חברים, ווען ס'קומט אָן אויף זיי אַ מינוט פון אויפריכטיקייט, רעדן צווישן זיך אַרויס דאָס דאָזיקע וואָרט "רייניקונג" מיט עפּעס אַזאַ אומפאַרשטענדלעכן פאַר מיר שמייכעלע, און דאָס האָט מיך שטאַרק געאַרט. ניט איין מאָל האָב איך געטראַכט וועגן אַזאַ אָנגעזעענעם סאָוועטיש־ייִדישן קולטור־טוער ווי מאָטיע גלאַזמאַן, וועגן אַזאַ גרויסן געלערנטן מאַרקסיסט ווי מאיר ווינער און אַנדערע: עפּעס צינישעס איז דאָ אין זייער באַציִונג צו אָט דער וויכטיקער געשעעניש אין דער פּאַרטיי.

כ'האָב געטראַכט אַזוי: וואָס קען זײַן בעסער, ווי פון צײַט צו צײַט דורכקאָנטראָלירן צי די פּאַרטיי ווערט ניט אויסגענוצט דורך שלעכטע מענטשן אין זייערע אייגענע עגאָיִסטישע צוועקן? וואָס קען זײַן בעסער ווי אָפּרייניקן די פּאַרטיי פון קאַריעריסטן, וואָס דער פּאַרטיי־בילעט איז פאַר זיי פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פּרנסה־ביכעלע?

און וואָס קען זײַן גלײַכער, ווי פון צײַט צו צײַט דורכקאָנטראָלירן צי פאַרשטעלטע שונאים פון דער רעוואָלוציע האָבן זיך בכּיוון ניט אַרײַנבאַ־קומען אין דער הערשנדיקער פּאַרטיי, כּדי פון אינעווייניק אויפצורײַסן די נײַע קאָמוניסטישע געזעלשאַפט?

און ערשט דעמאָלט, ווען איך בין צום ערשטן מאָל אַליין געוואָרן אַ

באַשטאַנדטייל פון אָט דעם צביותדיקן ספּעקטאַקל, וואָס מען רופט "ריייניקונג", האָב איך באַנומען, פאַר וואָס זיי האָבן ניט געוואָלט אין אַנוועזנהייט פון מיר, דער גרינער, אָנרופן דאָס פאַרזעעניש בײַם ריכטיקן נאָמען. שפּעטער האָב איך פאַרשטאַנען זייער כּוונה: זאָל זי, די נײַ־געקומענע, זיך אַליין צוקוקן צו דער ווירקלעכקייט און זעלבשטענדיק מאַכן אירע אויספירן.

די ריייניקונגס־קאָמיסיע ווערט באַשטימט פון אויבן, און יעדער מיטגליד אירער ווערט פריִער גערייניקט אין די סאַמע העכסטע פּאַרטיי־אינסטאַנצן. צו דער קאָמיסיע קען ניט געהערן קיין מיטאַרבעטער פון דעם אַנשטאַלט, וואָס ער דאַרף רייניקן. ווי אַ כּלל איז די קאָמיסיע באַשטאַנען פון מער־ווייניק גראַמאָטנע אַרבעטערס, אָבער זיי האָבן זיך ניט געקענט אָריענטירן אין פראַגעס פון בילדונג און נאָך ווייניקער אין וויסנשאַפטלעכע פּראָבלעמען פון דעם גערייניקטן אַנשטאַלט. צו דער ריייניקונגס־קאָמיסיע האָט ניט געקענט געהערן קיין שום קאָמוניסט, וואָס האָט אַ מאָל געהערט צו אַן אַנדער פּאַרטיי.

צו רייניקן די יִדישע אַנשטאַלטן האָט מען תּמיד געשיקט ניט־ייִדן, שטעלט איר זיך שוין פאָר ווי אַזוי זיי האָבן זיך אָריענטירט אין די פאַרוויקלטע ייִדישע פּראָבלעמען. ניט איין מאָל זענען צווישן זיי געווען אַנטיסעמיטן.

פאַקטיש איז דער גאַנצער בעל־הבית געווען דער פאָרזיצער פון דער קאָמיסיע. די איבעריקע מיטגלידער זענען געווען געהאָרכזאַמע סטאַטיסטן. מחמת זייער נידעריקן בילדונגס־ניוואָ האָבן זיי זיך אין אַלעם פאַרלאָזט אויפן מער דערפאַרענעם, מער גראַמאָטנעם פאָרזיצער, און שטענדיק מסכּים געווען מיט אים.

כ'געדענק ניט גענוי דעם יאָר פון דער ריייניקונג, וועגן וועלכער איך וועל דאָ דערציילן, צי דאָס איז געווען אין 1932, אָדער גאָר אין 1933. די ריייניקונגען פון אונדזער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע פלעגן פאָרקומען ניט באַזונדער, און ניט אין די ווענט פון אונדזער אייגענעם אינסטיטוט, נאָר צוזאַמען מיט אַנדערע פּאַרטיי־קעמערלעך פון דער גאַנצער אַקאַדעמיע.[59]

59 דאָ רעדט זיך וועגן וויסנשאַפטלעך־פאָרשערישן אינסטיטוט פאַר ייִדישער קולטור ביי דער אַלאוקראַיִנישער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע אין קיִעוו, וווּ איך האָב פאַרענדיקט די אַספּיראַנטור און דאָרט פאַרבליבן אַרבעטן אַלס וויסנשאַפטלער ביז מיין אָפּפאָרן קיין בירָאָבידזשאַן.

די מיטגלידער פון דער ריייניקונגס־קאָמיסיע, ווען די צענטראַלע קאָנטראָל־קאָמיסיע פלעגט אָנפאַרטרויען בודק צו זײַן אונדזער פּאָליטישע כּשרות, זענען געווען די סאַמע סאַמע חשובֿסטע און שטרענגסטע אַלטע קאָמוניסטן מיט אַ גאָר וויכטיקער באָלשעוויסטישער פאַרגאַנגענהייט און שטענדיק ניט קיין ייִדן.

דאָס מאָל איז דער פאָרזיצער פון דער קאָמיסיע אַ הויכער, ברייטפּלייציקער, אַ לעט לויט זיין נאַציאָנאַליטעט, מיט אַ גוטן קלוגן שמייכל. ער האָט גרויס דערפאַרונג און אַרבעט אין פּאַרטיי־אַפּאַראַט פון צ"ק אין מאָסקווע. כ'געדענק שוין ניט זײַן פאַמיליע־נאָמען.

די פּאַרטיי־ריייניקונג קומט פאָר אין דער נײַער, מאָדערנער געבײַדע אויפן ראָג בולוואַר שעווטשענקאָ און לענין־גאַס, אין גרעסטן זאַל וואָס די אוקראַיִנישע אַקאַדעמיע פאַרמאָגט. ניטאָ ווו אַ שפּילקע צו וואַרפן. הונדערטער מיטאַרבעטערס, ייִדישע און ניט־ייִדישע פון אַלע אינסטיטוטן, ניט בלויז פון די וועלכע געהערן צו דער אַקאַדעמיע, פּאַרטייערס און אומפּאַרטייִשע, און סתּם אינטעליגענץ אײַלן זיך צו קומען אַ סך פריִער, כּדי צו פאַרכאַפּן אַן אָרט. זיי גרייטן זיך ווי צו אַ גראַנדיעזן ספּעקטאַקל, ריכטיקער געזאָגט — ווי צו אַן עפנטלעכן יום־הדין איבער יעדן פּאַרטייער. און פירן פירט מען דעם יום־הדין, פאַרשטייט זיך, אין דער אוקראַיִנישער שפּראַך. און דאָס איז שוין די ערשטע סיבה, וואָס דעטאָנירט די מערהייט פון אונדזערע פּאַרטיי־חברים, וועלכע קענען שוואַך די לאַנדסשפּראַך — אוקראַיִניש.

אין יענע פיבערדיקע יום־הדין־טעג האָט די אָנגעגליטע אַטמאָספער געמאַכט ציטערן ניט בלויז יעדן פּאַרטיי־מיטגליד באַזונדער, נײַערט אונדזער גאַנצע פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע. וואָרעם אויף יעדער טשיסטקע ווערט דאָך באַשטימט ניט בלויז דער פּערזענלעכער גורל פון יעדן פּאַרטייער — צי ער איז זוכה צו פאַרבלײַבן אויף ווײַטער אין די רייען פון דער פּאַרטיי, נאָר דאָ שאַצט מען אויך אָפּ: צי שטייט די טעטיקייט פון דעם גאַנצן פּאַרטיי־קעמערל אויף דער "געהעריקער באָלשעוויסטישער הייך"?

גערייניקט האָט מען אונדז ניט לויטן אלף־בית פון אונדזערע פאַמיליע־נעמען, נאָר לויט דעם אײַנזען פון דער קאָמיסיע. האָסטו קיין מאָל ניט געוווּסט: ווען וועט קומען דײַן ריי? און אויב איר וועט נעמען אין אַכט, אַז עטלעכע מאָל פלעגט די זיצונג אָפּגעלייגט ווערן פון איין וואָך אויף דער צווייטער (צוליב פאַרשידענע סיבות, איבער הויפּט דעמאָלט ווען אין

גאַנג פון דער רייניקונג האָט די קאָמיסיע באַשלאָסן צו זוכן נײַע צוגאָב־מאַטעריאַלן וועגן דעם אָדער יענעם פּאַרטיי־מיטגליד), וועט איר פאַרשטיין: מ׳האָט באַדאַרפט האָבן ניט נערוון, נאָר שטאָלענע שטריק... פון טאָג צו טאָג איז די שפּאַנונג געשטיגן, ניט בלויז בײַ די וואָס האָבן געוואַרט אויף זייער ריי, נאָר אויך בײַ די וואָס זענען די עקזעקוציע שוין איבערגעקומען, וואָרעם: ווער קען עס וויסן וואָס פאַר אַ נײַע געשיכטע קען אַרויסשפּרינגען? די גרעסטע גרויסהאַלטערס איז געווען ניט צו דערקענען. ווו איז אַהינגעקומען די פּאַרטיי־גאווה בײַ די מענטשן? פּלוצעם איז יעדער פון אונדז געוואָרן אַזוי שטיל, צניעותדיק און נעבעכדיק!.. ס׳ווערט פּריקרע צו קוקן איינער אויפן אַנדערן. און ווו איז אַהינגעקומען די רויִקע גלײַכגעוויכט וואָס איז געווען אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר אָט דעם חבר? ס׳איז מיר אַ ווייטיק צו זען זײַנע דערשראָקענע אויגן. פּחד, בײַ איינע אָפענער, בײַ אַנדערע שלעכט פאַרבאַהאַלטענער, איז דער הויפּטגעפיל, וואָס האָט זיך אין יענע טעג פעסט באַזעצט בײַ אונדז אַלעמען, קאָשמאַרנע נעכט האָבן געמאַטערט די נערוועזן...

נאָר דער, ווער ס׳איז דעמאָלט בײַגעווען אין ראַטן־פאַרבאַנד, קען האָבן אַ באַגריף ווי אַזוי עס האָט אין יענע טעג אויסגעזען דאָס לעבן פון מיליאָנען זײַנע פּאַרטייִשע בירגערס. אין יעדער אַזאַ שטוב האָט געהערשט אַ יום־כּיפּור־שטימונג. ניין, דאָס איז ניט דער ריכטיקער באַגריף... אויף וויפל איך געדענק די יום־כּיפּור־טעג בײַ מײַנע עלטערן אין שטוב, זענען דאָס ניט געווען קיין טעג פון שרעק, נאָר טעג פון עפּעס אַ געלײַטערטקייט, פון אַ דערהויבנקייט, פון אויסטאָן זיך פון טאָג־טעגלעכער גשמיות, יעדער איז געוואָרן עפּעס רויִקער, פאַרגיביקער צו יענעם, עפּעס אַזאַ ריינקייט האָט אַרויסגעשײַנט אין יענע טעג פון מײַן מאַמעס גאַנצן וועזן, און דאָס האָט געלײַטערט אונדז — אירע קינדער און דעם גאַנצן אַרום.

איצט אָבער זענען בײַ אַלעמען די געמיטער געווען שווער און בײַ יעדן האָט זיך דערוועקט שרעק פאַר דער נאָענטער עקזעקוציע. אַפילו דער וואָס האָט ניט געפילט הינטער זיך קיין שום חטא, האָט אויך געציטערט ווי אַ פיש אין וואַסער: מאַלע וואָס עס קען זיך מאַכן!.. וואָס עס קען פּלוצעם אויף דער פאַרזאַמלונג אַרויסשפּרינגען?.. — ווער קען וויסן פון וועלכער זײַט דער אומגליק קען קומען? און וואָס מער אומגעריכט דער אָנפאַל קען קומען, אַלץ ווייניקער צוגעגרייט וועסטו — דער "שולדיקער" — זײַן, צו דערווײַזן דײַן אומשולד.

און די אומפּאַרטייִשע? זיי זעען דאָס אַלץ, און וואָס איז דאָ צו לייקענען, אַחוץ קליינע אויסנאַמען קוקט היינט זעלטן ווער מיט מיטגעפיל אויף די, וועלכע זענען געווען אַזוי תּקיף לגבי זיי ביז איצט. און דיך וווּנדערט גאָר ניט, אַז אָט דער, וואָס האָט די גאַנצע צייט זיך געפילט דערנידעריקט דורך זײַן פּאַרטייִשן חבר, וועלכער האָט געהערשעוועט איבער אים, גייט היינט אַרום מיט אַ שלעכט באַהאַלטענעם נקמה־געפיל.

די טשיסטקע פון אונדזער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע, וועגן וועלכער איך דערצייל דאָ, דויערט שוין עטלעכע וואָכן. די וואָס וואַרטן אויף זייער ריי גערייניקט צו ווערן, זיצן ניט־טויט, ניט־לעבעדיק. באַהאַלטענערהייט דערלאַנגט מען זיך אַ פיל: "נאַ, שלינג אַראָפּ, וועסט באַרויִקן דאָס האַרץ־קלאַפּעניש און אײַנשטילן די משוגענע פּולסירונג אין די שלייפן..."

צום שטאַרקסטן ציטערט די הויט אויף אונדז, די "געוועזענע". וואָס מער פּירער עס איז אַ מאָל געווען דער "געוועזענער" דאָרט, אין יענער נאַציאָנאַלער פּאַרטיי, אַלץ גרעסערע צרות האָבן אויף אים געוואַרט בײַ דער טשיסטקע. די פּאַרטיי האָט דעם אַלטן חשבון קיין מאָל ניט פאַרגעסן... מ׳האָט זיך דערמאָנט אַלע זײַנע פּאָליטישע עבירות, און דער גערייניקטער שטייט אַ מאָל אַ טאָג און גאַנצע צוויי און אַפילו דרײַ פאַר דער פאַרזאַמלונג און ער דאַרף דערקלערן: ווי אַזוי איז ער עס (אָפט מאָל מיט צענדליקער יאָרן צוריק) געווען מסוגל צו באַגיין חטאים קעגן אַרבעטער־קלאַס? דאָס הייסט — געווען אַ קאָנטררעוואָלוציאָנער? און ווי אַזוי האָט ער זיך איבערגעבויט? און פון וועלכן טאָג דינט ער טרײַ דער רעוואָלוציע? און צום סוף מוז אומבאַדינגט קומען זײַנער אַזאַ פּיזמון: כאָטש פון צײַט צו צײַט דערוועקט זיך אין מיר דער נאַציאָנאַליסטישער שונא, באַקעמף איך אין זיך די שאָוויניסטישע רעשטלעך, און דעריבער בעט איך מיך איבערלאָזן אין די רייען פון דער פּאַרטיי...

זיץ איך אויף דעם טראַגיקאָמישן ספּעקטאַקל, און איך, די אַקטיווע אָנטייל־נעמערין אין אים, הער ניט אויף מיט ביטערניש צו טראַכטן: זע נאָר די אַבסורדאַלע לאַגע — דער וואָס האָט ביז דער רעוואָלוציע געפירט אַ בעל־הבתּיש, רויִק לעבן, און איצט, ווען ס׳האָט געלוינט, איז ער געוואָרן אַ קאָמוניסט — ער איז גאָר אין דער פּאַרטיי דער חשובער. אים טרויט מען, ווײַל נאָך אים שלעפּן זיך ניט נאָך דער לונג־און־לעבער, ווי נאָך דעם "געוועזענעם"...

און אַזוי ווי די אָנפירערס מיט דער ייִדישער אַרבעט זענען כּמעט אַלע

געוועזן ״געוועזענע״, איז קיין ווונדער ניט, וואָס יעדע טשיסטקע איז פאַר זיי פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אמתן גהינום. ״ניט די־וועלט, ניט יענע־וועלט״ — איז אַרומגעגאַנגען אַ ווערטל. דאַן, בײַם צאַר, זענען זיי פאַר זייער אָנגעהעריקייט צו די נאַציאָנאַלע רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען געווען פאַרפאָלגט, פאַרשיקט אין סיביר, און דאָ, בײַ דער ראַטנמאַכט, ווען זיי זענען שוין קאָמוניסטן, לײַדן זיי ווידער אַ מאָל פאַר די זעלבע חטאים.

וואָס גרעסער ס׳איז דער פּאָסטן, וועלכן אַזאַ הײַנטיקער פּאַרטייער פאַרנעמט, אַלץ גרעסער איז די געפאַר ער זאָל אַרויסגעוואָרפן ווערן פון דער פּאַרטיי פאַר נאַציאָנאַליזם.[60]

מענטשן פון אַ נידעריקער מאָראַלישער מדרגה, מיט פּאַרטיי־בילעטן און אָן פּאַרטיי־בילעטן — באַמיִען זיך דאָ כאַפּן פיש אין מוטנעם וואַסער, זיי גריבלען זיך אין דער נאָענטער און ווײַטער פאַרגאַנגענהייט פון דעם וואָס שטייט איצט אויף דער בינע און וואַרט אויף זײַן פּסק־דין. זיי פאַרשיטן אים מיט פראַגעס און פראַגעלעך, אַזעלכע ״איידעלע״, ״נאַיִווע״ שאלות־לעך... די דאָזיקע ״וואַכזאַמע״ פאַרשוינען זוכן איצט אויף דעם אומגליקלעכן אַזעלכע חטאים, וואָס זענען אָפּט אויסגעזויגן פון פינגער. ניט זעלטן

60 אונדזער אינסטיטוט איז ניט געווען קיין אויסנאַם, פּונקט אַזאַ פײַנלעכע אַטמאָספער האָט געהערשט אין פאַרלאַג און אין רעדאַקציע פון מאָסקווער דער עמעס, און אויך אין כאַרקאָווער יידישן פאַרלאַג און אין די דאָרטיקע יידישע רעדאַקציעס (וועגן מינסקער יידישע אינסטיטוציעס ווייס איך ווייניקער). כ׳ווייס ניט, צי דעם לייענער איז באַוווּסט, אַז אַזאַ מענטש ווי דער הויפּט־רעדאַקטאָר פון דער עמעס משה ליטוואַקאָוו (דער פאַקטישער דיקטאַטאָר איבער דער יידישסאָוועטישער ליטעראַטור) איז ווי אַ געזעץ כּמעט אויף יעדער טשיסטקע אויסגעשלאָסן געוואָרן פון פּאַרטיי און ס׳פלעגט נעמען אַ לאַנגע צייט ביז מ׳פלעגט אים, פאַרן פּרײַז פון אַן אַ שיעור מאָראַלישע דערנידערונגען, צוריקגעבן דאָס רויטע ביכעלע. פּונקט אין אַזאַ לאַגע האָט זיך געפונען אויף יעדער פּאַרטייריניקונג, וואָס איך געדענק, משה קאַמענשטיין (זײַנע אַמאָליקע פּסעוודאָנימען אין די יידישע אַרבעטער־פּאַרטייען צו וועלכע ער האָט געהערט — זעליקאָוויטש, בערל גוטמאַן, באַלטעקאַקליס), וועלכער האָט פריִער אָנגעפירט מיטן ״געזקולט״ אין כאַרקאָוו און שפּעטער געאַרבעט אין צענטראַלראַט פון ״געזערד״ אין מאָסקווע. וועגן די קוריאָזן און טראַגיקאָמישע סיטואַציעס בעת זייער רייניקונג, פלעגן אַרומגיין וויצן און אַנעקדאָטן. יידיש מאָסקווע, קיִעוו און מינסק לאַכן דעמאָלט מיט יאַשטשערקעס... און גייען ווייטער געהאָרכזאַם אין שפּאַן, ווי עס פּאַסט פאַר פערד מיט קאָמוניסטישע שאָרן איבער די אויגן.

טוען זיי דאָס, כּדי זיך אַליין צו באַווײַזן אין אַ העלערן ליכט אין די אויגן פון נאַטשאַלסטווע.

צו מיר טשעפּעט מען זיך אויך, און ניט אַבי וועלכע טענות האָט מען צו מיר. אָט האָט נאָר וואָס מיט אַ קריגערישער מינע אויף איר אײַנגעשרומפּענעם באַבישן פּנים זיך צוריקגעזעצט אויף איר אָרט די אַספּיראַנטקע פון דער פּעדאַגאָגישער סעקציע שיינע גיטעליס. זי וואָלט וועלן וויסן, האָט זי געפרעגט מיט איר קלינגעוודיקער שטימעלע אויף אַ גוטן אוקראַיִניש, ״הלמאי איז די חברטע שנײַדערמאַן אַזוי אָפּגעפרעמדט פון פּראָלעטאַריאַט? זי מיינט, זאָגט זי, אַז די חברטע שנײַדערמאַן באַקעמפט צו ווייניק אין זיך די ׳אינטעליגענטשטשינע׳, וואָס זי האָט מיטגעבראַכט פון קאַפּיטאַליסטישן פּוילן...״

אָבער פון זאַל דערהערט זיך עמעצנס אַ שטים: ״פּונקט פאַרקערט, זי חברט זיך דווקא מיט די אַרבעטערס פון דער טריקאָטאַזש־פאַבריק!״ (איך פיר דאָרט קולטור־אַרבעט אויף יידיש).

פאַר דער קאָמיסיע איז גיטעליס, זעט אויס, ווי אַ זלידנע פליג, פון וועלכער דו קענסט זיך ניט אָפּטשעפּען... פאַר יעדן וואָס שטייט אויף דער בינע האָט זי — די געוועזענע פּועלי־ציוניסטקע, וואָס קען גאַנצע פּסוקים פון תּנך און פון ביאַליקס שירים אויף אויסנווייניק — צוגעגרייט אַזעלכע קורצינקע שטעכיקע פראַגעלעך! און... אַ סברה, אַז כ׳בין טאַקע געבוירן אין אַ הײַבל!! אַ סימן האָט איר: דער פאָרזיצער גיט אַ זאָג: ״חברטע גיטעליס, איר קענט גיין צוריק אויף אײַער אָרט״. און אָט שטייט שוין אויף מאָטל קרוגליאַק און דערווידערט דער חברטע גיטעליס: ער, ווי אַן אומפּאַרטייִשער, פילט זיך, זאָגט ער, פּערזענלעך געטראָפן פון דער חברטע גיטעליסעס פאָרוווּרף, וואָס זי, די פּאַרטייערין, מאַכט דער איבערגעגעבענער חברטע שנײַדערמאַן. ער האָט קיין מאָל ניט געזען קיין שום פּאָליטישע עבירות אין דער אויפפירונג פון דער חברטע שנײַדערמאַן, ער אַרבעט טאָג־טעגלעך, זאָגט ער, צוזאַמען מיט איר איבער איינער אַ פאַרשונג און צוזאַמען שטעלן מיר צונויף לערנביכער פאַר דער שול, און ער, ווי אַן אומפּאַרטייִשער, קען דאָ מיט שטאָלץ מעלדן, אַז איך, די פּאַרטייערין, האָב אויף אים, דעם אומפּאַרטייִשן, בפירוש אַ ״שטאַרקן פּאָליטישן אײַנפלוס״... אַ סימן האָט איר — ער גרייט זיך שוין טאַקע נאָך אַ מאָל אָנצוגעבן אַ ביטע, מ׳זאָל אים צונעמען ווי אַ קאַנדידאַט אין דער פּאַרטיי...

מאָטל לײַגט אומפאַרשעמט: איך פיר מיט אים קיין מאָל ניט קיין

שום פּאָליטישע וויכוחים !.. איך וויל עס ניט און מיר האָבן אויף דעם קיין צײַט ניט. ער איז הונדערט מאָל מער בקי אין לעניניזם און דיאַמאַט פון מיר דער פּאַרטייערין, און בכלל איז ער פיל פעיקער פון מיר. מיר גרייטן זיך צוזאַמען צו די סעמינאַרן פון העגלען און קאַנטן, וואָס עס פירט מאיר ווינער, און יעדעס מאָל ווער איך ממש דערשטוינט — ביז אים האָב איך נאָך אַזאַ מענטשן, וואָס קען אַזוי בליץ־שנעל תּופס זײַן די שווערסטע אַבסטראַקטע פּראָבלעמען, ניט באַגעגנט. חוץ דעם איז ער פויפּסטלעכער פון דעם פויפּסט אַליין, אפשר דערפאַר וואָס ער ווייס, אַז פאַר קיינעם איז קיין סוד ניט: אין זײַן שטעטל האָט ער געהאַט אַ שם פון אַ לערנער — אַן עילוי, און דאָס שטערט אים אין זײַן איצטיקער פּאָליטישער קאַריערע — שוין יאָרן לאַנג שטרעבט ער פאַר יעדן פּרײַז אָנגענומען צו ווערן אין פּאַרטיי און דער רײַקאָם אײַלט זיך ניט אים צו באַגליקן מיט דעם קאַנדידאַטסקן ביכעלע.

מיר איז פריקרע פון זײַנע שבחים, אָבער אַ טובה האָט ער מיר איצט געטאָן אַ גרויסע.[61]

און דער פּאַרטייִשער אַספּיראַנט פון דער עקאָנאָמישער סעקציע ניסנבוים איז דווקא אַ פעיקער בחור, אָבער ווי שטענדיק איז ער אויך הײַנט אַ גרויסער פּאַסקודניאַק. ער בעט אַ וואָרט, און איצט שטייט ער שוין האַרט לעבן מיר אויף דער בינע: ער דענקט, אַז ס'איז כּדאַי איך זאָל דערציילן גענוי וועגן מײַן פּאָליטישער טעטיקייט דאָרט, אין סאַנאַציע־פּוילן, ווו איך בין אַזאַ לאַנגע צײַט געווען אַ מיטגליד אין דער שאָוויניסטישער פּאַרטיי "פּאַראַייניקטע", און "מיר ווייסן זייער ווייניק וועגן דעם... זאָל זי דערציילן גענויער..."

כ'בלײַב שטיין אָן לשון, אַ צעטומלטע און אַ דערשראָקענע. אָבער איך פיל און זע, אַז די סימפּאַטיע פון זאַל איז געוואָנדן ניט צו דעם פרעגער, נאָר צו מיר. ווערט אין זאַל שטיל, ווי אין אַן אויער. וואָס וועט דאָ ווײַטער

61 וועגן מ. קרוגליאַקן האָב איך שוין געשריבן אין 2טן בוך נפתולי דרכים, תל־אביב 1972, אין פּרק "פגישה ראשונה פנים אל פנים עם הפעולה היהודית הסובייטית". זײַן קינדהייט און יוגנט האָט באַשריבן ג. בר צבי אין בוך עיירתנו טרנובקה, תל־אביב תשל"ב, און איך בין דאַנקבאַר דעם מחבר פאַר דעם צוגעשיקטן בוך. איצט האָב איך זיך פון אים דערוווּסט זייער אינטערעסאַנטע פּרטים וועגן זײַן יוגנטפרײַנד, און פאַר מיר זענען קלאָר געוואָרן אַ סך זײַנע האַנדלונגען דעמאָלט, ווען איך האָב צוזאַמען מיט אים געלערנט און געאַרבעט.

זײַן ?.. בלויז אויף דער בינע שעפּטשען זיך שטיל דער פאָרזיצער מיט די צוויי מיטגלידער פון דער קאָמיסיע, און... אָ, גאָטעניו, הערט נאָר, הערט: ער שטעלט זיך אויף, און: "— אָט האָבן מיר שרה מאָיסעיעוונע שנײַדערמאַנס גאַנצע פּאַרטיי־דיעלאָ — ווײַזט ער אַ געשוואָלענע פּאַפּקע, וואָס ער האַלט אין האַנט, — און דאָ, זאָגט ער, איז פאַרשריבן איר גאַנצע טעטיקייט אין פּוילן, און דעריבער מיינט די קאָמיסיע, אַז עס איז איבעריק צו פטרן צײַט אויף איבערחזרן דאָס וואָס מיר ווייסן שוין..."

אין זאַל ווערט אויף אַ ווײַלע רעשיק... און ער, ניסנבוים, גייט צוריק אויף זײַן אָרט מיט גאָרניט... דער שווערער שטיין האָט זיך אַ קײַקל אַראָפּ געגעבן פון מײַן פּחדנישן האַרצן.

די איבעריקע טשעפּענישן צו מיר אויף דער דאָזיקער ריינִיקונג זענען אַרויסגעפלויגן פון מײַן קאָפּ און אין זכּרון זענען פאַרבליבן בלויז די דרײַ פאַרשוינען.

געווען בײַ אונדז אַזעלכע, וואָס זענען אין זייער האַס צו פּאַרטייערס דערגאַנגען צו אַזאַ מדרגה: "באַגראָבן אַ קאָמוניסט איז אַ מיצווה", און די ריינִיקונג איז געווען דער אָרט, ווו זיי קענען די מיצווה מקיים זײַן.

געווען אויך אַזעלכע, וואָס האָבן דאָס געטאָן ניט אויס ליבע צו דער פּאַרטיי, נײַערט מחמת פּערזענלעכער שינאה צו זייערן אַ קעגנער. לייגט ער אים צו אַ קנייטל. ווען קען זיך נאָך אַ מאָל מאַכן אַזאַ געלעגנהייט? מיר אַלע ווייסן דאָס גוט. די קאָמיסיע ווייס עס אָבער ניט, און די אַנטימאָראַלישע באַשולדיקונג, וואָס אַזאַ "וואַכזאַמער" נקמה־נעמער האָט נאָר וואָס אויסגעטראַכט, לייגט זיך גאַנץ פײַן אויפן שׂכל, און ווען אַפילו עס געפינט זיך שוין איינער אַזאַ שרעקלאָזער מענטש, וואָס נעמט אַ וואָרט און פּרוּווט דערציילן וועגן דער ריכטיקער כּוונה, וואָס באַוועגט דעם "וואַכזאַמען" אַרויסצורוקן די עבירות קעגן דעם גערייניקטן, וויל די קאָמיסיע וועגן דעם ניט הערן, און זעט איַין, אַז גראָד ער — דער פּאַרטיידיקער — רעדט ווי אַ "קליינבירגער" און דאָס איז "קעגן דער פּראָלעטאַרישער עטיק" פון אונדזער פּאַרטיי.

ס'וואָלט אָבער געווען ניט ריכטיק צו מיינען, אַז אַלע וואָס האָבן געזוכט חטאים בײַ זייערע חברים האָבן דאָס געמאַכט מחמת זייער אַנטי־מאָראַלישקייט, אָדער מיט אַ בייזן ווילן צו ברענגען שאָדן עמעצן. כ'האָב געהאַט אַזעלכע חברים, וועלכע האָבן געגלייבט, אַז וואָס שאַרפער ס'וועט זײַן די קריטיק קעגן גערייניקטן, ד"ה וואָס מער מען וועט זיך גריבלען אין

זײַן נשמה, אַלץ געזינטער וועט עס זײַן פאַר דער פאַרטיי און פאַר דעם געריייניקטן גופא — ער וועט מאָראַליש געלײַטערט ווערן. זיי האָבן געזען אין דער פאַרטיי־רייניקונג אַ מין מיטל אָפּצוגעבן זיך אַ חשבון־הנפש. אָבער אַזעלכע זענען געווען געציילטע: די צוויי היסטאָריקערס — יונה כינטשין און הערשל ווערבער, דער פאַרוואַלטער מיט דער ייִדסעקציע און רעדאַקטאָר פון פּעדאַגאָגישן זשורנאַל ראַטנבילדונג אַהרן מאַקאַגאָן און נאָך צוויי־דרײַ — ניט מער.

אָפּט, גאָר אָפּט טרעפן זיך אויף אונדזערע טשיסטקעס אַזעלכע קוריאָזן: מאָראַליש שוואַכערע פּרווון אין זייער דערשראָקנקייט אַרויפּציִען אויף זיך אַזעלכע "זינד", אין וועלכע זיי זענען גאָר ניט שולדיק, און נאָך מער — זיי זענען זיך מודה אין אַזעלכע עבירות, וואָס זענען לויט דער באָלשעוויסטישער תּורה גאָר קיין עבירות ניט. איר פרעגט פאַר וואָס? ווײַל ס'איז גלײַכער, אַז ער אַליין זאָל פאַרלויפן דעם וועג זײַנע שונאים, זײַן זעלבסטקריטיש און זיך מודה זײַן אין זיינע כלומרשט פּאָליטישע זינד... דאָס איז אַ מין פּראָפילאַקטיק, וואָרעם פאַר אַזאַ מין מאַזאָכיסט איז געוויינטלעך דער אורטייל ניט אַזאַ שטרענגער... ווײַל דער "חבר אָנערקענט אַליין זײַן שולד"... אָבער ניט זעלטן קוקן אַפילו די שטרענגע מיטגלידער פון דער רייניקונגס־קאָמיסיע אויף אַזאַ היסטערישן "בעל־חטאניק" מיט שטוינונג. און גיבן אים אַ שטעל אָפּ: "ברודערל, דײַן זינד איז דאָך גאָר... אַ מעלה!". און דער עולם אין זאַל האָט פון וואָס צו לאַכן... און די שווערע, אָנגעגליטע אַטמאָספער ווערט אַ ביסל לײַכטער, אָבער נאָר אויף איין רגע, ווײַל אָט דערהערט זיך שוין דאָס גלעקל פון פאָרזיצער: "וואָס פאַר אַ געלעכטער דערלויבט איר זיך אין אַזאַ ערנסטן פּאַרטייִשן מאָמענט?!".

דער לייענער ווייס מן־הסתּם, אַז די פּאַרטיי־טאַקטיק פאָדערט: אַ ייִדישער קאָמוניסט איז מחויב קודם־כּל אויפצודעקן דעם ייִדישן נאַציאָנאַליזם אין דער אייגענער ייִדישער סביבה. האָבן דאָס געוויסע דערשראָקענע פאַרטייערס און אומפּאַרטייִשע געטאָן מיט גרויס התמדה. אין זייערע "זעלבסטקריטישע" אַרויסטרעטונגען האָבן זיי אויף דער טשיסטקע געשמירט מיט בלאָטע ניט בלויז דאָס אייגענע פּנים, נאָר אויך פאַרשוואַרצט דעם גוטן נאָמען פון פאַרשידענע ייִדישע אַנשטאַלטן. באַזונדערס האָבן זיך דערמיט אויסגעצייכנט די פּאַרטייִשע מיטאַרבעטערס פון אונדזער אינסטיטוט: דער שפּעטערדיקער דירעקטאָר גרשון גאָראָכאָוו, ניסנבוים, שיינע גיטעלעס, דער אַספּיראַנט פון דער היסטאָרישער סעקציע בן־ציון גוטערמאַן,

דער שרײַבער און קריטיקער אַברהם אַבטשוק, דער היסטאָריקער אַברהם סלוצקי. ניט ערגער פון זיי טוען דאָס אונדזערע אומפּאַרטייִשע קאָלעגעס: דער פילאָלאָג מיידאַנסקי, דער געלערנטער סעקרעטאַר פון אינסטיטוט שעכטער, מאָטל קרוגליאַק און אַנדערע, וועלכע האָבן שטאַרק געוואָלט ווערן פּאַרטיי־מיטגלידער. איר ווייסט אויך, מן־הסתּם, אַז דער פּאַרטיי איז זייער געוווּנטשן, אַז אויף די רייניקונגען זאָלן זיך אַקטיוו באַטייליקן אומפּאַרטייִשע, וואָס זאָלן ווײַזן, אַז זייער איבערגעגעבנקייט דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי איז אין־לשער, און דעריבער גיט זיי די קאָמיסיע אַ וואָרט אין דער ערשטער ריי און הערט זיך צו צו זייערע געטרײַע רייד מיט דער גרעסטער אויפמערקזאַמקייט.

איז די טשיסטקע בײַ אונדז אין דער אוקראַיִנישער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מין וואַקכאַנאַליע פון אויפדעקן שאָוויניסטישע אָפּנויגן אין דער אַרבעט פון אינסטיטוט פאַר ייִדישער קולטור — אָפּט מאָל ניט־געשטויגענע און ניט־געפלויגענע.

און איך בין אַן אָרגאַנישער טייל פון דעם גאַנצן טראַגיקאָמישן ספּעקטאַקל, וואָס ס'שפּילט זיך דאָ אָפּ. כ'בין דאָך "ניט אַבי ווער" — אַ צײַט געווען דער סעקרעטאַר פון דער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע. זענען מײַנע נערוון אָנגעצויגן ווי דראָטן. אָט אָט פּלאַצן זיי. און דאָך... ציט מיך ווי אַ מאַגנעט יעדעס מאָל אַ קוק צו טאָן דווקא אויף אונדזערע אומפּאַרטייִשע מיטאַרבעטערס.

נאָך הײַנט זע איך: אין דער סאַמע לעצטער ריי זיצט נחום שטיף, דעם קאָפּ האָט ער — דער גרויסער ייִדישער פילאָלאָג — אָנגעשפּאַרט אויף זײַן שטעקן, — דאָס באַהאַלט ער דעם אויסדרוק פון זײַן פּנים. אָבער פּלוצעם טוט ער עפּעס אַ שעפּטשע צו זײַן דאָראַ איסאַקאָוונאַ, גיט זיך אַ הייב פון אָרט און אויף די ציפּקעלעך (אפשר וועט עס קיינער ניט באַמערקן?) שלײַכט ער זיך אַרויס פון זאַל. נאָך אים גייט געהאָרכזאַם זײַן שטענדיקע לעבנס־באַגלייטערין. זי פאָלגט איר היציקן מאַן, הגם זי ווייס, אַז זײַן ראַפּטאָוונער פאַרלאָזן די פאַרזאַמלונג ווערט שלעכט געזען דורך נאַטשאַלסטווע. "ער איז ניט אין שטאַנד דאָס אַלץ אויסצוהאַלטן!.." — גיט אַ טיאָכקע אין מײַן האַרץ.

אַ ביסל נענטער, צוגעטוליעט איינער צום אַנדערן, זיצן די צוויי עלטערע פילאָלאָגן און שרײַבערס — בער סלוצקי און שמעון דאָבין מיט זײַן רחלען. לעבן רחלס פּנים פון דער רעכטער זײַט פינקלען אַרויס די

פענסנע פון משה בערעגאָווסקי — דעם אויסגעצייכנטן מוזיק־עטנאָגראַף.[62] אָט די גרופּע זעט איצט אויס עפּעס אַזוי אומבאַהאָלפן... פאַרלאָזענע, איינגעשרומפענע, ווי זיי וואָלטן וועלן קלענער, אומזעעוודיקער ווערן... אָבער זיי, די אַלט־אײַנגעזעסענע סאָוועטישע בירגערס, האָבן מער דערפאַרונג ווי דער אויסלענדער נחום שטיף. דעריבער אַנטלויפן זיי ניט, אַדרבא, זיי הערן זיך צו מיט געשפּאַנטן אינטערעס צו יעדן וואָרט, און בלויז פון צײַט צו צײַט קוקט מען זיך שטום אין די אויגן אַרײַן. זיי ווייסן, אַז פון זייערע פּנימער דאַרף קיינער ניט אַראָפּלייענען דאָס, וואָס זיי טראַכטן איצט. מײַנע בליקן באַגעגענען זיך דאָ מיט איינעם, דאָ מיט אַ צווייטן, אָבער בלויז אויף איין הונדערטסטל פון אַ סעקונדע, און איך ווייס ניט פאַר וואָס און איך ווייס ניט פון וואַנען, נעמט זיך איצט צו מיר אַזאַ מאָדנער געפיל — עפּעס שעם איך זיך פאַר זיי... נאָר תּיכּף ווער איך צוריק אַרײַנגעצויגן אין דעם גיהנום, וואָס צעפּלאַקערט זיך אַלץ שטאַרקער.

און בלויז צוויי פאַרטייערס — דער דירעקטאָר פון אינסטיטוט יוסף ליבערבערג און ברוך הובערמאַן — דער וויסנשאַפטלער פון דער סאָצ.־עקאָנאָמישער סעקציע, קענען ניט אײַנזיצן אויף אַן אָרט. ווידער אַ מאָל, און נאָך אַ מאָל בעטן זיי אַ וואָרט (ליבערבערג רעדט אויף אַ זאַפּטיקן אוקראַיִניש, הובערמאַן — אויף רוסיש מיט אַ פּויילישן אַקצענט — ער איז געבוירן אין פּולאַווו, בײַ דעם פּוילישן ווײַסל), און מיט אויפרעגונג רופן זיי צו אָרדענונג די חברים, וואָס זענען פּויפּסטלעכער ווי דער פּויפּסט, און ביידע ווײַזן זיי אויף די לעכערלעכקייט פון דער איבערגעטריבענער מורא פאַרן יידישן נאַציאָנאַליזם, און דער עיקר שבעיקר — אויף דעם גרויסן שאָדן, וואָס זייער פּחדנות ברענגט דער יידישער קולטור־אַרבעט. און ווען ליבערבערג דערקלערט וויפל שפּײַז זיי — די יידישע מה־יופתניקעס גופא — גיבן די אָפענע און פאַרבאַהאַלטענע אַנטיסעמיטן, "וואָס פעלן נישט אויס צווישן אונדזערע קאָלעגעס — די אוקראַיִנישע געלערנטע, און וואָס ניט ווייניק פון זיי זיצן דאָ מיט אונדז", — איז די טויטע שטילקייט, מיט וועלכער דער איבערגעפּולטער זאַל הערט ליבערבערגס און ברוכס ווערדיקע

62 וועגן משה בערעגאָווסקיס לעבן נאָך דעם, ווען ער איז באַפרייט געוואָרן פון צוואַנגסלאַגער, קען דער לייענער געפינען ידיעות אין בוך פון מיין מאַן ניסן ראָזענטאַל (א. בן דוב) ז"ל יידיש לעבן אין ראַטנפאַרבאַנד, פּרץ־פאַרלאַג, 1971.

רייד, אויפגעריסן געוואָרן מיט אַ דונער פון לאַנג־דויערנדיקע אַפּלאָדיסמענטן.

דאָס האָט די קיִעווער יידישע אומפּאַרטייִשע אינטעליגענץ, וואָס איז געקומען אויף דער פּאַרטיי־רייניקונג פון אינסטיטוט פאַר יידישער קולטור, אויסגעדריקט איר אָנערקענונג פאַר יוסף ליבערבערגן און פאַר זײַן נאָענטן חבר ברוך הובערמאַן, וואָס להיפוך צו אַנדערע, האָבן זיי ניט פאַרלוירן זייער נאַציאָנאַלע ווערדע. די יידישע אינטעליגענץ באַוווּנדערט זייער געוואַגטקייט, וואָרעם זי ווייסט גוט, אַז קעגן אַנטיסעמיטיזם דאַרפן דאָך על־פּי באָלשעוויסטישן דין קעמפן ניט זיי — די יידישע, נאָר די אוקראַיִנישע פאַרטייערס גופא. אָבער גראָד זיי האָבן זיך קיין מאָל ניט געאײַלט דאָס צו טאָן! און אַזאַ מין שריט מצד אַן אוקראַיִנישן געלערנטן האָב איך אין די ווענט פון דער קיִעווער אַקאַדעמיע קיין איין מאָל ניט בײַגעוווינט.

אויף דער הײַנטיקער טשיסטקע צעפּלאַקערט זיך אַן אידעאָלאָגישע שלאַכט צווישן די יידישע פאַרטייערס גופא. די פּרומסטע פון די פרומע — אַזעלכע ווי גאַראַכאָוו, בעטן אַ וואָרט און ווײַזן, אַז ליבערבערגס און הורבערמאַנס אַרויסטרעטונגען זענען ניט אין איינקלאַנג מיט די פּאַרטיי־פאָדערונגען: "קודם־כּל אויפדעקן דעם נאַציאָנאַליזם אין דער אייגענער סביבה".

"אין דער אייגענער סביבה?" — שפּרינגט אויף ליבערבערג פון זײַן אָרט, לויפט אַרויף אויף דער בינע, און אַן דער דערלויבעניש פון פאָרזיצער שרײַט ער מיט אויפרעגונג: "ביידע סביבות זענען מײַנע אייגענע, און אַז מען שלאָגט מײַן פאָלק אונטער דער מאַסקע פון קאָמוניזם, איז יעדער פון אונדז, אַ רוס, אַן אוקראַיִנער, צי אַ ייד — מחויב אַראָפּצורײַסן די דאָזיקע מאַסקע!". פאַרענדיקט האָט ער אַן ערך אַזוי: "איך וויל ניט וואַרטן ביז אַנדערע וועלן זיך אָננעמען מײַן קריוודע!.. איך בין בכּוח אַליין זיך צו פאַרטיידיקן!"...

לאַנגע חדשים האָט די קיִעווער יידישע און אוקראַיִנישע אינטעליגענץ געלעבט אונטערן אײַנדרוק פון די דאָזיקע אַרויסטרעטונגען. מ'האָט זייער אינהאַלט איבערגעגעבן פון מויל צו מויל אין די פאַרשידנסטע ווערסיעס. אַגב, ניט איין אַנטיסעמיטישער געלערנטער (צי די הויכע פאַרטיי־פענצטער האָבן עס געוואָלט צי ניט) איז נאָך דעם גערופן געוואָרן צו אָרדענונג און איז אַנטשוויגן געוואָרן, וואָרעם שוין צו אָפט זענען די אַנטי־יידישע שטיקלעך זייערע אַרויסגעטראָגן געוואָרן פון די פיר ווענט.

פ.ס. כ׳האָב שוין פאַרטיק דעם פרק און כ׳דאַרף אים שוין אָפּגעבן אין רעדאַקציע. אָבער פּלוצעם, ווי עס טרעפט ביי מיר אָפט, גיט אַ פּיק אין מוח: אסתּר, האָסט דאָ עפּעס ניט דערזאָגט, פאַרגעסן צוצוגעבן נאָך איין קליינעם פּרט... וועלכן פּרט? אָט וועלכן: וויפל מענטשן האָסטו דאָ דער־מאָנט? נעם איך ציילן — פינף און צוואַנציק. נו, און וואָס איז פון זיי געוואָרן? ווי פאַרגעסט מען עס וועגן דעם צו דערציילן כאָטש מיט עטלעכע טרוקענע ציפערן? גיב איך נאָך מיין אינערלעכן פאַרלאַנג און פאַרשרייב:

צוויי פון זיי — פּראָפעסאָר יוסף ליבערבערג און ברוך הובערמאַן — האָט די נ. ק. וו. ד. דערשאָסן.

זיבן פון זיי — האָט די נ. ק. וו. ד. פאַרשיקט אין צוואַנגס־לאַגערן: אַבטשוקן, גאָראָכאָוון, גוטמאַנען, ווערבערן, כינטשינען, ליטוואַקאָוון, ב. סלוצקין, און ביז היינט ווייסן ניט זייערע משפחות, ווּהין זייער געביין איז אַהינגעקומען.

פינף פון זיי — משה בערעגאָווסקי, שיינע גיטעליס, אַהרן מאַקאַגאָן, מיידאַנסקי, ניסנבוים — זענען לאַנגע יאָרן אָפּגעזעסן אין די לאַגערן און אומגעקערט זיך ״אַהיים״ פיזיש און גייסטיק צעבראָכענע.

איינער — דאָראַ שטיף, האָט אָפּגעגליקט: דער געריכט, וועלכן מ׳האָט אינסצעניזירט איבער אַ גרופּע ייִדישע קולטור־טוערס, האָט איר פריי געלאָזט און זי האָט לאַנג, לאַנג ניט געקענט קומען צו זיך נאָך דעם שרעק־לעכן איזדיעקוועט זיך איבער איר.

טאָ לאָמיר מאַכן אַ פּשוטן חשבון: פון 25 צופעליק דערמאָנטע ייִדישע קולטורמענטשן האָט מען 15, דאָס הייסט דריי פינפטל, פאַרשפאַרט אין די לאַגערן. פון יעדע 5 מענטשן האָט מען 3 פאַראורטיילט אויף אומקום.

יאָ, מיר האָבן אַ בלוטיקן חשבון מיט דער סאָוועטישער מלוכה.

נאָכוואָרט

מיין אַרבעט איז ניט קיין אָפּשאַצונג פון די ייִדישע וויסנשאַפטלעכע אוצרות פון לענינגראַד, מאָסקווע און קיִעוו, וואָס די סאָוועטישע ייִדישע טוערס האָבן זיי מיט דער ברכה פון דער קאָמפּאַרטיי אַזוי אַכזריותדיק פאַרניכטעט, און איז אויך ניט קיין אָפּשאַצונג פון די ווערטן, וואָס די זעלבע ייִדטוערס האָבן אונטערן שטרענגן דיקטאָט פון דער פּאַרטיי געשאַפן אויף די חורבות פון פאַרניכטעטן, אַזוי לאַנג ביז די זעלבע קאָמפּאַרטיי האָט אויך זיי פאַרטיליקט. דאָס איז אַ ריזיקע אַרבעט פאַר אַ גאַנצן קאָלעק־טיוו ספּעציאַליסטן. אָבער איין זאַך איז פאַר מיר קלאָר, אַז אויף די קברים פון דעם פאַרניכטעטן איז זיי דאָך געלונגען אויפצוטאָן אַ סך, ביי־קומענדיק גרויסע שוועריקייטן סיי פון אינעווייניק, סיי פון אויסן. דער אינסטיטוט האָט אַ סך פּראָיעקטירט, פיל מערער, איידער ס׳איז פאַרווירקלעכט געוואָרן, מחמת דעם אומגעהייערן פּאָליטישן קאָנטראָל איבער יעדן פאַרעפנטלעכטן וואָרט, און אויך דערפאַר ווייל ס׳האָבן אויסגעפעלט ״פּאַסיקע״, ד״ה אין גאַנצן כשרע וויסנשאַפטלערס.

ס׳איז פאַר מיר קיין ספק נישט, אַז די קאַטעדרע און דער אינסטיטוט זענען אַן אויסגעצייכנט קאַפּיטל וועגן די העכסטע שפּיצן פון דער ייִדישער קולטור־בויונג אין ראַטן־פאַרבאַנד. און די צוקונפטיקע היסטאָריקערס וועט זיין אוממעגלעך צו שרייבן די געשיכטע פון ייִדן אין ראַטן־פאַרבאַנד און געבן איר די ריכטיקע אָפּשאַצונג אָן דעם געניִעם שטודיום איבער דער טעטיקייט פון די דאָזיקע אַנשטאַלטן, וואָס האָבן קאַרגע 10 יאָר פאַרנומען דעם אויבנאָן אין דעם פאַנטעאָן פון דעם סאָוועטיש־ייִדישן שאַפערישן געדאַנק. נאָך אַ שטרענגן אָפּקלייב וועלן זיי געפינען אַ גרויסע ירושה פון באַדייטנדיקע ווערק, וואָס האָבן אַ דויערהאַפטיקן ווערט און וועלן אויף לאַנג איבערלעבן זייערע פאַרטיליקטע מחברים.

אין מיין אַרבעט ווערן כמעט ניט דערמאָנט די באַדייטנדיקע וויסנ־

שאַפּטלעכע דערגרייכונגען פֿון דעם ייִדישן סעקטאָר פֿון דער ווײַסרוסישער אַקאַדעמיע אין מינסק, אויך ניט אירע שאַפֿערס, וואָרעם איך בין ווייניק באַקאַנט מיט זייער טעטיקייט. די דאָזיקע וויכטיקע טעמע וואַרט נאָך סײַ אויף איר באַשרײַבער, סײַ אויף איר פֿאָרשער.

איך באַטראַכט מײַן אַרבעט בלויז ווי אַ צײַטווײַליקע באַשיידענע מצבֿה. וואָרעם מיר טאָרן ניט דערלאָזן, אַז עס זאָלן פֿאַרגעסן ווערן די פֿאַמיליעס פֿון די דערפֿאַרענע וויסנשאַפֿטלערס און די נעמען פֿון די יונגע, וועלכע זענען געקומען זיך לערנען אין אינסטיטוט פֿאַר ייִדישער קולטור. איך ווייס, אַז אַ סך פֿון זיי האָבן געקענט מאַכן אַ גרעסערע קאַריערע אין דער אַלגעמיינער, נישט־ייִדישער סבֿיבֿה. דאָרט איז די אַרבעט געווען פֿיל גרינגער, געלונטער און בכּבֿודיקער. און דאָך האָבן זיי אויסגעקליבן דעם שווערן וועג — זיך אָנגעשלאָסן צו דער סאָוועטיש־ייִדישער וויסנשאַפֿט מיטן פֿעסטן ווילן געטרײַ צו דינען דעם סאָוועטישן ייִדנטום. פֿיל פֿון זיי האָבן געהאַלטן, אַז אויב מען קען ניט אַריבער, מוז מען אַרונטער און דערפֿאַר געאַרבעט אין דער נײַ־געשאַפֿענער נעץ סאָוועטיש־ייִדישע אַנשטאַלטן.

עס טאָרן אויך ניט פֿאַרגעסן ווערן די מענטשן, וועלכע האָבן מסירת־נפֿשדיק זיך געמיט אין די אַרכיוון, קאַבינעטן, ביבליאָטעקן פֿון אינסטיטוט, און אויך ניט די ענטוזיאַסטן פֿון די ייִדישע שטעט און שטעטלעך, וועלכע האָבן פֿרײַוויליק געראַטעוועט פֿון אומקום די ייִדישע וואָרט־אוצרות און זיי געזאַמלט פֿאַרן אינסטיטוט. צי מעגן זייערע אויפֿטוען פֿאַרגעסן ווערן?

די מערהייט איז פּונקט אַזוי, ווי זייערע אָנפֿירערס, אומגעבראַכט געוואָרן דורך דער סאָוועטן־מאַכט. און די וועלכע האָבן פֿיזיש אויסגעהאַלטן די שבֿעה גהינומס אין די סאָוועטישע לאַגערן און זענען פֿון דאָרט צוריקגעקומען ״אַהיים״, האָבן פּאַקטיש געפֿירט אַ האַלב־לעגאַלן לעבן: אויף פֿאַרשידענע אופֿנים באַהאַלטן זייער קאָמפּראָמיטירנדיקע פֿאַרגאַנגענהייט, דאָס הייסט — געווען געצוווּנגען צו פֿאַרלייקענען, דאָרט ווו ס׳האָט זיך נאָר געלאָזן, דעם פֿאַקט, אַז זיי האָבן געהאַט אַ וועלכן עס איז שײַכות צו דער סאָוועט־ייִדישער קולטור בכלל און קודם־כּל צו דעם סאַמע טריפֿה־נעם ייִדישן אַנשטאַלט — צו דעם אינסטיטוט פֿאַר ייִדישער קולטור.

זאָלן זייערע נעמען נט אויספֿעלן אין דעם נאַציאָנאַלן יזכּור־בוך פֿון די ייִדישע קרבנות, וועלכע דער מולך, וואָס רופֿט זיך סאָוועטן־פֿאַרבאַנד, האָט אויפֿגעפֿרעסן.

אײַ, די רשעים, וואָס האָבן ניט אויסגעפֿעלט אין אינסטיטוט? יאָ, אַזעלכע זענען אויך געווען, אָבער ניט וועגן זיי רייד זיך דאָ. און זאָל זיי די ערד לײַכט זײַן! צי האָבן מיר כאָטש אויף אַ מינוט רעכט צו פֿאַרגעסן, אַז די מאָראַלישע פֿאַרדאָרבנקייט פֿון דער דאָזיקער ניט־גרויסער גרופּע מענטשן איז געווען אַ דירעקטער פּראָדוקט פֿון דער סאָוועטישער סיסטעם?

אליהו ספיוואק

אליהו ספּיוואַק

ווען מען רעדט וועגן דער פֿאַרניכטונג פֿון די ייִדישע קולטור־טוערס אין ראַטן־פֿאַרבאַנד, ווערן, צום באַדויערן, ווייניק דערמאָנט די ייִדישע סאָוועטישע געלערנטע, וואָס זענען אין דער גרויזאַמער צײַט 1953—1948 אַרעסטירט און פֿאַרטיליקט געוואָרן.

צו דעם צעטל פֿון ייִדישע עלטערע און ייִנגערע וויסנשאַפֿטלערס, וואָס זענען אומגעבראַכט געוואָרן אין די יאָרן 1938—1937, איז אין די יאָרן 1953—1948 צוגעקומען אַ נײַע רשימה פֿון ייִדישע קרבנות־וויסנשאַפֿטלערס.

מיר ווילן זיך אָפּשטעלן אויף איינעם פֿון די דאָזיקע קרבנות — אויף דעם פּראָפֿעסאָר, דאָקטאָר פֿון פֿילאָלאָגישע וויסנשאַפֿטן, מיטגליד־קאָרעספּאָנדענט פֿון דער אַלאוקראַיִנישער וויסנשאַפֿט־אַקאַדעמיע, אליהו ספּיוואַק.

ער איז געבוירן געוואָרן דעם 10טן דעצעמבער 1890 אין אַ טראַדיציאָנעלער ייִדישער משפּחה. צו דרײַ מיט אַ האַלבן יאָר גיט מען אים אָפּ אין חדר. דאָרט ווײַזט זיך אַרויס, אַז דאָס קינד האָט גרויסע פֿעיִקייטן, און דער קליינער אליהו ווערט דער שטאָלץ פֿון זײַן רבין.

פֿון זײַנע ייִנגסטע יאָרן פֿאַרנעמט זיך א. ספּיוואַק מיט זעלבסטבילדונג. יעדעס יאָר גיט ער אָפּ עקזאַמענס ווי עקסטערן און שטענדיק אויף אויסגעצייכנט. ער איז אַ טיפּישער אויטאָדידאַקט, וואָס דערגרייכט מיט אייגענע כּוחות די הויכע שפּיצן פֿון דער וויסנשאַפֿט. דעם גרעסטן אינטערעס האָט ער אָבער צו לינגוויסטיק, און מיט דער צײַט גיט ער זיך אין גאַנצן אָפּ מיט פֿילאָלאָגישע וויסנשאַפֿטן, באַזונדערס מיט דער העברעיִשער און ייִדישער שפּראַך.

נאָך פֿאַר דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע איז ער שוין באַוווּסט אין אוקראַיִנע ווי אַן אויסגעצייכנטער לערער און קענער פֿון ייִדיש. ער אַרבעט אין די ערשטע ייִדישע שולן בײַ דער "קולטור־ליגע" אין די שטעטלעך וואַסילקאָוו און גלוכאָוו. אין די ערשטע יאָרן פֿון דער רעוואָלוציע אַרבעט ער אין די

קינדערהיימען פאַר די ייִדישע פאַרוואָרלאָזטע יתומים, וואָס האָבן פאַרלוירן זייערע עלטערן אין די ייִדן־פּאָגראָמען בעת דעם בירגערקריג. ספּיוואַק גופא האָט אויף זײַנע אייגענע פּלייצעס דערשפּירט דעם טעם פון די פּעטליורישע מאַסן־פּאָגראָמען אין אוקראַיִנישן שטעטל וואַסילקאָוו, און די אײַנדרוקן פון זיי בלײַבן אין זײַן זכּרון אויף לאַנגע יאָרן.

ער איז איינער פון די אַקטיווסטע מיטבויערס פון די ייִדישע קינדער־היימען אין אוקראַיִנע. די דאָזיקע קינדערהיימען האָבן גרופּירט אַרום זיך די בעסטע נאַציאָנאַלע ייִדישע אינטעליגענץ און אַרײַנגעשריבן אַ פּרעכטיקן קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון דער ייִדישער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט אין אוקראַיִנע.

אין אָנהייב פון די צוואַנציקער יאָרן טרעפן מיר שוין א. ספּיוואַקן אויף אַ נײַעם, זייער וויכטיקן אָפּשניט פון דער ייִדישער קולטור־בויונג. ער גרייט די ערשטע לערערס פאַר די ייִדישע גרונט־ און מיטל־שולן אין דעם שפּעטער באַרימט־געוואָרענעם קיִעווער ייִדישן פּעדאַגאָגישן טעכניקום. ער איז אויך לערער פון דער ייִדישער שפּראַך אין די נאָר וואָס געשאַפענע אין ראַטן־פאַרבאַנד ערשטע ייִדישע פּראָפעסיאָנעלע און טעכנישע שולן אין כאַרקאָוו און אין קיִעוו.

אין דער זעלבער צײַט ווערט א. ספּיוואַק באַוווּסט ווי דער אויטאָר פון אַ ריי לערנביכער פאַר דער ייִדישער שול. ער האָט אין משך פון זײַן שעפע־רישן לעבן באַוויזן אַרויסצוגעבן אַן ערך צוויי צענדליק ווערטפולע לערנ־ביכער פאַר דער ייִדישער שפּראַך און גראַמאַטיק. זײַן ענגע פאַרבינדונג מיט דער שול און מיט דער לערערשאַפט העלפט אים שטאַרק אַרויס בײַם צונויפשטעלן די דאָזיקע ביכער, מאַכט זיי צוגענגלעך און אינטערעסאַנט פאַר די שילערס.

איינצײַטיק אַרבעט ער זייער אינטענסיוו איבער גרונטיקע פראַגעס פון דער ייִדישער לינגוויסטיק און פאַרנעמט שוין דעמאָלט אַן אָנגעזעענעם אָרט צווישן די אוקראַיִנישע און ייִדישע פילאָלאָגן.

ספּיוואַקס פּאָפּולאַריטעט אַלס ערנסטער ייִדישער לינגוויסט איז ראַשיק געוואַקסן. אין יאָר 1925 ווערט ער נאָמינירט דורך דעם אוקראַיִנישן ביל־דונגס־קאָמיסאַריאַט אַלס פּראָפעסאָר פון ייִדישער שפּראַך־וויסנשאַפט און ווערט געשיקט אַלס אָנפירער פון דער ייִדישער לינגוויסטישער קאַטעדרע אין אָדעסער ייִדישן אָפּטייל פון מלוכישן פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט.

אליהו ספּיוואַק

פּראָפעסאָר, דאָקטאָר פון פילאָלאָגישע וויסנשאַפטן און מיטגליד־קאָרעספּאָנדענט פון דער אַלאוקראַיִנישער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע.

זײַנע לעקציעס אין אָדעס און שפּעטער אויך אין די קיִעווער און זשיטאָמירער פּעדאַגאָגישע אינסטיטוטן האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט אַ נאַציאָנאַלער באַפאַרבונג (פאַרשטייט זיך, אויף וויפל דאָס איז מעגלעך געווען אין יענע באַדינגונגען), זיי האָבן געוועקט ליבע צום פאָלק און צו זײַנע שפּראַך־אוצרות. אויף זײַנע לעקציעס האָט זיך דערצויגן אַ גאַנצע פּלעיאַדע פון הויך קוואַליפיצירטע לערערס פון דער ייִדישער שפּראַך. אַ טייל פון זיי זענען שפּעטער געוואָרן אַקטיווע קולטור־טוערס, שרײַבערס און פּאָעטן.

אליהו ספּיוואַק איז געווען אַ גלענצנדיקער מעטאָדיסט פון דער ייִדישער שפּראַך און גראַמאַטיק. שוין אין די 20ער יאָרן ווערט ער דער אויטאָריטעטער אָנפירער פון דער ברייט פאַרצווײַגטער מעטאָדישער שפּראַכאַרבעט, וואָס פירט זיך צווישן דער אָדעסער און קיִעווער לערערשאַפט. אין יענע יאָרן איז זיך געווען שווער פאָרצושטעלן אַ לערער־קאָנפערענץ אין אוקראַיִנע אָן דעם אַקטיווסטן אָנטייל פון ספּיוואַקן.

ווען אין סעפּטעמבער 1928 באַשליסט דער אוקראַיִנישער בילדונגס־קאָמיסאַריאַט צו עפענען אין אָדעס אַ פיליאַל פון דער קיִעווער קאַטעדרע פאַר ייִדישער קולטור, וואָס האָט עקסיסטירט בײַ דער אוקראַיִנישער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע, ווערט אליהו ספּיוואַק איינער פון די טיכטיקסטע מיטאַרבעטערס אין דער פּעדאַגאָגישער סעקציע פון דעם פיליאַל. אונטער דער אָנפירונג פון דעם באַוווּסטן ייִדישן געלערנטן פּראָפעסאָר יעקב רעזניק פירט ספּיוואַק פאָרשונגס־אַרבעטן אויפן געביט פון דער ייִדישער שפּראַך אין די ראַמען פון די אָדעסער שולן. צווישן אַנדערע פאָרשט ער דעמאָלט די דיאַלעקטן־פּראָבלעם אין דער ייִדישער שול. דאָס איז אין יענע יאָרן געווען אַ זייער אָנגעווייטיקטע פראַגע אין דער פּראַקטישער שולאַרבעט.

אין אָדעסער פּעריאָד איז ספּיוואַק ממשיך זײַנע פאָרשאַרבעטן איבער דער ייִדישער גראַמאַטיק. דעמאָלט גייען אויך אַרויס פון דרוק אין אייניקע אויפלאַגעס זײַנע לערנביכער. (ייִדישע שפּראַך, פאַרלאַג קולטור־ליגע, קיִעוו, 1926, 1927, 1929). די דאָזיקע לערנביכער ווערן דער גרונטיקער מקור בײַם דערלערנען די ייִדישע גראַמאַטיק אין דער סאָוועטישער שול.

צוזאַמען מיט דוד האָפשטיין (מיט וועלכן ער איז אַגב געווען אינטים באַפריינדט) און מיט דעם באַוווּסטן ייִדישן פּעדאַגאָג ישראל יאַכינסאָן

שרײַבט ער אויך אין יענע יאָרן אייניקע כרעסטאָמאַטיעס פאַר דער ייִדישער אַרבעטשול.[63-64]

ווען אין חודש מערץ 1927 הייבט אָן דערשײַנען אונטער נחום שטיפס רעדאַקציע דער זשורנאַל ייִדישע שפּראַך,[65] וואָס האָט גרופּירט אַרום זיך די בעסטע פאַכלײַט פון דער ייִדישער פילאָלאָגיע, ווערט ספּיוואַק זײַן שטענדיקער מיטאַרבעטער. מיר טרעפן דאָ זײַנע אַרבעטן וועגן רעפאָרמירן דעם אויסלייג פון דער ייִדישער שפּראַך. ער שרײַבט אויך וועגן דעם אין אַנדערע זשורנאַלן און אין דער טאָגפּרעסע. ער נעמט אַ טיכטיקן אָנטייל אין דער קאָמיסיע, וואָס דאַרף צוגרייטן די פּראָיעקטן פאַר רעפאָרמירן דעם אויסלייג. ער פאַרנעמט אויך אַ בכבודיקן אָרט אויף דעם 2טן אַלפאַרבאַנדישן קולטור־צוזאַמענפאָר, ווו די שפּראַך־רעפאָרם דאַרף אָנגענומען ווערן. צו זײַנע אַרויסטרעטונגען הערן זיך די דעלעגאַטן צו מיט גרויס אינטערעס.

אין די יאָרן 1929—1931 איז ספּיוואַק אַ טיכטיקער מיטגליד אין דער רעדאַקציע־קאָלעגיע פון דעם ייִדישן פּעדאַגאָגישן חודש־זשורנאַל ראַטנבילדונג — אָרגאַן פון אוקראַיִנישן בילדונגס־קאָמיסאַריאַט.

ווען אין מײַ 1934 קומט פאָר אין קיִעוו די באַוווּסטע ייִדישע שפּראַך־קאָנפערענץ (די גרעסטע לויט איר פאַרנעם), וועלכע איז אָרגאַניזירט געוואָרן דורך דעם אוקראַיִנישן בילדונגס־מיניסטעריום צוזאַמען מיט אַ ריי ייִדישע אינסטיטוטן, רעדאַקציעס און פאַרלאַגן,[66] איז א. ספּיוואַק איינער פון אירע אַקטיווסטע מיטבאַטייליקטע.

פאַר אַ קוואַליפיצירטער אוידיטאָריע פון איבער הונדערט דעלעגאַטן פון גאַנצן ראַטן־פאַרבאַנד האַלט ער זײַן אינהאַלטסרײַכן פאָרטראָג וועגן

63 האָפשטיין, יאַכינסאָן און ספּיוואַק: אַרבעטשול — **כרעסטאָמאַטיע פאַרן 2טן און 4טן לערניאָר, קיִעוו 1929 און אַנדערע.**

64 **האָפשטיין, יאַכינסאָן, ספּיוואַק:** אַרבעטשול — **כרעסטאָמאַטיע פאַרן 2טן לערניאָר, פאַרן 3טן לערניאָר, פאַרן 4טן לערניאָר, קיִעוו 1929 און אַנדערע.**

65 ייִדישע שפּראַך — **צוויי־חדשמדיקער זשורנאַל פאַר פּראַקטישן ייִדישן שפּראַכוויסן. אַרויסגעגעבן פון דער קאַטעדרע פאַר ייִדישער קולטור ביי דער אוקראַיִנישער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע.**

66 **די קאָנפערענץ האָט זיך געשטעלט פאַר אַ ציל צו ווייזן אַ וועג, ווי אַזוי צו לייזן אַ ריי דרינגענדיקע טעאָרעטישע און פּראַקטישע פּראַגעס פון דער ייִדישער שפּראַכבויונג.**

דער ״סאָוועטישער שפּראַך־פּאָליטיק אין דער אָנווענדונג צו ייִדיש און ספּעציעל צו דער פּרעסע״.

אין זײַן צווייטן פֿאָרטראָג וועגן ייִדישער טערמינאָלאָגיע באַהאַנדלט ספּיוואַק (צוזאַמען מיטן באַקאַנטן לינגוויסט ב. סלוצקי) אַ ריי וויכטיקע מעטאָדאָלאָגישע פּראָבלעמען.

א. ספּיוואַק איז אויך איינער פֿון די, וואָס האָבן צוגעגרייט דעם ״פּראָיעקט וועגן פֿלאַנידונג פֿון דער ייִדישער וויסנשאַפֿטלעכער שפּראַכאַרבעט״ אין אַלפֿאַרבאַנדישן מאָסשטאַב.

זײַענדיק געטרײַ דער ייִדישער שול, גיט ער אָפּ פֿיל אויפֿמערקזאַמקייט דער פּראָבלעם פֿון ״ייִדיש אין דער אָנפֿאַנג־און מיטל־שול״, מיט וועלכער די קאָנפֿערענץ האָט זיך פֿאַרנומען.

ווען נחום שטיף (בעל־דמיון) איז געקומען אין די 20ער יאָרן פֿון אויסלאַנד קיין ראַטן־פֿאַרבאַנד, האָט ער געהעריק אָפּגעשאַצט דעם ייִנגערן פֿון אים, פֿעיִקן און זייער אַקטיוון אליהו ספּיוואַק. ער האָט דערזען אין אים דעם צוקונפֿטיקן ערנסטן פֿאָרשער. מיט דער צײַט זענען זיי געוואָרן אויך פּערזענלעכע גוטע־פֿרײַנד.

נאָך דעם פּריצײַטיקן טויט פֿון נחום שטיף ווערט ספּיוואַק נאָמינירט אויף זײַן אָרט ווי אָנפֿירער פֿון דער לינגוויסטישער סעקציע פֿון אינסטיטוט פֿאַר ייִדישער קולטור בײַ דער אַלאוקראַיִנישער וויסנשאַפֿט־אַקאַדעמיע אין קיִעוו. ער ווערט אויך באַשטימט אַלס פֿאַראַנטוואָרטלעכער רעדאַקטאָר פֿון זשורנאַל אַפֿן שפּראַכפֿראָנט, וואָס איז געווען דער טעאָרעטישער אָרגאַן פֿון דער סעקציע.

נאָך נחום שטיפֿן, דעם געלערנטן מיט אַ וועלטנאָמען, איז ספּיוואַקן, דעם אומפּאַרטייִשן, ניט גרינג געווען צו געווינען דעם צוטרוי און די מיטהילף מצד זײַנע מיטאַרבעטערס. מען דאַרף ניט פֿאַרגעסן, אַז אין יענער צײַט גייען אין ראַטן־פֿאַרבאַנד אָן פּערמאַנענטע קאַמפֿן קעגן פֿאַרשיידנסטע אידעאָלאָגישע אָפּנויגן. אין יעדן וויסנשאַפֿטלעכן אַנשטאַלט האָלט מען אין איין רעווידירן די אַרבעטן פֿון די מיטאַרבעטערס. אַזאַ לאַגע האָט אויך באַטירלעך געהערשט אין דער לינגוויסטישער סעקציע. אויך דאָ זענען פֿיל שעפֿערישע כּוחות פֿאַרשווענדט געוואָרן אויף אידעאָלאָגישע רעוויזיעס, זעלבסטקריטיק וכדומה. אויך דאָ איז די אַטמאָספֿער געווען אָנגעהיצט און דאָס געמיט פֿון יעדן וויסנשאַפֿטלער זייער אָנגעשטרענגט. דעריבער איז פֿאַרשטענדלעך פֿאַר וואָס די אַרבעט אַלס אָנפֿירער איז פֿאַר ספּיוואַקן, דעם

אויפֿריכטיקן און באמת ליבעראַלן פֿאָלקסמענטש, געווען טאָפּלט שווער.

זײַנע פּערזענלעכע מעלות פֿון אַ דורכויס דעמאָקראַטישן פֿאָלקסמענטש און די ריינקייט פֿון כאַראַקטער העלפֿן אים אָבער אַרויס. ספּיוואַקן געלינגט צו שאַפֿן אַ חבֿרישע אַטמאָספֿער אַרום זיך, און די פֿאַריתומטע מיטאַרבעטערס פֿון דער לינגוויסטישער סעקציע באַקומען אַ מעגלעכקייט מער וויייניק רויִק צו אַרבעטן.

ספּיוואַק אַרבעט איבער דער וויסנשאַפֿטלעכער ירושה פֿון פֿאַרשטאָרבענעם נחום שטיף. צו נ. שטיפֿס ״געקליבענע ווערק, געשריבענע אין זײַן סאָוועטישן פּעריאָד״, וואָס די לינגוויסטישע סעקציע פֿון אינסטיטוט פֿאַר ייִדישער קולטור גרייט צום דרוק אין 1935 יאָר, שרײַבט ער אַ ברייטע אָפּהאַנדלונג וועגן שטיפֿס לעבן און שאַפֿן.

די צײַט האָט דעמאָלט דיקטירט, אַז די סאָוועטישע וויסנשאַפֿטלערס זאָלן ניט איין מאָל זיך נעמען פֿאַר אַרבעטן, צו וועלכע זיי האָבן געהאַט אַ גאַנץ קנאַפּן אינטערעס. די טעמעס זענען ווײַט ניט שטענדיק צונויפֿגעפֿאַלן מיט די וויסנשאַפֿטלעכע טענדענצן און אָנשויונגען פֿון פֿיל אויטאָרן. אויך ספּיוואַק איז געצוווּנגען צו גיין מיט דער אָפֿיציעלער ליניע און ער פּובליקירט אין יאָר 1934 אין פֿאַרלאַג פֿון דער אַלאוקראַיִנישער וויסנשאַפֿט־אַקאַדעמיע זײַן בוך מאַרקס און ענגעלס וועגן שפּראַכפּראָבלעמען. אויך אין די שפּעטערדיקע יאָרן דרוקט ער אַרבעטן פֿון דעם מין.

אין 1935 גיט ער אָפּ צום דרוק זײַן בוך פּראָבלעמען פֿון סאָוועטישן ייִדיש. ספּיוואַק פֿאַרמעסט זיך דאָ צו מאַכן אַ פּרווו אונטערצוזיִען אַ געוויסן סך־הכּל פֿון די פּראָבלעמען פֿון וואָרטשאַפֿונג אינעם סאָוועטישן ייִדיש. ער פּרווט צו ווײַזן די טענדענצן און צו לייזן אַ ריי גרונטפֿראַגעס פֿון נאָרמירן די ייִדישע לעקסיעס און וואָרטבילדונג.

ער מאַכט שריט צו דערנענטערן די אַרבעט פֿון דער לינגוויסטישער סעקציע צו דער גרויסער שעפֿערישער לינגוויסטישער טעטיקייט, וואָס גייט אָן אַלע יאָרן מחוץ דעם ראַטן־פֿאַרבאַנד. אָבער דאָס איז ניט אין איינקלאַנג מיט דער אָפֿיציעלער אײַנשטעלונג, דעריבער נעמען ניט אָן זײַנע פּרוּוון קיין גרעסערן פֿאַרנעם.

אין די יאָרן, ווען ער געפֿינט זיך אין שפּיץ פֿון דער ייִדישער לינגוויסטישער וויסנשאַפֿט אין אוקראַיִנע, שטייט ער ניט אָן אַ זײַט פֿון קיין שום וויכטיקער אַרבעט, וואָס ווערט געפֿירט אין ראַטן־פֿאַרבאַנד אויפֿן געביט פֿון ייִדישער שפּראַך־וויסנשאַפֿט. אונטער זײַן אָנפֿירונג ווערט גע־

פירט אַ ברייטע שפּראַך־מעטאָדישע אַרבעט צו הילף דעם אוקראַיִנישן בילדונגס־קאָמיסאַריאַט און די ייִדישע פאַרלאַגן. צוזאַמען מיט זײַנע מיטאַרבעטערס רעווידירט ער און אַרבעט טיילווײַז איבער דער פּראָגראַם פון ייִדיש פאַר די אָנפאַנג־ און מיטל־שולן. ער נעמט אויך אָנטייל אין שאַפן די פּראָגראַם פון ייִדישער גראַמאַטיק פאַר די פּעדאַגאָגישע טעכניקומס. ער איז איינער פון די רעצענזענטן פון א. זאַרעצקיס פּראָגראַם־פּראָיעקט פאַר ייִדישער שפּראַך אין די הויכשולן.

זײַן שעפערישע אַרבעט איז אויך איצט ענג פאַרבונדן מיט פּראַקטישער פּעדאַגאָגישער טעטיקייט. ער פירט אָן מיט דעם לעקסיקאָלאָגישן סעמינאַר סײַ פאַר אַספּיראַנטן־לינגוויסטן, סײַ פאַר דער אַספּיראַנטישער שרײַבער־גרופּע פון אינסטיטוט פאַר ייִדישער קולטור אין קיִעוו. ער לייענט לעקציעס אין ייִדישן אָפּטייל פון קיִעווער פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט און ווערט סיסטעמאַטיש פאַרבעטן אויף לעקציעס אין די ייִדישע אָפּטיילן פון די הויכשולן אין זשיטאָמיר, אָדעס א״אַ. הונדערטער לערערס און צענדליקער יונגע ייִדישע פאָרשערס־לינגוויסטן האָבן באַקומען זייער שפּראַכבילדונג בײַ אליהו ספּיוואַק. ער איז מיטמחבר און רעדאַקטאָר פון אַ ריי וויכטיקע ייִדישע ווערטערביכער וואָס, ליידער, האָבן נאָר א טייל פון זיי דערזען די ליכטיקע שײַן, פּונקט אַזוי ווי דאָס איז געשען מיט הונדערטער אַנדערע ביז גאָר וואָגיקע אַרבעטן פון ייִדישע וויסנשאַפטלערס אין ראַטן־פאַרבאַנד.

עס רוקן זיך אָן די גרויליקע יאָרן 1936־1937.

אין דער אָ שרעקלעכער צײַט פאַלט אויס אויף ספּיוואַקס גורל צו טראָגן אַ שווערן יאָך. ער איז אַ לעבעדיקער עדות פון ברוטאַלן פאַרניכטן דעם אינסטיטוט פאַר ייִדישער קולטור מיט זײַנע וויסנשאַפטלעכע אוצרות, וואָס זענען מיט אַזוי פיל מי און ליבע געשאַפן געוואָרן. ער איז אַ לעבעדיקער עדות פון דעם, ווי עס ווערן צוגענומען און פאַרשווונדן זײַנע קאָלעגעס — די ייִדישע געלערנטע, וואָס האָבן זיך גרופּירט אַרום אינסטיטוט. אין דער דאָזיקער פײַנלעכער אַטמאָספער, ווען ער אַליין איז ניט זיכער געווען מיט זײַן מאָרגן, ווערט ער אָפיציעל נאָמינירט אַלס דירעקטאָר פון דעם נײַ־געשאַפענעם ”קאַבינעט פאַר דערלערנען די ייִדישע סאָוועטישע ליטעראַטור, שפּראַך און פאָלקלאָר” בײַ דער אַלאוקראַיִנישער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע אין קיִעוו. דער דאָזיקער קאַבינעט איז פאַקטיש געווען אַ מין סדום־בעטל פאַר דער ברייט־פאַרצווײַגטער ייִדישער סאָוועטישער וויסנשאַפט, וואָס האָט זיך געהאַט אַזוי צעבויט. די עקסיסטענץ פון דעם קאַבינעט

האָט באַדאַרפט דינען ווי אַ באַווײַז פאַר דער וועלט, אַז די ייִדישע וויסנשאַפט אין ראַטן־פאַרבאַנד ווערט כלומרשט פאָרגעזעצט.

די אַרבעט אַלס דירעקטאָר איז געווען אַ טראַגישער נסיון פאַר דעם טיף נאַציאָנאַלן, ערלעכן ספּיוואַק. אָבער וועגן אָפּזאָגן זיך פון דעם האָט אין יענע באַדינגונגען קיין רייד ניט געקענט זײַן. אַזוי אַרום ווערט א. ספּיוואַק דער אָפיציעלער פאָרשטייער פון דער קינסטלעך אײַנגעשרומפּענער ייִדישער וויסנשאַפט אין אוקראַיִנע און פאַקטיש ווערט ער אויך דער פאָרשטייער פון דער גאַנצער סאָוועטישער ייִדישער וויסנשאַפט.

א. ספּיוואַק איז דאָ ניט נאָר דער דירעקטאָר פון דעם קאַבינעט. גלײַכצײַטיק ווערט ער באַשטימט ווי פאַרוואַלטער פון דער לינגוויסטישער סעקציע בײַם קאַבינעט און אויך אַלס רעדאַקטאָר פון דעם פּריִער־דערמאָנטן זאַמלבוך אַפן שפּראַכפראָנט, וואָס דערשײַנט אַן ערך איין מאָל אַ יאָר.

ספּיוואַקס פּערזענלעכע פאָרשערישע אַרבעטן קאָנצענטרירן זיך איצט דער עיקר אַרום איין שמאָלן אָבער וויכטיקן געביט פון דער לינגוויסטיק — אַרום דער ייִדישער לעקסיקאָלאָגיע.

ער פאַרעפנטלעכט אין די זאַמלביכער אַפן שפּראַכפראָנט אַ ריי אַרבעטן[67-68] און פאַרנעמט זײַן אייגענע, פּאָזיטיווע שטעלונג צו די העברעיִשע עלעמענטן אין דער ייִדישער שפּראַך. להיפּוך צו נחום שטיפן (בעל־דמיון), וועלכער האָט גערופן אויסצומײַדן די העברעיִזמען אין דער ייִדישער שפּראַך און פאַרבײַטן זיי מיט נײַ געשאַפענע ייִדישע ווערטער, האַלט ספּיוואַק, אַז מען דאַרף אָפיציעל אָנערקענען און אַרײַננעמען אין דער סאָוועטיש־ייִדישער לעקסיק די העברעיִזמען (מיט אַ תּנאי אויסצומײַדן דערבײַ העברעיִשע אַרכאַיִזמען, וואָס זענען, לויט ספּיוואַקס מיינונג, פרעמד דעם סאָוועטישן בירגער).

ספּיוואַק באַקעמפט אויך א. זאַרעצקיס עקסטרעמע פּראָיעקטן, וואָס פּריידיקן די נויטווענדיקייט צו שאַפן אַ נײַע ”סלאַוויש־ייִדישע שפּראַך”. ער ווײַזט דאָ אַרויס מער נאַציאָנאַלן מוט און דרײַסקייט ווי אַנדערע ייִדיש־

67 ע. ספּיוואַק — ”צו דער פּראָבלעם פון לעקסישער פאַראיינהייטלעכונג און רעגולירונג אינעם ליטעראַרישן ייִדיש”. זאַמלבוך אַפן שפּראַכפראָנט נומ׳ 1, 1937.

68 ע. ספּיוואַק — ”דאָס נייע וואָרט”, זאַמלבוך אַפן שפּראַכפראָנט נומ׳ 2, 1938, און אַ ריי אַנדערע.

סאָוועטישע פילאָלאָגן פון זײַן צײַט. זײַן שטעלונג איז דאָך געווען פאַר־בונדן מיט דער סכּנה פאַררעכנט צו ווערן ווי ייִדישער שאָוויניסט.

ספּיוואַק איז אָבער ניט פרײַ פון דער אַלגעמיינער קרענק, אויף וועלכער עס האָבן געליטן פיל ייִדיש־סאָוועטישע לינגוויסטן. אויך ער פריידיקט דעם נאַיִוון און פאַלשן געדאַנק, אַז שיער ניט אַלץ, מיט וואָס עס איז באַרײַכערט געוואָרן די ייִדישע לעקסיק, האָט מען צו פאַרדאַנקען נאָר דעם סאָוועטישן פּעריאָד. ער איגנאָרירט אַזוי אַרום דעם גאַנצן אוצר פון ייִדי־שער וואָרטשאַפונג אין גאָר דער וועלט — אומעטום וווּ ייִדן לעבן און שאַפן.

די דאָזיקע פאַלשע און באַגרענעצטע אײַנשטעלונג, וואָס איז געווען אין איינקלאַנג מיטן אָפיציעלן קורס פון דער סאָוועטישערווירקלעכקייט, באַגרענעצט אויף אַ קינסטלעכן אופן אויך ספּיוואַקס וועלטבאַנעם און נידעריקט אַראָפּ דעם ניוואָ פון זײַנע אַרבעטן.

זײַענדיק אַ גרויסער קענער און ליבהאָבער פון דער אוקראַיִנישער שפּראַך און פאָלקלאָר, פאָרשט ספּיוואַק די ווירקונגען פון דער אוקראַיִנישער לעקסיק אויף דער ייִדישער. ער איז אַ שטאַרקער אָנהענגער פון אײַנהייטן די אוקראַיִניזמען אין דער ייִדישער שפּראַך. ניט גערעכט איז ער אָבער אין זײַן שטעלונג, אַז דווקא די אוקראַיִניזמען זענען דאָס דער וויכטיקער רעוואָ־לוציאָניזירנדיקער פאַקטאָר אין דער ייִדיש־סאָוועטישער לעקסיק.

ספּיוואַק איז געווען געשעצט בײַ די אָנגעזעענסטע אוקראַיִנישע און רוסישע לינגוויסטן. ער נעמט אָנטייל אין איינִיקע טעאָרעטישע שטרײַטן, וואָס ווערן געפירט אין דער אוקראַיִנישער לינגוויסטיק, טרעט אַרויס אויף קאָנפערענצן וועגן אוקראַיִנישער שפּראַך און איז אַן אויטאָריטעטער בעל־עצה בײַם שאַפן אוקראַיִניש־ייִדישע ווערטערביכער.

דער רוסישער געלערנטער, מיזרח־פאָרשער פּראָפעסאָר סערגעיעווסקי, קען גוט ספּיוואַקס איינִיקע אַרבעטן און באַציט זיך צו אים מיט גרויס רעספּעקט. פּראָפ׳ סערגעיעווסקי לייגט פאָר זיך אַליין אַלס אָפּאָנענט בײַם פאַרטיידיקן ספּיוואַקס דאָקטאָר־דיסערטאַציע און גיט וועגן איר אַ גלענצנ־דיקע אָפּשאַצונג. נאָך פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה ווערט ספּיוואַק אויסגעקליבן אַלס מיטגליד־קאָרעספּאָנדענט פון דער אוקראַיִנישער וויסנ־שאַפט־אַקאַדעמיע. דאָס איז זייער אַ הויכער וויסנשאַפט־טיטל, וואָס ווערט צוגעטיילט גרויסע געלערנטע אין ראָטן־פאַרבאַנד. עס איז כּדאַי אָנצווײַזן,

אַז זײַן קאַנדידאַטור אויף צו באַקומען דעם דאָזיקן טיטל האָט אַרויסגערוקט דווקא דער פאַרבאַנד פון די אוקראַיִנישע שרײַבערס.

אליהו ספּיוואַק איז געווען אַ שטאָלצער זון פון זײַן פאָלק. ער האָט זיך ניט גערעכנט מיט די שוועריקייטן און שטערונגען, ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן באַווײַזן פאַר דער וועלט די גרויסקייט פון אונדזערע דענקערס און שרײַבערס. אַזוי דערשלאָגט ער זיך אין יאָר 1939, אַז דער 80־יאָריקער יובילײ פון שלום־עליכם זאָל געפײַערט ווערן אין אוקראַיִנע ניט נאָר אין די ענגע ווענט פון "קאַבינעט פאַר דערלערנען די ייִדישע סאָוועטישע ליטעראַטור, שפּראַך און פאָלקלאָר", ווי דאָס האָבן פריִער פּלאַנירט די אָנפירערס פון דער אוקראַיִנישער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע. נאָך פיל באַמִיִונגען מצד ספּיוואַקן ווערט באַשלאָסן, אַז שלום־עליכמס 80־יאָריקער יובילײ זאָל געפײַערט ווערן אויף אַ גראַנדיעזן אופן אין דער גאַנצער אַלאוקראַיִנישער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע און אויך אין אירע פיל־צאָליקע הומאַניסטישע פאָרשונג־אינסטיטוטן.

ספּיוואַק איז אויך געווען דער אָנפירער פון דער ליטעראַריש־שפּראַכלעכער סעסיע, געווידמעט שלום־עליכמען. די דאָזיקע סעסיע האָט זיך פאַרוואַנדלט ממש אין אַ נאַציאָנאַלער דעמאָנסטראַציע פון דער קיִעווער ייִדישער אינטעליגענץ, וועלכע האָט פאַרפולט איבער די ברעגעס דעם זאַל פון דער סעסיע, ניט געקוקט אויף דער געדריקטער שטימונג, וואָס האָט דעמאָלט געהערשט אין די ייִדישע קרײַזן.

אין דעם נומער אַפן שפּראַכפראָנט, וואָס איז געווען ספּעציעל געווידמעט שלום־עליכמען, פּובליקירט ער זײַנע צוויי אַרבעטן.[69]

הגם דער קאַבינעט איז געווען ביז גאָר באַגרענעצט אין געלטמיטלען און איז געווען געצוווּנגען צו באַנוגענען זיך מיט אַ קליין הײַפעלע מיט־אַרבעטערס, גערעכט דאָך ספּיוואַקן אויפצוטאָן ניט ווייניק. אין די שווערסטע באַדינגונגען ווערן פּובליקירט ווערטפולע אַרבעטן אויפן געביט פון פאָל־קלאָר און לינגוויסטיק. האַרט פאַרן אויסבראָך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה באַקומט דער קאַבינעט און זײַן דירעקטאָר ספּיוואַק אַ הויכע

69 אַפן שפּראַכפראָנט, נומ׳ 4, 1939. ע. ספּיוואַק — "שלום־עליכם און די ייִדישע ליטעראַרישע שפּראַך". און "אידיאָם און ווערטל אין שלום־עליכמס פּראָזע־לאָגיע".

אָפּשאַצונג מצד דעם פּרעזידיום פֿון דער אַלאוקראַיִנישער וויסנשאַפֿט־אַקאַדעמיע פֿאַר זייערע ווערטפֿולע אַרבעטן.

ווען די געציילטע וויסנשאַפֿטלערס פֿון קאַבינעט געלינגט זיך צו ראַטעווען בעת דער היטלעריסטישער אינוואַזיע אויף קיִעוו און זיי ווערן עוואַקויִרט קיין אופֿאַ (אַ טייל וויסנשאַפֿטלערס פֿון קאַבינעט האָבן זיך שוין געפֿונען אויף די שלאַכטפֿעלדער), זאָרגט ספּיוואַק, ווי אַ פֿאָטער, פֿאַר זייער טאָג־טעגלעכן קיום. אין יענע טעג איז דאָס געווען ניט קיין גרינגע אויפֿגאַבע. אין דער ווײַטער באַשקירישער רעפּובליק, אין באַדינגונגען פֿון אַ האַלב־הונגער־לעבן, זענען ממשיך זייער אַרבעט ביידע סעקציעס פֿון קאַבינעט. אונטער ספּיוואַקס אָנפֿירונג הייבט דער קאַבינעט אָן אַ גרויסע קאָלעקטיווע פֿאָרשונג: „שפּראַך און סטיל אין מלחמה־צײַט". ספּיוואַק פֿירט אויך אָן מיט אַ קאָלעקטיווער אַרבעט, „עטיודן וועגן דער ייִדישער ליטעראַרישער שפּראַך, וועגן איר געשיכטע און הײַנטצײַטיקן צושטאַנד", וואָס דאַרף געדרוקט ווערן סײַ אין רוסיש, סײַ אין ייִדיש. ער גופֿא גרייט אײַנטענסיוו אַ גרעסער ווערק „אויפֿקום, אַנטוויקלונג, דיאַלעקטן און ליטעראַרישע שפּראַך פֿון ייִדיש אין סאָוועטישן פּעריאָד". אָבער ווײַט ניט אַלץ, וואָס איז געווען פֿאַרטיק צום דרוק, האָט דערזען די ליכטיקע שײַן.

נאָך דער מלחמה קומט ספּיוואַק צוריק אין קיִעוו און שטייט ווײַטער בראש פֿון קאַבינעט. אין יאָר 1946 גייט אַרויס אין פֿאַרלאַג פֿון דער אַלאוקראַיִנישער וויסנשאַפֿט־אַקאַדעמיע ספּיוואַקס בוך די שפּראַך אין די טעג פֿון דער פֿאָטערלענדישער מלחמה. דער מחבר ברענגט דאָ אַ שלל מיט בײַשפּילן, וואָס ווײַזן אָן דירעקט און אומדירעקט אויף דעם גרויסן פּאַטריאָטיזם פֿון דעם סאָוועטישן ייִדנטום און פֿון זײַנע שרײַבערס אין קאַמף קעגן היטלערס אַגרעסיע. מיט אָט דעם בוך זײַנעם איז ספּיוואַק אויסן געווען צוצוטראָגן אויך זײַן אייגענעם צושטײַער בײַם באַקעמפֿן די אַנטיסעמיטישע ריידערײַען, אַז דאָס סאָוועטישע ייִדנטום האָט כּלומרשט ניט גענוג געקעמפֿט אויף די פֿראָנטן און האָט כּלומרשט אַרויסגעוויזן אין די מלחמה־יאָרן „צו ווייניק פּאַטריאָטיזם".

ספּיוואַק איז געווען זייער אַרבעטפֿעיִק. ניט געקוקט אויף זײַן קראַנקן האַרץ און גאָר הויכן בלוטדרוק, איז ער אַפֿילו אין די שווערסטע טעג פֿון זײַן לעבן געזעסן בײַם שרײַבטיש, געאַרבעט איבער זײַנע באַליבטע קאַרטאָטעקעס, אין וועלכע ער האָט געהאַט אָנגעזאַמלט גרויסע שפּראַך־אוצרות. מיט זײַנע נאָטיצביכלעך האָט ער זיך קיין מאָל ניט געשיידט. וווּ נאָר ער

זאָל זיך ניט געפֿינען, פֿלעגט ער אין זיי אַרײַנטראָגן יעדעס נײַ וואָרט, יעדן פֿרישן געדאַנק, אויף וועלכן ער האָט זיך צופֿעלעק אָנגעשטויסן. בײַ אים האָבן זיך אָנגעקליבן זייער אַ סך אַרבעטן, וואָס זענען געלעגן ניט קיין געדרוקטע צוליב דער באַגרענעצונג פֿון ייִדישע פּובליקאַציעס. ער האָט אָבער געהאָפֿט, אַז עס וועלן פֿאָרט קומען בעסערע צײַטן און זײַנע אַרבעטן וועלן ניט גיין אין ניוועץ.

ער האָט זיך אָבער אויף קיין בעסערע צײַטן ניט דערוואַרט. ווען ער ווערט אין יאָר 1949 אַרעסטירט צוזאַמען מיט אַ טייל פֿון זײַנע מיטאַרבעטערס, ווערט צעשטערט זײַן רײַכע שפּראַך־ביבליאָטעק. אַלע זײַנע מאַנוסקריפּטן ווערן צוגענומען דורך די אויספֿאָרש־אָרגאַנען. און נאָר דורך אַ צופֿאַל איז זײַן פֿרוי געלונגען אַרויסצובאַקומען אַ גאַנצן זאַק מיט איר מאַנס כּתב־ידן. מן־הסתּם געפֿינען זיי זיך אויך איצט אין איר רשות און ווער ווייסט, צי וועלן זיי ווען עס איז דערזען די ליכטיקע שײַן.

אליהו ספּיוואַק האָט פֿאַרמאָגט כּמעט אַן אַבסאָלוטן געהער. ער איז געווען אַ מענטש מיט אַ פֿײַנעם ראַפֿינירטן חוש פֿאַר קלאַסישער מוזיק. „ווען ער זאָל ניט אָפּגעבן אַזוי פֿיל צײַט זײַן באַליבטער פֿילאָלאָגיע, וואָלט ער זיכער געווען אַ מוזיקער" — האָבן וועגן אים גערעדט די אַרומיקע. אַ שטענדיקער באַזוכער פֿון די בעסטע סימפֿאָנישע קאָנצערטן, איז ער גלײַכצײַטיק געווען אַ זעלטענער קענער און אָנהענגער פֿון דער ייִדישער מוזיקאַלישער פֿאָלקלאָריסטיק. די פֿאָלקלאָר־סעקציע, וואָס האָט געאַרבעט אין קאַבינעט, האָט געהאַט אין ספּיוואַקן דעם געטרײַסטן מיטהעלפֿער און אונטערשטיצער. ספּיוואַק פֿלעגט זיך שטילערהייט מודה זײַן פֿאַר זײַנע פֿרײַנד, אַז אין זײַנע אויערן קלינגען שטענדיק פֿאַרשיידענע חסידישע מאָטיוון און בעטן זיך ממש מען זאָל זיי זינגען אויפֿן קול.

ער איז געווען אַ גלענצנדיקער קענער פֿון דער העברעיִשער שפּראַך און תּנך. נאָך שווערע שעהען פֿון אַרבעט, פֿלעגט ער פֿאַמעלעך שפּאַנען צו זײַן באַליבטן אָפּרואָרט, צום שפּיץ פֿון דעם היסטאָרישן וולאַדימיר־בערגל, וואָס שטייט אויפֿן הויכן קיִעווער ברעג פֿון דניעפּער. די פּרעכטיקע אוקראַיִנישע לאַנדשאַפֿטן, וואָס שפּרייטן זיך אַזוי רחבֿותדיק דאָרטן אויס, האָבן זיך בײַ ספּיוואַקן תּמיד אַסאָציִירט מיט די וווּנדערלעכע נאַטור־באַשרײַבונגען פֿון תּנך, און דעמאָלט פֿלעגט ער שטילערהייט אָנהייבן מיט געפֿיל צו דעקלאַמירן יהודה הלוויס און חיים נחמן ביאַליקס שירים. און

זײַנע באַגלייטערס האָבן זיך צוזאַמען מיט אים אַריבערגעטראָגן אין גאָר אַנדערע וועלטן...

פון אונדזערע לעצטע באַגעגענישן מיט ספּיוואַקן האָט זיך שטאַרק אײַנגעקריצט אין מײַן זכּרון אַזאַ מאָמענט:

דאָס איז געווען אין די היסטאָרישע מײַ־טעג פון 1948. מיט שפּאַנונג און אומרו און שטילן שטאָלץ פאָלגט נאָך דאָס סאָוועטישע ייִדנטום די באַפרײַונגס־קאַמפן, וואָס האָבן ענדלעך געבראַכט צו דעם ווידערגעבורט פון דער ייִדישער מדינה. אין די דאָזיקע טעג איז די פּרעסע פון דער גאַנצער וועלט געווען פול מיט ידיעות וועגן די אָ גורלדיקע געשעענישן. האָט מען באַדאַרפט דעמאָלט זען ספּיוואַקס לײַכטנדיק פּנים!

אין איינעם פון די דאָזיקע טעג באַקומט ער אַ דרינגענדיקן טעלעגראַפישן אָנפרעג פון מאָסקווע. די רעדאַקציע פון דער ייִדישער צײַטונג איינִיקייט (אָרגאַן פון דעם ייִדישן אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט אין ראַטן־פאַרבאַנד) פרעגט אָן ביי ספּיוואַקן — דעם ראש פון דער לינגוויסטישער סעקציע: ווי אַזוי דאַרף מען איבערזעצן אין ייִדיש „גאָסודאַרסטוואָ איזראַיל". (אַזוי האָט די אָפיציעלע סאָוועטישע פּרעסע באַצייכנט אין רוסיש די נײַ אויפגעקומענע מדינת־ישראל). ספּיוואַק נעמט זיך שטאַרק איבער מיט אָט דעם אָנפרעג. אַ יום־טובדיקער, מיט אַ שטאַרקן גלאַנץ אין די אויגן, הערט ער ניט אויף וועגן דעם צו דערציילן און מיט שטאָלץ שטרײַכט ער אונטער: „הערט, צו וואָס מיר האָבן דערלעבט! און זעט וואָס פאַר אַ זכיה, וואָס פאַר אַ כּבוד מיר פּערזענלעך איז באַשערט"...

די גענויע דאַטע און די אומשטענדן, בײַ וועלכע ספּיוואַק איז אומגעבראַכט געוואָרן אין תּפיסה, איז ביז הײַנט ניט באַוווּסט. זעט אויס, אַז ער איז דערשאָסן געוואָרן צוזאַמען מיט דער גרופּע ייִדישע סאָוועטישע שרײַבערס אין אויגוסט 1952.

עס איז געבליבן אַ לעבעדיקער עדות פון ספּיוואַקס לעצטע טעג. פון אים ווייס איך, אַז מיט ספּיוואַקס ענין האָט אָנגעפירט דער הויפּטפאָרשער פאַר באַזונדערע וויכטיקע פּאָליטישע ענינים — ריומין, וואָס האָט זיך קונה־שם געווען מיט זײַן סאַדיזם און גרויזאַמער ברוטאַלקייט צו זײַנע קרבנות. דער דאָזיקער עדות, לויצקער חיים — דער ייִדישער לינגוויסט — האָט זײַענדיק אַרעסטירט, פיגורירט אין דעם זעלבן באַשולדיקונגס־אַקט, וואָס מען האָט פאַרפירט קעגן אליהו ספּיוואַקן און קעגן אַ גרופּע אַנדערע ייִדישע קולטור־טוערס.

דער גאַנג פון דער אויספאָרשונג האָט לויט ריומינס פּלאַן געפאָדערט, אַז מען זאָל צונויפפירן לויצקערן אויף אַ קאָנפראָנטאַציע מיטן אַרעסטאַנט ספּיוואַק. אָבער ווען די תּפיסה־וועכטערס האָבן געבראַכט צו פירן ספּיוואַקן, איז אים שווער געווען צו דערקענען. אויפן שוועל האָט זיך באַוויזן נאָר אַ שאָטן פון דעם אַמאָליקן ספּיוואַק. ער האָט זיך געוואַקלט אויף די פיס און זיך געפונען אין אַ האַלב־באַוווסטזיניקן צושטאַנד. און, ניט געקוקט אויף די ברוטאַלע מעטאָדן, וועלכע ריומין האָט אָנגעווענדט קעגן אומגליקלעכן, איז אים ניט געלונגען עפּעס וואָס אַרויסצובאַקומען פון זײַן קרבן. די קאָנפראָנטאַציע האָט זיך אויסגעלאָזט מיט גאָרניט.

דאָס איז דער לעצטער גרוס פון אליהו ספּיוואַק — פון איינעם פון די שענסטע פּערזענלעכקייטן, וואָס דאָס סאָוועטישע ייִדנטום האָט פאַרמאָגט.

אַברהם אַבטשוק

דער קיעווער משהלה

אַן אומגעריכטער באַזוך

קיין קיִעוו איז געקומען צו פֿאָרן אַ יונגער, שטאַלטנער אָפיציר. זײַן מונדיר איז באַצירט מיט אָרדנס פֿאַר זײַן העלדישקייט אין דער גרויסער פֿאָטערלענדישער מלחמה.

עפּעס אייגנס, היימישס האָט אַ שטראָם געטאָן אויף מיר פֿון זײַן צאַרטן ראָזעווען פּנים. וואַרט, צו וועמען איז ער עס ענלעך?.. „איך בין אַבטשוקס זון" — שטעלט זיך פֿאָר אויף רוסיש דער יונגער־מאַן. נו יאָ, ער איז דאָך ווי צוויי טראָפּנס וואַסער ענלעך צו זײַן טאַטן — אַברהם אַבטשוקן — דעם ייִדיש־סאָוועטישן פּראָזאַיִקער און שטרענגן פּאַרטייִשן ליטעראַטור־קריטיקער! ווי אַזוי האָב איך דאָס גלײַך ניט באַמערקט?.. ווי לאַנג איז עס גאָר, ווען אַברהם מיט זײַן הנעוודיקער פֿרוי, די לערערין גוטע שנײַדער, האָבן זיך געשפּיגלט אין זייער געראָטן קליין ייִנגעלע? אין די קאַרגע פֿרײַע שעהען פֿלעגן זיי, לויט דער אײַנגעשטעלטער ריי, זיך אַרומפֿירן מיט אים איבער די אײַנגעטונקטע אין גרינס סקווערעס און סעדלעך, וואָס קיִעוו פֿאַרמאָגט זיי אַ מענגע.

איצט, אין מײַן פֿריידיקער איבערראַשטקייט, האָב איך גאָר פֿאַרגעסן, אַז זינט דעמאָלט זענען דאָך שוין אַריבער מער ווי צוויי צענדליק לאַנגע, ביטערע יאָרן.

דאָס לעצטע מאָל האָב איך דעם אָפיציר, וואָס שטייט איצט פֿאַר מיר, געזען האַרט פֿאַר מײַן אַריבערקלײַבן זיך פֿון קיִעוו קיין ביראָבידזשאַן. זײַן טאַטע איז צוזאַמען מיטן זונעלע ווילי געקומען מיר ווינטשן אַ „פֿאָר געזונט" און הצלחה אויפֿן נײַעם שווערן לעבנסוועג, וואָס שטייט מיר פֿאָר. דעמאָלט האָבן ביידע אַרויפֿגעקלעטערט אויפֿן הויכן שטאָק צו מיר

אַברהם אַבטשוק
יִדיש־סאָוועטישער פּראָזאַיקער און ליטעראַטור־קריטיקער

אין צימער אַרײַן אויף אינטעסטיטוטסקע־גאַס 27. דאָס איז געווען אין פּריִען פרילינג 1935 — נאָך פאַרן מבול פון 1937/1936.

איצט האָט די אומגעריכטע באַגעגעניש מיט אַבטשוקס דערוואַקסענעם זון דערוועקט אין זכּרון אַ שלל בילדער, געשעענישן, איבערלעבונגען, וואָס דער אָנהייב זייערער באַלאַנגט נאָך צו 1926 — צו די גליקלעכע ערשטע יאָרן פון מײַן פרײדיקן באַזעצן זיך אין ראַטן־פאַרבאַנד.[70] דעמאָלט האָב איך זיך באַקאַנט מיט דעם שטילן, באַשיידענעם אַבטשוקן. אויך ער איז געווען אַן אַריבערגעקומענער פון יענער זײַט גרענעץ. און דאָס איז שוין געווען גענוג עס זאָלן זיך שאַפן צווישן אונדז, די צוויי פּוילישע פּאָליט־עמיגראַנטן, אַ וואַרעמע אינטימקייט, וואָס האָט אָנגעהאַלטן אַלע יאָרן. און הגם פון זײַנע אוקראַיִנישע וואָלינער קרעסן ביז מײַן היימשטאָט טשענסטאָכאָוו, וואָס ליגט אין סאַמע האַרצן פון קליין־פּוילן, איז "פּאָלג מיר אַ גאַנג", האָבן מיר זיך דאָך געהאַלטן פאַר לאַנדסלײַט... פּוילישע לאַנדס־לײַט...

כ'געדענק ניט, צי איך האָב שוין ערגעץ ווו דערציילט, אַז ניט געקוקט אויף דער גאַנצער אײַנגעליבטקייט אין אונדזער נײַעם סאָציאַליסטישן היימ־לאַנד, און דעם הוראַ־פּאַטריאָטיזם אונדזערן (איבער הויפּט אין די ערשטע יאָרן), האָבן דאָך שטאַרקע פעדעם געבונדן די אַלע, וואָס האָבן מיט אַ קללה אויף די ליפּן פאַרלאָזן דעם אַנטיסעמיטישן פּוילן. פּוילן, פּוילן, דאָס פאַרהאַסטע פּוילן, און דאָך... זענען אונדזערע וויגעלעך דאָרט געשטאַנען...

מיר, די פּוילישע, זענען ניט געווען קיין אויסנאַם: אינטימקייט, וואַ־רעמקייט, בענקשאַפט צו דער אַלטער היים איז געווען דער טיפער געפיל, וואָס האָט בדרך־כּלל געהערשט צווישן די אָפּשטאַמיקע פון פאַרשידענע קאַפּיטאַליסטישע לענדער, הגם זיי האָבן דאָך פרײַוויליק זיך אויסגעקליבן דעם נײַעם פאָטערלאַנד.

איך בין געווען נאָך גאָר אַ גרינע. אַבטשוק — מײַן לאַנדסמאַן — האָט שוין באַוויזן זיך צו אַקלימאַטיזירן און יעדע באַגעגעניש מיט אים

70 ס'קען זיין, אַז אין דער כראָנאָלאָגיע פון די געשעענישן וועל איך זיין ניט גענוג פּינקטלעך, ווייל באַזונדערע דאַטעס זענען מיר אַרויסגעפלויגן פון זכּרון. אָבער דעם אַלגעמיינעם משונהדיקן גאַנג און די אַטמאָספער אַרום דער פּרשה "אַברהם אַבטשוק" געדענק איך גוט, און דערפאַר, דאַכט זיך מיר, איז כּדאַי איך זאָל זי פאַרשרייבן.

האָט מיר געהאָלפן דערקענען די סאָוועטישע ווירקלעכקייט אַזאַ, ווי ער האָט זי מיט זײַנע פּאַטריאָטישע אויגן געזען.

אין סאַמע אָנהייב צוואַנציקער יאָרן, ווען דער פאָטער פון דעם סאָוועטישן אָפיציר, וואָס שטייט איצט לעבן מיר, איז געווען אַן ערך אין זײַנע יאָרן, איז ער געקומען צו לויפן פון וואָלין קיין ראַטן־פאַרבאַנד אומלעגאַל, געשוואַרצט די גרענעץ און אײַנגעשטעלט זײַן לעבן — אים האָט געדראָט אומגעבראַכט צו ווערן — אָדער דורך זײַנע קלאַסן־שונאים, דער פאַרהאַסטער פּוילישער גרענעצוואַך, אָדער דורך דער אייגענער קאָמוניסטישער נ.ק.וו.ד. שוין אויף דער סאָוועטישער געגאַרטער ערד.

זײַנע בני־עיר, וואָס וווינען איצט אין ירושלים, פאַרזיכערן מיך, אַז ער, אַברהם אַבטשוק, איז געבוירן געוואָרן ניט אין דער שטאָט לוצק, ווי זײַנע ביאָגראַפן גיבן אָן, נאָר אין שטעטל טאָרטשין — עטלעכע און צוואַנציק קילאָמעטער פון לוצק. אין לוצק האָט ער און אויך זײַן שפּעטערדיקע פרוי גוטע שנײַדער געענדיקט גימנאַזיע.

ביז זײַן קומען קיין ר״פ האָט ער אָנטייל גענומען אין דער ראַדיקאַלער קולטור־אויפקלערישער אַרבעט צווישן דער ייִדישער יוגנט אין זײַן געבוירן־שטעטל, און דער עיקר אין דער לוצקער ייִדישער ביבליאָטעק. די דאָזיקע ביבליאָטעק איז געווען נישט בלויז אַ קולטור־אַנשטאַלט, נײַערט אַ וויכטיקער פּאָליטישער צענטער, ווו עס האָבן געפירט אַן אַקטיווע טעטיקייט און באַקעמפט איינער דעם אַנדערן דער ״בונד״, פּועלי־ציון, ס״ס ״פאַראייניקטע״ און די קאָמוניסטן. דער יונגער אַבטשוק פירט דאָרט אָן מיט אַן אומלעגאַלן פּראָסאָוועטישן קרײַזל פאַר קאָמוניסטיש געשטימטער יוגנט. און ווען דאָס ווערט באַוווסט דער פּוילישער דעפענסיווע, דראָט אים אַרעסטירט צו ווערן. דערפאַר איז ער אַנטלאָפן ״אַהיים״ — אין דעם אייגענעם סאָוועטישן לאַנד אַרײַן.

איצט פלעגט ער מיט בענקשאַפט דערמאָנען וועגן דער אַרבעט וואָס זיי האָבן דאָרט אין דער היים געפירט. מיר אַלע זענען איצט דאָ אין קיִעוו געווען פאַרהאַוועט אין דעם טאָג־טעגלעכן קאַמף קעגן די ״שונאים פון דער אמתדיקער פּראָלעטאַרישער ייִדישער קולטור״, און זינט דעמאָלט איז דאָך שוין פאַרבײַ אַזוי פיל צײַט, און דאָך איז לוצק, די לוצקער ביבליאָטעק געבליבן טיף אײַנגעבאַקן אין זײַן האַרצן, און צי דו ווילסט יאָ, צי דו ווילסט ניט, הערנדיק אים הייבסטו אַליין אָן בענקען נאָך דעם געבענטשטן נעכטן דײַנעם אין דעם ווײַטן טשענסטאָכאָוו, ווו איך האָב געטאָגט און

גענעכטיקט אין דעם ערשטן ייִדישן קינדערהיים פון דער ״פאַרשאָלטענער״, ״טריפהנער״ פּאַרטיי ״פאַראייניקטע״.

אין יענע ערשטע צוואַנציקער יאָרן, ווען אַבטשוק האָט געשוואַרצט די גרענעץ, האָט די ייִדישע קולטור־אַרבעט אין ראַטן־פאַרבאַנד פון טאָג צו טאָג אָנגענומען אַ ברייטערן פאַרנעם. עס הערשט דאָ אַ גרויסער מאַנגל אין לערערס פאַר דער וואַקסנדיקער נעץ פון סאָוועטיש־ייִדישע לערןאַנשטאַלטן.

נעמט דער ייִדיש־סאָוועטישער קיִעוו אויף דעם אַנטלאָפענעם פון פּוילן יונגן ענטוזיאַסטישן פּעדאַגאָג מיט אָפענע אָרעמס. אַרבעט פאַר אַזעלכע ווי ער איז דאָ איבערן קאָפּ. אַברהם אַבטשוק איז אַן אָפּשטאַמיקער פון קליינבירגערטום און דערצו געהערט ער צו דער קאַטעגאָריע אינטעליגענץ (פאַר אַזעלכע איז דער אַרײַנטריט אין פּאַרטיי באַגרענעצט), און דאָך ווערט ער אָנגענומען ווי קאַנדידאַט פאַר אַ מיטגליד פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. ער האָט דאָס ערלעך פאַרדינט, וואָרעם מיט לײַב און לעבן איז ער איבערגעגעבן זײַן נײַעם סאָציאַליסטישן פאָטערלאַנד. מיר פלעגן זיך וווּנדערן: פון וואַנען נעמט זיך עס צו דעם מיטלוווּקסיקן, שטשופּלע בחור מיטן אויסגעאיידלטן, ראָזעווען פּנים, אַזוי פיל ענערגיע און כּוח, ווען רוט ער? צי רוט ער בכלל?

ער איז לערער פון ייִדישער שפּראַך און ליטעראַטור, ער איז מיטמחבר פון לערנביכלעך פאַר ייִדיש־סאָוועטישע מיטלשולן, ער פאַרנעמט זיך מיט איבערזעצן שיינע ליטעראַטור פון פרעמדע שפּראַכן אויף ייִדיש, איבער הויפּט פון רוסיש און אוקראַיִניש, און דער עיקר שבעיקר — נעכט דורך אַנאַנד זיצט ער איבער זײַנע אייגענע דערציילונגען וועגן לעבן פון ייִדישע אַרבעטנדיקע אין רעאַקציאָנערן פּוילן. וואָרעם אַבטשוקס טרוים איז — ווערן אַ ייִדיש־סאָוועטישער שרײַבער. און אָט באַווײַזן זיך שוין אין 1926 אַבטשוקס דערציילונגען אין די ייִדיש־סאָוועטישע זשורנאַלן.

ער איז אַ מענטש פון ספר און פאַרשטייט, אַז זײַנע קענטענישן זענען באַגרענעצט, אַז כּדי צו ווערן אַ שרײַבער מוז ער זיך אַוועקזעצן לערנען. ער איז פון די אַקטיווסטע אָנטייל־נעמערס אין נחום שטיפס סעמינאַר פאַר ייִדיש, און איך, וואָס לערן דאָ אויך, בין פול מיט אָפּשײַ פאַר אַבטשוקס פלײַסיקייט. אים געלינגט אָנצוקומען אין אַספּיראַנטור פון דער ליטעראַרישער סעקציע פון דער קאַטעדרע פאַר ייִדישער קולטור. דאָ לערנט ער בײַ די ״צוויי נחומס״ — בײַ שטיפן און אויסלענדערן. שפּעטער, שוין ווי וויסנ־

שאפטלער אין אינסטיטוט פאר ייִדישער קולטור, לערנט ער ביי מאקס עריקן. אין גיכן פארעפנטלעכט ער פארשונגס־ארבעטן וועגן ייִדישער ליטעראטור.

דער שטרענגער קריטיקער

ער איז א הונדערט־פראצענטיקער קאמוניסט. אלץ וואס די פארטיי זאגט, איז פאר אים א הייליקער געזעץ. שטייט ער, פארשטייט זיך, צו צו דער אל־אוקראיִנישער אסאציאציע פון פראלעטארישע שרייבערס ווופפפ (ВУСПП) און ווערט א קריגערישער אקטיוויסט אין דער ייִדישער סעקציע. דאס וואס ער רעדט און שרייבט, איז אין אבסאלוטן איינקלאנג מיט די שטרענגע פאדערונגען וואס די פארטיי דיקטירט דער סאוועטישער ליטעראטור.

אין זיינע קריטישע ארטיקלען ווערט ער איינער פון די שטרענגסטע פראקורארן איבער די ווידערשפעניקע מיטצייטלערס זיינע.

לויט זיינע סובטעל רעגולערע געזיכטשטריכן, געלאסנקייט און העפלעכער באנעמונג מיט מענטשן האט אבטשוק אויסגעזען ווי א ייִדיש־פוילישער זיידענער יונגער־מאן, וועלכער זיצט ביים רייכן שווער אויף קעסט און מחמת דעם, וואס אים איז נימאס דאס ארומדרייען זיך פוסט־און־פאס, זוכט ער ווי צו פאטערן זיין צייט ביי די "טרייגעזאנענע" לינק געשטימטע קרייזן. כ'האב געקענט אזעלכע אין מיין היימשטאט טשענסטאכאוו. די "אריסטאקראטישע" פענסנע אויף זיין דינער, עטוואס לענגלעכער נאז, זיינע פעדאנטיש געפוצטע שיך און "בורזשואזער" אנצוג מיטן קראוואט האבן נאך מער פארשטארקט דעם דאזיקן איינדרוק.[71] ער האט געהאט א

71 אבטשוק שוינט זיין ביסל מיטגעבראכטע פון פוילן מלבושים, אזוי ווי כמעט אלע, וואס שטאמען פון יענער זייט גרענעץ. מיר, געקומענע פון פוילן, ווילן זיך טאקע ניט אויסטיילן פון די ארומגעריסענע היגע חברים, און דאך פלעגט דאס געפיל פון עסטעטיק, די געוווינהייט צו א באשיידן, אבער שיין קליידל אפט מאל גובר זיין, און מיר פלעגן זיך מיט פארגעניגן אויספוצן אין די בגדימלעך, וואס זענען שוין אלט געווען א סך, א סך יארן. אויך איך פלעג ניט ביישטיין דעם נסיון און ביי פארשידענע געלעגנהייטן זיך א פוץ אויס טאן אין די קליידלעך פון דער אמאליקער ציש"א־לערערין. איך היט זיי ווי א גרויסן אוצר, איך ניצעווע זיי איבער איין מאל און נאך א מאל און אויב ס'לאזט זיך, אויך א דריטן מאל.

שוואך געדעמפטע שטים און האט מיט זיינע מאנאטאנע רייד גיך מיד געמאכט די צוהערערס און זיך גופא אויך.

מן־הסתם זענען די דאזיקע אויסערלעכע אטריבוטן זיינע שולדיק געווען אין דעם, וואס בעת איך פלעג אויף די צעשריגענע קיעווער פארזאמלונגען הערן פון אבטשוקס מויל די אולטרא־רעוואלוציאנערע הויכע פראזעס וועגן אמתער און געפעלשטער פראלעטארישקייט אין די שאפונגען פון דעם אדער יענעם פענמענטש, האב איך, אין די ערשטע חדשים פון אונדזער באקאנטשאפט, בשום־אופן זיך ניט געקענט באפרייען פון א מאדנעם געפיל: "אברהם, דיינע רייד זענען ניט עכט, אבטשוק, ביסט ניט אויפריכטיק..." ס'האט אויסגעזען, אז אויף דער טריבונע שטייט א מענטש, א צופעליק פארבלאנדזשעטער אין אונדזער ברוטאל צעשריגענעם וועלטל, און סטארעט זיך מיט אלע כוחות ניט אפצושטיין פון לייטן — פאר יעדן פרייז מיטמאכן דעם גאנצן הו־הא און נאך איבעריאגן די גרעסטע שרייערס. אין דער זעלבער צייט האבן אין מויל פון אנדערע פראלעטארישע שרייבערס א סך שארפערע און מער חוצפהדיקע זידלערייען און דראונגען אויפן אדרעס פון די פארזינדיקטע ייִדישע פאעטן און פראזאיקערס, געקלונגען ע כ ט ע ר, נאטירלעכער ווי ביים זיידענעם נודנעם אבטשוקן. דאס ברוטאלע קאמאנדעווען איז געווען ווי אנגעמאסטן פאר דעם חוצפהדיק צעשריגענעם חיים גילדין, פאר דעם אומדערטרעגלעכן, אראגאנטישן, אין תוך צינישן אברהם וועוויארקען, אדער פארן איינגעליבטן אין זיך אברהם קאגאנען, פאר די אנפאנגערס פייוול סיטא און שטורמאנען, שוין אפגערעדט וועגן איציק פעפערן, וועלכער האט שוין דעמאלט זיך געהאלטן ווי א גרויסער אויטאריטעט און פאמפעז גערעדט אין נאמען פון די "העכסטע" פארטיישפיצן.[72] פאר זיי אלע — יא, אבער ניט פאר אזא זיידענעם יונגן־מאנטשיק, ווי עס האט אויסגעזען אברהם אבטשוק.

אבער מיין איינדרוק האט זיך אויף קיין שום ממשותדיקע פאקטן ניט באזירט. און איך פלעג אים טרייבן פון זיך. איך האב גוט געוווסט, אז ניט געקוקט אויף זיין שבת־יום־טובדיקער אויסערלעכקייט, איז זעלטן ווער פון די פרום־פארטייישע ייִדישע שרייבערס אין קיעוו געווען אזוי טריי

72 חיים גילדין, אברהם וועוויארקע, איציק פעפער, אברהם קאגאן און די ייִנגערע פון זיי פייוול סיטא, מאטל שטורמאן — אלע זענען זיי געווען מיטגלידער פון דער אסאציאציע פון פראלעטארישע שרייבערס.

און אַזוי טיף איבערצײַגט אין דעם, אַז בלויז די ״אַסאָציאַציע פון פּראָלע־טאַרישע שרײַבערס״ איז מסוגל אָפּצוהיטן די סאָוועטישע ליטעראַטור פון אַלע ״פאַלשע וועגן״, ווי מײַן פאַנאַטישער פרײַנד אַבטשוק.

***

אַז דאָס אַלטע שפּריכוואָרט ״דאָס פּנים איז אַ מוסר״ איז ניט שטענדיק ריכטיק, האָב איך זיך דאָס ערשטע מאָל איבערצײַגט אויפן בײַשפּיל פון מײַן פרײַנד: אויב ס׳איז מעגלעך אַן אַבסאָלוטער קאָנטראַסט צווישן אויסערלעכן אָנבליק פון אַ מענטשן מיט זײַן אינערלעכן תּוך, איז דאָס געווען אַברהם אַבטשוק.

צו יענער צײַט, וועגן וועלכער איך דערצייל דאָ (סוף צוואַנציקער און סאַמע אָנהייב דרײַסיקער יאָרן), האָט שוין אַברהם אַבטשוק פאַרנומען אַ פעסטע פּאָזיציע אין דער ייִדישער סעקציע פון דער אַסאָציאַציע פון פּראָלעטאַרישע שרײַבערס פון אוקראַיִנע. ער געהערט צו די פאַראַנטוואָרט־לעכע רעדאַקטאָרן פון איר אָפיציעלן אָרגאַן — דעם זשורנאַל פּראָליט, און רעכנט זיך אין דער ייִדישער אוקראַיִנע ווי איינער פון די שטרענגסטע טאָנגעבערס אין קאַמף פאַר דער ריינער פּראָלעטאַרישקייט פון דער סאָוועטיש־ייִדישער ליטעראַטור. ״ער שנײַדט זיך אויף אַן אוקראַיִנישן משהלע״— פלעגט ליפע רעזניק ליב האָבן אים אַ שטאָך צו טאָן. און דווקא גלײַך אין די אויגן אַרײַן...[73]. און אַבטשוק? אים האָט עס דווקא אימפּאָנירט.

זײַנע קריטישע אַרטיקלען זענען שאַרף און קעמפעריש און דריקן פּינקטלעך אויס די פּראָגראַם פון דער אַסאָציאַציע פון פּראָלעטאַרישע שרײַ־

73 משהלע — געמיינט משה ליטוואַקאָוו — דעם פאַקטישן אידעיִשן דיקטאַטאָר פון דער ייִדיש־סאָוועטישער ליטעראַטור. ליטוואַקאָוון האָט מען ניט ליב געהאַט פאַר זיין גאַליקער שאַרפקייט, מיט וועלכער ער פלעגט פאַראורטיילן אַלץ, וואָס איז געווען ווייניקער ווי הונדערט פּראָצענט קאָמוניסטיש, אָבער קיינער האָט ניט געצווייפלט אין זיין גרויסער ערודירטקייט אין פראַגעס פון ליטעראַטור און קונסט. אַבטשוקן האָבן מיר אין שפּאַס גערופן ״דער קיִעווער משהלע״ און דער דאָזיקער כּינוי האָט אים דווקא שטאַרק אימפּאָנירט. ״משהלע״ און ניט משה, כּדי אונ־טערצושטרייכן, אַז דער טאַלאַנטירטער ליטוואַקאָוו מיט זיין שאַרפן מוח שטייט אַן אַ שיִער העכער פון אַבטשוקן, וועלכער איז ניט מער ווי זיינער אַ מיטל־מעסיקער תּלמיד.

בערס, וואָס איז אַדעקוואַט צו דער שטעלונג פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי לגבי דער סאָוועטישער ליטעראַטור. לאָמיר נעמען ווי אַ בײַשפּיל זײַן אַרטיקל ״אויף פרעמדע וועגן״,[74] איך נעם דעם דאָזיקן מאמר, ווײַל ער האָט געמאַכט אַבטשוקן אַ נאָמען, און איז דער סאַמע כאַראַקטעריס־טישסטער פאַר אַבטשוקן פון יענע טעג, און ניט נאָר פאַר אים, נײַערט אויך פאַר זײַנס גלײַכן.

אין דער דאָזיקער אַרבעט, וואָס אַנטהאַלט מער ווי אַ טוץ זײַטן, באַווײַזט אַבטשוק צו פסלען די פּאָליטישע כּשרות פון ניט ווייניקער ווי... צען גרעסערע און קלענערע סאָוועטיש־ייִדישע שרײַבערס.

אויפן ערשטן פײַער נעמט ער, נאַטירלעך, דעם נסתּר. ער זעט אין דעם נסתּרס גאַנצער שאַפונג די סאַמע גרעסטע געפאַר פאַר דער סאָוועטיש־ייִדישער ליטעראַטור, ווײַל:

״פון זײַן פאַררעוואָלוציאָנערן שאַפן האָט דער נסתּר מיטגע־בראַכט אין אונדזער ליטעראַטור די אָפּגעריסנקייט פון לעבן, דאָס הימלישקייט, דעם גאַנצן אַקסעסואַר פון געטער, געטינס, מלאכים, גלגולים א. א. וו., טאַקע בעעמעס: ״אָן גאָט — קיין טראָט״, הונ־דערטפּראָצענטיקע פאַרבאָרגנקייט, אָפּגעשיידקייט, צעלאָכעסדיקע אומפאַרשטענדלעכקייט און האָט עס צוגעפּראַוועט מיט סקעפּסיס פון אַ מענטשן, וואָס גייט בײַ אַ זײַט פון אונדזער אָנגעגליטער עפּאָכע און וואַרפט אַלע מאָל אַרײַן, — אויפן ווונק, פאַרשטייט זיך, אַן אַנטמוטיקונגס־וואָרט, אַ סקעפּטישן שמייכל״... (דאָרטן, זײַט 78).

אַבטשוק ברענגט אויסצוגן פון די צוויי נײַע דערציילונגען, וועלכע דער נסתּר האָט נאָך דעם ווי ער איז אין 1926 צוריקגעקומען פון אויס־לאַנד[75] פאַרעפנטלעכט אין אַלמאַנאַך אוקראַיִנע און אין דער רויטער וועלט (ביידע אין יאָר 1927).

וועגן דעם אינהאַלט פון די דאָזיקע דערציילונגען שרײַבט אויס דער שטרענגער קריטיקער מיט גרויס פאַרביטערונג:

74 זע אַ. אַבטשוק, ״אויף פרעמדע וועגן״, פּראָליט נומ׳ 8־9 פאַר נאָוועמבער־דעצעמבער 1928, זייטן 78־89.

75 ניט אין 1928, ווי אַלעקסאַנדער פּאָמעראַנץ מיינט על־פּי טעות.

„וועגן דעם, וואָס קומט פאָר ביַי היַינטיקן טאָג ביַי אונדז, קען מען (געמיינט דעם נסתּר — א.ר.־ש.) קיין גוטס ניט זאָגן, קיין שום דערפרייענדיקס נישט דערציילן און מ׳מוז דערפאַר ריידן אַזוי פאַרשטעלט, אַז נישט יעדער זאָל פאַרשטיין" (זייט 78).

און מיט צוויי זיַיטלעך וויַיטער (80) טראָגט שוין אַבטשוק אַרויס זיַין ענדגילטיקן פּסק־דין פאַר דער גאַנצער שאַפונג פון דעם נסתּר:

„מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט אַ טיף רעאַקציאָנערער ליטעראַ־רישער דערשיַינונג סיַי לויט דעם אינהאַלט, סיַי לויט דער פאָרעם, אַ דערשיַינונג, וואָס איר שעדלעכקייט ווערט ביַי אונדז ניט גענוג אָפּגעשאַצט, באַזונדערס וויַיל דאָ האַנדלט זיך ניט נאָר אין נסתּרס שאַפן (ער איז ווי אַ שריַיבער אין גאַנצן טויט פאַר אונדזער מאַסן־לעזער").[76]

„עס האַנדלט זיך אין דעם נסתּריזם און אין דער ווירקונג, וואָס נסתּר האָט געהאַט אויף אייניקע סאָוועטישע שרייבערס" — איז אַבטשוק שטאַרק באַזאָרגט.

(און דאָ האָט ער דווקא קיין טעות ניט געהאַט!).

דערנאָך נעמט זיך אַבטשוק צו פאַרלוימדן די ליריק פון דעם „מיטלויפער" ליפע רעזניק: אין זיַינע 2 לידער־זאַמלונגען בליַיענע אויפגאַנגען און סאַמעט איז לויט אַבטשוקס מיינונג דער פּאָעט צו שטאַרק צוגעבונדן צום עבר. ער אַנטלויפט פון דער סאָוועטישער ווירק־לעכקייט, ער „גייט ביַי דער זיַיט פון אונדזער לעבן"... און האַלט זיך פאַר צו קלוג פאַר אונדזער וואָכעדיקער שווערער אַרבעט"...[77]

אַבטשוק וואַרפט פאָר דעם באַגאַבטן רעזניק ניט בלויז דאָס נסתּרישע אַוועקגיין פון סאָוועטישן לעבן, ירידה־שטימונגען און פּעסימיזם. צו זיַין גרויסן פאַרדראָס און אויפרעגונג געפינט דער פּראָלעטאַרישער קריטיקער

76 אוי, ווי גרויס איז דאָ געווען אַבטשוקס טעות! מ׳האָט באַדאַרפט זיין אַזוי פאַנאַ־טיש ווי ער, ניט צו זען מיט וויפל אינטערעס דער סאָוועטישער לייענער פלעגט זיך גראָד דעמאָלט און שפּעטער וואַרפן אויף דעם ווייניקן, וואָס האָט זיך זעלטן ווען באַוויזן פון אונטער דער פען פון פאַרפאָלגטן סימבאָליסט דער נסתּר.
77 ביידע זאַמלונגען זענען דערשינען נאָך מיט יאָרן צוריק: דאָס ערשטע אין 1921, דאָס צווייטע אין 1922.

אין רעזניקס לידער אַ שלל „הימל־טערמינען", ווי „אַלמעכטיקער גאָט", „רבונו־של־עולם", „כּהנים", „נזירים", „עבודה־זרה", „פּרוכות", פּסוקים פון תּנ״ך, און וואָס נישט? און דאָס איז דאָך בפירוש קעגן די אינטערעסן פון דער רעוואָלוציע!...

אויך אין די סאַמע לעצטע לידער רעזניקס און אין דער פּיעסע זיַינער אויפשטאַנד געפינט אַבטשוק די זעלבע סימבאָליסטישע און מיסטישע טענדענצן — אויף קיין האָר ניט ווינציקער ווי אין די פריִ־ערדיקע שאַפונגען זיַינע. און דאָס אַלץ שטייט דאָך אין אַזאַ שריַיענ־דיקער סתּירה צו דעם ליפע רעזניק, „וועלכער פּרעטענדירט היַינט צו זיַין אַ סאָוועטישער, אַפילו רעוואָלוציאָנערער שריַיבער!" — פירט אונטער דעם ביטערן סך־הכּל אַבטשוק (דאָרטן, 80—83). (אַגב איז די דאָזיקע סתּירה געווען כאַראַקטעריסטיש פאַר אַ סך שריַיבערס־„מיט־לויפערס" אין יענע יאָרן — סיַי יידישע, סיַי ניט־יידישע).

עס כאַפּט אַריַין זיַין פּאָרציע איציק קיפּניס פאַר דער דערציילונג „אין קלעם": הלמאַי זיַין העלד, דאָס הימלאָזע ייִנגל געפינט מער נאָענטקייט ביַי די חיות פון זאָאָפּאַרק, איידער ביַי סאָוועטישע מענטשן? אַזאַ זאַך קען ניט געמאָלט זיַין אין אונדזער קאָמוניסטישן הימלאַנד!

עס כאַפּט אַריַין אויך דער ניט לאַנג צוריקגעקומענער פון אויסלאַנד פּרץ מאַרקיש: הלמאַי פאַרפלאַכט ער און באַגאַטעליזירט אין זיַינע חברים קוסטאַרן אַזאַ וויכטיקע פּאָליטיש־דערציִערישע אַקציע, ווי דאָס שליסן דורך דער ראַטנמאַכט אַ כאָרשול, כּדי איר געביַידע „ראַצ־יאָנעלער" אויסנוצן אויף רעוואָלוציאָנערע צוועקן.

אויך ביַי דעם טאַלאַנטפולן לירישן פּאָעט עזרא פינינבערגן (ניט געקוקט אויף דעם, וואָס ער וויַיזט שוין דעמאָלט אַרויס, לויט אַבטשוקס מיינונג, אַ בפירושדיקע „ווענדונג... צום גאַנצן סאָוועטישן לעבנסגאַנג"), געפינט אַלץ נאָך דער שטרענגער קריטיקער שעדלעכע „אָפּקלאַנגען פון יענע טעג (יעסענינשטשינע)" (זיַיט 85).

„פּעסימיזם און וועלט־שמערץ — וואָרנט אַבטשוק, — טרעפן זיך אויך די לעצטע ציַיט ביַי די ייִנגערע שריַיבערס", אַפילו ביַי אַזעלכע, וואָס גייען אַריַין אין פּראָלעטאַרישע שריַיבער־אָרגאַניזאַציעס, צ״ב ביַי בוזי אָליעווסקין, ביַי שמעון ראַסינען און אַנדערע (זיַיט 85).

אין דער זעלבער רשימה פון סאָוועטיש־יידישע פענמענטשן, וועלכע

גייען ניט אין שפּאַן מיט דער רעוואָלוציאָנערערווירקלעכקייט, געפינט איר אויך זעליק אַקסעלראָד און דעם אָנפאַנגער אַ. ביטערמאַן.

ווי דער לייענער זעט, אינטערעסירן ניט אַבטשוקן די קינסטלערישע וואַלאָרן פון די באַהאַנדלטע ווערק. פאַר אים איז דאָס נישט קיין זאַך פון ערשטראַנגיקער וויכטיקייט, קודם־כּל און פריִער פאַר אַלץ זענען וויכטיק די פּאָליטישע אָפּנויגן, וואָס די 10 פאַרזינדיקטע שרײַבערס האָבן דערלאָזט אין זייער שאַפונג.

דער דאָזיקער אַרטיקל, הגם ער איז געווען שאַרפער ווי אַנדערע, איז אָבער בכלל ניט געווען אָריגינעל. אונטער אים וואָלטן זיך מיט ביידע הענט אונטערגעשריבן די מאָסקווער און מינסקער און כאַרקאָווער פּראָלעטאַרישע ליטעראַטור־קריטיקערס און דער דעמאָלטיקער לייענער וואָלט זיך ניט געוווּנדערט, ווען ער דערזעט דאָ אַנשטאָט אַבטשוקס נאָמען, געחתמעט אַן אַנדערן.

יעדער אַזאַ אַרטיקל, ווי אַבטשוקס, איז געווען אַ שטאַרקער פּאָ־ליטישער קלאַפּ איבער דעם שרײַבער, וועלכער איז דערמאָנט געוואָרן צום שלעכטן, און ער האָט פאַר יעדן אַזאַ שולדיקן, און ניט בלויז פאַר אים, נײַערט אויך פאַר אַלע סאָוועטיש־ייִדישע פענמענטשן אָן אויסנאַם, באַטײַט אַ שטרענגע וואָרענונג: ווילסט ניט אַרויספאַלן פון דער סאָוועטיש־ייִדישער ליטעראַטור? ווילסט מ׳זאָל דײַנע שאַפונגען דרוקן? טאָ לערן זיך אויס די קונסט פון זעלבסט־צענזורירן יעדער מינדלעך און געדרוקט וואָרט דײַנס! קאָנטראָליר יעדן זאַץ דײַנעם, מ׳זאָל אים, חלי־לה, ניט קענען אויסטײַטשן ווי אַן אויסדרוק פון דײַן אומגלייבן אין דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, אָדער אַז דו דערשאַצט ניט דעם אַלמעכטיקן כּוח פון דער פּאַרטיי, און דער עיקר־שבעיקר — עס זאָל אין עפּעס אַ זאַץ דײַנעם זיך ניט אַרײַנגנבענען אַ סימן פון ייִדישן נאַציאָנאַליזם.

אָט אַזוי האָט אַבטשוק אויך אין אַנדערע אַרטיקלען זײַנע, אַ זיכע־רער אין זיך, פאַרטיידיקט פון אַלע מינים געפאַרן די ריינע פּראָלעטאַ־רישקייט פון דער סאָוועטיש־ייִדישער ליטעראַטור. און אַזוי אַרום האָט אויך ער, אַברהם אַבטשוק, זײַן היפּשן חלק אין דעם אַראָפּנידערן דעם איכות פון דער ייִדישער קינסטלערישער וואָרטשאַפונג אין ראַטן־פאַרבאַנד.

און געטאָן האָט ער אָט די אַנטינאַציאָנאַלע אַרבעט פרום, מיט בטחון און מיט פרייד פון אַ מענטשן, וואָס גלייבט, אַז יעדע פאָדערונג פון דער

פּאַרטיי, אין נאָמען פון וועלכער ער רעדט, דערנענטערט די גאולה פון דער מענטשהייט און אויך פון זײַן אייגן פאָלק.

אָבער, ווי דער לייענער וועט זען אַ ביסל ווײַטער, האָבן אַבטשוקס אייגענע מוסר־ווערטער ניט שטאַרק געווירקט אויף... אים — אַבטשוקן גופא. דאָס געשעט דעמאָלט, ווען ער, אַבטשוק דער קריטיקער, גייט אַרײַן אין דער ראָלע פון אַ פּראָזאַיִקער. נאָר וועגן דעם אַ ביסל שפּעטער.

***

אין יענע יאָרן האָט דער סאָוועטיש־ייִדישער לייענער (אַפילו מיר — קאָמוניסטן), מיטגעפילט די געליטענע: „בלויז חסרונות?! די שרײַבערס זענען דאָך פון אײַזן! ווי קענען זיי דאָס אויסהאַלטן?.. ניט אײַנברעכן זיך און וואַרפן די פען?!..”

אָבער סוף־כּל־סוף האָבן זיך די סאָוועטישע בירגערס צוגעוווינט אויך צו דעם און אויפגעהערט רעאַגירן. ניין, כ׳האָב געזאָגט ניט ריכטיק. רעאַגירט האָט מען דווקא יאָ: וואָס גרעסער ס׳איז געווען דער כּעס אויף דעם שרײַבער, אַלץ מער האָט דער לייענער געזוכט זײַנע שאַפונגען. און איר וואָלט געהאַט אַ טעות ווען איר זאָלט מיינען, אַז די פּאַרטיי־מיטגלידער זענען געווען אַן אויסנאַם. קיין אויסנאַם זענען מיר ניט געווען, אַפילו די פון אונדז, וועלכע האָבן עפנטלעך אַרויסגעטראָטן קעגן די זינדיקע און מיטגעמאַכט דעם גאַנצן ספּעקטאַקל, וואָס האָט געהייסן „קאַמף פאַר פאַר־טייִשקייט אין דער ייִדישער ליטעראַטור”.

גענויער האָב איך שוין וועגן דעם דערציילט, ווען כ׳האָב אין מײַן 2טן בוך נפתולי דרכים באַשריבן ווי אַזוי די פאַרשאָלטענע קליינבירגערלעכע חדשים און טעג פון איציק קיפּניס זענען געוואָרן דער בעסטסעלער, און ווי גרויס זענען געווען די צרות, וואָס דאָס האָט געבראַכט מײַן חבר, דעם ליבן לייב בראַוואַרניק — דעם דירעקטאָר פון דער קיִעווער צענטראַלער ווינטשעווסקי־ביבליאָטעק.

דאָ בעט זיך נאָך צוצוגעבן איין פּרט: וועגן זייער דערפאָלג בײַ די לייענערס האָבן די געשלאָגענע פּראָזאַיִקערס און פּאָעטן גוט געוווּסט, און ווי איר קענט עס אַליין פאַרשטיין, איז דאָס געווען פאַר זיי אַ שטיקל נחמה. און צוגעגעבן מוט — נישט צו פאַרלירן דעם גלויבן אין דעם אייגענעם

טאַלאַנט. און דאָרט ווו זיי האָבן נישט מורא געהאַט פאַר אַ צו פרומען אויער, פלעגן זיי זייער געפיל פון פאַקטישן נצחון ניט פאַרבאַהאַלטן.

שטעלט זיך פאַר אַזאַ בילדל: הייַנט אין דער פרי, ד״ה בלויז מיט עטלעכע שעה צוריק האָט צו אײַך אויג אויף אויג דער זעלבער שרייַבער, וועמען מ׳האָט נאָר וואָס דאָ געמאַכט מיט דער בלאָטע צו גלייַך געזאָגט, אַז... ער פאַלט גאָר ניט אַראָפּ בייַ זיך, פונקט פאַרקערט — ער איז שטאָלץ, ווייַל ער ווייס: דער גוטער לייענער איז אויף זייַן זייַט. און גראָד הייַנט אין אָוונט דאַרף דער זעלבער שרייַבער אַרויסטרעטן אויף אַן עפנטלעכער פאַרזאַמלונג און קלאַפּן זיך על־חטא פאַר זייַנע ״זינד״. און וווּנדערט זיך ניט: פאַר אַ סך אַזעלכע ווי איך איז דאָס געוואָרן כמעט אַ נאַטירלעכע דערשייַנונג: מיר זיצן זיך אויף דער דאָזיקער פאַרזאַמלונג און הערן זיך רויִק צו צו די חרטה־רייד פון דוד האָפשטיין, ליפע רעזניק, אַ מאָל אויך, אָבער זייער זעלטן, פון איציק קיפניסן און אַנדערע געשלאָגענע און... וועגן זייערע פונקט פאַרקערטע, אינטימע רייד, גיבן מיר אַפילו ניט קיין טראַכט. אַזאַ איז געווען די ווירקלעכקייט און וועגן דעם דאַרף דער הייַנטיקער לייענער וויסן.

דאָס פאָלק שאַפט דעמאָלט צענדליקער אַנעקדאָטן אויפן חשבון פון דעם משונהדיקן שטרענגן פּאָליטישן דיקטאַט איבער די סאָוועטישע פענמענטשן. אַנשטאָט זיך אויפרעגן, האָט מען אָנגעהויבן אָפלאַכן פון די שופטים. אויך קיִעווער ייִדן זענען ניט אָפגעשטאַנען. כ׳געדענק ניט גענוי אין וועלכן יאָר איז בייַ אונדז אַרומגעגאַנגען פון האַנט צו האַנט אַ סעריע סאַטירישע צייכענונגען פון היימישע קינסטלערס. אונטער איינער אַזאַ איז געשטאַנען אַן אונטערשריפט: ״שטופּט זיך ניט, חברה!!״. אויפן בילד זענען געווען אָנגעצייכנט אַ צענדליק בולטע פיגורן פון די סאָוועטיש־ייִדישע שרייַבערס, אויסגעשטעלטע אין אַ ריי, אייניקע מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ, אַנדערע מיט אַ חניפה־שמייכל אויף די ליפּן. דער ערשטער אין דער ריי שפּיליעט שוין אָפּ דעם פּאַסיק פון די הויזן. אין צענטער שטייט דער איינגעקוואַרטער משה ליטוואַקאָוו מיט אַ געפלאָכטענעם לעדערנעם קאַנטשיק אין דער אויפגעהויבענער האַנט — דאָס שמייַסט ער אַן אַוועקגעלייגטן אויף אַ בענקל ייִדישן שרייַבער און ציילט ״איינס!.. צוויי!.. איינס!.. צוויי!..״. וואָס גרעסער ס׳איז געווען דער ״בעל־עבירהניק״, אַלץ ווייַטער איז געווען זייַן אָרט אין דער ריי אָפּגעשמיסן צו ווערן. און... ״אַלץ גרעסער וועט זייַן די פּאָרציע שמיץ, וואָס ער וועט באַקומען״ — פלעגט, ווי אַ

גענעץ, אַ זאָג טאָן יעדער איינער פון מייַנע נאָענטע, אין וועמענס הענט די קאַריקאַטור פלעגט אָנקומען.

מ׳האָט גאָרניט באַדאַרפט זייַן אַזאַ גרויסער מבין און שטאַרק זוכן דעם אויטאָר פון דער דאָזיקער קאַריקאַטור. מיר האָבן זיך גלייַך אָנגעשטויסן, אַז דאָס איז די האַנט פון דעם לערער, וועלכער לערנט צייכענען אין דער באַרימטער קיִעווער ייִדישער קונסטשול (דער דירעקטאָר איז דאָ געווען דער טאַלאַנטירטער עפשטיין). אָבער קיינער האָט זייַן נאָמען אין דער הויך ניט דערמאָנט, וואָרעם שוין דעמאָלט האָבן סאָוועטישע ווענט פאַרמאָגט אָנגעשפּיצטע אויערן. אַז מיר פלעגן באַגעגענען דעם אומפּאַרטייִשן הויכן, שלאַנקן יונגן־מאַן מיט דעם צעשמייכלטן פּנים און פריילעכן פייַערל אין די אויגן, האָט ער דעם דאַנק געקענט אַרויסלייענען פון דעם פעסטן האַנטדריק, מיט וועלכן יעדער האָט באַגלייט זייַן ״אַ גוטן־אָוונט, חבר...!״ (די פאַמיליע זייַנע איז מיר אַרויסגעפלויגן פון זכּרון, זי איז דווקא ערגעץ אין מייַנע נאָטיצן פאַרשריבן, אָבער כ׳קען עס איצט בשום־אופן ניט אָפּזוכן).

אַ צייַט לאַנג איז אין קיִעוו אויך אַרומגעגאַנגען פון האַנט צו האַנט אַן ענלעכע קאַריקאַטור, וועלכע עמעצער האָט, זעט אויס, אָפּגעקאָפּירט פון אַ ייִדישער אויסלענדישער צייַטונג. אַנשטאָט סאָוועטישע שרייַבערס זענען דאָ געווען אויסגעשטעלט אין אַ ריי — אָפּגעשמיסן צו ווערן — די דאָזיקע אויסלענדישע ייִדישע שרייַבערס, וועלכע פלעגן דעמאָלט קומען אויף באַזוך קיין ראַטן־פאַרבאַנד.

דאָס סאָוועטישע ייִדנטום איז שוין דעמאָלט געווען אויסגעבענקט נאָך אַ לעבעדיקן ייִדישן גרוס פון יענער זייַט גרענעץ, און אין דעם מאַסנווייַז פאַרשפּרייטן די דאָזיקע אויסלענדישע קאַריקאַטור, האָבן מיר אייַנגעזען אַ בפירושדיקן פּראָטעסט קעגן דער העסלעכער טראַדיציע, וואָס משה ליטוואַקאָוו האָט אייַנגעפירט אויף די פייַערלעכע קבלת־פּנים, וואָס מיר פלעגן אייַנאָרדענען דעם חשובן אויסלענדישן גאַסט: ״ברעכן אים דעם רוקנביין״ — האָט מען דאָס גערופן, מאַכן אים מיט דער בלאָטע צו גלייַך פאַר זייַן נאַציאָנאַליזם, קליינבירגערלעכקייט א״אַ.[78]

78 איך טאָר דאָ ניט פאַרגעסן צוצוגעבן, אַז חוץ אַ קליינער גרופּע פּאַרטייִשע פאַנאַטיקערס מיט אַ נייגונג צו פּאָליטישן סאַדיזם, איז די דאָזיקע פּראַקטיק געווען דערווידער אַפילו פאַר אַ באַדייטנדיקן טייל פון די פּאַרטייערס, וועלכע האָבן לויט דעם אָפיציעלן אַמט, וואָס זיי פאַרנעמען, פערזענלעך אָנטייל־גענומען

אָבער די און אַלע אַנדערע שטומע אויסדרוקן פון אומצופרידנקייט האָבן ניט געקענט האָבן קיין שום ווירקונג צו ענדערן די שטעלונג פון די ייִדישע ליטעראַטור־קריטיקערס, וואָרעם זיי, גראָד אַזוי ווי זייערע אוקראַיִנישע און רוסישע קאָלעגעס, זענען געווען ניט מער ווי דער רופאָר פון דער פּאַרטיי, און יעדעס וואָרט פון דער פּאַרטיי איז געווען געגליכן צו אַ געזעץ, און יעדע אַרויסטרעטונג קעגן דעם געזעץ איז אויפן שטרענגסטן אופן באַשטראָפט געוואָרן. מיט דער צײַט זענען די באַזוכן פון די אויסלענדישע שרײַבערס געוואָרן אַלץ זעלטענער, ביז... ביז ס׳איז שוין ניט געווען וועמען אַריבערצולייגן אויפן בענקל.

אויף טשוועקעס . . .

„חבר אַבטשוק! איר שלאָפט נאָך אַלץ, ווי יענער מאַנאַך, אויף טשוועקעס?" — האָט פריילעך פאַרזשמורענדיק די אויגן אונטער די ברילן אַ זאָג געטאָן צו אים מאַקס עריק, בעת ער האָט אויף אַ קליינער וועטשערינקע באַמערקט אַברהמס אויפגעבראַכטקייט מחמת דעם, וואָס אונדזערער אַ מיטאַרבעטער האָט זיך דערלויבט אַרומצונעמען די שיינע אַספּיראַנטין, וואָס איז געזעסן לעבן אים. (אַגב האָט די יונגע פרוי זיך גאָר ניט באַליידיקט אויף דעם "אָנגרײַפער"). עריקס באַמערקונג איז געווען אַזוי טרעפלעך, אַז אַ הילכיקער געלעכטער האָט זיך אַריבערגעקײַקלט פון איין עק טיש ביז צום צווייטן.

וואָרעם ער, אַבטשוק, איז געווען טיף איבערצײַגט, אַז אַן אמתער קאָמוניסט איז נאָר דער, וועלכער בויט זײַן פערזענלעך לעבן אויף הויך מאָראַלישע קאָמוניסטישע פּרינציפּן. און ער אַליין האָט טאַקע געשטרעבט צו זײַן וואָס מער אַסקעטיש אין זײַן אייגענעם לעבנס־שטייגער.

אפשר דערפאַר האָט ער אַזוי וויייניק צײַט אויסגעטיילט אויף פאַרברענגען מיט מענטשן, אויף פאַרווײַלן זיך. דאָס האָט ער געקענט ווייניקער

אין די עקזעקוציעס איבער די אויסלענדישע ייִדישע געסט. עקזעקוציע — אַזוי האָט מען גערופן די דאָזיקע "אידעיִשע איבערדערציִונג", פאַרשטייט זיך, אין דער שטיל, צווישן זיך.

ווי אַלץ. זעלטן ווען ער האָט זיך באַוויזן מיט זײַן פרוי גוטע אויף אַ וועטשערינקע, אויף אַ ספּעקטאַקל, אין קינאָ.

מיר זענען דאָך געווען יונג, פול מיט טעמפּעראַמענט, און ער איז ווי געשטאַנען אָן אַ זײַט. ס׳איז באמת שווער געווען זיך פאָרצושטעלן, אַז אַברהם זאָל זיך דערלויבן עפּעס אַ פרײַען וואָרט, אַ צווייִדײַטיקע באַמערקונג אין אַנוועזנהייט פון אַ פרוי, אַפילו הינטער די אויגן. ער האָט פײַנט געהאַט פלאַכע עראָטישע וויצן און אַנעקדאָטן, ווער רעדט שוין וועגן אַריבערכאַפּן די מאָס מיט אַ גלעזעלע משקה.

פאַר מיר, און ניט בלויז פאַר מיר, איז געווען קלאָר: אויב די פּראָגראַם פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי איז בײַ אַבטשוקן געווען זײַן "אַני־מאמין", וועלכן ער האָט אויסגעשטודירט און אומקריטיש אָנגענומען, ווי אַ פרומער ייִד די תּורה, איז זײַן אַסקעטיזם געווען אַן אָרגאַנישער, אײַנגעבוירענער שטריך. און דערפאַר האָבן מיר געהאַלטן, אַז אַברהם איז אין אונדזער סביבה ממש אַן אוניקום פון אינערלעכער גאַנצקייט.

מן־הסתּם דערפאַר האָט ער אַרויסגערופן אַ געוויסע אַכטונג, אַפילו בײַ די, וועלכע זענען מיט אים ניט מסכּים געווען און אים ניט ליב געהאַט. און אַזעלכע ווי איך, איבערגעפולטע יעדעס מאָל מיט נײַע ספקות צו דעם, וואָס אונדזער פּאַרטיי טוט, בין אַבטשוקן פאַר זײַן אינעווייניקסטער שלמות ניט איין מאָל מקנא געווען.

און אַז אַבטשוק איז אַרויס מיט קריטיק אויך קעגן זעליק אַקסעלראָדן (אין דעם פריִער דערמאָנטן אַרטיקל זײַנעם "אויף פרעמדע וועגן"), האָט פאַר די וואָס האָבן אים געקענט, צום שטאַרקסטן באַגלייביק אָפּגעקלונגען זײַן פּראָטעסט קעגן דער באַהעמישקייט אַקסעלראָדס. מיר האָבן געזען אין אים אַ בולטן אויסדרוק פון אַברהמס אײַנגעבוירענעם ווידערגעפיל צו אַלץ, וואָס איז נישט אויף הונדערט פּראָצענט צניעותדיק.

באַהעמישקייט, עראָטיק האָט ער פײַנט ניט בלויז דערפאַר, וואָס די פּאַרטיי הייסט אין זיי זען אַן אַנטיסאָוועטישע דערשײַנונג (וואָס גערופן האָט מען זי "יעסענינשטשינע"), נײַערט קודם־כּל דערפאַר, ווײַל אים, דעם דרײַסיק־יאָריקן יונגן מענטשן איז דאָס אַלץ אָרגאַניש געווען טיף דערווידער און אים באמת שאָקירט.

און ווירקלעך, וויפל געזונט האָט עס באַדאַרפט קאָסטן דעם צניעותדיקן אַברהמען, אַזעלכע אָנגעגליטע שורות פון אַקסעלראָדס פּרעכטיקע לידער, וואָס זיי אַליין זענען מסוגל שיכּור צו מאַכן דעם לייענער.

איר קענט זיך אַליין אין דעם איבערצײַגן. אָט זענען עטלעכע אויס־צוגן:

טאָג אויף אַרבעט איז, נאַכט אויף הוליען.

ווען ס׳צעזינגט זיך נאַכט אין ליבע
מעג פאַרברענט ווערן די וועלט!..

האַרבסטיק, אָוונט און טונקל,
ווײַן צעשפּריצט זיך איבער טיש,
קיינער זאָל ניט בלײַבן שטיל פאַרזונקען —
אַ פּלי, אַ לאָז, אַ הייב די פיס!..

אַזוי, אַזוי — לעשט אויס דאָס פײַער,
זאָל האַרבסט אַרומנעמען אין גאַנצן —
וועמען ס׳איז זײַן לעבן טײַער
זאָל זיך לאָזן אין דער פינצטער טאַנצן!..
פאַלן אַלע אין די ווינקלען,
הענגט אויף אַלעמען אַ שטילער בליק,
באַלד וועט זיך פאַרטאָג צעפינקלען,
דאַרף מען שוין אויף אַרבעט גיין צוריק.

האַרבסט און ווײַן, מיידלעך, ברידער —
נאַכט צעגאָסענע אין בלוט —
ווער סע האָט אַ האַרץ מיט לידער,
זאָל ער וויינען — ס׳איז אים שטענדיק גוט!..״

ברענגט נאָר ווער אַ פלאַש צו טראָגן,
ווײַזט שוין יעדער אויף זײַן אייגן מויל...
ווען מען זינגט בײַ נאַכט, איז די נאַכט אויף וואָגל.
טאָ זאָל זײַן גוט און זאָל זײַן וווּיל...[79]

79 זע אַקסעלראָדס ליד ״טאָג אויף אַרבעט איז, נאַכט אויף הוליען״, אָפּגעדרוקט אין סאָוועטיש־ייִדישן זשורנאַל רויטע וועלט, נומ׳ 3, 1926.

איר וועט מן־הסתּם זאָגן: פּרעכטיק־יונגע, הייס־געגליטע שורות, אַיאָ? פאַר אײַך — יאָ, פאַר מבֿינים און ליבהאָבערס פון אמתער פּאָעזיע (און מבֿינים האָבן דעמאָלט אין ראַטן־פאַרבאַנד ניט אויסגעפעלט) — זיכער יאָ. אָבער ניט פאַר דער שטרענג פּאַרטייִשער ליטעראַטור־קריטיק און פאַר אַברהם אַבטשוקן, דעם קאָמוניסטישן אַסקעט, אַוודאי און אַוודאי ניט.

טאָ לאָמיר לאָזן ריידן אים — אַבטשוקן — אַליין:

״ס׳איז דאָ נאָך אַן אויסגאַנג דעמאָלט, ווען ס׳ווילט זיך אַוועקגיין פונעם אַרום: דאָס איז דער וועג פון פאַרגעסן זיך. דער וועג פון: ווײַן, ווײַבער, קאָרטן. אַ מין הײַנטצײַטיקער עפּיקורייִזם, וואָס איז אפשר געווען נאַטירלעך אין דער צײַט פון אונטערגאַנג פון דער רוימישער אימפּעריע. איצטער אָבער איז ער רעאַקציאָנער״.

זײַן מיינונג אילוסטרירט אַבטשוק מיט עטלעכע סטראָפעס פון אַקסעל־ראָדס ליד, וואָס איר האָט זי נאָר וואָס געלייענט. און דער באמת אויפגע־בראַכטער, דרײַסיק־יאָריקער פּוריטאַן שרײַט אויס מיט פאַרביטערונג: קאַראַול! דאָס זענען דאָך ״כּמעט אַפּיִנישע נעכט אין דער ראַטן־ווירקלעכ־קייט!״.

״עפּיקורייִזם, באַזינגען די הי־שעה — איז איינע פון די פינף אָפּנויי־גונגען אין דער ייִדיש־סאָוועטישער ליטעראַטור״ — אַזוי שרײַבט ער אין אַרײַנפיר צו דעם זעלבן אַרטיקל[80], און ״אָט די ׳עפּיקורעיִשע׳ במחילה מאָטיוון, צונויפגעבונדן מיט אָפּקלאַנגען פון דער יעסענינשטשינע פאַרמיס־טיקן נאָך ביז איצט אונדזער דיכטונג און מיט זיי מוז עס געפירט ווערן אַ פאַרעקשנטער קאַמף״.

זעליק אַקסעלראָד, דער פון גאָט געבענטשטער, ביז גאָר אָריגינעלער ייִדישער דיכטער, איז דעמאָלט געווען די צילברעט פאַר די סאָוועטישע אָפיציעלע קריטיקערס (פאַר ב. אָרשאַנסקין, פאַר י. בראָנשטיינען, פאַר כ. דוניעצן, פאַר י. דאָברושינען, און פאַר וועמען ניט?). כּמעט אַלע זענען מודה געווען: יאָ, ביסט אַ גרויסער טאַלאַנט, און דאָך ביסטו שיִער ניט אַ קאָנטררעוואָלוציאָנער און ברענגסט שאָדן דער ראַטנמאַכט, און מיר מוזן קעמפן קעגן דיר, שלאָגן, שלאָגן אַזוי לאַנג ביז דו וועסט ווערן אַזאַ ווי די פּאַרטיי פאָדערט. האָט מען אים געשלאָגן... דווקא פאַר אַלע גרויסע

80 אַ. אַבטשוק, ״אויף פרעמדע וועגן״, פּראָליט, נומ׳ 8־9, נאָוועמבער־דעצעמבער 1928, זז׳ 87־8.

מעלות, וואָס כאַראַקטעריזירן אַן אמתן פּאָעט: פאַר וואָס גייסטו מיט דײַן אייגענעם אינדיווידועלן דיכטערישן וועג און ניט מיטן אַלגעמיינעם שטראָם פון דער קאָמוניסטישער פּאָעזיע? ווי לאַנג וועסטו נאָך אַרומבלאָנקען אויף אייגענע זײַטיקע וועגן? פאַר וואָס זענען דײַנע לידער אָנגעזאַפּט מיט רעאַקציאָנערער אינזיכישער שטילקייט?

אָבער מיר דאַכט זיך, אַז קיינער, וואָס איז אַרויסגעטראָטן קעגן אַק־סעלראָדס עבירות, האָט פערזענלעך אַזוי ניט געליטן פון אַקסעלראָדס באָהעמישקייט, ווי אַברהם אַבטשוק. זײַן שרעק פאַר איבערגעטריבענער פרייד, ווי אויך פאַר יעדער אומעטיקער שטימונג, וואָס פלעגט זיך דאָ און דאָרט אַרײַנגנבענען אין די שאַפונגען פון די סאָוועטישע ייִדישע שרײַבערס, איז געווען ניט קיין אומזיסטע. די פּאַרטיי האָט דאָך אים געלערנט, אַז זיי טראָגן אין זיך אַ סכּנה צו פאַרדאַרבן די מוחות און הערצער פון סאָוועטישן לייענער און אַזוי איז דאָס טאַקע געווען. וואָס דאַרפט איר ווײַט זוכן? אַקסעלראָדס לידער און די (גאָר ווייניקע) ענלעכע צו זיי, זענען דעמאָלט געווען פּאָפּולער בײַ דער קיִעווער ייִדיש־ריידנדיקער יוגנט, אַפילו פאַר־טייערס האָבן זיי ליב געהאַט צו דעקלאַמירן, פאַרשטייט זיך, ניט אויף אָפענע אָוונטן, נאָר אויף קלענערע היימישע וועטשערינקעס. דעקלאַמירט האָבן מיר זיי מיט יוגנטלעכן פּאַטאָס און באַשאָנקען פלעגן זיי ווערן מיט גאָר הייסע אַפּלאָדיסמענטן.

דאָס איז געווען אַ באַשײַמפּערלעכער דיסציפּלין־בראָך סײַ מצד די, וואָס האָבן דעקלאַמירט, סײַ מצד די וואָס האָבן אַפּלאָדירט. וואָרעם אַזעלכע ניט געווונטשענע שאַפונגען פלעגן דאָך אין די אָפיציעלע ״דעקלאַמאַטאָרס״ ניט אַרײַנגענומען ווערן. ״דעקלאַמאַטאָרס״ פאַר קינסטלערישער זעלבסטע־טיקייט פלעגן דעמאָלט אַרויסגעגעבן ווערן אויף אַ סך שפּראַכן און אויף ייִדיש אויך. אַהער פלעגן זאָרגעוודיק אָפּגעקליבן ווערן רעוואָלוציאָנערע, שטרענג אויסגעהאַלטענע לידער, טשאַסטושקעס, פעליעטאָנען — נאָר אַזעלכע, וואָס דער שטרענגער אָפּטייל פאַר אַגיט־מאַסאָווער אַרבעט אין פּאַרטיי־קאָמיטעט האָט באַשטעטיקט. אמת, מ׳האָט נאָך דעמאָלט פאַר אַזאַ מין דיסציפּלין־ברעכן ווי זינגען אַ דעקאַדענטיש ליד, ניט אַרעסטירט, אָבער פּאַרטייִשע און אומפּאַרטייִשע פּרומאַקעס האָבן ניט אויסבאַהאַלטן, אַז זיי זענען שאָקירט און גוט פאַרגעדענקט די בעלי־עבירהניקעס. זיי פלעגן ניט זעלטן מיט יאָרן שפּעטער אַרויסשלעפּן אויף דער ליכטיקער שײַן פון זייער וואַכזאַמען זכּרון אַזאַ ״באָהעמישן״ טאַט פון אַן איצטיקן פּאָליטישן

בעל־עבירהניק, ווי אַ באַשײַמפּערלעכן באַווײַז, אַז ער איז שוין לאַנג־לאַנג ניט געשטאַנען אויף דער געהעריקער הייך — אַ סימן? איר געדענקט ניט? דעמאָלט און דעמאָלט האָט ער אויף אַ יענעם צוזאַמענקונפט געשטיצט די אַנטי־סאָוועטישע יעסענינשטשינע: געזונגען זייערע לידער.

דאָס טראַגיש־קאָמישסטע איז געווען דאָס, וואָס ניט נאָר מיר אַלע, וועלכע האָבן צוזאַמען געזינדיקט, נאָר אויך דער ״הויפּט־שולדיקער״ גופא האָט שוין לאַנג געהאַט פאַרגעסן אין זײַן ״עבירה״ און ניט אויף איינעם פון אונדז האָט בשעת־מעשה אַ ציטער געטאָן די הויט: ״הײַנט אים, מאָרגן מיך...״

אַזאַ טראַגיש־קאָמישע מעשה האָט זיך אָפּגעשפּילט אויף איינער אַן אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג פון אינסטיטוט פאַר ייִדישער קולטור, און ווי פּראָקוראָר איז דעמאָלט דערשינען ניט קיין אַנדערער ווי שעכטער — דער פאַראַנטוואָרטלעכער סעקרעטאַר פון אינסטיטוט.

שעכטער איז געווען אַ מנובל און אָנגעטאָן אַ סך צרות אין דער ייִדישער סביבה. נאָך דעם ווי די פּאַרטיי האָט ליקווידירט דעם אינסטיטוט און אַרעסטירט אַ טייל זײַנע מיטאַרבעטערס, האָט ער אָפן גערדראָט די נאָך ניט אַרעסטירטע ייִדישע קולטור־טוערס: ״אָט דאָ ליגט דער גורל פון יעדן איינציקן פון אײַך״, אָנווײַזנדיק אויף זײַן אָפּגעריבענעם פּול־געפּאַקטן פּאָרטפעל, מיט וועלכן ער האָט זיך קיין מאָל ניט געשיידט.

ווען איך בין אין 1941, עטלעכע טעג פאַרן באָמבאַרדירן די שטאָט דורך די דײַטשן, געקומען מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ קיין קיִעוו, געשיקט פון נאַלטשיקער פּעדאינסטיטוט אויף אַ קאָנסולטאַציע צו מײַן פרײַנד און לערער פּראָפ׳ רעזניק, האָבן מײַנע אַלטע גוטע פרײַנד, נחמן ראָזענבערג, אַלעקסאַנדער געלבמאַן און אַפילו פרומע פּאַרטייערס, וואָס האָבן ריזיקירט זיך צו באַגעגענען מיט מיר, דער אַנטרונענער פון ביראָבידזשאַן, אין דער שטיל געוואָרנט: ״למען־השם, היט זיך אויס פון שעכטערן, ער ווייס ניט, אַז דו ביסט אויף דער פרײַ...״ און ווען איך האָב אים, ווי אויף צו להכעיס, צופעליק איינעם אַ טאָג דערזען אויף קרעשטשאַטיק, בין איך שנעל אַריבער אויפן אַנטקעגנדיקן טראָטואַר און זיך גיך אויסגעמישט מיט דעם שפּאַ־צירנדיקן עולם. צי האָט שעכטער בלויז געסטראַשעט דעם צעשראָקענעם עולם? צי האָט ער ווירקלעך געדינט דער מ.ג.ב.? ווער קען עס וויסן?

זעליק אַקסעלראָדן האָט די נ.ק.וו.ד. געשאָסן גלײַך נאָך דעם אויס־בראָך פון דער דײַטש־סאָוועטישער מלחמה — דעם 26סטן יוני 1941. ווען

דעם מאָרד דערמאָנט מיט קיין וואָרט ניט דער מאָסקווער "סאָוועטיש היימלאַנד" אַפילו דעמאָלט, ווען ער פּרווט געבן זײַנע אומפאַרשעמט געפעלשטע ידיעות וועגן דעם טאַלאַנטפולן יידישן ליריקער.

זיין רבי

אין זײַן וואָלינער היים — טאָרטשין און לוצק — האָט אַבטשוק געפירט די פּראָקאָמוניסטישע קולטור־טעטיקייט צוזאַמען מיט זײַנע בני־עיר — די צוויי ברידער שפּראַך — אפרים [81] און דוד. שפּעטער, אין קיִעוו, האָט ער ליב געהאַט צו ריידן וועגן זיי ביידן:

"פון דודלען האָב איך זיך אויסגעלערנט ליב האָבן דאָס בוך, אָבער פרויקען האָב איך אַ סך מער צו פאַרדאַנקען — כ'בין זײַן תלמיד, ער האָט פאָרמירט ניט בלויז מײַן פאַרטייאישן וועלטבאַנעם, נאָר אויך מײַן כאַראַק־טער". דערציילן פלעגט ער וועגןביידן מיט שטאָלץ און ליבע.

איך האָב ביידע ברידער גוט געקענט, וואָרעם ביידע האָבן שוין איצט געלעבט אין ראַטן־פאַרבאַנד. מיט דודלען האָב איך זיך באַקענט אין אָדעס, וווּ ער האָט געוווינט. ער איז פאַרבליבן אַן אומפאַרטייאישער, געשמט אַלס געבילדעטער און ביז גאָר באַשיידענער מענטש. זײַן מילדער כאַראַקטער האָט אים געמאַכט שטאַרק באַליבט אין די קרײַזן פון דער יידישער נאַציאָ־נאַלער אינטעליגענץ, איבער הויפּט בײַ די אומפאַרטייאישע לערערס פון די אָדעסער סאָוועטיש־יידישע שולן. ניט "דוד", נאָר "דודל" האָט מען אים דאָ גערופן. און ווירקלעך, ס'איז שווער געווען בײַצושטיין דעם שטילן צויבער זײַנעם.

מיט פרויקע שפּראַך פלעג איך זיך אָפט באַגעגענען אויף פאַרטיי־אַרבעט. להיפוך צו זײַן יינגערן ברודער, איז ער שנעל פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ טיפּישן האַרטן פאַרטיי־טוער. הגם ס'האָט אויף אים געדריקט זײַן קורצע בונדישע פאַרגאַנגענהייט, איז ער גיך געשטיגן אויפן פאַרטייאישן לייטער. פאַרנומען הויכע פּאָסטנס פריִער אין סאָוועטישן ווײַסרוסלאַנד, דערנאָך אין דער סאָוועטישער אוקראַיִנע: געווען פאַרוואַלטער מיט די

81 דער, וועמען הערש סמאָליאַר רופט אָן אין זײַן בוך פון אינווייניק פּייוול, איז ניט פּייוול, נייערט אפרים, פרויקע שפּראַך.

יידסעקציעס פון בילדונגס־אָפּטייל אין אַ ריי קרײַזישע שטעט מיט אַ גרויסער יידישער באַפעלקערונג. זײַן פעסטע האַנט, דאָס הייסט די דיק־טאַטאָרישע פאַרטיי־ליניע, מיט וועלכער ער צייכנט זיך אויס בײַ דער דאָזיקער אַרבעט, ווערט הויך געשאַצט, און דער צ"ק קפּ(ב)"או טרויט אים אָן דעם פּאָסטן פון הויפּט־רעדאַקטאָר פון דער יידישער טאָגצײַטונג דער שטערן אין כאַרקאָוו. אפרים שפּראַך איז אויך געווען מיטרעדאַקטאָר פון דער יידישער טאָגצײַטונג רויטע גוואַרדיע (אָרגאַן פון צ"ק פון קאָמוניסטישן יוגנט־פאַרבאַנד אין אוקראַיִנע), געווען מיטרעדאַקטאָר פון אַ ריי פּאָליטישע און ליטעראַרישע יידיש־סאָוועטישע צײַטשריפטן און פאַרעפנטלעכט אין זיי אַ סך אַרטיקלען, איבער הויפּט אויף פאַרטייאישע טעמעס. אַגב האָט ער נאָך ביז דער ראַטנמאַכט פאַרעפנטלעכט אייגענע ליטעראַרישע שאַפונגען און אויך לידער, איבערגעזעצטע פון פרעמדע שפּראַכן.

שפּעטער פירט אים די פאַרטיי אַריבער קיין מאָסקווע, און דאָ ווערט ער באַשטימט ווי פאַרטרעטער פון משה ליטוואַקאָוון — דעם הויפּט־רעדאַקטאָר פון דער יידישער טאָגצײַטונג דער עמעס.

און צום סוף — כ'מיין, אַז קיין טרעפלעכערע כאַראַקטעריסטיק פון אפרים שפּראַך, ווי אָט די, האָט נאָך קיינער ניט געגעבן:

"געווען אַזאַ ייד שפּראַך, האָט ער מיר אַ מאָל געזאָגט, אַז ווען די רעוואָלוציע הייסט אים דערשיסן זײַן טאַטן, וואָלט ער קיין מינוט ניט געטראַכט און וואָלט עס געטאָן".

אַזוי שרײַבט וועגן אים אַברהם גאָלאָמב פון לאָס־אַנדזשעלעס, אין זײַן בריוו צו מיר, וועלכער איז אָנגעקומען קיין ירושלים דעם 27 מײַ 1974.

פאַר מיר איז ניטאָ קיין ספק, אַז אפרים שפּראַך האָט מיט זײַן אײַזער־נעם כאַראַקטער געהאַט אַ דאָמינירנדיקן אײַנפלוס אויף אַברהם אַבטשוקס אומקראָמפּראָמיסלעכער דאָגמאַטישקייט אין זײַנע ליטעראַרישע אָנשויונגען, און דערפאַר איז אפשר ניט איבעריק געווען צו דערציילן דאָ אייניקע פּרטים וועגן שפּראַכן ווי אַ שטאַרק באַגלייבטן מענטשן אין די העכסטע פאַרטיי־פענצטער, וועלכע האָבן אים טאָקע פאַר זײַן אײַזערנער האַנט אין דער יידישער קולטור־אַרבעט אָנפאַטרויט אַזעלכע וויכטיקע אידעאָלאָגישע פּאָזיציעס.

אַרעסטירט האָט מען אים אין מאָסקווע נאָך איידער מ'האָט צוגענומען ליטוואַקאָוון.

מוות בנשיקה
אָדער
ווען מען שטראָפט די טאָכטער און מען מיינט די שנור

ווען אין איין שיינעם פרילינגטאָג איז באַוווּסט געוואָרן דער באַשלוס פון צ״ק אַלק״פ (ב) פון 23סטן אַפריל 1932, אַז די ״אַסאָציאַציע פון פראָלעטאַרישע שרײַבערס״ ווערט פראָסט־פשוט ליקווידירט, איז אויף זיי אַלע געווען אַן אמתער רחמנות צו קוקן, און אויף אַבטשוקן אפשר מער פון אַלעמען. וואָרעם ער האָט ערלעך געגלייבט, אַז די שיף פון דער אמתדיק רעוואָלוציאָנערער ליטעראַטור וועט איצט זיכער אונטערגיין.

הגם זינט אַ צײַט זענען אַרומגעגאַנגען קלאַנגען און ווו ניט ווו האָט זיך אין אַן אַרויסטרעטונג פון אַ הויכגעשטעלטן טוער געהערט אַ שוואַכער אָנדײַט, פון וועלכן מ׳האָט געקענט דרינגען, אַז די פּאַרטיי גרייט צו אַ סורפריז אין איר פּאָליטיק לגבי ליטעראַטור און קונסט, האָט דאָך דער באַשלוס געטראָפן די ייִדיש־סאָוועטישע קולטורוועלט ווי אַ דונער אין מיטן העלן טאָג.

און — אין גאַנצן מיט עטלעכע וואָכן פאַר דעם באַשלוס צו ליקווידירן דעם ״ראַפפ״ און ״וווספפ״, וועלכע ״שטערן שוין איצט דער ווײַטערדיקער אַנטוויקלונג פון דער סאָוועטישער ליטעראַטור״, האָט דער צענטראַל־קאָמיטעט פון אוקראַיִנישן קאָמיוג, לויט דער איניציאַטיוו פון דער ייִדישער יוגנט־צײַטונג יונגע גוואַרדיע אין פעברואַר 1932 אָרגאַניזירט אַן אימפּאָזאַנטע קאָנפערענץ פון די יוגנטלעכע ייִדישע שרײַבערס. געקומען זענען ניט בלויז די צענדליקער פענמענטשן פון כאַרקאָוו, קיִעוו, אָדעס, דאָנבאַס, נאָר אויך געסט — יוגנטלעכע פון ווײַסרוסלאַנד און פון מאָסקווע.

און ווי אויף צו להכעיס איז דער טאָנגעבער דאָ געווען דער פאַרביסנסטער שונא פון די ״פרעמדע עלעמענטן״ אין דער ייִדישער ליטעראַטור — אַברהם וועוויאָרקע.

נו, האָט מען זיך געספראַוועט מיט דעם ביסל ״מיטלויפערס״, מיט דעם ביסל פרעמדע עלעמענטן, איבער הויפט צווישן דעם עלטערן דור ייִדישע שרײַבערס, וועלכע זענען נישט ווערט, וואָס די סאָוועטישע ערד טראָגט זיי, וואָס זיי פאַרדינען דאָס שטיקל סאָוועטיש ברויט וואָס זיי עסן. די ייִדישע פרעסע האָט געדרוקט באַריכטן וועגן די אויפטוען פון דער קאָנפערענץ.

אָבער, ווי געזאָגט, מ׳האָט זיך ניט באַוויזן אַרומצוקוקן, ווי ס׳איז אַרויס דער באַשלוס וועגן דעם, אַז די פראָלעטאַרישע אַסאָציאַציע האָט שוין איר ראָלע אָפגעשפילט און ווערט ליקווידירט.

און דאָס איז נאָך ניט אַלץ: אין דעם דאָזיקן באַשלוס איז דאָך שוואַרץ אויף ווײַס געזאָגט, אַז... עס איז גאָר אַ געפאַר, אַז די פראָלעטאַרישע שרײַבערס, וועלכע האָבן זיך ביז יענעם טאָג געהאַלטן פאַר דעם אייבערשטן פון שטייסל, קענען חלילה טאָרמאָזירן דעם ווײַטערדיקן וווקס פון דער סאָוועטישער ליטעראַטור.

האָט די כאַרקאָווער קאָנפערענץ פלוצעם אויסגעזען אין אונדזערע אויגן ווי אַן אומאָנגענעמער פּאָליטישער קוריאָז. דער נײַער באַשלוס פון צ״ק האָט, איידל גערעדט, געשטעלט אין גרויס פאַרלעגנהייט די אָרגאַניזאַטאָרן פון דער נאָר וואָס פאַרענדיקטער ייִדישער יוגנט־קאָנפערענץ, און מ׳האָט זיך באַמיט צו פאַרגעסן וועגן איר. אָבער אין ראַטן־פאַרבאַנד גיט מען דיר ניט קיין צײַט צו טראַכטן און איבערטראַכטן — הײַנט האָט די פּאַרטיי פאַרעפנטלעכט אַ באַשלוס, און טאָקע שוין הײַנט, צום שפעטסטן מאָרגן דאַרפסטו דערווײַזן דער וועלט, אַז די פּאַרטיי איז גערעכט און איר מישפט איז גערעכט, און אַז איך, דו — מיר אַלע, קעגן וועלכע דער באַשלוס איז געצילט, זענען טאָקע באַגאַנגען אַ פאַרברעכן. און דײַן צעמישונג, אָדער חס־וחלילה ספקות, טאָרסטו פאַר קיינעם ניט אַרויסווײַזן, נאָר שוין — אויף אַן אָרט — זיך איבערבויען״.

אַבטשוק איז אין יענע טעג אַרומגעגאַנגען אַ צעחושטער, ווי אויפן עולם־התוהו. ווי יעדער פראָלעטאַרישער שרײַבער, האָט ער באַדאַרפט תיכף־ומיד אידעיִש זיך איבערבויען. פאַר דער אידעיִשער איבערבויונג פון יעדן פאַרזינדיקטן האָט שוין דעמאָלט עקסיסטירט אַ פעסט אײַנגעשטעלטער פאַרטייִשער סטאַנדאַרט: פון דער זעלביקער טריבונע, פאַר דעם זעלביקן פובליקום, פאַר וועלכן דו האָסט ערשט נעכטן געפריידיקט, אַז די זאַך, די געשעעניש, איז קלאָר ווײַס און הייליק פאַר דער רעוואָלוציע, דאַרפסטו הײַנט זאָגן: ניט קלאָר ווײַס, נאָר חושך און שוואַרץ, ניט הייליק, נאָר שעדלעך פאַר דער רעוואָלוציע איז דאָס. און דו דאַרפסט גוט געדענקען: דײַן שטים טאָר איצט קיין ציטער ניט טאָן.

דײַן אַרויסטרעטונג דאַרף אָבער זײַן געבויט ניט אַבי ווי, נאָר לויט אַ שטרענגן סדר: דאַרפסט וויסן וואָס זאָגן פריִער און וואָס זאָגן שפעטער. און דער סדר איז געווען אַזאַ: טעזיס נומער איינס — קודם־כּל דאַרפסטו

לויבן די געניאַלע גערעכטיקייט פון חבר סטאַלין, וועלכער האָט אַקוראַט צו דער צײַט איבערגעהאַקט די שעדלעכע פאַר דער רעוואָלוציע טעטיקייט, דאָס מאָל — פון דער אַסאָציאַציע פון די פּראָלעטאַרישע שרײַבערס. נאָך דעם באַדאַרף גיין דער טעזיס נומער 2, דאָס הייסט די צווייטע טייל פון דײַן אַרויסטרעטונג. אין איר דאַרפסטו זיך קלאַפּן על־חטא פאַר די ביז איצט (דאָס מאָל — ביז דעם 23סטן אַפּריל 1932) דורך דיר פערזענלעך באַגאַנגענע אידעאָלאָגישע פעלערן אין די אייגענע שאַפונגען און אין די מינדלעכע אַרויסטרעטונגען דײַנע.

און איצט קומט ערשט דער דריטער טעזיס פון דײַן רעדע: דאַרפסט מיט אַן אויפגערעגטער שטים אויפדעקן, דעמאַסקירן די פּאָליטישע פעלערן אין די אַרבעטן פון אַנדערע שעפערס, און דו טאָרסט ניט פאַרגעסן אַ וויכטיקן פּאַרטייִשן פּרינציפּ: ווי גרעסער ס'וועט זײַן זייער צאָל און ווי שטרענגער דו וועסט וועגן זיי רײדן, אַלץ גלײַכער איז פאַר דיר, (אָ, ווי גוט מיר אַלע האָבן זיך אויסגעלערנט די דאָזיקע קונסט!).

נאָך הײַנט זע איך: בײַ אַ ווינקלטישל אין לייענזאַל פון אינסטיטוט פאַר ייִדישער קולטור זיצט אַ מענטש, אַ בלאַסער, אַ נידערשלאָגענער. ער שרײַבט און מעקט. שרײַבט אויף ס'נײַ און מעקט ווידער. דאָס איז מײַן חבר אַברהם אַבטשוק. אָ, ווי גוט איך פאַרשטיי איצט זײַן לאַגע: ער איז, זעט אויס, בשום־אופן ניט בכּוח צו קאָנצענטרירן זײַנע געדאַנקען אויף דער אָנגעשריבענער אין דער היים חרטה־רעדע, וואָס ער מוז הײַנט האַלטן וועגן דעם "עפּאָכע־מאַכנדיקן" באַשלוס פון דער פּאַרטיי. זעט אויס, טראַכט איך, אַז ערשט איצט, אין די סאַמע לעצטע שעהען, האָט אַברהם דערזען ווי ווײַט זײַן צוגעגרייטע רעדע טויג נישט. און אפשר האָט ער געפונען אין איר גליטשיקע ערטער? ער מוז דאָך זײַן פײַער־געהיט און פאָרזיכטיק — "החיים והמות ביד לשונו". מיר ווייסן דאָך אַלע שוין צו גוט, אַז אין קיין שום ווינקעלע פון דער גרויסער וועלט איז דער דאָזיקער פּסוק ניט אַזוי אמת ווי בײַ אונדז אין אונדזער סאָציאַליסטישן היימלאַנד — טאָ זאָל זיך, חלילה, אין זײַן הײַנטיקער זעלבסקריטישער אַרויסטרעטונג ניט אַרײַנגנ־בענען אַן איבעריק אָדער אומפאָרזיכטיק וואָרט!! איך ווינטש אים דאָס פון גאַנצן האַרצן.

אָ, איך ווייס גוט, וואָס ס'דערוואַרט הײַנט אָוונט אַבטשוקן. דער גורל האָט געוואָלט, אַז כּמעט פון די ערשטע טעג זינט כ'בין מיט 6 יאָר צוריק אַהערגעקומען פון פּוילן, בין איך, לויטן ווילן פון דער פּאַרטיי, אַרײַנגע־

וואַקסן מיט לײַב און לעבן אין דעם, וואָס מ'האָט גערופן "די ייִדיש־סאָוועטישע קולטור־סביבה", מיט אַלע אירע פינצטערע און אַזוי ווייניק ליכטיקע געשעענישן, זיך געקאָכט אין איר הייסן קעסל.

בין איך דאָ שנעל "פּאָליטיש רײַף" געוואָרן. רײַפער ווי פיל מײַנע חברים, וואָס האָבן ניט געהאַט דעם "מזל" ווי איך. און איך זע שוין אין מײַן דמיון אַבטשוקן, ווי ער שטייט אויף דער בינע פון קיִעווער ייִדישן קלוב "קאָמפּאָן"... און נישט ווילנדיק פאַרבײַסן זיך ביז ווייטיק מײַנע ליפּן.

...אַבטשוק ווייסט פון דערפאַרונג (אַלע ווייסן מיר דאָס): אין אַזעלכע פאַלן איז צום בעסטן אַרויפצוצײַען אויף זיך וואָס מער אייגענע פעלערן.[82] דאָס איז אַן אויסגעפּרוּווטער מיטל צו פאַרלויפן דעם וועג דײַנע חברים — דאָס מאָל פֿון דער פּראָלעטאַרישער אַסאָציאַציע: ניט געבן זיי קיין איבע־ריקן קאָזיר צו נעמען אַ וואָרט און זאָגן "דער ח' אַבטשוק האָט פאַרשוויגן אַזעלכע און אַזעלכע פעלערן זײַנע, און אַזוי אַרום האָט ער זיך נאָך ניט גענוג אידעיִש אַנטוואָפנט".

און דעמאָלט ווערט דײַן פּאָליטישע לאַגע נאָך שווערער: דו דאַרפסט ווידער אַ מאָל און נאָך אַ מאָל בעטן אַ וואָרט און אַרויפגיין אויף דער בימה

82 איז דען אַ צופאַל, וואָס אין דער קיִעווער ייִדישער קולטור־סביבה איז דאָס אַל־טע ייִדישע שפּריכוואָרט "פון על־חטא ווערט מען ניט פעט" פאַרוואַנדלט געוואָרן אין זײַן קעגנזאַץ? מיר האָבן עס איבערגעמאַכט אַזוי: "אָן על־חטא ווערט מען ניט פעט" און "פון על־חטא וועסטו ווערן פעט".
מיטן לויף פון דער צײַט זענען מיר — די מיט לײַב און לעבן איבערגעגעבענע דער פּאַרטיי — געוואָרן אַזוי צוגעוווינט צו דער דאָזיקער משונהדיקער ליגנע־רישער לאַגע, אַז מיר פלעגן דעם דאָזיקן אומפאַרשעמטן עכט סאָוועטישן אמת באַנוצן וואָס אַ מאָל זעלטענער מיט איראָניע, און אַלץ עפטער מיט טיפער רעזיג־נאַציע, און אַפילו די ערלעכסטע פון מײַן סביבה האָבן אַזוי אַרום שלום געמאַכט מיט אָט דער דעמאָראַליזירטקייט: מיטגעמאַכט דעם שדים־טאַנץ.
כ'וויל, אַז דער לייענער זאָל וויסן, אַז איך רייד דאָ ניט וועגן די קאַריעריסטן, וואָס האָבן ניט אויסגעפעלט אין דער ייִדישער קולטור־סביבה, און אויף אַ ציי־נישן אופן געשלאָגן פערזענלעכן פּאָליטישן קאַפּיטאַל אויך אין אַזעלכע פאַלן — אָפּט מאָל געגאָסן אייל אויפן פײַער אָן שום אינערלעכער באַציִונג צו דער ייִדישער קולטור־אַרבעט. געווען אַזעלכע וועלכע וואָלטן גערינט יעדער מאַכט, אַבי צו לעבן וואָס גרינגער. יעדע דערמאָנונג וועגן אָט די פאַרשוינען פאַרשאַפט מיר נאָך הײַנט אַ געפיל פון עקל, און דערפאַר שרײַב איך ניט וועגן זיי.

און מסכּים זײַן — "יאָ, די חברים זענען גערעכט. כ'האָב נאָך ניט גענוג טיף באַנומען די פּאָליטישע פעלערן מײַנע, ניט דערשאַצט זייער שעדלעכקייט. אָבער כ'זאָג אײַך פֿײַערלעך צו: כ'וועל זיי פֿאַרריכטן אין דער נאָענטסטער צײַט, כּדי ווידער געווינען דעם צוטרוי פֿון דער פּאַרטיי און פֿון סאָוועטישן לייענער".

צי קען זיך דער הײַנטיקער לייענער פֿאָרשטעלן ווי פּײַנלעך עס איז זיך צוצוהערן צו אָט די חרטה־רעדעס פֿון דעם באַשולדיקטן? און זיך צוקוקן ווי יעדער מאָל, ווען ער גייט ווידער און ווידער אַ מאָל אַרויף אויף דער בימה, ווערט זײַן פּנים אַלץ בלאַסער און בלאַסער און זײַן שטים אַלץ נעבעכדיקער? אָבער כ'וויל איר זאָלט אויך וויסן, אַז גלײַכצײַטיק מיט די דאָזיקע שווערע איבערלעבונגען פֿון דעם געשלאָגענעם און פֿון די וואָס שלאָגן אים, טליעט אין אונדזער באַוווסטזײַן דער גלויבן (אמת, וואָס אַ מאָל שוואַכער און שוואַכער), אַז "מן־הסתּם איז די פּאַרטיי גערעכט", אַז "עס זיצן דאָך אין פּאָליט־ביוראָ די דערפֿאַרנסטע באָלשעוויקעס" — און דאָס מאַכט פֿאָרט אַ ביסל לײַכטער אונדזער אַלעמענס געמיטער.

... אַבטשוק ווייסט אויך און מיר אַלע ווייסן, אַז די פּאַרטיי־עטיק פֿאָדערט: דווקא זײַנע בעסטע גוטע פֿרײַנד (און אויך די, וועלכע זענען באַגאַנגען די זעלבע פֿעלערן, וואָס ער), טאָרן אים הײַנט ניט שוינען. און נאָך עפּעס ווייסט ער: וואָס נענטער ס'איז מיט אים דער, וואָס וועט הײַנט אָונט נעמען אַ וואָרט, אַלץ שאַרפֿער דאַרף זײַן די אַרויסטרעטונג זײַנע קעגן דעם שולדיקן. ער מוז אַזוי האַנדלען ניט בלויז כּדי צו באַווײַזן זײַן אייגענע פּאַרטייִשקייט, נײַערט אויך זײַן אָביעקטיווקייט — אַזוי פֿאָדערט די פּאַרטיי־עטיק.

מיר ווייסן אויך אַלע, אַז אין פּאַרטיי גילט דער זאָג: "ס'איז וויכטיק ניט בלויז וואָס דו זאָגסט, נײַערט אויך ווי אַזוי דו זאָגסט". דעריבער פֿאָדערט זיך אַז דער טאָן פֿון דײַן באַשולדיקונגס־רעדע קעגן דײַן פֿרײַנד זאָל זײַן אַ פֿעסטער, אַ זיכערער. דײַן שטים זאָל חלילה קיין ציטער נישט געבן, ווען דו מאַכסט אים מיט דער בלאָטע צו גלײַך, ניט וויכטיק, וואָס אין האַרצן בײַ זיך פֿילסטו אַזאַ מאָדנע קלעמעניש, דו ווייסט דאָך, אַז ער איז דער געטרײַסטער אָנהענגער פֿון דער סאָוועטן־מאַכט, און אַז ער האָט פּונקט אַזוי ווי אַלע פֿון דער אַסאָציאַציע ערלעך אויסגעפֿילט בלויז און נאָר דאָס, וואָס די פּאַרטיי האָט געהייסן.

הגם מיר פּערזענלעך פֿעלן דעמאָלט אויך ניט אויס קיין אידעאָלאָגישע

דאגות (אין גאַנצן מיט עטלעכע חדשים צוריק האָט דער צ"ק אַלק"פּ(ב) געהאַט אויפֿגעדעקט "שרײַענדיקע פּאָליטישע פֿעלערן אין די סאָוועטישע פּעדאַגאָגישע וויסנשאַפֿטן", צו וועלכע איך האָב איצט געהאַט אַ דירעקטן שײַכות, און אין מײַנע אייגענע אָנפֿאַנגערישע, אַזוי גערופֿענע וויסנשאַפֿטלעכע אַרבעטן, האָט אויך ניט געפֿעלט קיין פּאָליטישע אָפּנויגן [82א]. און כאָטש איך ווייס, אַז וואָס שאַרפֿער ס'וועט זײַן אויף די "רעוויזיעס" אין יעדער סעקציע פֿון אינסטיטוט די זעלבסטקריטיק פֿון אירע מיטאַרבעטערס און דאָס דעמאַסקירן די פֿעלערן איינער בײַם אַנדערן, אַלץ געזינטער וועט הייסן אונדזער פּאַרטיי־קאָלעקטיוו, און הגם איך ווייס, אַז וואָס מער מענטשן ס'וועלן אַרויסטרעטן מיט שאַרפֿע אָנפֿאַלן אויף די זינדיקע, אַלץ בולטער וועט זײַן דער באַווײַז פֿאַר די העכערע פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס, אַז דאָס פּאַרטיי־קעמערל פֿון אונדזער אינסטיטוט (וווּ איך בין פֿון די, וואָס דרייען, כּלומרשט, דאָס רעדל) שטייט אויף דער געהעריקער וואַך, און איך פּערזענלעך מאַך מיט דעם דאָזיקן שדים־טאַנץ, נעמט מיך דאָך אָן אַ ביטערער רחמנות אויף מײַן חבר און עס גיט מיך אַ צי צו אים.

82א דאָ גייט אַ רייד וועגן דעם באַשלוס פֿון צ"ק אַלק"פּ (ב) וועגן דער שול, פֿון 5 סעפּטעמבער 1931, וועלכער האָט אויפֿגעטרייסלט די גאַנצע סאָוועטישע פּעדאַגאָגישע וועלט. און אין אונדזער פּעדאַגאָגישער סעקציע פֿון אינסטיטוט פֿאַר ייִדישער קולטור, וווּ איך האָב דעמאָלט געלערנט און אייניצייטיק געווען דער סעקרעטאַר פֿון דער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע, האָט זיך געטאָן חושך. אַז איך לייען הײַנט, אין יאָר 1976, די "אידעאָלאָגיש־וויסנשאַפֿטלעכע" רעדע מײַנע אויף דער ספּעציעלער סעסיע, הייבט מיר אָן שווינדלען אין די אויגן, און עס גלייבט זיך קוים: פֿון וואַנען האָט זיך צו מיר גענומען אַזאַ רײַכער קאָמפּלעט "אידעאָלאָגישע" פּוסטע פֿראַזעס? אַזאַ מענטאָרישער טאָן: "בויט זיך איבער!" און לגבי וועמען מיינט איך — לגבי די אמתע געלערנטע, דעם פּראָפֿעסאָר יעקב באָריסאָוויטש רעזניק, ישראל יאַכינסאָן און אַנדערע, וועלכע זענען דעמאָלט געווען און פֿאַרבליבן ביז זייערע לעצטע טעג מײַנע פֿאַקטישע לערערס און האַרציקע גוטע פֿרײַנד? ביידע, סײַ י. רעזניק, סײַ ל. יאַכינסאָן האָבן דערצויגן טויזנטער ייִדישע פּעדאַגאָגן, זענען מחברים פֿון ערנסטע פּעדאַגאָגישע ווערק און האָבן גאָר גרויסע פֿאַרדינסטן פֿאַרן אויפֿבויען דעם סאָוועטיש־ייִדישן שולוועזן, אינסטיטוטן און אַנדערע ייִדישע אַנשטאַלטן.

און ווער בין איך? ניט אַבי ווער: אָט־אָט ענדיק איך דאָך שוין די אַספּיראַנטור און בין אין מיטן פֿון דער מהומה פֿון זיך "מודה זײַן" אין די באַגאַנגענע כּל־מיני פּאָליטישע פֿעלערן ניט בלויז פֿון דער גאַנצער פּעדאַגאָגישער סעקציע, נאָר אויך פֿון אַלע סעקציעס.

"זײַ ניט אַזוי צעטראָגן, אַברהם" — זאָג איך צו אים, אָפּשטעלנדיק זיך אויף אַ רגע בײַ זײַן טישל. אַבטשוק הייבט אויף דעם קאָפּ. דורך די גלעזער פון זײַנע פּענסנע קוקן אויף מיר אַרומגעזוימטע מיט אַ צונטער־רויטן רעמעלע אומרויִקע אויגן. ער קוקט זיך אײַן אין מיר און... שווײַגט... אפשר זעט ער מיך גאָרניט? איך שווײַג אויך. כ׳דערפיל: ווערטער זענען איצט איבעריק, און דאָך פרעגל איך אַרויס אַן אידיאָטישע פראַגע:

— ביסט הײַנטיקע נאַכט ניט געשלאָפן?

— ווער קען עס איצט שלאָפן?! — ענטפערט ער הייזעריקלעך, גיט אַ מאַך מיט דער האַנט און נעמט זיך נערוועז צום מעקן און שרײַבן און מעקן...

איך בין ניט קיין ליטעראַטור־קריטיקער און אויך ניט קיין ליטעראַטור־היסטאָריקער, און ניט איך בין באַרופן צו באַשרײַבן ווי אַזוי עס האָט געווירקט אויף דער ווײַטערדיקער ייִדישער קולטור־אַרבעט אין אוקראַיִנע דער דאָזיקער באַפעל פון דער פּאַרטיי.[83] אָבער אין מײַן זכרון איז געבליבן אײַנגעקריצט דער גרויסער אײַנדרוק, וואָס דער דאָזיקער באַשלוס האָט דעמאָלט געמאַכט אין די ייִדישע קולטור־קרײַזן, און כ׳וועל קיין מאָל ניט פאַרגעסן די ווידעראַנאַנדיקע שטימונגען, וואָס האָבן אַרומגעכאַפּט די ייִדישע שרײַבערס אין יענע "היסטאָרישע טעג" (אַזוי האָט די פּרעסע, אָנגעהויבן פון דער פּראַוודאַ, זיי אַ נאָמען געגעבן). וועל איך פּרוּוון דערציילן וואָס איך געדענק.

דערשראָקענע "ווּסּפּאָוצעס", וועלכע האָבן אָנגענומען ערנסט די ווערטער פון באַשלוס וועגן דער "געפאַר וואָס זיי שטעלן מיט זיך פאָר פאַר דער ווײַטערדיקער אַנטוויקלונג פון דער סאָוועטישער ליטעראַטור" זענען אַרומגעגאַנגען שוואַרץ און פאַרחושכט: נאָך נעכטן זענען זיי דאָך געווען די וואָרטזאָגערס, די הערשערס, און הײַנט האָבן זיי זיך פּלוצעם דערזען אין דער ראָלע פון געשלאָגענע...

אָבער די מער געניטע, דערפאַרענע אָנפירערס זייערע האָבן ווי ס׳געהער צו זײַן פאַרשטאַנען דעם טריק פון דער פּאַרטיי, וואָרעם... נאָר לאָמיר ווײַטער לייענען וואָס איז געשריבן אין דעם דאָזיקן באַשלוס.

83 געהייסן האָט דער דאָזיקער באַפעל "באַשטימונג פון צ״ק אַלק״פּ (ב) וועגן דער איבערבויונג פון די ליטעראַריש־קינסטלערישע אָרגאַניזאַציעס". דאַטע — 23סטער אַפּריל 1932.

איך ציטיר וואָרט בײַ וואָרט: "פאַראייניקן אַלע שרײַבערס, וועלכע האַלטן אונטער די פּלאַטפאָרמע פון דער סאָוועטן־מאַכט און שטרעבן אָנטייל צו נעמען אין דער סאָציאַליסטישער בויונג אין איין אוניפיצירטן פאַראיין פון סאָוועטישע שרײַבערס מיט אַ קאָמוניסטישע פראַקציע אין אים" (אונטערגעשטראָכן א. ר.־ש.).

בלויז אויף אַ ווײַלע האָט זיך אַזעלכע נאַיִווע ווי איך אויסגעדאַכט, אַז אַן אַלגעמיינער פאַראיין פאַר אַלע שרײַבערס איז מצד דער פּאַרטיי אַן אויסדרוק פון... ליבעראַליזאַציע, וואָס מאַכט אַ סוף צו די לײַדן פון די פאַרפאָלגטע "ניט פּראָלעטאַרישע שרײַבערס". אָבער אין גיכן האָט מען זיך געכאַפּט, אַז די אמתע כּוונה פון דעם באַשלוס איז צענטראַליזירן אין איין פעסטער האַנט די פּאַרטיי־השגחה איבער דער גאַנצער סאָוועטישער ליטעראַטור, אומקאָמפּראָמיסלעכער ווי ביז איצט דורכפירן דעם פּאָליטישן דרוק אויף דער שאַפונג פון יעדן איינציקן אָן אויסנאַם סאָוועטישן פענמענטש.

אַנדערש געזאָגט — פון דעם טאָג אָן ווערן פאַרווערט אַלע ביזאיצטיקע ליטעראַרישע גרופּירונגען פון די סאָוועטישע שרײַבערס, וואָס צושטיין צו זיי איז ביזן באַשלוס געלעגן אין די הענט פון יעדן שרײַבער גופא: וווּהין ער האָט געוואָלט איז ער צוגעשטאַנען, פון הײַנט אָן איז יעדער שרײַבער אויס בעל־הבית איבער זיך. די פּאַרטיי האָט באַשלאָסן פאַר אים — דאָס אָרט פון יעדן פענמענטש, וואָס וויל מ׳זאָל אים ניט רודפן, נאָר דרוקן, איז נאָר אין אַלגעמיינעם אוניפיצירטן שרײַבער־פאַראיין.

און אויב ער וויל ניט אַרײַנטרעטן אין דעם אוניפיצירטן פאַראיין? וועט זײַן אָך און ווי צו אים, ער וועט מיט אייגענע הענט אויפהענגען אויף זײַן האַלדז דאָס אַנטיסאָוועטישע שילדל: "כ׳האַלט ניט אונטער די פּלאַטפאָרעם פון דער סאָוועטן־מאַכט און שטרעב ניט אָנטייל צו נעמען אין דער סאָציאַליסטישער בויונג".

איז ווער וועט דאָס האָבן דעם מוט צו באַגיין אַזאַ געפערלעכן שריט, וואָס גרענעצט מיט זעלבסטמאָרד?

אָבער איך האָב דעם זאַץ וועגן גרינדן דעם אוניפיצירטן איין און איינציקן שרײַבער־פאַראיין פאַר אַלע אָן אויסנאַם ליטעראַרישע שאַפערס ניט דערשריבן ביזן סוף, דאַרף איך איצט דאָס טאָן, און לייענט ביטע די לעצטע ווערטער פון זאַץ: "שאַפן אַ פאַראיין מיט אַ קאָמוניסטישער פראַקציע אין אים" (אונטערגעשטראָכן דורך מיר — א.ר.־ש.). אָט די

לעצטע זעקס ווערטער האָבן אויף די "מיטלויפערס" אַרויפגעוואָרפן אַ פינצטערע מרה־שחורה.

אַ קינד אין וויג ווייסט דאָך וואָס פאַר אַ ראָלעס עס שפּילט די קאָמוניסטישע פראַקציע אין יעדן סאָוועטישן אַנשטאַלט — פּראָסט־פּשוט — זי, די קאָמוניסטישע פראַקציע איז דאָ די פאַקטישע דיקטאַטאָרין. און יעדער פּרווו זיך ניט אונטערצוּוואַרפן אירן אַ באַפעל (וואָס רופט זיך באַשלוס) באַטײַט, אַז דו טרעטסט אַרויס קעגן דער פּאַרטיי, און אָך און וויי איז צו אַזאַ לײַכטזיניקן" סאָוועטישן בירגער.

פאַרן מיטגליד פון אוניפיצירטן שרײַבער־פאַראיין, וועלכער האָט ביז איצט ניט געוואָלט שרײַען "הוראַ", האָט דאָס באַטײַט, אַז געשען איז אים פּערזענלעך אַ גרויסער אומגליק: די פּאַרטיי־פראַקציע ווערט איצט זײַן דירעקטער בעל־הבית און וועט פון איצט אָן דיקטירן אַלעמען אָן אויסנאַם וואָס און ווי אַזוי צו שרײַבן. אַזאַ טאָג־טעגלעכן דיקטאַט האָט ער איבער זײַן שאַפונג ביז אַהער נאָך ניט געהאַט. און ער האָט נאָך עפּעס געוווּסט: ווער זשע וועט זײַן די קאָמוניסטישע פראַקציע? — די זעלבע מענטשן וואָס האָבן געהערט ביז איצט צו דער אַסאָצסיאַציע פון פּראָלעטאַרישע שרײַבערס — בלויז זיי זענען דאָך די פּאַרטייערס.

ביז איצט האָבן זיי "אָרגאַניזאַציאָנעל אָנגעפירט" בלויז מיט זייערע אייגענע מיטגלידער, ד"ה מיט די, וואָס האָבן געהערט צו דער אַסאָציאַציע פּראָלעטאַרישע שרײַבערס, און פון איצט אָן גיט זיי די פּאַרטיי די ברכה צו קאָמאַנדעווען איבער אַלע שרײַבערס אָן אויסנאַם...

הגם ליפע רעזניק איז דער עלטסטער ברודער, זאַמלען זיך יעדן שבת אָוונט, ערב דעם "וויכאָדנאָי", אַלע רעזניקעס — זיי זענען עטלעכע ברידער און שוועסטער, בײַ יאַשע רעזניק, און איך מיט נאָך אַ צוויי־דרײַ זענען מיר דאָ ווי אַדאָפּטירטע צו דער משפּחה. (שלמה באָראָדיאַנסקי, שלמה גיטערמאַן, אַלעקסאַנדער געלבמאַן).

אַ מבולבלעלע, אָבער אין גרונט דאָך מלא־שימחה, קום איך, די פּאַרטיי־ערין, ווי אַלע שבת אָוונט אין שטוב פון דעם דעמאָלט נאָך אומפּאַרטייִשן יאַשע רעזניק — מײַן רבין און פרײַנד: ..."איר זענט עפּעס אַ מבין אויף דעם קלאַפּ, וואָס די פאַרריסענע גילדינס און וועוויאָרקעס האָבן באַקומען?!"... שיס איך אַרויס גלײַך ווי רחל, יאַשעס ווײַב, עפנט מיר די טיר. אָבער תּיכּף דערהער איך ליפע רעזניקס צעדודערטע שטים: "מען שטראָפט די טאָכטער און מען מיינט די שנור!"... "מוחל די בערישע טובה!"... "זי

האָט אונדז געפעלט ווי אַ לאָך אין קאָפּ!... דער שידוך געפעלט מיר ניט!"... "מ'האָט אונדז גוט פאַרשלײַערט!"... און יאַשע גיט צו — "מוות בנשיקה!"...

און דווקא זיי, די אומפּאַרטייִשע פרײַנד מײַנע, די וועמענס גײַסטיקער פירער איך, די פּאַרטייערין, דאַרף זײַן — זיי עפענען מיר די אויגן, און שוין ניט צום ערשטן מאָל.

אַגב, דעם ערשטן ווײ־געשריי ווי אַ רעאַקציע אויף דער דאָזיקער גאולה דערהער איך גאָר פון איציק קיפּניס: "וואָס גייט מיר אָן קראָקע, אַז איך בין גאָר אין לעמבערג!" [83א], און "מיט אַ געזונטן קאָפּ לייגן זיי מיר אַרײַן אין אַ קראַנקן בעט!"...

און דאָך — ניט בלויז איך, די פּאַרטייערין, לייג אײַן וועלטן צו פּאָפּולאַריזירן דעם "היסטאָרישן באַשלוס" און "דערווײַזן" שוואַרץ אויף ווײַס דעם גרויסן היסטאָרישן שריט פאָרויס, וואָס דער באַשלוס פון 23סטן אַפּריל ברענגט פאַר די סאָוועטישע שרײַבערס, נאָר אויך זיי — "די באַגליקטע", דאַרפן מאַכן און מאַכן טאַקע אַ גוטע מינע צום שלעכטן וועטער. זיי ווערגן זיך מיט דער ביטערער פּיל, אָבער ניט בלויז זיי שלינגען זי אַראָפּ, נאָר פאַרזיכערן אויף פאַרזאַמלונגען, אַז די פּיל איז געשמאַק און איז אַ סגולה צום געזונט...

אָט אַזוי האָבן מיר געלעבט אַ דאָפּלט לעבן. און דער געוויסן? דער געוויסן ווערט עלאַסטישער פון יאָר צו יאָר, פון חודש צו חודש, פון איין געשעעניש צו דער אַנדערער, ער ווערט נאָכגיביקער, רויִקער, ביז... ער ווערט גאָר אַנטדרימלט, און נאָך דעם דרימל קומט אַ טיפע אַטראָפּיע, ער הערט אויף צו פילן די שאַנד און שפּאָט, וואָס דער מענטש טוט אָפּ איבער זיך גופא.

טראָץ דער גרויסער אויפלעבונג, ריכטיקער געזאָגט, מחמת דעם גרויסן רעש, וואָס די פּאַרטיי האָט פאַראָרדנט צו מאַכן אַרום איר "היסטאָרישן באַשלוס", זענען יידישע מענטשן אַרומגעגאַנגען אין גרויסער צעמישונג, אין פאַרלוירנקייט און אומזיכערקייט: וואָס וועט דער מאָרגן ברענגען? זייער אומרו איז געווען באַרעכטיקט, זיי האָבן קיין טעות ניט געהאַט:

83א ווי קומט צו איציקן דער ריין גאַליציאַנער וויץ? ער פלעגט זיך דעמאָלט אויפמערקזאַם צוהערן צו דעם רייכן אייגנאַרטיקן גאַליציאַנער יידיש. די יידיש־פּוילישע חברה זענען דאַן געווען די אַקטיווסטע און צום מערסטן אַנטוויקלטע יידישע אַרבעטערס אין קיִעוו.

הגם אָפיציעל איז דער אוניפיצירטער שרײַבער־פאַראיין געגרינדעט געוואָרן ערשט אין יאָר 1934, הייבט זיך שוין איצט אָן דער פּראָצעס פון בגוואַלד טאָטאַליזירן דאָס גאַנצע קינסטלערישע לעבן אין ר״פ, וואָרעם ס׳ווערן פאַרעפנטלעכט ענלעכע באַשלוסן וועגן סצעניִשער קונסט, וועגן מוזיק, וועגן מאָלערײַ.

די אַטמאָספער איז וואָס אַ מאָל נערוועזער און אומרויִקער געוואָרן. יעדער שאַפערישער מענטש האָט זיך געפילט ווי ער וואָלט זיך געפונען אונטער אַ גוואַלדיק גרויסן פאַרגרעסער־גלאָז, דורך וועלכן עס ווערט זײַן יעדער טריט און שריט אָבסערווירט דורך אַן אויפמערקזאַם און שטרענג אויג. די דאָזיקע אָפשאַצונג איז זייער אַ טרעפלעכע, כ׳האָב זי ערגעץ ווו אַרויסגעלייענט, אָבער כ׳געדענק ניט ווו.

״הערשל שאַמיי״

אַבטשוק איז געווען צוגעפּעסטיקט צו דער גרויסער קיִעווער לעדער־פאַבריק ״פּאָסאַדקע״, וועלכע איז כּסדר געוואַקסן, און מיט דער צײַט האָט זי, לויט אָפיציעלע אָנגאַבן, באַשעפטיקט אַרום אַנדערטהאַלבן טויזנט אַר־בעטערס, און די ייִדן האָבן דאָ, לויט די זעלבע סטאַטיסטישע קוועלן, באַטראָפן כמעט דרײַ פערטל, דאָס הייסט אַ מענטשן טויזנט. דאָ דאַרף אַבטשוק פירן קאָמוניסטישע קולטור־אַרבעט צווישן די נאָר וואָס געוואָרענע ייִדישע אַרבעטערס — נעכטיקע רעכטלאָזע דעקלאַסירטע ״לישענצעס״ — ס׳רוב געקומענע פון די אויסגעהונגערטע קלענערע שטעטלעך. אַבטשוק איז בײַ זיי פּאָפּולער: אַחוץ די שאַרפע טראָפּאַרעטע רייד, אין וועלכע ער ווײַזט אויף פאַר זיי וויפל שאָדן עס ברענגען די ייִדישע שרײַבערס, וואָס ווילן ניט דינען דער פּאַרטיי, פירט ער דאָ אָן מיטן קרײַז פון אַרבקאָרן. ער העלפט זיי שרײַבן אַרטיקלען פאַר די ייִדישע צײַטונגען פון זייער פאַבריק. ער האָט דאָ אויך אָרגאַניזירט פאַר די אַרבעטערס אַן אינטערע־סאַנטן סעמינאַר פאַר דערלערנען די ייִדישע ליטעראַטור.

פון דעם אַרבקאָרן־קרײַז זענען אַרויסגעוואַקסן אייניקע יונגע ייִדישע פּראָפעסיאָנעלע זשורנאַליסטן. אויף זײַן ליטעראַרישן סעמינאַר האָט ער ״אויסגעפונען״ און פיל געהאָלפן דעם לעדער־אַרבעטער זעכצער — אַ באַגאַבטן שאַכמאַטיסט. שפּעטער האָט דער אויטאָדידאַקט זעכצער געלערנט אין דער אַרבעטער־אַספּיראַנטור פון אונדזער אינסטיטוט, אין דער ליטעראַ־רישער סעקציע אונטער מאַקס עריקס אָנפירונג, און געאַרבעט אין פרעסע־אַרכיוו פון אונדזער אינסטיטוט.

אַבטשוק האָט געטאָגט און גענעכטיקט אין דער פאַבריק. ער איז דאָ געוואָרן אַן אייגענער, היימישער מענטש, געווען אין מיטן פון דער גאַנצער קאָכעניש אין דעם דאָזיקן אַרבעטער־קאָלעקטיוו, אויסגעקניפּט און אויס־

געבונדן מיטן גאַנצן דרײַעק [84], און האָט זיך געגרויסט מיט דער דאָזיקער נאָענטקייט זײַנער צום אַרבעטער־קלאַס. ער פלעגט גערן דערציילן פרטים פון דעם, וואָס ס׳קומט פאָר אויף דער פאַבריק. אין זײַן קול האָט זיך געהערט ניט בלויז פאַראינטערעסירטקייט מיט די געשעענישן, נײַערט אויך אַ נאַטקע פון שטאָלץ: „איר זעט, ווי איך בין אַרײַנגעטאָן אין די פאַבריק־ענינים?". זײַנע פען־קאָלעגעס זענען אים מקנא געווען: ער זיצט דאָך ממש אין אַ שמאַלצגרוב, פון וועלכן ער קען שעפן מיט דער פולער זשמעניע אוצרות פון עכטער פּראָלעטאַרישער טעמאַטיק.

און ווירקלעך, די דאָזיקע אויסגעצייכנטע באַהאַוונטקייט אין אַלע געשעענישן, וואָס זענען דאָ פאַרלאָפן, האָבן אים געגעבן אַ מעגלעכקייט אַרײַנצוקוקן טיפער אין די נשמות פון די אַרבעטערס. אָבער די דאָזיקע אויסגעצייכנטע באַהאַוונטקייט זײַנע האָט אים געבראַכט גרויסע צרות. ווען ער וואָלט ניט געווען אַזאַ געטרײַער „צוגעפעסטיקטער" וואָלט זײַן ליטעראַרישע שאַפונג אפשר געגאַנגען אין אַן אַנדער ריכטונג, און ער וואָלט אפשר אויסגעמיטן דעם ביטערן גורל זײַנעם, נאָר לאָמיר דערציילן בהדרגה.

אַזוי ווי עס פאַסט פאַר אַן עכטן פראָלעטאַרישן שרײַבער, זוכט ער טאַקע דאָ אויף דער „פאַסאַדקע" די העלדן פאַר זײַנע ליטעראַרישע שאַפונגען, און שוין אין דער צווייטער העלפט צוואַנציקער יאָרן געפינט ער זיי. אויפן פאָן פון דער דאָזיקער פאַבריק פאַרמעסט ער זיך צו באַווײַזן דעם לעבן און שטימונגען פון סאָוועטיש־ייִדישן פראָלעטאַריאַט, און ער שרײַבט אָן זײַן גרויסע דערציילונג הערשל שאַמײַ, און מ׳האָט זיך ניט באַוויזן אַרומצוקוקן, ווי די דאָזיקע דערציילונג איז געוואָרן זייער פאָפולער בײַ די פשוטע ייִדישע לייענערס. הערשל שאַמײַ האָט געהאַט גרויס דערפאָלג נישט אַזוי מחמת זײַנע קינסטלערישע ווערטן — אַבטשוק ווי אַ פראָזאַיִקער האַלט ערשט אין וואַקסן און געהערט בכלל ניט צו די וואָרט־מײַסטערס. מען לייענט אים אָבער גערן פאַר די מער־ווייניקער עכטע, אַ ביסל ווייניקער לאַקירטע, ווי בײַ די אַנדערע פראָלעטאַרישע שרײַבערס,

84 „דרייעק" רופט מען די אָפיציעלע אָנפירונג פון יעדן סאָוועטישן אַנשטאַלט. דאָס זענען דער דירעקטאָר, דער סעקרעטאַר פון פאַרטיי־קאָמערל און דער פאָרזיצער פון פראָפעסיאָנעלן קאָמיטעט. אויף רוסיש „טרעוגאָלניק".

שילדערונגען פון געמאַטערטן ייִדישן אַרבעטער־לעבן אין יענע ביז גאָר שווערע טעג.

די פראָלעטאַרישע טעמאַטיק איז געווען זייער אַ גאַנגבאַרער אַרטיקל אין אַלע צײַטן זינט די ראַטנמאַכט שטייט, און אין יענע יאָרן איז זי געווען מיט גאָלד צו גלײַך אויך אין דער רוסישער פראָזאַיִק. דעריבער דאַרפט איר זיך ניט וווּנדערן, וואָס דער חשובער רוסישער פאַרלאַג פאַר קינסטלערישער ליטעראַטור כאַפט אויף הערשל שאַמײַ, און דאָס בוך גייט אַרויס אין דער רוסישער איבערזעצונג אין 5000 עקזעמפלאַרן. דאָס איז געווען אין יאָר 1931. כ׳מיין אַז דאָ איז כדאי צו דערציילן וועגן אינהאַלט פון הערשל שאַמײַ.

דער טאַטע פון העלד איז געווען כמעט אַ פראָלעטאַריער — אַ וואַסערטרעגער, און הגם דער העלד הערשל שאַמײַ האַלט ערשט בײַ די 50ער, האָט ער, ביזן אָנקומען אויף דער סאָוועטישער פאַבריק, בלויז אַ פאָר יאָר געאַרבעט פאַר זיך ווי בעל־עגלה און באַוויזן אָפצוהאָרעווען גאַנצע דרײַסיק יאָר בײַ פריוואַטע בעלי־הבתים. און דאָך... ווײַזט אים דער מחבר ווי אַ „ווייניק באַוווסטזיניקן" פראָלעטאַריער. דאָס זעט מען פון זײַן קעגנערשאַפט צו אַלץ און אַלעמען, וואָס קומט פאָר אַרום אים. צום בײַשפיל: ער איז אַ ייִדישער נאַציאָנאַליסט; ער גלייבט ניט אין דער „סמיטשקע" (בונד) צווישן אַרבעטער־קלאַס און דעם פויערטום, ער גלייבט ניט אין דער אויפריכטיקייט פון די, וואָס ריידן אין נאָמען פון דער פאַרטיי: ווען אַ פאָרשטייער פון דער ייִדסעקציע קומט אויפן פאַבריק אַגיטירן, אַז די אַרבעטערס זאָלן שיקן זייערע קינדער ניט אין דער רוסישער, נאָר אין דער ייִדישער שול, שטעלט אים אַבטשוקס העלד אַ נאַיִווע פראַגע: „און איר, חבר פון דער ייִדסעקציע, אין וועלכער שול שיקט איר אײַער קינד?..."

ער שטעלט, צום בײַשפיל, אַזעלכע „קלאָץ־קשיות": וואָס זאָגט דאָרט לענין אין זײַן צוואה וועגן טראָצקין? און וואָס זאָגט ער דאָרט וועגן אונדזער גרויסן פירער יוסף וויסאַריאָנאָוויטש סטאַלין?

און אַז די אָנפירונג פון פאַבריק פאָדערט פון די אַרבעטערס זיי זאָלן אָפגעבן אַ טאָג אַרבעטסלוין פאַר די ענגלישע שטרײַקנדיקע, פאַרשרײַבט דער „אומבאַוווסטזיניקער" שאַמײַ אין זײַן טאָגבוך, וואָס ער פירט: „איך ווייס ניט, דאַכט זיך — בײַ אונדז איז אויך דאָ וועמען צו העלפן — קאָרג אַרבעטסלאָזע דרייען זיך בײַ אונדז אַרום און האָבן ניט וואָס צו עסן, — נאָך וואָס דאַרף מען זוכן נויטבאַדערפטיקע אַזש אין ענגלאַנד, איז מיר ניט

אין גאַנצן קלאָר... נאָר איך וויל פון אַלע ניט אָפּשטיין, אַז ס'הייבט זיך אויף אַ גאַנצע פאַבריק מיט העגט, הייב איך אויך" [85].

די "אָפּגעשטאַנענקייט" פון הערשל שאַמײַ דערגייט אַזוי ווײַט, אַז ער נעמט זיך אַפּילו אָן פאַר טראָצקין — ער קען ניט לײַדן, שרײַבט ער אין זײַן טאָגבוך, די עוולות וואָס די אָנפירערס פון פאַרטיי־אָרגאַניזאַציע באַגייען לגבי... טראָצקין. בײַ אים קלינגט עס גאָר תּמימותדיק: "ווו ערגעץ אַ חטא, איז אַלץ אויף טראָצקין. איך בין ניט קיין אָפּאָזיציאָנער, אָבער מיר וועט מען ניט אײַנריידן, אַז חבר באַרו פאַרשטייט מער פון טראָצקין" (באַרו איז דער אַגיטאַטאָר וועלכער פירט אָן מיטן פּאָליטקרײַז אויף דער פאַבריק). (זײַט 75).

און אַז מ'לאָזט ניט קומען צום וואָרט די אַרבעטערס, וואָס זענען אין דער אָפּאָזיציע, זאָגט שאַמײַ: "ס'אַ וואַזשנע קונץ, אַז מ'נעמט מענטשן, וואָס ווילן עפּעס זאָגן, און מ'פאַרשרײַט זיי. ס'איז אַ קנאַפּע חכמה 100 אַקעגן 6—5 מענטשן" (זײַט 108).

און אַז דער דירעקטאָר דראָט דעם אָפּאָזיציאָנער מאַליאַווטשיק: "דו וועסט נאָך בײַ מיר פאַרפוילט ווערן אין אָסטראָג, דו פאַרשיוועד קאָנטער־רעוואָלוציאָנער" — טראַכט זיך שאַמײַ זײַנס: "אויב מ'עט נעמען אַרויס־וואַרפן פון דער פאַרטיע יעדערן, ווער עס וועט עפּעס וועלן זאָגן, וועט עס האָבן אַ שיין אויסזען" (זײַט 109).

און אָט נעמט דער פּראָלעטאַרישער שרײַבער אַבטשוק און פּלאַפּלט גאָר אויס (אמת, מיט דעם מויל פון אָפּגעשטאַנענעם הערשל שאַמײַ), אַז אין איינעם פון די גרויסע צעכן אויף זײַן פאַבריק האָט אויסגעבראָכן... אַ שטרײַק!!

אַגב, אין יענע יאָרן איז דאָס ניט געווען קיין איינציקער פאַל, מ'האָט געשטרײַקט איבער הויפּט ווען מ'האָט אַראָפּגענידערט די לוינען, וואָס זענען אַזוי אויך געווען לעכערלעך קליינע. בײַ אונדז אין קיִעוו זענען דעמאָלט פאָרגעקומען שטרײַקן אויפן מעכטיקן זאַוואָד "באָלשעוויק", און אַפילו אויפן ריין מיליטערישן זאַוואָד "אַרסענאַל". די שולדיקע האָבן טײַער באַצאָלט דערפאַר.

85 די ציטאַטן האָב איך גענומען שוין פון דער צווייטער איבערגעאַרבעטער אויפלאַגע פון יאָר 1931, זייט 85, ווייל די ערשטע אויסגאַבע האָב איך ניט אונטער דער האַנט.

אָבער אין דער פרעסע האָט מען קיין מאָל וועגן שטרײַקן אויף סאָוועטישע אונטערנעמונגען ניט געשריבן, וואָרעם בײַ אונדז, אין לאַנד פון סאָציאַליזם, וווּ די אַרבעטערס גופא זענען די בעלי־הבתים פון דער פאַבריק, זענען קיין שטרײַקן ניט נייטיק, ווײַל — "מ'קען דאָך ניט שטרײַקן קעגן זיך אַליין". גאָר עפּעס אַנדערש איז אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער, דאָרט ווערן די אַרבעטערס שרעקלעך עקספּלאָאַטירט און זיי מוזן דורך שטרײַקן קעמפן קעגן זייערע שׂונאים — די בעלי־הבתים פון די פאַבריקן.

און אָט דערוויסט זיך גאָר די וועלט, אַז אויף דער "פּאַסאַדקע" פאַר־שפּרייטן די אַרבעטערס... פּראָקלאַמאַציעס. קעגן וועמען? קעגן די פאַרטיי־ערס, וואָס די פאַרטיי האָט אַוועקגעשטעלט אָנצופירן מיט זיי! און דערצו נאָך זאָגט הערשל שאַמײַ אויס, וואָס אין די פּראָקלאַמאַציעס איז געזאָגט געוואָרן! און נאָך מיט אַ שמייכעלע דערציילט ער ווי קאָמיש עס זעען אויס בשעת־מעשׂה די אויף טויט דערשראָקענע אָנפירערס!.. ס'וועוט, דאַכט זיך, גערופן אַן עקסטרע פאַרמאַכטע פאַרטיי־זיצונג. דער "נאַיִווער" שאַמײַ דער־ציילט עס אַזוי:

"איר זעט, האָט ער (דער אָנפירער — א. ר. ש.) געזאָגט, זײַן קול האָט אַזש געציטערט. אָט אָ דאָס האָבן מיר הײַנט געפונען בײַ אונדז אויף דער פאַבריק, ס'איז געהאַנגען אויף דער וואַנט און מ'האָט עס אויך צעלייגט בײַ די אַרבעטערס אין די קעשענעס". און שאַמײַ קען ניט, צי ער וויל ניט פאַר־שטיין "וואָס פאַרמאַכט מען דאָ טיר און פענצטער? און מען טרײַבט אַרויס די בעזפּאַרטיינע, כדי פאַרצולייענען וואָס אין דער פּראָקלאַמאַציע שטייט. וואָס איז דאָ נײַס? אַז צווישן אונדזערע 'פאַראַנטוואָרטלעכע' זענען דאָ ביוראָקראַטן? אַז דער פאָרזיצער פון טרעסט האָט ערשט ניט לאַנג געקויפט פאַר דרײַ טויזנט רובל מעבל פאַר זײַן קאַבינעט?... אַזוי איז עס!" — מאַכט ער קורץ און שאַרף זײַן אויספיר.

ניט וויכטיק, וואָס די דערציילונג איז שטאַרק איבערגעלאָדן מיט פאַק־טן — אַבטשוק האָט געוואָלט אַרומכאַפּן אַלע אָן אויסנאָם פּראָבלעמען, וואָס האָבן געיורט אין יענע יאָרן, און דערפאַר איז זי שטאַרק איבערגעלאָדן מיט איינצלהייטן, אַ מין כּל־בו, וואָס באַרירט אָפט מאָל ביז גאָר אייבערפלעכ־לעך די וויכטיקסטע פּראָבלעמען. אָבער דערפאַר געפינט איר כּמעט אויף יעדער זײַטל אַ שטעכווערטל, אַ פּראָטעסט קעגן אַלע מינים געשווירן אויפן לײַב פון דער ראַטנמאַכט. און אַז איר וועט צונויפנעמען כאָטש אַ קליינעם טייל פון זײַן העלדס כּלומרשט תּמעוואָטע אַרויסזאָגונגען, וועט איר באַ־

קומען דעם שמעקנדיקן בוקעט פון אונדזער הערלעכער ווירקלעכקייט אין יענע טעג.

דער "אומבאַוווסטזיניקער" פּראָלעטאַריער — הערשל שאַמײַ — איז אַן אמתער עמך און גאָרניט אַזוי נאַיִוו, ווי ער מאַכט זיך. ער איז לאָגיש, פאַר־מאָגט אַ סך פאָלקס־חכמה און, צי אַבטשוק האָט עס געוואָלט, צי נישט, האָט זײַן העלד אַרויסגערופן סימפּאַטיע צו זיך און צו דעם וואָס ער זאָגט.

און דער לייענער? ער נעמט יעדעס וואָרט הערשל שאַמײַס אויף פאַר גוט געלט און סמאַקעוועט: אײַ גוט! אַרײַנגעזאָגט די בלוטזויגערס פון דער פאַבריק!..

און די באַשרײַבונגען פון די קאָמישע סיטואַציעס, אין וועלכע די אויפ־גערעגטע אַרבעטערס פון דער "פּאַסאַדקע" שטעלן אַזוי אָפּט זייערע צעטר־מלטע אָנפירערס? זיי זענען דאָך ווי צוויי טראָפּנס וואַסער ענלעך צו די, וואָס קומען פאָר אויף יעדער קיִעווער פאַבריק... רופן זיי טאַקע אַרויס בײַ די אַרבעטער־לייענערס הילכיקן געלעכטער.

די וועלכע געדענקען יענע טעג, גיבן מן־הסתּם אַ טראַכט: אַבטשוקס הערשל שאַמײַ האָט די אָפיציעלע סאָוועטישע קריטיק געוויס פאַראורטיילט אויפן שטרענגסטן אופן, און טאַקע גלײַך ווי דאָס בוך איז דערשינען. אָבער ניט אַזוי איז עס געווען: אײדער ס'איז אים קלאָר געוואָרן זײַן נכשל, איז אים באַשערט געווען צו האָבן גרויס אָנערקענונג פאַר זײַן בוך, און, ווי איר האָט דאָס נאָר וואָס געלייענט, איז דאָס געווען כּבוד, וואָס איז געקומען ניט פון אויבן — פון דער אָנפירונג, נײַערט פון אַזעלכע "גרויע, ניט באַ־וווּסטזיניקע" ייִדישע מענטשן, וועלכע זענען די הויפּטהעלדן פון בוך. ס'האָט נאָך קיינער ניט געטראַכט צו מאַכן פון אים אַן אַדיאָזע געשעעניש און שרײַבן וועגן זײַן טראָצקיסטישן הינטערשלאַק, ס'איז נאָך קיינעם ניט אײַנ־געפאַלן צו פּסלען די כּשרות פון דעם בוך, און דאָך איז עס געוואָרן אַ שם־דבר — אַ פּאָליטישע סענסאַציע בײַ די קיִעווער ייִדישע אַרבעטערס און קוסטאַרן. הערשל שאַמײַס מעדיטאַציעס האָבן זיי געשטויסן צו מאַכן אַנאַ־לאָגיעס מיט די פּאַסקודנע געשעענישן אין זייער אייגענער אַרטעל און פאַבריק, וואָס זענען ווי צוויי טראָפּנס וואַסער "ענלעך צו דעם, וואָס עס טוט זיך דאָרט בײַ זיי" און אַרויסגערופן בײַ זיי אַ מאָדנע בונטאַרישע רעאַקציע.

אויף דער טריקאָטאַזשקע", וווּ איך בין צוגעפּעסטיקט צו פירן די קולטור־אַרבעט, איז הערשל שאַמײַ געוואָרן דער בעסטסעלער, אָבער דער

פאָרשלאָג "ח'טע אסתּר, לאָמיר אײַנאָרדענען אַ שמועס וועגן דעם בוך" בלײַבט אָן אַן ענטפער. מיר האָבן גוט געוווּסט: ניט איינער פון אונדזערע אייגענע "בוזאַטיאָרן" וואַרט נאָר אויף אַ געלעגנהייט צו שטעלן די זעלבע און ענלעכע קלאָץ־קשיות, וועלכע ער האָט אַרויסגעלייענט פון בוך, און מאַכן פאַרגלײַכן — איר זעט, דאָרט אויף דער "פּאַסאַדקע" טוט זיך דאָס זעלבע וואָס בײַ אונדז...

— וועלן מיר ניט קריכן מיט אַ געזונטן קאָפּ אין אַ קראַנקן בעט אַרײַן אַזאַ איז דאָך דער ניט־געשריבענער געזעץ פאַר יעדן אַגיטאַטאָר.

איבעריקנס האָבן מיר באַקומען אַ ניט־פריילעכן גרוס פון דער 8ער שוכפאַבריק, וואָס געפינט זיך אויפן ראָג פון קרעשטשאַטיק און באַסיינע־גאַס. מײַן שאָול, וואָס אַרבעט דאָרט, דערציילט: דער לײַכטזיניקער אָנפי־רער מיטן ייִדישן לייענקרײַז האָט זיך פּשוט ניט געקענט קיין עצה געבן מיט די אַנאַלאָגיעס, וואָס זײַנע שילערס האָבן, אויף דעם שמועס וועגן הערשל שאַמײַ, געמאַכט מיט דעם, וואָס קומט פאָר בײַ זיי און וואָס ווערט באַשריבן אין אַבטשוקס בוך. דערפאַר איז אָבער געווען קליגער די קולט־קאָמיסיע פון דער גרויסער ייִדישער שנײַדער־פאַבריק אויפן נאָמען פון לאַסטאָטשקין־סמירנאָוו. דאַכט זיך אַז דעמאָלט איז דאָרט געווען סעקרעטאַר פון דער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע דער באַיאָרנטער חבר רויטמאַן און זײַן רעכטע האַנט דער ח' פישמאַן. אין זײַן אַרבעט פלעגט ער זיך האַלטן בײַם אַלטרויסישן ווערטל: "семь раз отмерь — один раз отрежь!", האָט ער זיך ניט־ווּיסנדיק געמאַכט פון דער בקשה, און שפּעטער אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט — מאַלע וואָס עמעצן פאַרוועלט זיך... און צום סוף — דער קאַלענדאַר פון די קולטור־אימפּרעזעס איז שוין אויסגעשטעלט אויף עט־לעכע חדשים פאָרויס... און... עס ברענט דען? מירן נאָך באַווײַזן... דער־ווײַל זענען אונטערגעקומען וויכטיקערע פּראָבלעמען, און דער פאָרשלאָג צו מאַכן אַ שמועס וועגן הערשל שאַמײַ איז פאַרגעסן געוואָרן.

איך דערצייל וועגן די געשעענישן אויף די דרײַ פאַבריקן, ווײַל צו זייער ייִדישער קולטור־טעטיקייט האָב איך, לויט מײַן אַרבעט, געהאַט אַ שײַכות. צי זענען אין אַנדערע קיִעווער ייִדישע אַרבעטער־קאָלעקטיוון פאָר־געקומען אַזעלכע שמועסן, געדענק איך ניט. לײַכטער איז דאָס צוגעגאַנגען אין אייניקע קוסטאַרן־אַרטעלן. דאָרט פלעגט מען פיל פּאָליטישע סקאַנדאַלן ניט אַרויסטראָגן פון די 4 ווענט.

כ'האָב מורא, אַז דער לייענער קען מיך שלעכט פאַרשטיין און מיינען,

אַז דאָס באַהאַנדלען פון הערשל שאַמיִס האָט אַרויסגערופן מאַסנווײַזע אַרויסטרעטונגען אָדער עפּעס אַ גרויסע מהומה. דאָס ניט, חלילה. ס׳איז געווען גענוג, אויב איינער־צוויי ״בוזאַטיאָרן״ דערלויבן זיך צו זאָגן עפּעס אַן אידעיִש ניט־אויסגעהאַלטן וואָרט. און דאָס האָט מען שוין גערעכנט פאַר אַ סימן, אַז ניט אַלץ איז כּשורה, און תּיכּף האָט מען באַהאַנדלט אויפן קעמערל און אָנגענומען אַ באַשלוס לויטן פעסט אײַנגעשטעלטן נוסח: לייגן באַזונדערס אַכט אויף דערציִען בײַ די אַרבעטערס זייער סאָציאַליסטישן באַוווסטזײַן, אויסראָטנדיק בײַ זיי די רעשטלעך פון זייער קליינבירגערלעכער פּסיכאָלאָגיע. אָבער פאַר איין זאַך האָבן מיר אַלע געציטערט: זאָל נאָר די געשעעניש ניט דערגיין צום ראַיקאָם. אַ לאַנגע צײַט איז קיינעם ניט אײַנגעפאַלן, אַז שולדיק איז דאָס בוך. נאָר ווער דען, די ״קליינבירגערלעכע״ השגות פון אייניקע ״בוזאַטיאָרן״, וואָס ווילן ניט זען, אַז אַבטשוק ווײַזט אין הערשל שאַמיִס נעגאַטיווע טיפּן, אָבער זיי, די קליינבירגערס, ווילן עס ניט זען און מאַכן זיך תּמעוואַטע.

ווי איר זעט, האָט זיך די אָנפירונג געפונען אין אַ שווערער לאַגע: די צענזור האָט דאָך דאָס בוך ניט פאַרבאָטן און פון געברויך ניט אַרויסגענומען, אַ סימן האָט איר — אין די קאַטאַלאָגן פון די באַוועגלעכע פאַבריקביבליאָטעקלעך און פון דער צענטראַלער ווינטשעווסקי־ביבליאָטעק ליגט זיך רויִק, ווי קיין מאָל גאָרניט, דאָס קאַרטעלע ״אַברהם אַבטשוק, הערשל שאַמיִס. אמת, אויף די פאָליצעס טרעפט איר עס זעלטן, וואָרעם דער עולם כאַפּט עס ווי מצה־וואַסער, און עס גייט אַרום פון האַנט צו האַנט. און דאָך האָבן מיר קיין שום רעכט ניט געהאַט אָפן אַרויסצוווײַזן אומצופרידנקייט מיט דעם דאָזיקן דערפאָלג. די מערהייט פון די אַרבעטערס האָט דאָס געוווסט, אָבער בײדע צדדים האָבן זיך געמאַכט, ווי מען זאָגט, תּמעוואַטע און אויסגעמיטן צו ריידן וועגן דעם.

איז וואָס פאַר אַ רעכט האָט די אומצופרידענע אָנפירונג צו פאַרווערן לייענען דאָס בוך? קיין שום... האָט מען פאַרביסן די ליפּן און געמאַכט זיך ניט־זעענדיק ווי דער עולם שטופּט זיך אין דער ריי: ״איך האָב זיך פריִער ווי דו פאַרשריבן אויף הערשלען״, און געמאַכט זיך ניט הערן די טענות: ״ווי לאַנג דאַרף מען וואַרטן אויף אַזאַ דין ביכעלע?״.

מיט אַבטשוקס ביכל האָט זיך געשאַפן אַ מאָדנע לאַגע: אַראָפּשלינגען קענען מיר עס ניט, אָבער אויסצושפּײַען איז קיין פאָרמעלע רעכט ניטאָ.

און ס׳באַקומט זיך אַ שטילער קאַמף אַרום דעם בוך, דערווײַל ניט קיין פאַרשריבענער, בלויז אַ מינדלעכער.

געוויינלעך האָבן בײַ אונדז אַזאַ דערפאָלג געהאַט בלויז און נאָר די שאַפונגען, וועלכע האָבן אין דער פּרעסע באַקומען אַ צעשמעטערנדיקן פּאָליטישן אורטייל, ווײַל זינט ראַטנמאַכט שטייט, איז דאָס די בעסטע רעקלאַמע פאַרן אויטאָר פון טריפהנעם בוך. און פאַרקערט, אויב עס באַווײַזט זיך אַ לויבגעזאַנג וועגן עפּעס אַ ליטעראַרישער שאַפונג, מעגט איר זײַן זיכער — איר געפינט עס טאַקע אין דער סאַמע ערשטער שורה פון די רעקאָמענדאַציע־צעטלען פאַרן לייענער. און ער, דער לייענער? ער רירט זיך ניט צו צו אים. דער סאָוועטישער מענטש פאַרשטייט, אַז דאָס איז ניט מער ווי אַ קאָנווענציאָנעלע לאַקירטע הוראַ־מאַכערײַקע. אַזוי אַרום האָט בײַ אונדז געהערשט אַ געזעץ: קיין מאָל פלעגט ניט צונויפפאַלן די אָפיציעלע ליטעראַרישע מיינונג מיט דער מיינונג פון קהל, זיי האָבן זיך געפונען אין אַ פאַרקערטער פּראָפּאָרץ.

אָבער מיט אַבטשוקס הערשל שאַמיִס איז פאָרגעקומען אַ פּאָליטישער קוריאָז. אַ מאָדנע זאַך, אַ מין יוצא־מן־הכּלל: דאָס בוך האָט דערוואָרבן גרויס פּאָפּולאַריטעט נאָך איידער עס האָט פאַרלוירן דעם חן אין די אויגן פון דער אָפיציעלער קריטיק און נאָך איידער עמעצער האָט געוואַגט אין דער עפנטלעכקייט צו זאָגן אַ שלעכט וואָרט וועגן אים. אַ צווייטן אַזאַ פאַל, ווען אַ ליטעראַרישע זאַך זאָל אין יענע יאָרן האָבן אַזוי סטיכיש אויפגערודערט די געמיטער פון קיִעווער פּשוטן לייענער אָן דעם אויסערלעכן שטויס דערצו, דאָס הייסט אָן דעם, עס זאָל פאַרשריגן ווערן ווי אַנטיפּאַרטייִש — געדענק איך ניט. און דערווײַל — דערווײַל האָט דער מחבר פון הערשל שאַמיִס גרויס נחת פון זײַן בוך.

אַבטשוק פלעגט אָן אויפגעהײַטערטער מיר דערציילן: די אַרבעטערס פון ״פאַסאַדקע״ דערקענען פּינקטלעך די פאַרשוינען פון מײַן בוך, זיי שטייען צו צו מיר: ״פאַר וואָס האָט איר אָט יענעם פאַרשוין באַשריבן?״, און ״פאַר וואָס האָט איר עפּעס דעם און דעם חברה־מאַן געמאַכט פאַר אַ גאַנצן צדיק אין פעלץ? איר ווייסט דאָך, אַז אין דער אמתן איז ער אַ פאַלשע קאַץ און האָט פײַנט אַן אַרבעטער, וואָס רעדט אים אַנטקעגן?״.

זיי פלעגן אים אויך געבן עצות: ״פאַרגעסט ניט אין צווייטן בוך אָנצופאָרטרעטלען אָט דעם פאַסקודניאַק״, אָדער ״באַשרײַבט די ׳פאַראַנדקעס׳ אין אונדזער צעך...״.

אַז דאָס באַהאַנדלען פון הערשל שאַמיי האָט אַרויסגערופן מאַסנווײַזע אַרויסטרעטונגען אָדער עפּעס אַ גרויסע מהומה. דאָס ניט, חלילה. ס'איז געווען געגנוג, אויב איינער־צוויי „בוזאַטיאָרן" דערלויבן זיך צו זאָגן עפּעס אַן אידעיִש ניט־אויסגעהאַלטן וואָרט. און דאָס האָט מען שוין גערעכנט פאַר אַ סימן, אַז ניט אַלץ איז כּשורה, און תּיכּף האָט מען באַהאַנדלט אויפן קעמערל און אָנגענומען אַ באַשלוס לויטן פעסט אײַנגעשטעלטן נוסח: לייגן באַזונדערס אַכט אויף דערציִען בײַ די אַרבעטערס זייער סאָציאַליסטישן באַוווּסטזײַן, אויסראָטנדיק בײַ זיי די רעשטלעך פון זייער קליינבירגערלעכער פּסיכאָלאָגיע. אָבער פאַר איין זאַך האָבן מיר אַלע געציטערט: זאָל נאָר די געשעעניש ניט דערגיין צום ראַיקאָם. אַ לאַנגע צײַט איז קיינעם ניט אײַנגעפאַלן, אַז שולדיק איז דאָס בוך. נאָר ווער דען, די „קליינבירגערלעכע" השגות פון איניקע „בוזאַטיאָרן", וואָס ווילן ניט זען, אַז אַבטשוק ווײַזט אין הערשל שאַמיי נעגאַטיווע טיפּן, אָבער זיי, די קליינבירגערס, ווילן עס ניט זען און מאַכן זיך תּמעוואַטע.

ווי איר זעט, האָט זיך די אָנפירונג געפונען אין אַ שווערער לאַגע: די צענזור האָט דאָך דאָס בוך ניט פאַרבאָטן און פון געברויך ניט אַרויסגענומען, אַ סימן האָט איר — אין די קאַטאַלאָגן פון די באַוועגלעכע פאַבריקביבליאָטעקלעך און פון דער צענטראַלער ווינטשעווסקי־ביבליאָטעק ליגט זיך רויִק, ווי קיין מאָל גאָרניט, דאָס קאַרטעלע „אַברהם אַבטשוק, הערשל שאַמיי". אמת, אויף די פּאָליצעס טרעפט איר עס זעלטן, וואָרעם דער עולם כאַפּט עס ווי מצה־וואַסער, און עס גייט אַרום פון האַנט צו האַנט. און דאָך האָבן מיר קיין שום רעכט ניט געהאַט אָפּן אַרויסצווײַזן אומצופרידנקייט מיט דעם דאָזיקן דערפאָלג. די מערהייט פון די אַרבעטערס האָט דאָס געוווּסט, אָבער בײדע צדדים האָבן זיך געמאַכט, ווי מען זאָגט, תּמעוואַטע און אויסגעמיטן צו ריידן וועגן דעם.

איז וואָס פאַר אַ רעכט האָט די אומצופרידענע אָנפירונג צו פאַרווערן לייענען דאָס בוך? קיין שום... האָט מען פאַרביסן די ליפּן און געמאַכט זיך ניט־זעענדיק ווי דער עולם שטופּט זיך אין דער ריי: „איך האָב זיך פריִער ווי דו פאַרשריבן אויף הערשלען", און געמאַכט זיך ניט הערן די טענות: „ווי לאַנג דאַרף מען וואַרטן אויף אַזאַ דין ביכעלע?".

מיט אַבטשוקס ביכל האָט זיך געשאַפן אַ מאָדנע לאַגע: אַראָפּשלינגען קענען מיר עס ניט, אָבער אויסצושפּײַען איז קיין פאָרמעלע רעכט ניטאָ.

און ס'באַקומט זיך אַ שטילער קאַמף אַרום דעם בוך, דערווײַל ניט קיין פאַרשריבענער, בלויז אַ מינדלעכער.

געוויינלעך האָבן בײַ אונדז אַזאַ דערפאָלג געהאַט בלויז און נאָר די שאַפונגען, וועלכע האָבן אין דער פּרעסע באַקומען אַ צעשמעטערנדיקן פּאָליטישן אורטייל, ווײַל זינט ראַטנמאַכט שטייט, איז דאָס די בעסטע רעקלאַמע פאַרן אויטאָר פון טריפהנעם בוך. און פאַרקערט, אויב עס באַווײַזט זיך אַ לויבגעזאַנג וועגן עפּעס אַ ליטעראַרישער שאַפונג, מעגט איר זײַן זיכער — איר געפינט עס טאַקע אין דער סאַמע ערשטער שורה פון די רעקאָמענדאַציע־צעטלען פאַרן לייענער. און ער, דער לייענער? ער רירט זיך ניט צו צו אים. דער סאָוועטישער מענטש פאַרשטייט, אַז דאָס איז ניט מער ווי אַ קאָנווענציאָנעלע לאַקירטע הוראַ־מאַכערײַקע. אַזוי אַרום האָט בײַ אונדז געהערשט אַ געזעץ: קיין מאָל פלעגט ניט צונויפפאַלן די אָפיציעלע ליטעראַרישע מיינונג מיט דער מיינונג פון קהל, זיי האָבן זיך געפונען אין אַ פאַרקערטער פּראָפּאָרץ.

אָבער מיט אַבטשוקס הערשל שאַמיי איז פאָרגעקומען אַ פּאָליטישער קוריאָז. אַ מאָדנע זאַך, אַ מין יוצא־מן־הכּלל: דאָס בוך האָט דערוואָרבן גרויס פּאָפּולאַריטעט נאָך איידער עס האָט פאַרלוירן דעם חן אין די אויגן פון דער אָפיציעלער קריטיק און נאָך איידער עמעצער האָט געוואַגט אין דער עפנטלעכקייט צו זאָגן אַ שלעכט וואָרט וועגן אים. אַ צווייטן אַזאַ פאַל, ווען אַ ליטעראַרישע זאַך זאָל אין יענע יאָרן האָבן אַזוי סטיכיש אויפגערודערט די געמיטער פון קיִעווער פּשוטן לייענער אָן דעם אויסערלעכן שטויס דערצו, דאָס הייסט אָן דעם, עס זאָל פאַרשריגן ווערן ווי אַנטיפּאַרטייִש — געדענק איך ניט. און דערווײַל — דערווײַל האָט דער מחבר פון הערשל שאַמיי גרויס נחת פון זײַן בוך.

אַבטשוק פלעגט אַן אויפגעהײַטערטער מיר דערציילן: די אַרבעטערס פון „פּאַסאַדקע" דערקענען פּינקטלעך די פאַרשוינען פון מײַן בוך, זיי שטייען צו צו מיר: „פאַר וואָס האָט איר אָט יענעם פאַרשוין באַשריבן?", און „פאַר וואָס האָט איר עפּעס דעם און דעם חברה־מאַן געמאַכט פאַר אַ גאַנצן צדיק אין פעלץ? איר ווייסט דאָך, אַז אין דער אמתן איז ער אַ פאַלשע קאַץ און האָט פײַנט אַן אַרבעטער, וואָס רעדט אים אַנטקעגן?".

זיי פלעגן אים אויך געבן עצות: „פאַרגעסט ניט אין צווייטן בוך אָנצורפּאָרטרעטלען אָט דעם פּאַסקודניאַק", אָדער „באַשרײַבט די 'פּאַראַנדקעס' אין אונדזער צעך...".

ביז גאָר אימפּאָנירט האָט אַבטשוקן די מעשה מיט אימענינעס, וואָס ער האָט מיר דערציילט: אַן אַרבעטער פון זײַן "פּאַסאַדקע" האָט זונטיק פאַרבעטן די חברה פון זײַן צעך אויף אַ גלעזל בראָנפן לכבוד דעם געבוירן־טאָג פון זײַן מיזינקע... "און מיר האָבן זיך ניט באַוויזן אַרומצוזען, ווי דער פאַמיליע־יום־טוב איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ הייסן וויכוח: וואָס איז אמת און וואָס איז צוגעפּוצט אין בוך הערשל שאַמיי? האָבן מיר באַשלאָסן — פרעגן בײַ אים, בײַ דעם מחבר גופא".

מיזשיריצקי, אַבטשוקס פרײַנד און פאַרערער, מיט וועמען ער האָט שפּעטער צוזאַמען געלערנט און געאַרבעט אין אינסטיטוט פאַר ייִדישער קולטור, האָט זיך געלאָזט פאַרפירן פון דעם רושם, וואָס דאָס בוך האָט געמאַכט בײַ אונדז אין קיִעוו. און גראָד אין דעם זעלבן נומער רויטע וועלט, וווּ לייב קוויטקאָ כאַפּט אַרײַן אַ שווערן קלאַפּ פאַר זײַן סאַטירע קעגן משה ליטוואַקאָוון, דעם אונטערדריקער פון דער ייִדישער ליטעראַרישער שאַפונג, געפינט איר דעם ווייניק דערפאַרענעם מיזשעריצקיס... לויבגעזאַנג פאַר אַבטשוקס הערשל שאַמיי. "אַ פריידיקער אָנזאָג" — אַזוי רופט ער אָן זײַן אָפּהאַנדלונג וועגן דער דערציילונג. אָבער מעזשעריצקי שטרײַכט אונטער, אַז די דערציילונג איז אַ "פריידיקער אָנזאָג" ניט פון דער מײַסטערשאַפט און ניט פון דעם הויכן קינסטלערישן ווערט פון דעם בוך. אַדרבא, ער ווײַזט אָן דעם אויטאָר אויף שוואַכע זײַטן און חסרונות — אויף אַ סך פעלערן פון זײַן סטיל, וואַרפט אים דעליקאַט פאָר נאַכלעסיקייטן, סכעמאַטישקייט פון אייניקע פּערסאָנאַזשן און סיטואַציעס. איז אין וואָס זשע באַשטייט דער "פריידיקער אָנזאָג"? אין דער פּראָלעטאַרישער טעמאַטיק פון בוך. אויך מעזשעריצקי איז פאַרכאַפּט געוואָרן פון דעם, וואָס אין אַבטשוקס בוך ווערט געוויזן דאָס אמתע לעבן פון דער פאַבריק...

פאַראַן מיט וואָס זיך צו גרויסן

ווי קען אַבטשוק ניט זײַן געהויבן בײַ זיך, ווען ניט בלויז בײַם פּראָסטן סאָוועטישן לייענער נעמט אויס זײַן הערשל שאַמיי, נאָר אויך אין קאַפּיטאַליסטישן מערב? און וואָס איז ווערט דער לויב פון אַזאַ אָנפּאַנגער ווי מעזשעריצקי אין פאַרגלײַך מיט דעם גרויסן כּבוד, וואָס אַבטשוקס דערציילונג באַקומט פון אַזאַ אָנגעזעענעם אויסלענדישן קריטיקער, ווי עס

איז שמואל ניגער, וועמען ה. לייוויק האַלט פאַר דעם בעסטן און געטרײַסטן אָפּשאַצער פון דער סאָוועטיש־ייִדישער ליטעראַטור און אירע שאַפערס?

הערשל שאַמיי רעגט צוויי מאָל אָן ניגערן צו שרײַבן וועגן דער דאָזיקער דערציילונג — איין מאָל וועגן אַבטשוקס פּרוּוון צו ווײַזן די סאָוועטישעווירקלעכקייט אָביעקטיוו, אָן באַפּוצונגען; דאָס צווייטע מאָל — וועגן דעם הומאָר, מיט וועלכן אַבטשוק (מיטן מויל פון זײַן העלד) דערלויבט זיך צו באַנוצן, וועגן דעם ביסל לײַכטן שפּאָט איבער דער ווירקלעכקייט אין דער לעדער־פאַבריק "פּאַסאַדקע".[86]

"זי (די דערציילונג — א. ר.־ש.) האָט אין זיך, ערשטנס, אַ גרויסע מאָס אָביעקטיווקייט: זי ווײַזט אונדז די סאָוועטישע פאַבריק, די אַרבעטער און די פירער ווי זיי זײַנען, ניט ווי דער פּאַרטיי־שרײַבער וואָלט וועלן, זיי זאָלן זײַן. זי צייכנט זיך אויס, צווייטנס, מיט דער פּילזײַטיקייט און פילפאַרביקייט פון דעם בילד, וואָס ווערט אין איר אויסגעמאָלן: מיר זעען די אַרבעטערס בײַ דער אַרבעט און ווען זיי רוען; מיר זעען ווי זיי באַנוצן זייערע אייגענע הענט און ווי זיי פּאַסן זיך צו צו דער מאַשין; מיר זײַנען עדות אי פון זייער באַגײַסטערונג, אי פון זייערע פּראָטעסטן.

עס ווערן אונדז קלאָר אי די מעלות פון די פירערס, אי זייערע חסרונות; עס ווערן בולט פאַר אונדז די באַציִונגען צווישן די ייִדן און די גויִם, וואָס געפינען זיך אויף דער פאַבריק, די באַציִונגען צווישן דעם עלטערן און דעם ייִנגערן פּראָלעטאַריער, די שײַכות צווישן די אַרבעטערס און די 'דעקלאַסירטע' — אַ גאַנצע וועלט אין מיניאַטור שטייט הינטער דער פאַבריק, וועלכע אַבטשוק ווײַזט אונדז".

86 איין אַרטיקל — "אַ. אַבטשוק — רעוואָלוציע און הומאָר" האָט ש. ניגער פאַרעפנטלעכט אין ניו־יאָרקער טאָג אין יאָר 1929. דאָס צווייטע אַרטיקל איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין פעברואַר 1930 אין דער ניו־יאָרקער צוקונפט. ביידע אַרטיקלען קען דער לייענער געפינען אין די געקליבענע ווערק פון ש. ניגער, באַנד 1 — ייִדישע שרייבער אין סאָוועטרוסלאַנד, מיט אַ פאָרוואָרט פון ה. לייוויק. לייוויק איז אויך דער צונויפשטעלער פון דער דאָזיקער זאַמלונג. אַרויסגעגעבן האָט זי אין יאָר 1958 דער ש. ניגער בוך־קאָמיטעט ביים אַלוועלטלעכן ייִדישן קולטור־קאָנגרעס אין ניו־יאָרק. די אַרטיקלען וועגן אַבטשוקן געפינען זיך אויף די זייטן 62־68 און 214־228. די אויסצוגן, וואָס איך וועל דאָ ברענגען, האָב איך גענומען פון דעם דאָזיקן זאַמלבוך.
אַחוץ ניגערן האָבן אויך אַנדערע אויסלענדישע קריטיקערס — י. אָפּאַטאָשו, יעקב פּאַט, חיים קאַזדאַן א״אַ געשריבן אַ גוט וואָרט וועגן הערשל שאַמיי.

אַ ביסל ווײַטער מאַכט ש. ניגער דעם אויספיר: „אַבטשוקס ‚הערשל שאַמײַ׳... רירט אָן דעם תּוך, די נשמה פון דער עקאָנאָמישער, פּאָליטישער און מאָראַלישער עקזיסטענץ פון פאַרשידענע גרופּעס מענטשן און יחידים אין סאָוועט־רוסלאַנד. און דער עיקר איז, וואָס זי איז פרײַ פון דער אָנגעצויגנקייט און פײַערלעכקייט, וואָס טרעפט זיך אַזוי אָפט בײַ רעוואָלוציאָנערע שרײַבערס. זי איז נאַטירלעך, און אין אַ גרויסער מאָס קינסטלעריש.״

ניגער האַלט, אַז אַזעלכע דערציילונגען ווי אַבטשוקס הערשל שאַמײַ איז אַ באַווײַז, אַז די ליטעראַרישע שאַפונגען פון די סאָוועטישע שרײַבערס גייען איבער די קעפּ פון דער שטרענגער פּראָלעטאַרישער קריטיק און ווערן בעסער, מענטשלעכער... ...אַז די סאָוועטישע ייִדישע ליטעראַטור וואַרפט אַראָפּ פון זיך ביסלעכווײַז די פּענטעס פון קינסטלערישער פּראָגראַמאַטישפּאַפּירענער רעוואָלוציאָנערישקייט און קערט זיך אום „בעק טו נאָרמאַלס״— צוריק צום צושטאַנד פון פרײַער שאַפונג.

איר הערט? ניט מער און ניט ווייניקער ווי „פרײַע שאַפונג״ אין ר״פ אין דער צײַט, ווען טאַקע דאָס איז די שווערסטע עבירה.

די פאָדערונגען פון דער סאָוועטישער קריטיק צו דער ליטעראַרישער שאַפונג פון די שרײַבערס כאַראַקטעריזירט ש. ניגער אַזוי פּשוט און אַזוי טרעפלעך, ווי נאָר ער, ניגער, האָט עס געקענט טאָן: „קיינער טאָר זיך ניט אָפּגעבן אין דער ליטעראַטור מיט אַזוינע ‚סענטימענטן׳ ווי ליבע אָדער פערזענלעכע דערינערונגען. קיינער טאָר ניט אַרײַנפאַלן אין עצבֿות, קיינער טאָר ניט קיין שמייכל טאָן, ווײַל רעוואָלוציאָנערער קאַמף איז ניט קיין געלעכטער. אַלע דאַרפן ערנסט און מונטער און פײַערלעך מאָלן דעם קלאַסנקאַמף, העלפן דער סאָציאַליסטישער בויונג און שילטן דעם שׂונא״ (פּאַראַפראַזירט פון זײַן אַרטיקל אונטערן נאָמען „אַלמאַנאַך ווּסספּ״).

אָט דאָס טאַקע האָט אויך אַבטשוק — דער קריטיקער — געפאָדערט פון אַנדערע אין זײַן „אויף פרעמדע וועגן״, און גראָד ער איז פון די ערשטע וואָס ברעכן דעם געזעץ.

„צו סאָוועטישע טעמעס האָט די ייִדישע ליטעראַטור אין ר״פ מורא צוצוגיין מיט אַ מילדער, ניט אָנגעצויגענער, נישט פרומער מאָס...״ נישטאָ אין די נײַע דערציילונגען וועגן דער ייִדישער סבֿיבֿה, זאָגט ניגער, די מענטשלעכע ווייכקייט פון דעם וואָס „פאַרשטייט — און פאַרגיט״, די ווייכקייט פון ה ו מ אָ ר י ס ט (אונטערגעשטראָכן דורך מיר).

דער סאָוועטיש־ייִדישער ליטעראַטור איז פרעמד די גרויסע קונסט פון

לײַכטן שמייכל. און גראָד בײַ אַבטשוקן געפינט יאָ ש. ניגער דעם שמייכל, און ער פרייט זיך מיט אים ווי מיט אַ גרויסער דערגרייכונג: „איז דערפאַר געווען פאַר מיר אַ גרויסע פרייד ווען איך האָב דערפילט, אַז אָט דאָס לײַכט געפליגלטע קינד פון די גוטע געטער ווײַזט זיך לעצטנס בײַ דער שוועל פון אייניקע ייִדישע שרײַבערס אין סאָוועט־רוסלאַנד, און בעט זיך בײַ זיי, זיי זאָלן עס אַרײַננעמען אינעווייניק. עס איז געווען נאָך אָן אָנגענעמע איבעראַשונג צו זען, ווי איינער גיט שטיל און פאָרזיכטיק אָן עפן די טיר און לאָזט עס זיך אַרײַנגנבֿענען און פאַרטוליען זיך שעמעוודיק אין אַ ווינקעלע. אַט דאָ ניט לאַנג האָט עס געטאָן א. אַבטשוק, אַ יונגער סאָוועטישער ייִדישער שרײַבער״ (אונטערגעשטראָכן — א. ר. ש.).

„ער האָט... — זאָגט ווײַטער ש. ניגער, — פאַרעפנטלעכט אַ לענגערע דערציילונג מיטן נאָמען ‚הערשל שאַמײַ׳, און אָט די דערציילונג איז מיט קיין זאַך נישט אַזוי וויכטיק, ווי מיט דעם נאָך נישט דרײַסטן הומאָר, וואָס שמייכלט האַלב פאַרשטיקט אַרויס פון אירע צאָלרײַכע... שורות. ער שמייכלט אַרויס בגניבֿה און האַלב פאַרשטיקט, אָט דער הומאָר, אָבער ער איז פאַראַן. מען פילט אים״.

ניגער קומט צום אויספיר: „ער זעט — און איז אָפט אין כּעס, נאָך עפטער אָבער שמייכלט ער. ער איז אפשר דער איינציקער פאַרשוין אין דער סאָוועטיש־ייִדישער ליטעראַטור, וועלכער האָט אין איינעם מיטן רעוואָלוציאָנערן פּאַטאָס אויך רעוואָלוציאָנערן הומאָר — אַ זאַך וואָס איז אַזוי זעלטן...״.

ש. ניגער דערפרייט זיך שטאַרק און בענטשט אַבטשוקן אויף ווײַטערדיקע דערפאָלגן פאַר נאָך עפּעס: ...„הערשל שאַמײַ, דער העלד פון דער דערציילונג, פאַרגינט זיך צו שטיין אַ ביסל אָן אַ זײַט פון דעם גאַנצן קאָמוניסטישן אַפּאַראַט, וועלכער רעגולירט דאָס לעבן פון דער לעדער־פאַבריק, וואָס ווערט דאָ געשילדערט. און נישט נאָר ער שטייט אָן אַ זײַט פון דעם קאָמוניסטישן פאַרטיי־לעבן; ער קוקט אויף דעם פון דער זײַט. און ער זעט עס מיט די אויגן פון אַ זײַטיקן״ (אונטערגעשטראָכן — א. ר. ש.).

דער לייענער באַמערקט? אַזוי ווי ש. ניגער, וואָס געפינט זיך טויזנטער מײַל ווײַט פון כאַרקאָוו, וואָלט אַרויסגענומען די ווערטער וואָס... אַבטשוק האָט גאָר פאַרגעוואָרפן אַזעלכע אַנטיפּראָלעטאַרישע שרײַבערס ווי דער נסתּר, ווי זלמן אַקסעלראָד, ליפּע רעזניק און זייערס גלײַכן. איז דאָס ניט אַ ביסל קאָמיש?

ניגער געפינט דווקא אין דער דאָזיקער שטרויכלונג פון אַבטשוקן — דאָס שטיין אַ ביסל אָן אַ זײַט — אַ גרויסע מעלה פון אויטאָר. פאַרגעסט ניט, אַז די זעלבע מעלה געפינט ניגער גראָד בײַ דעם זעלבן אויטאָר, וואָס זעט אין דעם ״שטיין אָן אַ זײַט״ דעם גרעסטן פאַרברעכן, וועלכן עס באַגייען לגבי דער רעוואָלוציע די ווידערשפעניקע ייִדישע שאַפערס.

כ׳מיין אַז איר פאַרשטייט: די 2 שבחים — דער אויטאָר פון ״הערשל שאַמײַ״ שטייט אָן אַ זײַט פון דעם, וואָס קומט פאָר אין פאַבריק, און אַז ער, אַבטשוק, קוקט אויף דעם אַלעם מיט אַ באַהאַלטענעם שמייכעלע, האָבן וויניקער געפרייט אַבטשוקן, און אַפילו אַ ביסל שאָקירט, וואָרעם ער ווײַזט דאָך דאָס, ווי צוויי נעגאַטיווע שטריכן פון זײַן אומבאַוווסטזיניקן העלד! אָבער סוף־כּל־סוף איז דאָך קיינער ניט פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם, וואָס עס קען אײַנפאַלן ניגערן און דער עיקר איז דאָך דאָס, וואָס אַזאַ פערזענלעכקייט ווי ש. ניגער האַלט, אַז דאָס בוך שטייט העכער ווי די שאַפונגען פון זײַנע איבעריקע פראָלעטאַרישע קאָלעגעס. פאַראַן מיט וואָס זיך צו גרויסן.

בלעמס אייזל

און ס׳געשעט מיט אַבטשוקן אַ מאָדנע זאַך, אַ מין קוריאָז: די רעכטע האַנט ווייסט נישט וואָס די לינקע טוט.

אַ יאָר נאָך זײַן שטרענג פּראָגראַמאַטישן אַרטיקל, אין וועלכן ער לייגט אויפן בענקל אַ צענדליק סאָוועטישע ייִדישע פּראָזאַיִקערס און פּאָעטן פאַר זייער גיין ״אויף פרעמדע וועגן״, טוט ער זיך אַליין אַ לאָז אויף פרעמדע וועגן. און די וועגן, אויף וועלכע ער האָט זיך אַ לאָז געטאָן, זענען אַזוי פרעמד, וואָס פרעמדער קען שוין ניט זײַן, וואָרעם ער לאָזט זיך גיין אויף דעם סאַמע פאַרהאַסטן פון אַלע פאַרהאַסטע פרעמדע וועגן, פון... טראָצקיזם. ״זעט נאָר, זעט״ — האָבן זיך די אַרומיקע געחידושט, וואָס דאָס לעבן קען אָפּשפּילן מיט אַ מענטשן: ס׳קומט דאָך אויס — אַבטשוק דער אויפריכטיקער דערציילער ווײַזט אַ צונג אַבטשוקן, דעם קאָמוניסטישן מוסר־זאָגער.

אַבטשוק איז איינער פון די פאַנאַטישע קעמפערס, וועלכע פאָדערן צו פוצן, צו לאַקירן, פעלשן די סאָוועטישע טרויעריקע ווירקלעכקייט. און ער אַליין? ער לאַקירט ניט, ער באַפוצט ניט זײַן העלד, ער מאָלט אויס אַזאַ, ווי

ער איז אין דער ווירקלעכקייט, און ער וויל אַרויסרופן צו אים אַנטיפּאַטיע, אָבער פון יעדער שורה שפּאַרט גאָר אַרויס זײַן וואַרעמע באַציִונג, זײַן אייגענע סימפּאַטיע צו דעם דאָזיקן הערשלען, וואָס ווערט ניט מיד אָפּצושפּאָטן איבער דעם גאַנצן פאַרטייִישן געמויזעכץ אויף דער פאַסאָדקע.

אויב איר וועט מיך פרעגן — וועלכער אַבטשוק איז ערלעך? דער שטרענגער, פרום־קאָמוניסטישער ליטעראַטור־קריטיקער? צי דער זינדיקער קינסטלער? — וועל איך מיט דער האַנט אויפן האַרצן ענטפערן: ביידע זענען זיי ערלעך. אויף וועלכן סמך דערלויב איך זיך דאָס צו זאָגן? ניט אויפן סמך פון אינטויִציע אָדער סתם השערות. ניין. איך קען אים גוט: אין משך פון יאָרן געאַרבעט צוזאַמען, געהאַט די געלעגנהייט אים צו זען אין פאַרשידענע סיטואַציעס, און מײַן מיינונג שטיצט זיך אויף דער חברישער אויפריכטיקייט, וואָס האָט געהערשט צווישן אונדז. מיר האָבן איינער פאַרן אַנדערן ניט מורא געהאַט צו ריידן וואָס מיר טראַכטן. און דערפאַר בין איך איבערצײַגט, אַז אויפריכטיק איז ער געווען סײַ ווי אַ קריטיקער, סײַ ווי אַ קינסטלער, ווען ער ברעכט זיך אַרויס פון זײַן אייגענער פּראָגראַמאַטישער פאַרטיי־קריטיק.

אַבטשוק דער קינסטלער שאַפט ספּאָנטאַניש און פאַרגעסט די פאַרטייִשע פאָדערונגען, וואָס מען שטעלט פון דרויסן, און וואָס ער גופא שטעלט צו זײַן שאַפונג. כ׳מיין, אַז כ׳וועל קיין טעות ניט האָבן, ווען כ׳וועל אים פאַרגלײַכן צו אַ פרומען ייִדן, וואָס היט אָפּ אַלע 613 מיצוות, און אין אַ מאָמענט, ווען ער ווערט אַרומגעכאַפּט פון עפּעס אַ שטאַרקן געפיל, ווערט ער ניכשל. אין ביידע פאַלן איז דער גאָטספאַרכטיקער ערלעך, נאָר אין ערשטן פאַל דאָמינירט זײַן שׂכל, אין צווייטן פאַל דאָס האַרץ, וואָס פאַרשטעלט, פאַרטושט דעם שׂכל און נעמט איבער אים די אייבערהאַנט.

ווי אַ קינסטלער פאַרגעסט גאָר אַבטשוק אַלע כּללים פון אַבטשוק דעם קריטיקער, — אַז מ׳דאַרף ווײַזן דאָס פּאָזיטיווע. און גיט נאָר אַ טראַכט — ווי קען ער ווײַזן פּאָזיטיוועס, ווען אין דער אמתן ווערט ער ממש פאַרפלייצט פון דעם שלל נעגאַטיווע געשעענישן, וואָס קומען פאָר אויפן פאַבריק?

האָט זיך באַקומען דער קוריאָז: דער קריטיקער אַבטשוק פאָדערט איינס און דער פּראָזאַיִקער אַבטשוק ״מאַכט זיך ניט וויסנדיק״, וואָס דער קריטיקער אַבטשוק פאָדערט פון אים. אַבטשוק דער קריטיקער באַמערקט גאָר אַליין נישט, ווי אַזוי אַבטשוק דער דערציילער וואַרפט פון זיך אַראָפּ דעם

שטײַפן קאָמוניסטישן קאָרסעט, אין וועלכן ער אַליין, דער קריטיקער, וויל אַרײַנקוועטשן זיך — דעם קינסטלער. און ער מאָלט ערלעך אַלץ, וואָס ער זעט אויף דער פֿאַבריק.

בעת זײַן קינסטלערישן שאַפן קען זיך אַבטשוקס האַרץ ניט אָפּגעבן קיין פּאָליטישע חשבונות און קעגן זײַן ווילן קומט אַרויס דאָס פֿאַרקערטע. בלעם האָט באַפוילן זײַן אייזל ער זאָל שילטן! איז וואָס טוט דער אייזל? במקום צו שילטן, בענטשט ער גאָר דעם „שׂונא"...

דאָס קריגעלע גייט אַזוי לאַנג צום טײַך, ביז...

כ'געדענק ניט ווער האָט דער ערשטער אויף אַ קיִעווער פֿאַרזאַמלונג אַ זאָג געטאָן בקול רם: „אַבטשוקס הערשל שאַמײַ איז אַ שעדלעכע דערציילונג". אָט דעמאָלט האָט זיך פֿאַרענדיקט די גאָלדענע צײַט פֿון „אומבאַשטראָפֿלעכן" אַבטשוק. כ'געדענק אויך ניט ווער ס'האָט דער ערשטער אויף אַ פֿאַרזאַמלונג געוואָרפֿן די גרויליקע און גורלדיקע ווערטער, אַז ניט בלויז זײַן העלד, נאָר אויך ער, אַבטשוק גופא, הייסט עס, איז אויך אַ בפירושער טראָצקיסט... איז דאָס שוין געווען גענוג, אַז ס'זאָלן זיך עפֿענען די מײַלער פֿון די וואַכזאַמע, וואָס האָבן ביז איצט געשוויגן, און זיי זענען צוגעשטאַנען צו אַבטשוקן: „צו וואָס האָסטו בכלל געדאַרפֿט אויסזאָגן דעם סוד פֿון חדר, אַז בײַ אַ סאָוועטישן פּראָלעטאַריער קענען געמאָלט זײַן אָפּאָזיציאָנעלע שטימונגען קעגן דער פּאַרטיי?" אויף איינער אַ פֿאַרזאַמלונג האָב איך געהערט אַזאַ טענה: די שולד אַבטשוקס איז נאָך גרעסער דערמיט, וואָס דער העלד זײַנער הערשל שאַמײַ שטאַמט דווקא פֿון אַ האָרעפּאַשנער, „כּמעט פּראָלעטאַרישער" סביבה. איז ווי קען דאָס געמאָלט זײַן, אַז אַן אַרבעטער מיט „אַזאַ גוטן סאָציאַלן אָפּשטאַם זאָל אָנגעשטאָכן ווערן מיטן טראָצקיסטישן מיקראָב?!" הלוואי וואָלט ער, דער קליינבירגערלעכער שאַמײַ, געשטאַמט פֿון קאָנטעררעוואָלוציאָנערן, כּלי־קודש אָדער לכל־הפּחות פֿון ייִדישע קרעמערס!.. און קיינער האָט בשעת־מעשׂה ניט געלאַכט, און דער מאָנער האָט געגעבן אָנצוהערן: ניט אַנדערש, נאָר אַבטשוק האָט געהאַט דערבײַ אַ בייזע כּוונה — מיטן מויל פֿון זײַן העלד האָט ער אויף אַ כיטרען אופֿן אַרײַנגעשמוגלט אין די מוחות פֿון זײַנע לייענערס טראָצקיסטישע פּראָפּאַגאַנדע...

מיר אַלע וואָס זיצן דאָ, ווייסן: אַבטשוק — דער, וועמען מען וואַרפֿט איצט פֿאָר די שרעקלעכע עבירה — ער האָט דאָך אַלע יאָרן וואָס מיר קענען אים, מיט וואָרט און מיט מעשׂים דערוויזן, אַז ער געהערט צו די איבערגעגעבנסטע, צו די, וואָס די פּאַרטיי איז פֿאַר אים אַ הייליקע זאַך.

אָבער דערוועגן זיך צו בעטן אַ וואָרט און דערווידערן קעגן די „וואַכזאַמע" — אַזוינס קען שוין דעמאָלט אין קיִעוו ניט געמאָלט זײַן. פֿאַר וואָס? ווײַל דאַן פֿאַרטיידיקן אַ מענטשן, וואָס מען באַשולדיקט אים אין אַנטיפּאַרטייִשקייט, שוין אָפּגערעדט וועגן טראָצקיזם, באַווײַזט, אַז דו אַליין ביסט איינער פֿון זײַן חדר. אַזאַ איז די עטיק פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. און דער עולם זיצט און שווײַגט. און וועגן די, וועלכע האָבן גאָר ניט לאַנג אויף זייער פֿאַבריק גענומען אַ וואָרט צום לויב פֿון מחבר, איז דאָך ניט שייך צו דערציילן. זיי האָבן איצט אָנגענומען אַ מויל מיט וואַסער. און וווּנדערט זיך ניט, וואָס די סאַמע פֿאַרריסנסטע „בוזאַטיאָרן" האָבן געכאַפּט אַ ציטער פֿאַרן אייגענעם גורל — ווער ווייסט דאָס איבער עפּעס אַ ביכל אײַנשטעלן זײַן אייגן לעבן און דאָס לעבן פֿון ווײַב און קינד?

צום אָנהייב איז אַבטשוק דווקא ניט אַראָפּגעפֿאַלן בײַ זיך: „לייענט אויפֿמערקזאַמער וועט איר זען, אַז מײַן שאַמײַ מיט זײַנע אומאויפֿהערלעכע טענות צו אַלץ און צו אַלעמען איז גאָר קיין העלד ניט, פֿאַרקערט — כ'באַווײַז זײַן נישטיקייט און אויך די נישטיקייט פֿון אַזעלכע ווי ער" (מיט וועלכע די פֿאַבריק איז אגב געווען אָנגעפּיקעוועט).

ער פֿלעגט זיך גוט צוגרייטן צו דער מינדלעכער פּאָלעמיק. מיר איז געווען געפֿעלן ווי ער פֿלעגט זיך פֿאַררופֿן אויף גרויסע שרײַבערס, קלאַסיקערס פֿון אַלע צײַטן. זיי האָבן ניט קיין מורא געהאַט צו ברענגען די אַרגומענטאַציע פֿון שׂונא, ווײַל ער, דער שׂונא אַליין, אַנטפּלעקט זיך אַזוי, אַז עס ווערט בולט זײַן נישטיקייט און דער לייענער דערזעט, אַז ער איז דער קעגנזאַץ פֿון אַ העלד. ער פֿלעגט זייער געלונגען אילוסטרירן זײַן טעזיס מיט גאָגאָלס „רעוויזאָר", באַלזאַקס „דער פֿאָטער גאָריאָ" און סאַלטיקאָוו־שטשעדרינס פּערסאָנאַזשן, און ס'איז געווען אַ פֿאַרגעניגן צו הערן זײַנע ערודירטע אַרגומענטאַציעס. אָבער, אָבער... מען טאָר ניט פֿאַרגלײַכן דעם רעוואָלוציאָנערן הײַנט מיטן צאַרישן פֿינצטערן נעכטן — דאָס איז איינס; און צווייטנס?

צווייטנס, יענע יאָ, יענע האָבן טאַקע מיט ווײַזן זייערע נעגאַטיווע פּערסאָנאַזשן קאָמפּראָמיטירט די צעלייגטע פּראָווינציזשע געזעלשאַפֿט און

די צאַרישע פּאַראַנדקעס, און דאָס דערגרייכט. אָבער ביַי דיר, אַבטשוק, איז אַלץ געניייט מיט וויַיסע פעדעם, דיַין אייגענע סימפּאַטיע צום טראָצקיסטישן הערשל וואַרפט זיך גלײַך אין די אויגן און דו דערציילסט מיט אַ שמייכעלע וועגן דעם ווי זיי מאַכן פוך און פּראַך פון אונדזערע סאָציאַליסטישע דער־גרייכונגען...

איז דאָס אַלץ געווען נאָך צו דערליַידן. בלויז פון צײַט צו צײַט האָבן זיך געהערט מינדלעכע טענות. צו דער פּרעסע איז עס נאָך ניט דערגאַנגען, און אַבטשוק האָט געגרייט צום דרוק זיַינע פּאָרשערישע אַרבעטן. געווען אַקטיוו אין אינסטיטוט פאַר יִדישער קולטור און אויף דער פאַבריק, גע־מאַכט די ״נייטיקע״ אויסבעסערונגען פאַר דער צווייטער אויפלאַגע פון ערשטן בוך און שרײַבט שוין מיט גרויס התמדה זיַין צווייטן באַנד הערשל שאַמיַי. און דאָך איז דאָס געווען דער אָנהייב פון סוף פון אַבטשוקס אומ־באַשטראָפטקייט.

פאַר וואָס האָט דער פּסק־דין פאַרשפּעטיקט ?

געפירט האָט זיך ביַי אונדז אַזוי : ווען עפּעס אַ געדרוקט וואָרט פון אַזעלכע איַינגעשפּאַרטע הערעטיקערס ווי אַ ליפע רעזניק, ווי דער נסתּר, איציק קיפּניס, אָדער סתּם פון אַ ״מיטלויפער״, איז שוין בשלום איבערגע־קומען די פּאָליטישע בדיקות — צו ערשט פון דער אינערלעכער רעדאַקציע, נאָך דעם פון דעם פּאָליטישן צענזאָר און סוף־כּל־סוף דערזען די ליכטיקע שיַין, האָבן זיך אונדזערע קריטיקערס תּיכף אַ וואָרף געטאָן אויף אים : מיט זיבן פאַרגרעסער־גלעזער אָנגעהויבן זוכן און נישטערן — צי האָט דער פאַרשוין ניט אַריינגעשמוגלט נאַציאָנאַליסטישע פּסולת און כּלערליי אָפּנויגן פון דער גענעראַלער פּאַרטיי־ליניע ? און אויב נאָך אַלע זוכענישן איז דאָ אַזעלכעס ניט געפונען געוואָרן, האָט מען ביַים פאַרדעכטיקטן געזוכט באַ־האַלטענע כּוונות, אָנצוהערענישן, רמזים קעגן דער ראַטנמאַכט און אירע פּאַראָנדקעס.

אָבער ביַי אַבטשוקן ? ביַי דעם ״קיִעווער משהלע״ ? זוכן פּאָליטישע פע־לערן ביַי דעם, וואָס ער אַליין געהערט צו די שטרענגסטע פון די שטרענגס־טע זוכערס ? צו שטאַרק איז ער אַליין געווען אָנגאַזשירט אין קאַמף קעגן יעדן פּאָליטישן אָפּנויג אין דער יִדישער ליטעראַטור. ווּעמען קען דאָס

איַינפאַלן צו באַציִען זיך מיט דעם מינדסטן פּאָליטישן חשד צו זיַין ליטע־ראַרישער שאַפונג ? ווער וואָלט דאָס געוואַגט צו מאַכן פאָרווורפן, אַז ער איז גאָר מסוגל צו שריַיבן עפּעס, וואָס קען ברענגען שאָדן דער פּאַרטיי ? !

אמת, פון זיַין דערציילערישן טאַלאַנט איז מען געווען ווייניק וואָס אַנטציקט, אָבער אין דער פּאָליטישער כּשרות זיַינער איז נישט געווען קיין שום סיבה צו צווייפלען.

און זעט אויס, אַז דערפאַר איז מיט אַבטשוקס הערשלען געשען דאָס, וואָס איז, דוכט זיך מיר, מיט קיין איין סאָוועטיש־יִדיש בוך אין יענער צײַט ניט פאָרגעקומען. אַלנפאַלס, אַ צווייטן אַזאַ קוריאָז אין יענע טעג געדענק איך ניט. אין דער צײַט, ווען מ׳האָט אַזוי אָפט געהערט מינדלעכע אָפּשאַצונגען, אַז דאָס בוך איז שעדלעך, האָט נאָך לאַנג זיך ניט באַוויזן קיין שריפטלעכער מישפּט איבערן בוך. פון דער פּלעיאַדע געשוואָרענע קרי־טיקערס האָט מען אַ לאַנגע צײַט קיין געדרוקט וואָרט קעגן הערשל שאַמיַי ניט געלייענט.

מיר האָבן געשטוינט : די אָפיציעלע קריטיק האָט פאַרשפּעטיקט !.. ווי קומט עס, וואָס ביז איצט האָבן די אָפיציעלע וואָרטזאָגערס פון דער פאַר־טייִשער קריטיק ניט געכאַפּט זיך צו דער פען ? אַדורכלאָזן אַזאַ פעטן ביסן ?

״אַבטשוק, האָסט מזל וואָס מען טשעפּעט דיך נישט״ — פלעגן נאָענטע מענטשן אים ניט איין מאָל זאָגן אויג אויף אויג. כ׳מיין, אַז אַבטשוק אַליין האָט זיך אויך געוווּנדערט — ״פאַר וואָס גייט דאָס מיר אַדורך גלאַטיק ?״.

אויף וויפל איך געדענק האָט ער אָבער מיט אונדז וועגן דעם ניט גערן גערעדט. זעט אויס, מורא געהאַט אַרויסצורופן דעם טיַיוול פון וואַלד !... און כ׳קען ניט זאָגן, אַז דאָס האָט אים ניט געשראָקן. אָבער אַז דאָס האָט אים געגעבן חומר נאָכצוטראַכטן, איז פאַר מיר קלאָר.

ווי מיט אַ פישוף־שטעקעלע...

לאָמיר אַ קוק אַריַין טאָן אין צווייטן באַנד הערשל שאַמיַי, וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין 1934. אויך דאָס בוך איז אַ מין כּל־בו, וווהין דער מחבר האָט אַריַינגעפּאַקט אַלע צרות, אומרעכט און גוואַלדטאַטן, וואָס די ראַטנמאַכט באַגייט דעמאָלט לגבי אירע בירגער. אָבער להיפוך צום ערשטן

באַנד, וואָס איז געווען אָנגעפּיקעוועט מיט „קלײנבירגערלעכער העראָיזיע" פון זײַנע העלדן, מיט זײער אומגלויבן צו דער פּאַרטײ, איז דאָס צווייטע בוך אַ מין פּאָליטגראַמאַטע פון אַלע פּראָבלעמען וואָס עקסיסטירן אויף אַ סאָוועטישער פאַבריק, אָבער איצט ווערן זײ מיט דער הילף פון אַבטשוקס פען בשלום געלײזט אויף אַ העכסט פּאַטריאָטישן אופן.

דער זעלביקער הערשל שאַמײַ און אַנדערע פּשוטע עמך, וועלכע האָבן אין ערשטן באַנד קריטיקירט און פּראָטעסטירט קעגן דעם, וואָס עס טוט זיך אויף דער פאַבריק, זענען איצט שוין געוואָרן באַוווסטזיניקע פּראָלעטאַריערס. דער הויפּטהעלד הערשל שאַמײַ געהערט שוין ניט צו די בוזאַטיאָרן און ניט צו די אָפּנויגלערס, וואָס זענען געווען אין ערשטן בוך אָנגעשטעקט מיט טראָצקיסטישע געדאַנקען. ווי מיט אַ כּישוף־שטעקעלע האָט דער מחבר אים באַפרײַט פון אַלע זײַנע פּאָליטישע שוואַכקײטן און פאַרוואַנדלט אים אין אַ מוסטערהאַפטן, הויך באַוווסטזיניקן בויער פון דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט. אויף אַזעלכע ווי ער שפּאַרט זיך איצט אָן די פּאַרטײ־אָרגאַניזאַציע פון פאַבריק. ער האָט שוין געוווּנען דעם גלויבן בײַ דער פּאַרטײ; און זי האָט אים אַרויסגערוקט אויף „פאַראַנטוואָרטלעכער" אַרבעט — ער איז שוין דער פאַרוואַלטער מיט דעם מאַגאַזין פון גרינוואַרג, וואָס באַזאָרגט דעם הונגעריקן קאָלעקטיוו מיט אַ זעקל קאַרטאָפל, אַ הײַפּטל קרויט און אַ ביסל מערן אויף ווינטער. אַפילו די אַכזריותדיקע צוואַנגס־קאָלעקטיוויזאַציע, וואָס ווערט דעמאָלט דורכגעפירט אין דאָרף, נעמט הערשל שאַמײַ אויף מיט באַגײַסטערונג. ער איז שטאָלץ און גליקלעך, וואָס זײַן בת־יחידה, די ענטוזיאַסטישע קאָמיוגיסטין, געפינט זיך צווישן די 25 טויזנט פּראָלעטאַריערס (Двадцатипятитысячники), וועלכע די פּאַרטײ שיקט אין דאָרף דורכצופירן די קאָלעקטיוויזאַציע. און אַבטשוק פאַרטרויט דעם לײענער דעם סוד: שטילערהייט טרוימט זײַן העלד, אַז אויך אים, הערשל שאַמײַען, וועט סוף־כּל־סוף די פּאַרטײ־אָרגאַניזאַציע שענקען דעם פולן צוטרוי און אָנטאָן דעם גרויסן כּבוד: שיקן אים אין אַ יידישן לאַנדווירטשאַפטלעכן ראַיאָן מיט דער זעלבער הייליקער מיסיע, דאָס הייסט צונעמען פאַרן קאָלכאָז די לעצטע קו און דאָס שטיקל גערטעלע בײַם ייִדישן פויער.

אָבער ניט בלויז אַזעלכע ווי הערשל שאַמײַ, נײַערט כּמעט אַלע געוועזענע אָפּאָזיציאָנערן, וואָס האָבן זיך אַזוי שטאַרק געבונטעוועט אין ערשטן באַנד, קומען איצט צום שׂכל, שעמען זיך מיט זײערע פריִערדיקע „מיאוסע שטיק", און פון גאַנצן האַרצן האָבן זײ חרטה אויף זײער שעדיקערישער אַרבעט און רײַסן זיך צו דערוויַזן: זעט ווי מיר זענען געטרײַ דער סאָוועטישער מאַכט!

אויב די ערשטע טייל פון דער דערציילונג האָט פאַרמאָגט אין זיך אַ ביסל גאַליקן הומאָר, אַ דינעם סאַרקאַסטישן שמייכל, מיט וועלכן דער מחבר האָט טראַקטירט די געשעענישן און די מענטשן פון פאַבריק, איז דאָס שוין שווער צו געפינען אין צווייטן טייל, אַדרבא, די גלאַטיקייט, די צופרידנקייט און די אומגעלומפּערטע חניפה, וואָס ווערט אַרײַנגעקאַפּעט דאָ און דאָרטן, רופט אַרויס אַ ביטערן בײַטעם בײַ די זעלבע אַרבעטערס, וועלכע האָבן מיט אַזוי פיל אָנערקענונג פאַרן מחבר געלייענט דאָס ערשטע בוך.

און מיר אַלע, וועלכע האָבן גוט געקענט די אמתע לאַגע אויף די קיִעווער פאַבריקן, האָבן גוט געוווּסט דעם גרויסן ליגן, וואָס דאָס צווייטע בוך טראָגט אונטער דעם לייענער. אָבער „וואָס זאָל ער נעבעך טאָן?.. אַז די פּאַרטײ הייסט, מוז מען פאָלגן!.." — איז דעם געשלאָגענעם איציק קיפּניסעס ווערטל איצט נאָך מער פּאָפּולער געוואָרן. און מיר פאַראורטיילן אים נישט — ער קען ניט אַנדערש און טאָר ניט אַנדערש.

און אויך די רעדל־פירערס האָבן אויפגענומען דאָס צווייט בוך מיט אַ שטילער און גרויסער אַנטוישונג, הגם פאַקטיש איז עס געווען דאָס, וואָס מיר האָבן געפאָדערט פון אַבטשוקן אין קאַמף קעגן ערשטן בוך. אונדזער צביעות גייט אויך דאָ אָן: לייענען עס? זאָלן עס טאָן די מאַסן, אונדזער צײַט איז אַ שאָד!

אָבער גאָר אַנדערש רעאַגירט מען אויפן צוגעלאָקירטן און צוגעפּוצטן צווייטן בוך אויף עפנטלעכע באַגעגענישן. בעת זײַן געשעפטלעכן באַזוך אין מינסק אין שליחות פון אונדזער קיִעווער אינסטיטוט שרײַבט מאַקס עריק צו זײַן אַספּיראַנט אַלעקסאַנדער פאָמעראַנץ: „גריסט אַבטשוקן און גיט אים איבער, אַז די מינסקער חברים זענען ביז גאָר צופרידן מיטן צווייטן טייל פון הערשל שאַמײַ. די מאָסקווער באַנדע טענהט, ווי געווײנטלעך, אַז ס'טויג ניט" (בריוו פון 28סטן אַפּריל 1933)[87].

87 אַבטשוק האָט געאַרבעט אונטער מאַקס עריקס אָנפירונג, און עריק האָט געשעצט זײַן אײַנגעשפּאַרטן שטרעבן צו ווערן אַן ערנסטער פאָרשער. ער האָט אַבטשוקן אַ סך געהאָלפן אין זײַנע שטודיומס.

אַבער די מאָסקווער דרייען דערווײַל מיט דער נאָז ניט מחמת דעם געפעלשטן אמת אין דער דערציילונג. גיכער האָבן זיי אין זינען די שוואַכע קינסטלערישע זײַטן פון בוך.

דער אָנהייב פונעם סוף

דער צווייטער באַנד פון הערשל שאַמיר — אַן אויסגעפּשרטער, אַן פּאָליטישע פּעלערן, האָט שוין ניט געקענט העלפן דעם מחבר פון ערשטן הערעטישן בוך. עס האָבן זיך אָנגעהויבן באַווײַזן קליינע נאָטיצן, צו ערשט אין דער וואַנטצײַטונג, דערנאָך אין דער פּולטיראַזשקע פון פאַבריק. און מיט דער סאָוועטישער פּרעסע, מעג עס זײַן בלויז אַ בלעטל פון אַ פאַרמאַכטן קאָלעקטיוו, איז ניטאָ וואָס צו שפּאַסן — מיט פײַער שפּילט מען זיך ניט. הגם צו דעם גרויסן אַטאַק אויף אים קומט נאָך ניט, האָט זיך דאָך דער אויף טויט דערשראָקענער אַבטשוק איצט הכנעהדיק פאַרטיידיקט. איצט האָט ער אויף פאַרזאַמלונגען שוין ניט געוואַגט צו זאָגן, אַז מ'האָט אים שלעכט פאַרשטאַנען, און אַז אַנדערע פעלשן גאָר זײַנע געדאַנקען... און איצט טוט ער דאָס, וואָס עס פאָדערט זיך: ער איז זיך מודה און מתוודה — יאָ, כ'בין מסכּים, יאָ, דאָ און דאָרט בין איך ווירקלעך אין ערשטן באַנד געווען ניט גערעכט, אָביעקטיוו געדינט דעם קלאַסן־שׂונא און געווען דער רופֿאַר פון טראָצקיזם...

דאָס אַלץ האָט אָבער ניט געקענט ראַטעווען דעם שולדיקן, ווײַל — גיי שרײַ חיי־וקיים אין אַ צײַט, ווען טראָצקיזם איז לויט די פאַרטיי־באַשלוסן דער בלוטיקסטער שׂונא פון דער רעוואָלוציע! און מ'דאַרף אים אויסראָטן מיט פײַער און שווערד!

וואָס פאַר אַ בייזער חלום האָט אים — אַבטשוקן, דעם "קיִעווער משהלע", געקענט אונטערזאָגן, אַז ניט מער ווי מיט עטלעכע חודשים שפּעטער, נאָך זײַן שאַרפן פאַרטייִשן אורטייל איבער די קלענסטע פּאָליטישע עבירות פון אַ צענדליק סאָוועטישע שרײַבערס, וועט דערשײַנען זײַן הערשל שאַמיר און ער, וואָס איז נאָר וואָס געווען אויפן פערד, וועט טאַקע צוליב אָט דער דערציילונג אין עטלעכע יאָר אַרום זיך פלוצעם געפינען אונטער

די קאָפּיטעס זײַנע, און אָט אָט ווערט ער צעטראָטן דורך דעם צעווילדעוועטן אָגער ?!..[88].

אַבטשוק איז געווען ווייניק קאָנטאַקטיוו און צו פיל גוטע פרײַנד האָט ער קיין מאָל ניט געהאַט, און מיטן לויף פון דער צײַט ווערן זיי וואָס אַ מאָל ווייניקער. ער באַקומט שׂונאים צווישן די שרײַבערס, ווען ער האָט אַזוי שאַרף אָנגעגריפן און געבראַכט זיי פיל שאָדן. ער האָט עס גוט געוווסט און געליטן דערפון. און זאָל זיך דער לייענער ניט וווּנדערן, אַז טראָץ דעם, וואָס מ'האָט גוט פאַרשטאַנען, אַז עס רוקט זיך אָן אַ גרויסער פּאָגראָם ניט בלויז אויף אַבטשוקן, נאָר אויף דער גאַנצער סאָוועטישער ליטעראַטור, האָט שאָדנפרייד אַרויסגעשפּאַרט פון איייניקע געליטענע. געווען אַזעלכע, וואָס האָבן אָפן פון אים געטראָצט: ״ווער ס'גראָבט אַ גרוב פאַר יענעם, פאַלט אין אים אַליין אַרײַן״ — האָט צו אים, כאילו אַזוי זיך, סתּם אין דער וועלט אַרײַן אַ זאָג געטאָן דער גוטמוטיקער בנימין גוטיאַנסקי, וועלכער איז, אַגב, ניט דערמאָנט געוואָרן אין אַבטשוקס ״געגנעראַלן באַשולדיקונגס־אַקט״[89]. און הגם דער אינצידענט איז פאָרגעקומען נאָך פאַר דעם גרויסן אַטאַק אויף אים, האָט זיך אַבטשוקס פּנים נערוועז געררויטלט, אָבער ער האָט פאַרשוויגן דעם אָנגריף. די חברים, וואָס זענען געזעסן בײַ דעם זעלבן טיש אין לעערער־פאַראיין (אַנטקעגן דער געבײַדע פון קיִעווער אויספּירקאָם) האָבן זיך געמאַכט ניט הערנדיק, און דאָך איז געוואָרן אומאָנגענעם שטיל. ס'איז פאַר מיר געווען קלאָר — אַלע וואָס זיצן דאָ זענען צופרידן פון גוטיאַנסקיס שטעכווערטל, און זע נאָר, האָב איך זיך געחידושט: ווי קומט עס גאָר צו בנימינען ? אַזוי ווייי צו טאָן אַ געשלאָגענעם ? בנימינען רוף איך ״דאָס גוטע מלאכל״ פאַר זײַן קינדערישער מילדקייט צו קליין און גרויס, פאַר זײַן ליבן ליכטיקן שמייכל, מיט וועלכן ער באַשענקט אַלעמען, ווען ער טרעפט אויף זײַן וועג...[90].

נאָך זעלטענער ווי פריִער פלעגט זיך איצט אויף אַבטשוקס פּנים באַווײַזן אַ שמייכל, און נאָך זעלטענער האָט איר געהערט אַ פריילעכן וויץ פון

88 אַבטשוקס אַרטיקל ״אויף פרעמדע וועגן״ איז אָפּגעדרוקט אין פּראָליט פאַרן חודש נאָוועמבער־דעצעמבער 1928, און זיין דערציילונג הערשל שאַמאַי איז דערשינען אין יאָר 1929.

89 אַזוי האָבן מיר אָנגערופן אַבטשוקס ״אויף פרעמדע וועגן״.

90 בנימין גוטיאַנסקי איז געווען אַ טאַלאַנטירטער קינדער־שרייבער, אַ פּאָעט און אַ משלים־שרייבער. כ'האָב מיט אים אַ שטיק צייט געאַרבעט צוזאַמען.

זײַן מויל. אפשר דערפאַר האָט ער איצט מער ווי פריִער געמאַכט אַן אײַנדרוק פון אַ טרוקענעם פאַרמאַכטן מענטשן. אין זײַנע מינדלעכע אַרויסטרעטונגען איז ער איצט געוואָרן נאָך אַ גרעסערער בעל־מדקדק, נאָך פאָרזיכטיקער געמאָסטן און געוויגן זײַן יעדער פון פריִער פאַרשריבענעם וואָרט.

ער האָט דאָס געטאָן אַ סך פּעדאַנטישער ווי אַ סך אַנדערע זײַנע ייִדישע חברים פון דער ליקווידירטער ״אַסאָציאַציע פון פּראָלעטאַרישע שרײַבער״ אין אוקראַיִנע.

הײַנט דאַכט זיך מיר, אַז ער האָט דאַן שטאַרקער ווי אַ סך אַנדערע באַזיניקט ווי שווער און ביטער עס איז צו זײַן אין ראַטן־פאַרבאַנד אַ שרײַבער, און דערצו נאָך אַ ייִדישער שרײַבער. אַזוי ווי ער וואָלט פאָרויסגעפילט, אַז ער וועט זײַן איינער פון די ערשטע קרבנות. נאָר לאָמיר דערציילן בהדרגה, מיט אַ סדר.

וואָס איך געדענק וועגן די ״עטיודן״

מאַקס עריק פלעגט וועגן אים זאָגן: ״אין אַבטשוקן שלאָגט אַן אָדער פון אַ פּעדאַנטישן פאָרשער״, — און שטענדיק פלעגט ער גלײַך צוגעבן: ״דאָס קען איך ניט זאָגן וועגן אַנדערע מײַנע אַספּיראַנטן״... איז דאָס געווען אַ גרויסער שבח פאַר אַבטשוקן, ווײַל עריק האָט ניט געהערט צו די אָנפּירערס, וואָס זענען לײַכט אויף אַ גוט וואָרט פאַר די, וועלכע האָבן עס כשר פאַרדינט[91]. אַז די מיינונג עריקס איז אַ ריכטיקע, האָט באַוויזן אַבטשוקס באַציִונג צו די סעמינאַרן, אין וועלכע ער פלעגט אָנטייל נעמען און די וויסנשאַפטלעכע אַרבעטן, וואָס ער האָט געטאָן לויטן פּלאַן פון דער ליטסעקציע.

מיר האָבן געהערט צו איין און דעם זעלבן קאָלעקטיוו, און אַלע גרויסע און קליינע פּראָבלעמען, וועלכע האָבן דעמאָלט געגוורטעוועט אין דער ייִדישער קולטור־סביבה, בפרט אין דער סאָוועטיש־ייִדישער וויסנשאַפטלעכער

91 אויך נחום שטיף האָט געהאַלטן פון אַבטשוקס ערנסטער באַציִונג צו ייִדישע פילאָלאָגיע־פאָרשונגען, און הגם ער האָט פאַר אַבטשוקס ״ליטוואַקאָװשטשינע״ אַ ביסל מורא געהאַט, האָט ער אים עטלעכע מאָל פאָרגעלייגט: קומט אַרבעטן צו מיר אין דער סעקציע פון ייִדישער שפּראַכפאָרשונג.

אַרבעט, איז אויסגעקומען דורכצולעבן צוזאַמען סײַ די פרײדן, סײַ די לײַדן.

כ׳האָב בײַגעוווינט דעם פּראָצעס פון אַבטשוקס אַרבעט איבער זײַנע "עטיודן", צוגעזען דעם גאַנצן מסירת־נפשדיקן וועג, וועלכן ער האָט דורכגעמאַכט בײַם אײַנשאַפן די מאַטעריאַלן פאַר דעם בוך [92].

אַבטשוק איז געווען, ווי מען זאָגט, "משוגע פאַר דער זאַך". ער האָט לאַנג זיך פאַרנומען מיט זאַמלען אַרטיקלען, בריוו, זכרונות, אויטענטישע דאָקומענטן, רעזאָלוציעס, פּראָטאָקאָלן אין די פאַרבאָרגנסטע ווינקעלעך פון די סאָוועטישע אַרכיוון, אָבער ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז גראָד דאָרט זענען זיי כּמעט ניט געווען בנימצא, אויך ניט אין די ספּעציעלע אַרכיוון און אַנשטאַלטן, וווּ מ׳האָט געמיינט אַז זיי דאַרפן זיך געפינען. האָט ער געמוזט אָנקומען צו פּריוואַטע מענטשן, דער עיקר צו ייִדישע שרײַבערס און קריטיקערס, וואָס אין זייער אייגענעם רשות האָבן זיך צופעליק אָפּגעהיט די אָדער יענע דאָקומענטן. כּמעט יעדער אָפּגעפונענער דאָקומענט האָט געהאַט הינטער זיך אַ גאַנצע געשיכטע, וואָס האָט עדות געזאָגט וועגן אַבטשוקס עקשנות און אײַנפאַלערישקייט ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַרויסבאַקומען עפּעס אַ וויכטיקע ידיעה פאַר זײַן בוך.

ווער עס האָט ניט געזען זײַן לײַכטנדיק פּנים בעת ער האָט אײַך דערציילט מיט אַלע פּיטשעווקעס ווי אַזוי ער האָט טאַקע הײַנט געפּאַקט עפּעס אַ יקר־מציאהלע גראָד אין דעם אָרט וואָס האָט קיינעם זיך ניט געקענט חלומען, אַז דאָרט ליגט זיך רויִק אַזאַ מין אוצר — דער האָט קיין שאַפונגספרייד ניט געזען...

ליפּע רעזניק און וואָלקענשטיין — ביידע מענטשן מיט אַ וויסנשאַפטלעכן צוגאַנג צו ליטעראַטור, האָבן פאַרמאָגט פאַרשידענע פּאַפּירלעך, וואָס האָבן שוין איצט געהאַט אַ היסטאָרישן ווערט. האָבן זיי אָבער אַבטשוקן פײַנט געהאַט און ניט געוואָלט עפענען פאַר אים זייערע שופלאָדן, און מ׳האָט באַדאַרפט האָבן די אָפיציעלע אינטערווענץ פון אינסטיטוט, אָבער מאַקס עריקס בקשה האָט פאַר זיי ניט געקלעקט; האָט אויך ליבערבערג פּערזענ־

92 דער פולער נאָמען פון דעם בוך איז — א. אַבטשוק, עטיודן און מאַטעריאַלן צו דער געשיכטע פון דער ייִדישער ליטעראַטור־באַוועגונג אין פססר אין די יאָרן 1917 — 1927, אַרויסגעגעבן פון אינסטיטוט פאַר ייִדישער קולטור, כאַרקאָוו, 1934, פאַרלאַג "ליטעראַטור און קונסט".

לעך געבעטן: זײַט ניט קלײנלעך! און אָפּזאָגן ליבערבערגן? ווער איז עס געווען בכּח בײַצושטיין ליבערבערגס שאַרם און אַרגומענטאַציע?

עפּעס אַ וויכטיקע רעזאָלוציע האָט זיך געפונען בײַ חיים גילדינען אין כאַרקאָוו. האָט אַבטשוק אײַנגעלייגט וועלטן אַז ער, חיים, זאָל אים דערלויבן מאַכן אַ קאָפּיע פון איר, כּדי ציטירן דעם גאַנצן דאָקומענט אין די "עטיודן". האָט חיים חדשים לאַנג דעם פּעטענט געפירט בײַ דער נאָז: הײַנט האָט ער פאַר זײַן אידיִשן ווּספּפישן חבר גאָר קיין צײַט ניט... מאָרגן האָט ער גאָר פאַרגעסן ווו די רעזאָלוציע ליגט, און מיט אַ מאָל מעלדעט ער — כ׳האָב זי, דוכט זיך, פאַרלאָרן... דעם אָרעמען אַבטשוק איז ממש אויסגעגאַנגען דאָס חיות. אָבער ער געהערט ניט צו די, וואָס טרעטן אָפּ פאַר שוועריקייטן. און מיר אַלע פּילן אים מיט און גיבן אים פאַרשידענע עצות ווי אַזוי אײַנצובײַסן דעם האַרטן נוס.

צום סוף האָט חיים גילדין, אַ מענטש שטאַרק להות נאָך כּבוד, "געפונען דאָס פּאַפּירל", אָבער ער שטעלט אַ באַדינג: דער מחבר דאַרף אין די "עטיודן" אָנשרײַבן שוואַרץ אויף ווײַס: "באַקומען דעם דאָקומענט פון ייִדישן שרײַבער חיים גילדין". כ׳געדענק ניט, צי אַבטשוק האָט אויסגעפילט זײַן פאָדערונג, מן־הסתּם יאָ — ער איז בדרך־כּלל געווען אַ וואָרטסמאַן.

און אַבֿרהם וועוויאָרקע? "כ׳וועל אַליין אַרבעטן איבער די דאָקומענטן, וואָס געפינען זיך אין מײַן פּריוואַטן רשות", און ווען דעם עקשן אַבטשוק איז פאָרט געלונגען עפּעס וואָס אַרויסצורײַסן פון אים, איז ער געווען אײַבער גליקלעך, און מיר אַלע האָבן זיך געפרייט צוזאַמען מיט אים.

אַגב, גראָד ביידע — סײַ גילדין, סײַ וועוויאָרקע, וואָס האָבן אַזוי שטאַרק אָפּגעהיט זייער פּריוואַט אייגנטום, זענען געווען מיט אַבטשוקן פון איין חדר — אַלע דרײַ פאַרביסענע קעמפערס פאַר דער ריינער פּראָלעטאַרישקייט פון דער סאָוועטיש־ייִדישער ליטעראַטור.

ניט געקוקט אויף דעם וואָס עס פעלן אים אויס אַ סך פּרטים, איז סוף־כּל־סוף אַבטשוקן געלונגען צונויפצוזאַמלען אַ שלל מאַטעריאַלן, באַריכטן, בריוו, פּראָטאָקאָלן, זכרונות, אָפּהאַנדלונגען וועגן ליטעראַרישע שאַפונגען. ער ברענגט דאָ אויך דאָקומענטן פון צ״ק פון דער פּאַרטיי, פון די ייִדסעקציעס, פון ליטעראַרישע גרופּירונגען אין יענע ערשטע 10 יאָר ראַטנמאַכט (1917 — 1927).

דאָס איז רוי־מאַטעריאַל, פון וועלכן עס הייבט זיך אָן וועבן די פאָר־

שונג פון דער סאָוועטיש־ייִדישער ליטעראַטור, רוי־מאַטעריאַל, אָן וועלכן ס'קען זיך ניט באַגיין קיינער, ווער עס פאָרשט יענעם צענדליק יאָרן פון דער סאָוועטיש־ייִדישער ליטעראַטור: און ווער ווייס ווי לאַנג מ'וועט נאָך דאַרפן וואַרטן ביז עס וועלן זיך אויסגעפינען די איבעריקע דאָקומענטן פון יענער עפּאָכע.

ער האָט שוין געהאַט פאַרעפנטלעכט אייניקע פאָרשונג־אַרבעטן, אָבער אויף זײַנע "עטיודן" האָט ער געקוקט מיט פאַרליבטע אויגן. הגם ער איז געווען זייער אַ באַשיידענער מענטש, פלעגט ער אין מינוטן פון אויפגערעגטקייט ניט באַהאַלטן זײַן צופרידנקייט: "ביז מיר האָט קיינער די טעמע ערנסט ניט געפאָרשט... דאָס איז מײַן ערשטע אָריגינעלע וויסנשאַפטלעכע אַרבעט... זי עפנט מיר דעם וועג צו ווײַטערדיקע פאָרשונגען..." דאָס בוך האָט ער געהאַלטן בלויז פאַר אַן אָנהייב פון זײַן ווײַטערדיקער וויסנשאַפטלעכער טעטיקייט. עקשנותדיק געזאַמלט מאַטעריאַלן פאַר דעם צווייטן באַנד עטיודן, וואָס האָט באַדאַרפט אַרײַננעמען די ווײַטערדיקע תּקופֿות פון דער סאָוועטיש־ייִדישער ליטעראַטור. אָבער איידער ער האָט באַוויזן צו פאַרעפנטלעכן די אָנגעזאַמלטע דאָקומענטאַציע, האָט אים די נ. ק. וו. ד. אַרעסטירט און אומגעבראַכט. צי האָט ער עס פאַר זײַן אַרעסט און שרעק ניט פאַרניכטעט? און אפשר ליגט דאָס ערגעץ ווו פאַרשטעקט? אויב יאָ — ווער ווייס, צי וועט עס אַ מאָל דערזען די ליכטיקע וועלט.

ווען כ'בין געקומען אין מדינת־ישראל, האָב איך געהערט פון פּראָפעסאָר חנא שמערוק, אַז אַבטשוקס 'עטיודן' האָבן נאָך הײַנט צו טאָג אַ באַדײַטנדיקן ווערט, וואָרעם אויף די דאָקומענטאַלע מאַטעריאַלן, וואָס אים איז געלונגען אײַנצוזאַמלען, באַזירן זיך די פאָרשונגען פון דער סאָוועטיש־ייִדישער ליטעראַטור אין איר ערשטן צענדליק יאָר. פאַראַן דאָרט מאַטעריאַלן, וואָס אַנדערש ווו קענט איר זיי ניט געפינען. טראָץ די טענדענציעזע אָפּשאַצונגען, וואָס אַבטשוק גיט די פאַקטן און געשעענישן, פאַררופן זיך אויף זײַן בוך די פאָרשערס פון דער סאָוועטיש־ייִדישער ליטעראַטור.

און דער ירושלימער געלערנטער שטעלט זיך אַפילו ניט פאָר, ווי גרויס איז דעמאָלט געווען מײַן דאַנקבאַרקייט צו אים פאַר זײַן הויכער אָפּשאַצונג, וואָס ער גיט דער אַרבעט פון מײַן פאַרפײַניקטן חבר. און געטראַכט האָב איך אַזוי: אַברהם, דו פאַנאַטישער, אָבער ערלעכער מענטש, דו, וואָס הגם דו האָסט עס ניט געוואָלט, ביסטו באַגאַנגען אַזוי פיל עבֿירות לגבי דײַן אייגענעם פאָלק, — ווען די שאַרפע קאָמוניסטישע האַק וואָלט ניט דערגרייכט

דײַן האַלדז און וואָלסט געבליבן צווישן די לעבעדיקע, וואָלסטו הײַנט געווען גליקלעך מיט דער דאָזיקער אָפּשאַצונג, אַז טראָץ אַלעם האָסטו אויפגעטאָן אַ וויכטיקע זאַך פאַר דײַן פילגעליטן פאָלק. כ'בין זיכער אין דעם.

הײַנט, ווען כ'בין געוואָרן אַ קליין ביסל אָבערגלייביק, קומט אויף אַזאַ געדאַנק: און אפשר האָט אים שוין דעמאָלט די אינטויציע אונטערגעזאָגט, אַז מיט די "עטיודן" וועט ער כאָטש אין אַ קלענער מאָס אויסקויפן זײַנע זינד?

ווען איך האָב מיט עטלעכע חדשים צוריק געמאָלדן דעם פּראָפעסאָר שמערוק, אַז איך האָב באַשלאָסן צו באַשרײַבן אַבטשוקן אַזוי ווי איך האָב אים געקענט, האָב איך נאָך אַ מאָל דערהערט פון מײַן אָנפירער די זעלבע אָפּשאַצונג פון אַבטשוקס "עטיודן", און דעמאָלט האָב איך דערפילט, אַז מיט מײַן אַרבעט וועל איך אָפּגעבן אַ חוב, וועלכן איך בין שוין לאַנג שולדיק דעם אומגעבראַכטן אַבטשוקן.

און דאָ בעט זיך צו דערציילן אייניקע פּרטים וועגן דעם געשלענגלטן וועג, וואָס די אַרבעט איבער די "עטיודן" האָט דורכגעמאַכט. אַבטשוק האָט געאַרבעט איבער די עטיודן נאָך פאַר דער באַשטימונג פון צ"ק פון 23סטן אַפּריל 1932 וועגן ליקווידירן די פּראָלעטאַרישע שרײַבער־אָרגאַניזאַציעס ווו ער, אַבטשוק, איז געווען פון די סאַמע, סאַמע פאַרביסנסטע טוערס.

אַ ביסל פריִער האָב איך דערציילט וועגן די שווערע איבערלעבונגען און דער צעטומלטקייט, וואָס דער דאָזיקער באַשלוס האָט געהאַט אַרײַנגעבראַכט אין די הערצער און מוחות פון די וואָס האָבן פלוצעם פאַרלוירן די חזקה איבער דער פּאָליטישער כשרות פון יעדן שרײַבער און יעדן געדרוקטן וואָרט. דער עיקר איבער די, וואָס האָבן צו די פּראָלעטאַרישע גרופּירונגען ניט געהערט. כ'האָב דערציילט, ווי אַזוי אויך אַבטשוק האָט געמוזט איבערשאַצן זײַנע אייגענע פּאָזיציעס, פאַרריכטן די באַגאַנגענע פעלערן, און ווי שווער ער האָט דאָס איבערגעלעבט.

אפשר וועט זײַן נוצלעך דאָ אויך צו דערציילן וואָס איך געדענק וועגן דעם, ווי אַבטשוקס "עטיודן" זענען אָפּגעשאַצט געוואָרן אויף די זיצונגען פון דער סעקציע פאַר ליטעראַטור אין אונדזער אינסטיטוט. די ערשטע איז פאָרגעקומען גלײַך נאָך דעם ווי מיר האָבן פײַערלעך אָפּגעפײַערט דעם אָנקום פון נײַעם יאָר 1932, ד"ה אין גאַנצן מיט אַ דרײַ חדשים פאַר דעם, איידער ס'האָט זיך אין לאַנד, ווי אַ דונער אין מיטן העלן טאָג, דעם 23סטן אַפּריל 1932, צעטראָגן דער אויפטרייסלענדיקער באַשלוס פון צענטראַל־קאָמיטעט.

און די צווייטע — אַ דרינגענדיקע, תּיכּף־ומיד נאָך דעם דאָזיקן באַשלוס. ווידער אַ זיצונג פון דער זעלבער סעקציע, ווידער די זעלבע מענטשן וואָס אויף דער ערשטער זיצונג, אַפֿילו די ערטער, אויף וועלכע זיי זיצן, האָבן זיי ניט געביטן. און אויך דער טאָג־סדר איז הײַנט דער זעלבער וואָס אויף יענער זיצונג: „עטיודן" פון אַברהם אַבטשוק. אָבער הײַנט קומם צום סוף פון די 4 ווערטער — „עטיודן פון אַברהם אַבטשוק" ניט קיין פּונקט, נאָר אַן אַנדער אָפּשטעל־צייכן — אַ קאָמאַ, און אַ בײַזאַץ, און איצט לייענט זיך שוין דער נאָמען פון טאָג־סדר אַזוי: „די עטיודן פון אַ. אַבטשוק אין שײַן פון היסטאָרישן באַשלוס פון צענטראַל־קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון 23סטן אַפּריל 1932". און נאָך איין זאַך איז דאָס מאָל נײַ — אויף אַזאַ וויכטיקער אידעאָלאָגישער זיצונג קומט צו גיין דער סעקרעטאַר פון פּאַרטיי־קעמערל.

און עס האָט זיך נאָך ניט באַוויזן אויסצוטריקענען דער טינט, מיט וועלכן מ'האָט אויף דער ערשטער זיצונג פאַרשריבן די אָפּשאַצונג פון כּתב־יד אין גײַסט פון דער אַסאָציאַציע פּראָלעטאַרישע שרײַבערס, און שוין האָט זיך בליץ־שנעל אַלץ געענדערט! ווי מיט אַ כּישוף־שטעקעלע, ווי בײַ אַ קונצן־מאַכער, וואָס מאַכט „האָקוס־פּאָקוס". אויב עס וועלן זיך אַ מאָל אויסגעפינען די פּראָטאָקאָלן פון דיביידע זיצונגען, וועט איר דאָרט דערזען: דאָס וואָס מ'האָט אויף דער ערשטער זיצונג געשאַצט ווי ווײַס, איז שוין הײַנט, ממש איבער נאַכט, געוואָרן שוואַרץ. און וואָס ס'איז געשאַצט געוואָרן נעגאַטיוו, איז הײַנט גאָר פאַרשריבן ווי פּאָזיטיוו. און ניט דער אויטאָר פון די „עטיודן", און ניט דער אָנפירער מאַקס עריק, און ניט קיינער פון די מיטאַרבעטערס, און דער פאָרשטייער פון פּאַרטיי־קעמערל אַוודאי און אַוודאי ניט, האָבן אַפֿילו פאַר זיך קיין שמייכל ניט געגעבן: „אָנגענומען איינשטימיק".

ווונדערט זיך ניט — אַזוינס איז דאָך פאָרגעקומען אין אַלע סעקציעס, און ניט בלויז איצט, נאָר נאָך יעדער ענדערונג וואָס דער צ"ק האָט פּראָקלאַמירט... און מיר האָבן עס געהאַלטן פאַר אַ נאַטירלעכער זאַך — „מ'דאַרף האַנדלען אין איינקלאַנג מיט דעם נײַעם באַשלוס פון דער פּאַרטיי" — אַזוי האָט זיך דאָס גערופן.

אַלע זענען מיר אַרויס פון דער זיצונג מלא־שימחה: אויסגעמיטן אַזאַ אומגליק. ווען דאָס בוך וואָלט חלילה אַרויס פון דרוק בלויז איין טאָג פאַרן 23סטן אַפּריל 1932, וואָלט עס דאָך געווען פול מיט פּאָליטישע פעלערן. איז

גיי גלייב ניט, אַז אַבטשוק און מיר אַלע זענען געבוירן אונטער אַ מזלדיקן שטערן: די שעפּעלעך זענען גאַנץ געבליבן און דער וואָלף איז זאַט...

נאָך די צוויי באַשריבענע זיצונגען וועט אין אַ 2 יאָר אַרום פאָרקומען אַ דריטע זיצונג וועגן די זעלבע „עטיודן", אָבער וועגן דעם אַ ביסעלע ווײַטער.

אין יולי חודש ווערן די „עטיודן" מיט אַלע זייערע נײַע, באַנײַטע, פאַרריכטע אָפּשאַצונגען פון פאַרשידענע ליטעראַרישע געשעענישן אין אַ מזלדיקער שעה אַפּראָבירט דורך דער ליטעראַרישער סעקציע, און דאָס בוך ווערט אָפּגעגעבן אין דרוק, און ניט אַזוי גלאַט, נאָר מיט אַן אָפיציעלן פאָרוואָרט, אונטערגעחתמעט „סעקציע פאַר ליטעראַטור און קריטיק בײַם אינסטיטוט פאַר ייִדישער פּראָלעטאַרישער קולטור", דאַטע — קיִעוו, 15טן יולי 1932, און אין אים גאַנצע הויפנס שבחים פאַר זײַן אויטאָר אַברהם אַבטשוק. די „עטיודן" זענען אַרויס ערשט אין 1934. ס'וואָלט פאַרנומען צו פיל צײַט און אָרט כּדי דאָ צו דערציילן די פאַרשידענע סיבות וואָס זענען גורם געווען דער דאָזיקער פאַרשפּעטיקונג. אַרויס איז עס גאָר אַ קורצע צײַט איידער ס'האָט זיך באַוויזן די שפּאָגל נײַע גזירה — דער נײַער באַשלוס פון צ"ק וועגן אַ נײַער פאַרשאַרפטער רעוויזיע פון אַלץ וואָס ס'האָט דערזען די וועלט ביז דער דאַטע.

איידער כ'וועל דערציילן וועגן ווײַטערדיקן גורל פון די „עטיודן", דאַרף איך דאָ דעם לייענער דערמאָנען איין „פּרט": בײַ אונדז אין אינסטיטוט פאַר ייִדישער קולטור, גראָד אַזוי ווי אין אַלע סאָוועטישע וויסנשאַפטלעכע אַנשטאַלטן, איז די אָנפירונג מיט אַספּיראַנטן און יונגע וויסנשאַפטלערס אין גאַנצן ניט ענלעך געווען צו דעם, ווי דאָס ווערט געטאָן אין מדינת־ישראל און אין די מערבדיקע לענדער, אין וועלכע מיר איז אויסגעקומען צו זײַן.

אין אונדזער אינסטיטוט איז די מורא פאַר פּאָליטישער פאַראַנטוואָרטלעכקייט וואָס דײַן אָנפירער טראָגט פאַר יעדן וואָרט דײַנעם, געווען אַזוי גרויס און אַזוי ממשותדיק, אַז ס'קען גאָר ניט געמאָלט זײַן, אַז דו זאָלסט פאַרעפנטלעכן אַפֿילו איין וואָרט, איידער דײַן וויסנשאַפטלעכער אָנפירער זאָל עס ניט האָבן ניט בלויז דורכגעזיפּט אין פּרינציפּ, דאָס הייסט פון פאַרטײַשן שטאַנדפּונקט, נאָר יעדער וואָרט דײַנס מעסט ער און וועגט, און באַפעלט: „דאָ פאַרריכט!", „דאָ שטרײַך אויס!", „דאָ שרײַב צו דאָס און דאָס!", „דאָ ענדער דײַן אָפּשאַצונג אויף אַזאַ, וואָס איז פּונקט פאַרקערט ווי דו דענקסט...".

און וויפֿל איך שטרענג ניט אָן מײַן זכּרון, קען איך זיך בשום־אופֿן ניט דערמאָנען אַזאַ פֿאַל, ווען עמעצן פֿון די אַספּיראַנטן אָדער וויסנשאַפֿטלערס זאָל אַפֿילו אײַנפֿאַלן אַזאַ "ווילדער" געדאַנק: ניט אָננעמען די ענדערונגען וואָס זײַן אָנפֿירער דיקטירט אים, מעג ער טראַכטן פּונקט להיפּוך... וואָרעם דו ווייסט דאָך גוט, אַז פּונקט אַזוי וועט דעם אָנפֿירער דײַנעם ניט אײַנפֿאַלן צו פּראָטעסטירן קעגן פּאָליטישע אָנווײַזונגען וואָס עס בינדן אים אָן זײַנע אָנפֿירערס — די העכערע איבער אים.

יעדער זעלבשטענדיקער געדאַנק בײַם אָפּשאַצן אַ היסטאָרישע געשעעניש, אַ ליטעראַרישע שאַפֿונג, שוין אָפּגערעדט וועגן אַ געזעלשאַפֿטלעכער געשעעניש, וואָס קומט פֿאָר אין לאַנד אָדער אויף יענער זײַט גרענעץ, איז געווען אַבסאָלוט אויסגעשלאָסן.

מיר זענען ניט געווען קיין אויסנאַם. ווי עס האָט זיך געגויִשט, אַזוי האָט זיך געייִדישט. און בלויז מיט איין כאַראַקטעריסטישן שטריך אונדזערן האָבן מיר זיך אונטערשיידט פֿון די איבעריקע: מיר פֿלעגן איבערשטײַגן אונדזערע אוקראַיִנישע און רוסישע קאָלעגעס אין האָמעווען יעדן געדאַנק וואָס קען חלילה אויסגעטײַטשט ווערן ווי אַ נאַציאָנאַליסטישער, אין דער זעלבער צײַט ווען יענע פֿלעגן, בדרך־כּלל, פֿיל ווייניקער ווי מיר מורא האָבן פֿאַר דער דאָזיקער עבֿירה.

נאָר לאָמיר זיך צוריקקערן צו אַבטשוקס "עטיודן".

ווען דער צענטראַל־קאָמיטעט פֿון אַלק"פּ (ב) האָט אין זײַנע נײַע באַשלוסן וועגן העכערן די קאָמוניסטישע וואַכזאַמקייט אין דער ליטעראַטור, קונסט און וויסנשאַפֿטן ווידער אַ מאָל באַפֿוילן: זאָל דאָס לאַנד אַרומגעכאַפּט ווערן מיט אַ מגפֿה פֿון רעווידירן די קאָמוניסטישע כּשרות פֿון אַלץ וואָס איז געשאַפֿן געוואָרן ביז איצט, און מיר — די ייִדיש־סאָוועטישע גאַס דאַרף ניט, טאָר ניט און וויל ניט אָפּשטיין פֿון דער אַלגעמיינער, האָבן אַלע 7 סעקציעס פֿון אונדזער אינסטיטוט פֿאַר ייִדישער קולטור אין קיִעוו אײַנגעאָרדנט "גענעראַלע רעוויזיעס" פֿון זייער גאַנצער וויסנשאַפֿטלעכער פּראָדוקציע פֿאַר אַלע יאָרן. שוין לאַנג איז אין די ווענט פֿון אינסטיטוט ניט פֿאָרגעקומען אַזאַ קאָכעניש. אויך די ליטסעקציע טאָר ניט און וויל אויך ניט זײַן קיין אויסנאַם. דער עקסטראַ גערופֿענער פּלענום פֿון דער דאָזיקער סעקציע האָט געדויערט פֿון דער צווייטער העלפֿט דעצעמבער 1934 ביז אָנהייב יאַנואַר פֿון נײַעם יאָר 1935. אַ סך "פּאָליטישע פֿעלערן" זענען דאָ אויפֿגעדעקט געוואָרן אין דער ייִדישער ליטעראַטור־שאַפֿונג, און עס איז אויך

פֿעסטגעשטעלט געוואָרן איר אייגענע (דער סעקציעס) "אָפּגעטעמפּטע פּאָליטישע וואַכזאַמקייט". והראיה? אין איר מיטאַרבעטערס אַבֿרהם אַבטשוקס בוך "עטיודן" האָט זי דורכגעלאָזן פֿעלערדיקע און פּאָליטיש שעדלעכע פֿאָרמולירונגען... באַזונדערס אין די שטעלן וואָס גיבן דאָרט אַ ליבעראַלע אָפּשאַצונג פֿונעם "קאָנטררעוואָלוציאָנערן טראָצקיזם"[93].

אויף וויפֿל איך געדענק האָט דער גרויסער אומגליק אַבטשוקס זיך אָנגעהויבן טאַקע אויף אָט דעם פּלענום, ווו מ'האָט שוואַרץ אויף ווײַס דערוויזן זײַנע, אַבטשוקס, ליבעראַלע אָפּשאַצונגען פֿון קאָנטררעוואָלוציאָנערן טראָצקיזם. און הגם ער האָט נאָך ווײַטער געאַרבעט און פֿאַרעפֿנטלעכט זײַנע שאַפֿונגען, איז פֿון דעם דאָזיקן טאָג דער וועג פֿאַר דעם שרעקלעכן פּסק־דין איבער אים שוין געווען אָפֿן, דער אָפֿיציעלער שטעמפּל איז שוין געווען געשטעלט און פֿאַקטיש האָט ער שוין דאָ באַקומען דעם ערשטן טויטקלאַפּ.

איך האָב אַ ביסל פֿריִער דערציילט וועגן די צוויי זיצונגען, ווײַל כ'וויל ווײַזן, אַז אין אַבטשוקס "עטיודן" איז ניט פֿאַראַן קיין איין געדאַנק, קיין איין באַהויפּטונג, קיין איין אָפּשאַצונג, וועלכע זאָל ניט האָבן באַקומען די גוטהייסונג פֿון דער אָנפֿירונג זײַנער. און דערמיט וויל איך זאָגן דאָס וואָס פֿאַר קיינעם איז דעמאָלט קיין סוד ניט געווען: ניט אַבטשוק, נאָר אַ גאַנצער קאָלעקטיוו, דאָס הייסט קודם־כּל זײַן אָנפֿירער מאַקס עריק מיט דער גאַנצער ליטעראַטור־סעקציע און מיט דעם סעקרעטאַר פֿון דער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע בתוכם זענען די "שולדיקע" אין די געפֿערלעכע פּאָליטישע פֿעלערן וואָס זענען אומפֿאַרשעמטערהייט אַרויפֿגעוואָרפֿן געוואָרן אויף די שוואַכע פּלייצעס פֿון אַבֿרהם אַבטשוק.

אַזוי אַרום האָט אַנשטאָט דעם פֿאָרוווּרף "אַבטשוק האָט דערלאָזט טראָצקיסטישע אָפּשאַצונגען..." באַדאַרפֿט זײַן "די ליטעראַרישע סעקציע מיט איר אָנפֿירער מאַקס עריק און די פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע האָבן דערלאָזט די טראָצקיסטישע אָפּשאַצונגען".

אָבער דער לייענער דאַרף וויסן, אַז דער פֿאַל מיט די "עטיודן" איז ניט קיין יוצא־מן־הכּלל, אַזוי האָט זיך געפֿירט אין דער גאַנצער וויסנשאַפֿטלע־

93 זע צײַטשריפֿט פֿון אינסטיטוט פֿאַר ייִדישער קולטור וויסנשאַפֿט און רעוואָלוציע נומ' 2, קיִעוו 1935, אויסגאַבע פֿון דער אַלאוקראַיִנישער וויסנשאַפֿט־אַקאַדעמיע.

כער סאָוועטישער וועלט און אויך בײַ אונדז אין דעם סאָוועטיש־ייִדישן וועלטל. מיר האָבן עס פּראַקטיצירט און בשעת־מעשה איז קײנעמס פּנים אַפילו ניט רויט געוואָרן... און וווּנדערט זיך ניט, ווען מ׳זאָל מודה זײַן, אַז אַ גאַנצע אָרגאַניזאַציע האָט געמאַכט פּאָליטישע פעלערן, וואָלט דאָך די נ.ק.וו.ד. געמוזט אײַנזעצן אַלעמען. מיט וועמענס הענט וואָלט די פּאַרטיי געקענט ווײַטער פירן איר מלוכה?

געטאָן האָט מען אַזוינע זאַכן בלויז אין די פאַלן, ווען די פּאַרטיי איז נייטיק געווען צו ליקווידירן אַ גאַנצן קאָלעקטיוו. אַזאַ נויטווענדיקייט איז ערשט געקומען מיט עפּעס ווייניקער ווי אין 2 יאָר אַרום — אין אַפּריל 1936 — ווען די נ.ק.וו.ד. האָט ליקווידירט דעם גאַנצן אינסטיטוט פאַר ייִדישער ליטעראַטור און אָנגעהויבן סיסטעמאַטיש אײַנצוזעצן אין די תּפיסות זײַנע וויסנשאַפטלעכע מיטאַרבעטערס.

„אַ טויט די טראָצקיסטיש־זינאָוויעווישע שלענג"

אין סעפּטעמבער 1936 ווערט פּובליקירט די באַשולדיקונג קעגן זינאָוויעוו, קאַמעניעוו און אַנדערע. ס׳האָט זיך אָנגעהויבן די נײַע עפּאָכע פון דער גרויסער טשיסטקע פון די עלטסטע פּאַרטיי־מיטגלידער, וועלכע האָבן געבויט די פּאַרטיי און די ראַטנמאַכט. אין יאַנואַר 1937 — דער פּראָצעס קעגן פּיאַטאַקאָוו און ראַדעקן, מיט אַ יאָר שפּעטער — קעגן בוכאַרינען.

יעדער פון די 3 פּראָצעסן האָט געבראַכט מיט זיך אַ ברייטע כוואַליע אַרעסטן, וואָס האָבן איבערגעשטיגן אַלע ביזאיצטיקע, און אַרומגעכאַפּט האָבן זיי וואָס אַ מאָל ברייטערע קרײַזן פון דער סאָוועטישער באַפעלקערונג.

אין מינסק האָט זיך באַוויזן א. דאַמעסקעס אַן אַרטיקל אין וועלכן ער רופט: אַ טויט די קאָנטררעוואָלוציאָנערע טראָצקיסטן, וואָס האָבן אָרודערועט אין דער ייִדישער ליטעראַטור, און אַבטשוקס נאָמען פיגורירט לעבן דעם הויפּט־פאַרברעכער כ. דוניעץ [94]. אָפּגעדרוקט איז ער געווען אין מינס־

94 כאַצקל דוניעץ האָט געלעבט און געאַרבעט אין מינסק. געווען צו גלייך מיט ליטוואַקאָוון דער טאָנגעבער אין דער סאָוועטיש־ייִדישער ליטעראַטור און אין דער סאָוועטיש־ייִדישער קולטור־בויונג. דוניעץ איז אָבער אין זיין פאַנאַטישן קאָמוניסטישן דאָגמאַטיזם געגאַנגען פיל ווייטער ווי ליטוואַקאָוו. ער האָט גע־

קער זשורנאַל שטערן (בלויז מיט איין מאָנאַט שפּעטער ווי דער באַשולדיקונגס־אַקט קעגן זינאָוויעוון) אין חודש אָקטאָבער פון יאָר 1936 אויף די זײַטן 67 — 79. דער נאָמען פון אַרטיקל איז „פאַראַכטע שׂונאים אונטער אַ ליטעראַרישער מאַסקע".

כ׳מיין אַז צום בעסטן וועט זײַן ווען כ׳וועל לאָזן רעדן דעם דאַמעסעקן אַליין: „דער אָנפירער פון די באָלשעוויקעס בײַ אונדז אין ווײַסרוסלאַנד, דער סעקרעטאָר פון צ"ק קפּ(ב)"וו ח׳ גיקאַלאָ האָט דערוויזן מיט פאַקטן, אַז בײַ אונדז אין ווײַסרוסלאַנד האָבן די טראָצקיסטן געפונען אַ באָדן בײַ די אַרויסגעקומענע פון די נאַציאָנאַליסטישע פּאַרטייען — פון „בונד", „פּ"צ" און אַנד. אַרויסגייענדיק פון דעם דאַרפן מיר פאַרשטאַרקן דעם קאַמף קעגן נאַציאָנאַליזם אין אַלע זײַנע שאַטירונגען (זײַט 70) [95].

וואָס האָבן די דאָזיקע ווערטער באַטײַט אין יענע טעג? אויב דו זעסט אַ „געוועזענעם", דאָס הייסט אַ נעכטיקן בונדאָוויעץ, אַ פּועלי־ציוניסט, אַ פאַראייניקטן — זוך אין אים אַ היינטיקן פאַרבאַהאַלטענעם טראָצקיסט, און גיב צו וויסן וווהין מען באַדאַרף. און ווער פון די אָנפירערס מיט דער

האַלטן אַז ליטוואַקאָוו איז ניט געווען באָלשעוויסטיש אין זיינע אַרבעטן וועגן דער ייִדישער ליטעראַטור. אַגב האָט איינער דעם צווייטן שטאַרק פיינט געהאַט. איינער פון די וואַכזאַמסטע ליטעראַטור־קריטיקערס און פּובליציסטן. ער האָט פאַרנומען אָנפירנדיקע אידעאָלאָגישע פּאָסטנס ניט בלויז אין דער ייִדישער קולטור־בויונג, נאָר אויך אין ווייסרוסישע רעגירונגס־אַנשטאַלטן. אַ צייט געווען הויפּט־רעדאַקטאָר פון דער מינסקער טאָגצייטונג אָקטיאַבר, וויסנשאַפטלעכער מיטאַרבעטער אין דעם ייִדישן סעקטאָר פון דער ווייסרוסישער אַקאַדעמיע, אי־בערגעזעצט ווייסרוסישע ווערק אויף ייִדיש. פאַרעפנטלעכט איניקע ביכער וועגן ליטעראַטור, וועגן פּאָליטישע פּראָבלעמען און וועגן ייִדישער קולטור־בויונג. מ׳האָט אים צוגענומען איינעם פון די ערשטע, זיין אַרעסט האָט ווי אַ דונער אין מיטן העלן טאָג אויפגעטרייסלט די ייִדיש־סאָוועטישע קולטורוועלט.

95 אַגב איז דער הויפּט־בעל־הבית פון ווייסרוסלאַנד, גיקאַלאָ, גאָר געווען לויט זיין נאַציאָנאַליטעט אַן אינגוש און האָט ביז דער דאָזיקער אַנטיסעמיטישער אַרויס־טרעטונג, אויף וועלכער עס פאַררופט זיך דאַמעסעק, געהאַט אַ שם פון אַן אָרנטלעכן מענטשן. פאַר ביידע, סיי פאַר דעם הויכן פּאַרטיי־אָנפירער, סיי פאַר זיין מה־יפיתדיקן תּלמיד, האָט די נ.ק.וו.ד. גאָר גיך אויך געפונען אַן אָרט אין די סאָוועטישע לאַגערן. צי זענען זיי פון דאָרט צוריקגעקומען? מיינע חבֿ־רים וועלכע זענען מיט עטלעכע יאָר צוריק עולה געווען פון ראַטן־פאַרבאַנד זאָגן מיר, אַז ניט.

סאָוועטיש־ייִדישער קולטור האָבן אַ מאָל ניט געהערט צו אַ ייִדישער נאַציאָנאַלער פּאַרטיי? כּמעט ניט פֿאַראַן זעלכע.

און ווײַטער: ״די דאָזיקע פֿאַרביסענע שׂונאים פֿון דער סאָוועטן־מאַכט האָבן אַרויפֿגעצויגן אויף זיך אַ שרײַבער־מאַסקע, כּדי צו פֿאַרדעקן זייערע פֿאַרברעכערישע שפּורן. די שרײַבער־פֿען האָבן זיי גענוצט צו שעדיקן אויפֿן אידעאָלאָגישן פֿראָנט, דורכשלעפּן אויף אַ קאָנטראַבאַנדע־אופֿן קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע אידעען אין דער ליטעראַטור״ (זײַט 67). ״און אויך אין דער ייִדישער ליטעראַטור דאַרפֿט איר ניט ווײַט זוכן, ווײַל צווישן אַנדערע האָט טראָצקיסטישע קאָנטראַבאַנדע אין דער ייִדישער ליטעראַטור דורכגעשמוגלט אַבטשוק אין זײַן בוך הערשל שאַמײַ...״ (זייט 68). דוניעצן, וועלכער איז אַגב דעמאָלט שוין געווען אַרעסטירט, קרוינט ער אַזוי: ״דער פּאַרטאַיעטער טראָצקיסטישער און נאַציאָנאַליסטישער רענעגאַט אונטער דער מאַסקע פֿון אַ קריטיקער און געזעלשאַפֿטלעכער טוער״ (זײַט 70). און טאַקע ער, דער קאָנטררעוואָלוציאָנערער טראָצקיסטישער קאָנטראַבאַנדיסט דוניעץ, ...האָט מיט... פּלײַס פֿונאַנדערגערימט די טראָצקיסטישע ״ווערק״ פֿון אַבטשוקן... ״ווען זיי״ (די טראָצקיסטן מיט זינאָוויעוון, טראָצקין אין דער שפּיץ — א. ר. ש.) ״האָבן געשריבן אַרטיקלען וועגן חרטה און אָנער־קענען די פֿעלערן, האָבן זיי הינטיש געלײַגט... אין דער זעלבער צײַט האָבן זיי מיט חיהשער צעיושעטקייט צוגעגרייט אין זייער קרימינעלן אונטערערד די טעראָריסטישע פֿאַרשווערונגען מיטן ציל צו פֿאַרכאַפּן די מאַכט און דורכפֿירן די קאַפּיטאַליסטישע רעסטאַווראַציע״ (זײַט 68).

און די טראָצקיסטישע שרײַבערס האָבן עס געטאָן אויף קיין האָר נישט אַנדערש, נאָר פּונקט אַזוי ווי אַבטשוק אין זײַן צווייטן בוך הערשל שאַמײַ:

״...ליטעראַרישע אַגיטאַטאָרן פֿונעם פֿאַראַכטן טראָצקיסטיש־זינאָוויעווישן לאַגער אינסצעניזירן די זאַך אַזוי: זיי האָבן אָן קיין שום שוועריקייטן אומגעקערט זייערע טראָצקיסטישע פֿאַרשוינען אין דער פּאַרטיי, צו־קלעפּנדיק זיי אַ יאָרליק פֿון אַ כּלומרשט חרטה געהאַטן, אַן איבערדערצויגענעם. אונטער דער דאָזיקער מאַסקע האָבן די טראָצקיסטן צוזאַמען מיט זייערע פֿאַרשוינען אָרודעוועט, אַרויסגעבנדיק די קאָנטררעוואָלוציאָנערע טראָצקיסטישע מעשׂים ווי פּאַרטייאישע אויסגעהאַלטענע (זײַט 68).

״...די טראָצקיסטישע ׳ליטעראַטערן׳ האָבן זיך באַמיט צו פֿאַרדעקן דעם פֿאַרעטערישן וועג פֿון די עקלהאַפֿטע טראָצקיסטישע אויסוואָרפֿן. זיי האָבן

אין זייערע ׳ווערק׳ פֿאַרבאַהאַלטן זייער אמתן פּנים און געוויזן זיי ווי מענטשן ערלעכע, געוויסנהאַפֿטע, וועמען עס מאַטערן כּלומרשט חרטה־געפֿילן אין דער ווילן צו אַרבעטן פֿאַר דער פּאַרטיי״ (זײַט 68).

און דאַמעסעק קומט צום אויספֿיר: ״די דאָזיקע פֿאַקטן זענען אַ בולטער באַווײַז, ווי ווײַט עס איז אָפּגעשוואַכט געווען די באָלשעוויסטישע אויפֿמערקזאַמקייט אין די שרײַבערישע רייען, ווי בלינד, ווי זאָרגלאָז און באַרויִקט מיר האָבן געקוקט אויפֿן געדרוקטן וואָרט״ (זײַט 67). און צום סוף פֿון זײַן אַרטיקל סאָלידאַריזירט ער זיך מיט ״די שטים פֿון 170־מיליאָניקן סאָוועטישן פֿאָלק״ — ״אַ טויט די טראָצקיסטיש־זינאָוויעווישע שלענג!״ (זײַט 70).

די לעצטע גרוסן

מיט יאָרן שפּעטער, ווען איך האָב זיך בעת דער אויפֿטײַונג, נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווידער באַזעצט אין קיִעוו, האָבן מיר קיִעווער חברים דערציילט ווי אַזוי, נאָך דעם ווי דאַמעסעקס גענעראַל־אַטאַק איז דער־שינען, איז די שטאָט געגאַנגען כּאָדאָראָם: די אויף טויט דערשראָקענע אָנפֿירערס האָבן זיך אויף די פֿאַרזאַמלונגען געקלאַפּט על־חטא — ווי האָט דאָס געקענט געמאָלט זײַן, אַז מיר דאָ אין קיִעוו האָבן אויסגעהאָדעוועט דעם שלאַנג אויף דער אייגענער ברוסט, און זיך באַנוגנט מיט האַלבע ווער־טער וועגן אַבטשוקס טראָצקיסטישע שטיקלעך.

דער עיקר האָט זיך געטאָן חושך אויף דער פּאַסאַדקע, ווו דער ״שׂונא״ איז געווען אַ בן־בית...

און דאָך איז אַבטשוק געבוירן אין ״אַ הײַבל״ — איר קענט זיך איבער־צײַגן וועגן דעם פֿון אַזאַ פֿאַקט: נאָך דעם אָנגריף אויף אים זענען שוין אָפּגעפּלאָסן עטלעכע שווערע חדשים, אָנגעלאָדענע מיט אַנטי־שאָוויניסטישן און אַנטי־טראָצקיסטישן פּולווער, און דאָך... האָט ער נאָך אַלץ זיך אַרומ־געדרייט אויף דער אַזוי גערופֿענער פֿרײַהייט!.. אַ סימן האָט איר: גאַנצע צוויי חדשים נאָך דאַמעסעקס אָנפֿאַל, דעם 15טן דעצעמבער 1936, האָט דער ייִדישער הויפּטצענזאָר אונטערגעשריבן די דערלויבעניש צו דרוקן אַבטשוקס בוך אונטערן נאָמען אין איינער אַ פֿאַרשטאָט, און נאָך מער — דאָס דאָזיקע בוך איז אַרויס פֿון דרוק אין יאָר... 1937 אין קיִעוו.

האָט ער, הייסט עס, זיך נאָך אַרומגעדרייט אויף דער פרײַ אַ היפּש שטיקל צײַט, ווען ניט בלויז ליבערבערג, זײַן געוועזענער דירעקטאָר, האָט שוין געשמאַכט אין תּפֿיסה, נאָר אויך נאָך דעם ווי די נ.ק.וו.ד. האָט פֿאַרשפּאַרט די פֿיר אָנפֿירערס פֿון אינסטיטוט — מאַקס עריקן, יונה כינטשינען, מיכל לעוויטאַנען און גרשון גאַראַכאָוון.

אָבער ווי אַזוי האָט אויסגעזען אַבטשוקס אַרומדרייען זיך אויף דער פרײַ אין אָט דעם "איבערגאַנגס־פּעריאָד"? ביז די האַנט פֿון דער סאָוועטישער "גערעכטיקייט" האָט צו אים דערגרייכט? וועגן דעם האָב איך זיך דערוווּסט מיט אַ סך יאָרן שפּעטער.

דאָ ציטיר איך בוכשטעבלעך דאָס, וואָס מיר האָט דערציילט רבֿקה שאָרניק, די עולה־חדשה פֿון מאָסקווע, אַ פֿרײַנד פֿון אַבטשוקס פֿרוי, ווען כ'האָב זיך מיט איר צופֿעליק באַגעגנט דאָ אין ירושלים: "ווען ס'האָט אָנגעהויבן ברענען די ערד אונטער זײַנע (אַבטשוקס — א. ר. ש.) פֿיס האָט אַברהם, לויט דער פֿאָדערונג פֿון זײַן פֿרוי גוטע שנײַדער, גענומען דאָס געלט וואָס ער האָט געהאַט אָפּגענומען פֿון פֿאַרלאַג פֿאַר זײַן בוך, און איז אַוועקגעפֿאָרן אויף קוראָרט אין קרים... כּדי צו פֿאַרפּלאָנטערן די שפּורן... און זי האָט אים געזאָגט: ווען 'זיי' וועלן קומען דיך נעמען, וועל איך זיי זאָגן, אַז דו ביסט געפֿאָרן קיין קאַווקאַז. און אַזוי אַרום וועסטו אַנטרינען ווערן פֿון זייערע אויגן. און אַזוי האָט ער געטאָן..."

— צי ווייסט איר ניט ווען און ווּ די נ.ק.וו.ד. האָט אים דאָך געפּאַקט?

— דאָס געדענק איך ניט, אָבער אַ שטיקל צײַט האָט ער דאָך געוווּנען...

און איך פֿאַרגעס גאָר בשעת־מעשה, אַז דאָס איז געווען מיט אַ 40 יאָר צוריק, און גיב אַ טראַכט מיט פֿרייד: "אַ חי־שעה איז דאָך אויך עפּעס ווערט"...

אַבטשוקן האָט די נ.ק.וו.ד. אַרויסגעריסן פֿון לעבן ווען ער איז נאָך קיין 40 יאָר ניט אַלט געווען. יעדער שפּור פֿון אים איז פֿאַרשוווּנדן. און מיט 20 יאָר שפּעטער שטייט אין קיִעוו פֿאַר דעם הייפֿעלע לעבן־געבליבענע גוטע פֿרײַנד פֿון פֿאַרפֿײַניקטן אַן אומגעריכטער גאַסט — דער זון זײַנער: "איך זוך דאָקומענטן און לעבעדיקע עדות, וואָס זאָלן מיר העלפֿן דערווײַזן, אַז מײַן פֿאָטער איז ניט געווען קיין ייִדישער שאָוויניסט און ניט קיין טראָצקיסט... כ'מוז אַראָפּנעמען דעם פֿלעק פֿון מײַן טאַטנס נאָמען און אויך פֿון מײַן אייגענעם אָפֿיצירן־מונדיר... אויב איר קענט, העלפֿט מיר!"

אַבטשוקס זון איז געווען ניט איינער. אַלמנות און יתומים, וואָס ווייסן

שוין אויף זיכער, אַז זייערע נאָענטע וועלן זיך פֿון די לאַגערן מער ניט אומקערן, קלאַפּן נאָך אַלץ אָפּ די שוועלן פֿון די הויכע אינסטאַנצן — זיי בעטן רעהאַביליטאַציע... ריינוואַשן דעם באַפֿלעקטן נאָמען פֿון די פֿאַרפֿײַניקטע. ניט אַלע האָבן זייער שטרעבונג דערגרייכט. אַזאַ לאַגע איז געווען אין די טעג ווען איך האָב אין פֿרילינג 1958 פֿאַרלאָזט דעם ראַטן־פֿאַרבאַנד.

⁂

— אפֿשר האָט איר ערגעץ ווּ אין די לאַגערן באַגעגנט אַבטשוקן? — פֿלעג איך פֿרעגן יעדן צוריקגעקומענעם נאָך דעם צוואַנציקסטן פּאַרטיי־צוזאַמענפֿאָר.

— ניין, ניט באַגעגנט.

און ביז הײַנט צו טאָג האָב איך אויך דאָ אין מדינת־ישׂראל בײַ קיינעם פֿון די נײַע עולים זיך ניט דערוווּסט, צי האָט עמעצער אָנגעטראָפֿן אויף עפּעס אַ שפּור פֿון מײַן פֿאַרשוווּנדענעם פֿרײַנד?

פֿאַרפֿאַלן געוואָרן, ווי דער תּהום וואָלט אים אײַנגעשלונגען! און מיר איז נאָך אַלץ שווער שלום צו מאַכן מיט דעם געדאַנק.

אין פאָלקאָמבילד פון ר.ס.פ.ר.ר.

לויטן באַשלוס פון געגנט-אויספירקאָם האָט מען אין לענינגראַד ליקווידירט צוויי יידישע בורזשואַזע געזעלשאַפטן „אָפע" און „יידישע היסטאָריש-עטנאָגראַפישע געזעלשאַפט". נאָך דער ליקווידאַציע איז אין רעשוס פון פאָלקאָמבילד פון רספּרר איבערגעגעבן דאָס גאַנצע הילף-וויסנשאַפטלעכע פאַרמעגן פון אָט די געזעלשאַפטן, וואָס באַשטייט פון ביבליאָטעקן, א מוזיי און אייניקע אַרכיוו-מאַטעריאַלן. דער פאָלקאָמבילד פון אוסרר ווענדעט זיך צום פאָלקאָמבילד פון רספּרר מיט א ביטע איבערצוגעבן אָט דאָס גאַנצע הילף-וויסנשאַפטלעכע פאַרמעגן דעם אינסטיטוט פאַר יידישער קולטור בא דער אוקראַינישער וויסנשאַפטלעכער אַקאַדעמיע. די מאָטיוון זיינען פאָלגנדיקע: דער אינסטיטוט פאַר יידישער קולטור איז איינער פון די גרעסטע וויסנשאַפטלעך-פאָרשערישע יידישע אינסטיטוציעס אין פאַרבאַנד. לויט דער אַרבעט, וואָס ער פירט אויס, האָט ער פאַקטיש אַן אַלפאַרבאַנדישן כאַראַקטער. לויטן באַשלוס פונעם אַלפאַרבאַנדישן צוזאַמענפאָר פון די יידישע קולטאַרבעטער (אַפּריל 1928, דעם באַשלוס האָבן באַשטעטיקט די פאָלקאָמבילדן פון אוסרר, רספּרר און ווסרר) האָט דער אינסטיטוט אָרגאַניזירט בא זיך א ריי אַנשטאַלטן, וואָס פירן דורך אַן אַלגעמיין-פאַרבאַנדישע אַרבעט, אַשטייגער, די אַלפאַרבאַנדישע יידישע ביבליאָגראַפישע צענטראַלע א. א. וו.

דער פאָלקאָמבילד פון אוסרר האָט אָנגענומען אַלע מיטלען, וואָס זיינען פון אים אָפּהענגיק, אַז צו באַזאָרגן דעם אינסטיטוט מיט די נייטיקע הילף-וויסנשאַפטלעכע פאָנדן (ביבליאָטעקן, מוזייען, אַרכיוון א.א.וו.). צום באַדויערן אָבער איז אַף דער טעריטאָריע פון אוסרר אַזעלכע פאָנדן קימאַט ווי ניטאָ. דער צענטער פון דער אַמאָליקער יידישער בורזשואַזער וויסנשאַפט איז געווען ניט אין אוקראַינישע שטעט, נאָר אין פעטערבורג און מאָסקווע, ווו ס'האָבן זיך קאָנצענטרירט די גרונט-קאַדרען פון דער יידישער בורזשואַזער אינטעליגענץ. נאָך דער רעוואָלוציע זיינען איניינעם מיטן קאַלאָסאַלן אויפבלי פון דער אַלגעמיינער קולטור-אַרבעט צווישן די האַרעפּאַשנע יידישע מאַסן אויפגעשטאַנען נייע צענטערן פון יידישער וויסנשאַפטלעכער אַרבעט, א באַזונדער ראָל שפּילט דאָ, נאַטירלעך, אוסרר, ווו ס'וווינט די גרעסטע טייל פון דער האַרעפּאַשנער יידישער באַפעלקערונג פונעם פאַרבאַנד.

די איבנערמאַנסטע פאָנדן דאַרף מען איבערגעבן דעם אינסטיטוט נאָך איבער דעם, וואָס סיי אין מאָסקווע (אין יידאָפּטייל פון לענין-ביבליאָטעק און אין צענטר. יידישער ביבליאָטעק), סיי אין לענינגראַד אין יידאָפּטייל פון אזיאַטישן מוזיי און אין יידאָפּטייל פון דער עפנטלעכער ביבליאָטעק) זיינען פאַראַן קאָלאָסאַלע יידישע ביכער- און מאַנוסקריפּטן-פאָנדן, וועלכע ווערן ניט אויסגענוצט אין דער געהעריקער מאָס, ווייל זיי געפינען זיך ניט אַף אוקראַינע, ווו מע פירט א באַדייטנדיקע יידישע וויסנשאַפט-אַרבעט.

פאַרן פאָלקסקאָמיסאַר פון בילדונג-איניאָנים פון אוסרר פּ אָ ל אָ צ ק י.

צו זייט 32

· ט׳ הילפ-וויסנשאפטלעכע פארמעגנ, "וואָס איז איבערגעגאנגענ צומ אינסטיטוט, באשטייט פונ פאָלגנ-דיקע פאָנדנ:

1) די ביבליאָטעק פונ „אָפע" (אלפירערכ 50 טויזנט בענדער, צווישנ זיי זייער פיל עלטערע יידישע אויסגאבעס אינ פארשיידענע שפראכנ, ווי אויכ בא 1000 העברעישע אונ אראבישע מאנוסקריפטנ, פונעמ XII יאָרהונדערט אָנ. אהער גייט אויכ ארייננ דער גאנצער ארכיוו פונ הארקאווי).

2) די ביבליאָטעק פונ דער „היסט-עטנאָג. געז." בא 4000 בענדער, צווישנ זיי עטלעכע הונדערט זייער אלטע אויסגאבעס, ווי אויכ די זייער ווערטפולע קאָלעקציע פונ יידישע ביכער פונ אנ—סקינ).

3) דער ארכיוו פונ „אָפע" פונ 1863 יאָר אָנ.

4) דער גאנצער ארכיוו פונ דער „היסט.-עטנ. געז." (איינגעשלאָסנ דעמ עטנאָגראפישנ ארכיוו פונ אנ—סקינ).

5. דער מחיקאלער ארכיוו פונ דער „עטנ. געז." (ביז 600 וואלצנ מיט העכער 1000 לידער. אכוצרעס זייער פיל נאָטנ אונ טעקסנ פונ די לידער). אויסער דיראָזיקע פאָנדנ איז צומ אינסטיטוט איבערגעגאנגענ אויכ א געוויסע אויסשטאטונג (פארלאָגראפ, דיקטאָפאָנ, א טייל פונעמ מעבל א. א. וו.).

וואָס איז שייכ דעמ מוזיי, איז ער לויט א צוגאָב-באשלוס איבערגעגעבנ געוואָרנ דעמ יידסעקטאָר פונ דער ווייסרוסישער וויסנ. אקאדעמיע.

א גענויערע באשרייבונג פונ די באקומענע פאָנדנ וועט פארעפנטלעכט ווערנ אינ די נאָענטסטע נומערנ פינ „ביולעטענ".

צו זייט 32

ליקווידאציע פון דער העבראיסטישער היסטאָריש-ארכעאָגראפישער קאָמיסיע.

אף דער זיצונג פון 24 סענטיאבער האָט דער פרעזידיום פון דער אלוקראינישער וויסנשאפטלעכער אקאדעמיע באהאנדלט די פראגע וועגן דער ווייטערדיקער עקזיסטענץ פון דער העבראיסטישער היסטאָריש-ארכעאָגראפישער קאָמיסיע, וואָס בעראָש פון איר איז געשטאנען גאלאַנט. ס'איז אָנגענומען געוואָרן

א באשלוס צו ליקווידירן די קאָמיסיע און איבערגעבן דעם גאנצן וויסנשאפטלעכן פארמעגן אירן דעם אינסטיטוט פאר יידישער קולטור. ס'איז אויך באשלאָסן געוואָרן צו בעטן דעם דירעקטער פונעם אינסטיטוט צו מאכן א באריכט וועגן דער דורכגעפירטער און פאָרשטייענדיקער ארבעט אף איינער פון די נאָענטסטע זיצונגען פון פרעזידיום.

צו זייט 37

ביולעטען

פונעם אינסטיטוט פאַר יידישער קולטור באַ דער אַלוקראַינישער וויסנשאַפטלעכער אַקאַדעמיע

אָקטיאבער 1929 № 1 (4)

פון דער רעדאקציע

אין צוזאמענהאנג מיט דער רעאָרגאניזאציע פון דער קאטעדרע פאר יידישער קולטור אין א אינסטיטוט ווערט דער נאָמען פונעם „ביולעטען“ געענדערט. פונעם איצטיקן נומער איז זיין אָפיציעלער נאָמען אזוי: „ביולעטען פונעם אינסטיטוט פאר יידישער קולטור בא דער אלוקראינישער וויסנשאפטלעכער אקאדעמיע“.

רעאָרגאניזאציע פון דער קאטעדרע אין א וויסנשאפטלעך־פאָרשערישן אינסטיטוט.

לויטן באשלוס פון ראטנפאָלקאָם פון או. ס. ר. ר. איז די קאטעדרע פאר יידישער קולטור פארוואנדלט געוואָרן אין א וויסנשאפטלעך-פאָרשערישן אינסטיטוט. דער אינסטיטוט וועט באשטיין פון זעקס אָפטיילונגען: היסטאָרישער, ליטערארישער, פילאָלאָגישער, סאָציאַל־עקאָנאָמישער, פעדאגאָגישער און עטנאָגראפישער. חוץ דעם וועלן באם אינסטיטוט עקזיסטירן אלס באזונדערע אנשטאלטן: 1) די ביבליאָטעק, 2) די ביבליאָגראפישע צענטראלע, 3) דער פרעסע־ארכיוו און 4) דער פאָלקלאָר־ארכיוו. דער אינסטיטוט האָט באקומען אין זיין רעשות א גרויסע דריי־שטאָקיקע געביידע (בא 30 צימערן), וואָס ווערט איצט רעמאָנטירט. דער שטענדיקער וויסנשאפטלעכער שטאט פון דער קאטעדרע איז באשטעטיקט אין אזא באשטאנד: דירעקטאָר פון אינסטיטוט (ער איז אויך פארוואלטער פון אן אָפטיילונג), פינף פארוואלטערס פון אָפטיילונגען, זיבן וויסנשאפטלעכע מיטארבעטער, פארוואלטער פון דער ביבליאָטעק, פארוואלטער פונעם פרעסע־ארכיוו, פארוואלטער פון דער ביבליאָגראפישער צענטראלע און וויסנשאפטלעכער ביבליאָגראף. די צאָל אספיראנטן איז דערפירט ביז צוועלף. ארום און ארום, אויב אריינרעכענען דעם טעכנישן פערסאָנאל אויך, וועט דער שטענדיקער שטאט פונעם אינסטיטוט באשטיין פון 37 פערזאָן. חוץ דעם וועלן אין די באזונדערע קאָמיסיעס און אָפטיילונגען פונעם אינסטיטוט ארבעטן נאָך ביז 5 מענטשן וויסנשאפטלעך־טעכנישן פערסאָנאל (אין דער אלגעמיינער צאָל פונעם שטאט פערסאָנאל ווערן ניט אריינגערעכנט יענע פערזאָנען, וואָס באטייליקן זיך אין דער אָדער אנדערער וויסנשאפטלעכער ארבעט אף געזעלשאפטלעך-פרייוויליקע יסודות). דער בידזשעט פונעם אינסטיטוט אפן 1929/30 יאָר איז באשטעטיקט (צוזאמען מיטן רעמאָנט) אין דער סומע פון קאָרוו 90 טויזנט רובל.

צו זייט 45

יערלעכער אקט פונעם אינסטיטוט.

דעם 26־טן אָקטיאבער איז אין דער נייער געביידע פונעם אינסטיטוט (ליבקנעכט־גאס, 10) פאָרגעקומען דער יערלעכער אקט פונעם אינסטיטוט. דער אקט האָט זיך פארוואנדלט אין א פייערלעכן אָוונט לעקאָוועד דער רעאָרגאניזאציע פון דער קאטעדרע אין א אינסטיטוט. מיט ווארעמע באגריסונג־רעדעס זיינען ארויסגעטראָטן: דער פרעזידענט פון אוקראינישער אקאדעמיע, אקאדעמיקער ה. ק. אבאָלאָטני, דער פֿאַרזיצער מיטן קולט־אָפטייל פונעם קיעווער קרייזפראָפראט, כ׳ אַזארישאַק, דער פארוואלטער מיט דער יידסעקציע באם קיעווער קרייז־פארטיי־קאָמיטעט, כ׳ גולקאָ, דער רעדאקציע־מיטגליד פון „מאָרגן־פרייהייט“, כ׳ נאָוויק, דער פאָרשטייער פון מארקס-לענינישער קאטעדרע בא דער אקאדעמיע פראָפ. פאסוואלסקי און פון די קיעווער יידישע ארבעטער די כ־טע ליס. נאָך די ענטפערס אף די באגריסונגען – פונעם כ׳ י. ליבערבערג (אין אוקראיניש) און פונעם כ׳ נ. שטיף (אין יידיש) האָט דער פארוואלטער פון אינסטיטוט כ׳ י. ליבערבערג אָפגעגעבן א באריכט פון דער ארבעט פון דער קאטעדרע (דער באריכט וועט פארעפנטלעכט ווערן אין א ספעציעלער בראָשור וועגן אינסטיטוט, וואָס גרייט זיך איצט צום דרוק).

צו זייט 46

קעגן דער רעאקציִאָנערער ייִדישער וויסנשאפט.

דעם 4־טן דעקאבער איז פאָרגעקומען אן עפנטלעכע פארזאמלונג פונעם קאָלעקטיוו וויסנשאפטלעכע טוער און אספיראנטן פונעם אינסטיטוט, אף וועלכער עס איז אויסגעהערט געוואָרן דער פאָרטראג פונעם כ׳ מ א ק ס ע ר י ק וועגן דער ייִדישער וויסנשאפט אין אויסלאנד. אפן פאָרטראג איז ביגעווען א גרויסער אוילעם ארבעטער און קולטור-טוער. נאָכן פאָרטראג, וועלכער איז אויסגעהערט געוואָרן מיטן גרעסטן אינטערעס, איז אָנגענומען געוואָרן די פאָלגנדיקע רעזאָליוציע (פאָרגעשלאָגן פונעם כ׳ י. ליבערבערג):

אויסהערנדיק דעם פאָרטראג פונעם כ׳ ע ר י ק וועגן דער ייִדישער וויסנשאפט אין אויסלאנד, קאָנסטאטירט דער עפנטלעכער פלענום פון ייִדישע קולטור-טוער, וואָס איז ביגעווען אפן פלענום:

1. אז די ריין-אויסערלעכע, שפראכלעכע כילוקי-דייעס, וואָס עקזיסטירן צווישן דער ציִאָניסטיש-ייִדישער און ייִדישיסטישער וויסנשאפט שטערן זיי ניט איינצושטעלן אן איינהייטלעכן קלאַליִסראָעלדיקן אידעאָלאָגיש-פּאָליטישן פראָנט, וואָס איז געווענדט קעגן דעם ארבעטער-קלאס און זיין קאָמוניסטישער מארקס-לענינישער וויסנשאפט;

2. אז אין רעמוראָויקן איינהייטלעכן פראָנט פון דער „כאָכמעס-האַיאַהאַדוס" און „כאָכמעס-ייִדיש" דריקט זיך אויס די פּאָליטישע העגעמאָניע פון דער בורזשואזיע איבער דער קליינבירגערלעכער בונדיש-פאָלקיסטישער ייִדישער אינטעליגענץ;

3. אז באזונדערס בולט האָט זיך דער סאָציאל-אידעאָלאָגישער אליאנס פון דער ייִדישיסטישער און העברעיִסטיש-יאהודישער וויסנשאפט ארויסגעוויזן אף דער קאָנפערענץ פון ייִדישן וויסנשאפטלעכן אינסטיטוט אין ווילנע, וואָס האָט אפן פּראָקלאמירט די גרייטקייט פון די ייִדישיסטישע געלערנטע צו באדינען די קלאסן-אינטערעסן פון דער אלוועלטלעכער ייִדישער בורזשואזיע.

ארויסגייענדיק דערפון, האלט דער פלענום פאר נייטיק:

1. צו ווענדן זיך צו דער ייִדישער פּראָלעטארישער געזעלשאפטלעכקייט פון דער גאנצער וועלט, און פון פוילן און אמעריקע אין דער ערשטער ריי, מיט א רוף צו געבן אן אנטשיידענעם ווידערשטאנד דער אידעאָלאָגישער רעאקציע פון די ייִדישיסטיש-העברעיִסטישע וויסנשאפטלער, אנגעהויבן פון קלייקירדעס־דיקע סעמינארן און ענדיקנדיק מיטן ווילנער וויסנשאפטלעכן אינסטיטוט, און זיך ענגער פארבינדן מיט די סאָוועטישע וויסנשאפטלעכע אינסטיטוציעס;

2. צו פארשטארקן דעם אידעאָלאָגישן קאמף קעגן דער אויסלענדישער ייִדישיסטיש-העברעיִסטישער נאציִאָנאליסטישער וויסנשאפט און קעגן איר אגענטור אינעם ראטנפארבאנד;

3. אונטערשטרייכן, אז אין די באדינגונגען פונעם אידעאָלאָגישן קלאסנקאמף, וואָס צעפלאקערט זיך אלץ שטארקער און שטארקער אויך אפן געביט פון ייִדישער וויסנשאפט-ארבעט, איז ניט דערלאָזבאר דער אָנטייל פון די סאָוועטישע געלערנטע אין די ייִדישיסטישע און העברעיִסטישע דרוק-אויסגאבעס.

אין צוזאמענהאנג מיט דער ליקווידאציע פון לענינגראדער „אָפע" און „היסטאָריש-עטנאָגראפישער געזעלשאפט" האָט דער פלענום פונעם אינסטיטוט אָנגענומען דעם ו/27 1930 פאָלגנדיקע רעזאָליוציע:

„דער פלענום פונעם אינסטיטוט פאר ייִדישער קולטור בא דער אוקראַיִנישער וויסנשאפטלעכער אקאדעמיע באגריסט דעם באשלוס פונעם לענינגראדער געגנט־אויספירקאָם צו ליקווידירן די בורזשואזע ייִדישע וויסנשאפטלעכע אָרגאניזאציע „אָפע" און „היסטאָריש-עטנאָגראפישע געזעלשאפט". ניט געקוקט אפן דעם, וואָס די סאָציאליסטישע קולטור-בויונג אין דער ייִדישער סוויווע גייט דורכ מיטן גרעסטן דערפאָלג, זיינען דאָך נאָך פארבליבן ביז דער לעצטער צייט א ריי קלעריקאלע און יאהודיש-נאציִאָנאליסטישע ייִדישע וויסנשאפטלעכע אָרגאניזאציעס. די כוואליע פונעם נייעם אָנגריף פונעם ארבעטער-קלאס אף די רעשטלעך פון דער אלטער וועלט האָט אָבער אראָפּגעשווענקט אויך די-דאָזיקע ציטאדעל פון דער אידעאָלאָגישער רעאקציע אין דער ייִדישער סוויווע — די בורזשואזע וויסנשאפט. נאָך דער ליקווידאציע פון גאלאנטס קאָמיסיע אין קיִעוו זיינען פארמאכט געוואָרן די רעאקציִאָנערע אָרגאניזאציעס אין לענינגראד. באגריסנדיק דעם לענינגראדער אויספירקאָם פאר זיין באשלוס, דריקט אויס דער אינסטיטוט זיין זיכערקייט, אז די ליקווידאציע פון די בורזשואזע געזעלשאפטן וועט באגעגנט ווערן מיט דער גרעסטער באפרידיקונג אין די ברייטסטע שיכטן פון דער ייִדישער פּראָלעטארישער געזעלשאפטלעכקייט און וועט מיטהעלפן דעם זיגרייכן קאמף מיט אלע פיינט פון דער ייִדישער פּראָלעטארישער קולטור".

פאראנטוואָרטלעכער רעדאקטער: י. ליבערבערג.

2־טע דרוקעריי, האַרקאָווסקי 42. ג. נ. 2505. 1000 עקז. — קרייזליט נ. 407 1/3 דר.-בויגן.

צו זייט 46



די נייַע געביידע פונעם אינסטיטוט פאַר יידישער פראָלעטאַרישער קולטור ביי דער אוקראַיִנישער וויסנשאַפטלעכער אַקאַדעמיע אין קיִעוו אויף דער לעוואַשאָווסקי־גאַס, נומ׳ 10.



צו זייט 63



צו זייט 63

В І Д О М І С Т Ь №65

На оплату аспірантам Н/Д Ін-ту Євр. Пролет. Культури стіпендії за жовтень 1934 року.

№№ Прізвище ім'я	ф а Належить	повинка	п/п	в/ж	разом	до сплати	Підпис
1. Бр[illegible] Ш.	250 –	27.50	4.63	6.95	39.08	210.92	
2. Дубінет І.	250 –	34 –	7.40	8.60	50 –	[illegible]	
3. Вендас Д.	250 –	27.50	4.63	6.95	39.08	[illegible]	
4. Спектор Я.	250 –	27.50	4.63	6.95	39.08	210.92	
5. Рейтер Г.	250 –	27.50	4.63	6.95	39.08	210.92	
6. Шапіро З.	250 –	27.50	4.63	6.95	39.08	210.92	
7. Померанц А.	250 –	25 –	4.63	6.95	36.58	213.42	
8. Шапіро М.	250 –	25 –	4.63	6.95	36.58	213.42	
9. [illegible] М.	250 –	25 –	4.63	6.95	36.58	213.42	
10. Тортер М.	250 –	25 –	4.63	6.95	36.58	213.42	
11. Герцман	250 –	25 –	4.63	6.95	36.58	213.42	
12. Лернер Р.	250 –	30 –	7.40	8.60	46 –	204.	
13. Гітерман	200 –	25 –	2.88	4.75	32.63	167.37	
14. Коростишевський	200 –	22 –	2.88	4.75	29.63	170.37	
15. Віленкін Н.	200 –	25 –	2.88	4.75	32.63	167.37	
16. Розенберг Н.	200 –	22 –	2.88	4.75	29.63	170.37	
17. Вексер Д.	200 –	22 –	2.88	4.75	29.63	170.37	
18. [illegible]	200 –	25 –	2.88	4.75	32.63	167.37	
19. Чудновський	200 –	25 –	2.88	4.75	32.63	167.37	
20. Гітман	200 –	22 –	2.88	4.75	29.63	170.37	

צו זייט 62

21. [illegible]	200 –	25 –	2.88	4.75	[illegible]	[illegible]	
22. [illegible]	200 –	25 –	2.88	4.75	32.63	167.37	
23. [illegible]	200 –	25 –	2.88	4.75	32.63	167.37	
24. [illegible] Е.	200 –	25 –	2.88	4.75	32.63	167.37	
25. Каган Е.	200 –	25 –	2.88	4.75	32.63	167.37	
	5600 –	639.50	98.54	148.45	885.49	[illegible]13.51	

3/X 1934 р.

Директор Ін-ту /І. Ліберберг/

Бухгалтер /Гусовський/

Всеукраїнська [illegible]
Наук у [illegible]

В І Д О М І С Т Ь №66

На оплату аспірантам Біробіджан секції стіпендії за жовтень 1934 р.

1. Діамент	250 –	25 –	4.63	6.95	36.58	213.42	
2. [illegible]	250 –	15 –	4.63	6.95	26.58	[illegible]	
	500 –	40 –	9.26	13.90	63.16	436.84	

Директор Ін-ту /І. Ліберберг/

[illegible] 1934 р. Бухгалтер /Гусовський/

צו זייט 62



ВІДОМІСТЬ [illegible]

На сплату [illegible] Н/Д Ін-ту Євр. Культури за 16–30/ІХ 193[illegible]

Прізвище та ім'я	Посада	Належить	Позика	п/п	Разом	До сплати	Підпис
I. Дирекція							
1. Ліберберг І.	Директор	300 –	45 –	44.58	89.58	260.42	
2. Резнік Я.	Заст. навч/ч.	100 –				100 –	
3. Коган Д.	" адм/госп.	200 –	10 –	10.74	20.74	179.26	
4. Канер Б.	Секр. навч/ч.	87.50	8 –	[illegible]	10.[illegible]	77.[illegible]	
II. Літер. секція							
5. Маркін С.	Керівник	250 –	25 –	17.22	42.22	207.78	
6. Мармор К.	Наук. роб.	250 –	30 –	17.22	47.22	202.78	
7. Мерман М.	" "	250 –	44 –	44.58	88.58	161.42	
8. Білов С.	" "	137.50	15 –	9.96	24.96	112.[illegible]	
9. Абчук А.	" "	137.50	15 –	5.70	[illegible].70	116.80	
III. Педагог. секції.							
10. Резнік [illegible]	Керівник	200 –	35 –	28.58	63.58	136.42	
11. Борохов Г.	Наук. роб.	137.50	15 –	5.70	20.70	116.80	
12. Шнайдерман С.	" "	137.50	15 –	5.70	20.70	116.80	
13. Кругляк [illegible]	" "	137.50	15 –	5.70	20.70	116.80	
14. Сафан І.	" "	137.50	15 –	5.70	20.70	116.80	
15. Ровне М.	" "	137.50	15 –	5.70	20.70	116.80	
16. Пейсах [illegible]	" "	137.50	14 –	5.70	19.70	117.80	
IV. Філолог. секція.							
17. Співак Е.	Керівник	250 –	27 –	17.22	44.22	205.78	
18. Добін Ш.	Наук. роб.	137.50	15 –	5.70	20.70	116.80	
19. Лойцкер Х.	" "	137.50	15 –	5.70	20.70	116.80	
20. Майдонський [illegible]	" "	137.50	15 –	5.70	[illegible]	[illegible]	
21. Слуцький Б.	" "	137.50	15 –	5.70	20.70	116.80	
V. Історична секція.							
22. Маргуліс У.	Керівник	200 –	22 –	28.58	50.58	149.42	
23. [illegible] Г.	Наук. роб.	137.50	15 –	5.70	20.70	116.80	
24. Хабенський А.	" "	137.50	15 –	5.70	20.70	116.80	
25. Співак Б.	" "	80 –				80 –	
VI. Етногр. секції.							
26. Вінер М.	Керівник	150 –	10 –	6.48	16.48	133.52	
27. Береговський М.	Наук. роб.	200 –	22 –	10.74	32.74	167.26	
28. Скудицький З.	" "	137.50	16 –	5.70	21.70	115.80	
VII. Бібліогр. секція.							
29. Мітельман І.	Керівник	200 –	20 –	10.74	30.74	169.26	
30. Квітний І.	Наук. роб. зав. бібл. бюро	200 –	22 –	10.74	32.74	167.26	
31. [illegible]	Наук. роб.	125 –	12 –	4.68	16.63	108.37	

צו זייט 79



VIII. Віробідж. секція					
32. Кадишевіч Н. Керівник	306	-30 -	28.58	58.58	241.42
33. Межирицький Наук. роб.	200	-10 -	2.88	12.88	187.12
IX. Лаборанти кабінетів					
34. Шнайдер С. Етногр.	80.63	8 -	1.66	9.66	70.97
35. Лубінський МОВН. фольк.	43.50				43.50
36. Рабиновіч М. [illegible]олог	80.63	8 -	1.66	9.66	70.97
37. Гохлернер " "	80.63	8 -	1.66	9.66	70.97
38. Мільман Псіхотех.	80.63	8 -	1.66	9.66	70.97
39. Резнік Г. " "	45 -				45 -
40. [illegible]ерман [illegible]ілолог	80.63	7 -	1.66	8.66	71.97
41. Лернер Р. " "	37.50				37.50
42. Кафа Р. Історична	80.63	9 -	1.66	10.[illegible]	[illegible]
43. Дубі[illegible] Рад. літер.	37.50				37.50
44. Рубчи[illegible]ська Р. Б. Біджан	80.63	6 -	1.66	7.66	72.97
45. Гусовський Х " "	50 -				50 -
X. Бібліографічне бюро					
46. Добіна Р. Ст. Бібліогр.	100	11 -	2.88	13.88	86.12
47. Нусенсон " "	87.50	6 -	2.25	8.25	79.25
48. Лівшиц Г.	80.63	6 -	1.66	7.66	72.97
49. [illegible]ина Д. " "	80.63	5 -	1.66	6.66	73.97
XI. Центр. Архів. преси.					
50. Шонівська Керівник	130 -	15 -	5 -	20 -	110 -
51. Бабінський Ст. Бібліог	87.50	10 -	2.25	12.25	75.25
52. Гу[illegible]ська " "	80.63	6 -	1.66	7.66	72.97
53. Рабиновіч Л. " "	80.63	6 -	1.66	7.66	72.97
XII. Центральна Академ. Бібліотека					
54. Манасевич [illegible] Зав. сектор. каталог.	100 -	8 -	2.88	10.88	89.12
55. Епштейн Комплект.	100	11 -	2.88	13.88	86.12
56. Штотман Читальні	87.50	8 -	2.25	10.25	77.25
57. Розтблат музей	80 -	-	1.66	1.66	78.34
58. Рудницька Ст. Бібл.	80.63	6 -	1.66	7.66	[illegible]
59. Кабанівська " "	80.63	6 -	1.66	7.66	72.97
60. Гольдендер " "	70.85	5 -	1.31	6.31	64.54
61. Оратівська " "	70.85	6 -	1.31	7.31	63.54
62. Шапиро З. " "	61.05	4 -	1.15	5.15	55.90
63. Бондаренко Пом. Бібл.	56.50	2 -		2 -	54.50
XIII. Палітурна майстерня.					
64. Стотленд Палітурник	125 -	12 -	4.38	16.38	108.62
65. Розенберг " " "	80.63	7 -	1.66	8.66	71.97
XIV. Друк бюро					
66. Верхінська С. Керівник	86 -	4 -		4 -	86 -
67. Штіф Д. Ст. Друк.	80 -	8 -	1.86	9.86	70.14
68. Співак Р. " "	56.50	4 -	1.45	5.45	51.05

צו זייט 79 (המשך)

XV. Адмін. тех. персонал					
69. Верхінська Секретар	125 - 25 -	10 -	3.85	13.85	136.15
70. Гусовський Бухгалтер.	125 -	20 -	8.49	28.49	96.51
71. Резник Г. Завгосп	80 -	10 -	3.25	13.25	66.75
72. Хаскин Г. Квал. Техроб.	42 -	3 -		3 -	39 -
73. Лугіна С. " "	42 -	2 -		2 -	40
74. Синельник Н. " "	42 -	2 -		2 -	40
75. Зубрицька " "	42 -				42
76. Гойдер Л. Двірник	42 -	2 -		2 -	40
	8943.57	836 -	447.80	1303.80	7641.77
М.К.	89.46				
	9033.03				

Соцстрах 10.75
971.43

Директор Ін-ту /І. Ліберберг/

2/X 1934 року

Бухгалтер /Гусовський/

Всеукраїнська Академія Наук у Києві

צו זייט 79 (המשך)

אין דער ביבליאָטעק פונעם אינסטיטוט.

די ביבליאָטעק פונעם אינסטיטוט האָט פאַר דער לעצטער צײַט שטאַרק פאַרגרע-סערט איר פאָ:ד. די אלגעמײנע צאָל ביכער דערגרייכט איצט ביז 30 טויזנט בענדער. פאַר דער צײַט, זינט עס האָט זיך אָנגעהויבן די זאמל-קאמפאניע, האָט די ביבליאָטעק באקומען פאָלגנדיקע פאָנדן [1]).

1) פונעם פארלאג „קולטור-ליגע" בא 300 ביכער, אויסשליסלעך אין יידיש.
2) פונעם פארלאג „שול און בוך"—בא 400 ביכער, אויך אלע אין יידיש.
3) פון „צענטרפארלאג" בא 150, אין יידיש.
4) פון „אוקר. מעלוכע-פארלאג"—בא 50, אין יידיש.
5) פון אומאנער „געזקולט" און „יידבילדביוראָ"—בא 2000 בענדער, דעריקער אין העברעיש.
6) פון ליובאר—בא 1000, אין העברעיש.
7) פון דער אוקר. וויסנ. אקאדעמיע—בא 250, אין אוקראיניש.
8) פון דער ווײַסרוסישער וויסנ. אקאדעמיע—בא 100, אין ווײַסרוסיש.
9) פון קלוב „III אינטערנאציאָנאל" (כארקאָוו)—בא 1500, אין יידיש, רוסיש יודאיקע) אין העברעיש.
10) פון יידבילדביוראָ פונעם אוקראינישן פאָלקאָמבילד (כארקאָוו)—בא 1000, קימאט אויסשליסלעך אין יידיש.
11) פונעם זשיטאָמירער אינסטיטוט פאַר פאָלקסבילדונג, יידישן פאקולטעט—בא 150, מערסטנטייל אין העברעיש.
12) פון זשיטאָמיר (צונויפגעזאמלט פונעם כ' ליבערבערג)—בא 1000, אין פארשיידענע שפראכן.
13) פון זשיטאָמיר (צונויפגעזאמלט פון די כ'כ' קוויטני און ליפּצאן)—בא 3000 (צווישן זיי א 200 פונעם קרײַז-מוזיי) אין פארשיידענע שפראכן.
14) פון בערדיטשעוו (צונויפגעזאמלט פון די כ'כ' ליבערבערג, קוויטני, מאנו-סעוויטש און קעלמאן) בא 5000 (דערונטער ביז 500 באקומען פונעם קרײַז-מוזיי) דעריקער אין העברעיש.
15) פון בערדיטשעוו (צונויפגעזאמלט פון די כ'כ' קוויטני, קעלמאן און מאנו-סעוויטש)—בא 2000, דעריקער אין העברעיש.
16) פון שעפעטאָווקע (צונויפגעזאמלט פון די כ'כ' קוויטני און קעלמאן)—בא 700, דעריקער אין העברעיש.
17) פון בערלין (צונויפגעזאמלט פונעם כ' י. ליבערבערג)—בא 500, די גרעסטע טייל אין יידיש.
18) פונעם קיעווער קאָמוניסטישן קולטור-הויז—בא 300, דעריקער אין רוסיש (יודאיקע).
19) פון דער ביבליאָטעק אפּן נאָמען פון אל. ק. פ. (ב)—(קיעוו), בא 500, דעריקער אין רוסיש (יודאיקע).
20) פונעם קיעווער אינסטיטוט פאר פאָלקסבילדונג—בא 50, פארשידנשפראכיקע יודאיקע.

צו זײַט 81

21) פונעם קיעווער אינסטיטוט פאר פאָלקסווירטשאפט—בא 150, פארשידנשפראכיקע יודאיקע.
22) פון דער קיעווער יידישער ארבעט-שול 17 —800, אין רוסיש (יודאיקע) און העברעיש.
23) פון די ברידער ווײַסבלאט (קיעוו, געשענקט)—בא 500, אויסשליסלעך אין העברעיש.
24) פון מעדזשיבעדזש—בא 300, פארשידענע.
25) פון דער וויניצער קרײַז-ביבליאָטעק—בא 100, פארשידענע.
26) פון דער ליקווידירטער העברעיסטישער קאָמיסיע בא דער אוקראינישער וויסנשאפטלעכער אקאדעמיע—בא 850, אין יידיש, העברעיש און פארשידנשפראכיקע יודאיקע.
27) פון דער ביבליאָטעק אפּן נאָמען פון ווינטשעווסקי (קיעוו)—בא 500, אין יידיש, העברעיש און פארשידנשפראכיקע יודאיקע.
28) פון דער אָדעסער יידישער אקאדעמישער ביבליאָטעק—בא 200, אין פארשי-דענע שפראכן.
29) פון סקווירע (צונויפגעזאמלט פון די כ'כ' שקאראָווסקע און בראווערמאן)—400, דעריקער אין העברעיש.
30) פון דער מאָסקווער יידישער צענטראלער ביבליאָטעק—בא 100, אין יידיש און רוסיש (יודאיקע).
31) פון קרעמענטשוג (דורך כ' קוויטני)—בא 2000 בענד (דערהויפּט ראבינקע).
32) פון דנעפּראָפּעטראָווסק (צונויפגעזאמלט דורכן פארוו. פון די איניאָנים פון אינסטיטוט כ' מ. שאפּיראָ) בא 12000 בענד, יודאיקע, ראבינקע, אין דעם א קאָלעקציע אלטע לאטײנישע, קראימעשע ביכער.

אכוצדעם האָט די ביבליאָטעק באקומען א היפּש ביסל קלענערע און גרעסערע פעקלעך ליטעראטור פון א גאנצער ריי שטעט און שטעטלעך פון אנשטאלטן און פריוואטע פערזאָנען (פון אינגולעצ, טולטשין, באָלאָצערקווע, טשערנאָביל, סקווירע, זאסלאוו א. אז. וו.).

צום צעטל באקומענע און צונויפגעזאמלטע ביכער דארף אויך צוגעגעבן ווערן די ביבליאָטעק פון ס. אוגערן (זשיטאָמיר), וואָס האָט אָפיציעל אָפגעשריבן זײַנע ביכער אפּן נאָמען פונעם אינסטיטוט.

די אלע ביכער האָט די ביבליאָטעק באקומען אומזיסט. אכוצדעם האָט די ביב-ליאָטעק געקויפט ביכער ביזן 1/I 1930 אלפּיערעך אף 1.500 רובל.

די זאמל-קאמפאניע ווערט איצט נאָך מער פארברייטערט. לויט ידיעס, וואָס דער אינסטיטוט האָט באקומען, איז אין דער פראָווינץ (לעמאָשל, אין פאָלטאווע, ארטע-מאָווסק, פערם, מעליטאָפּאָל, אלטקאָנסטאנטין א. אנד.) צונויפגעזאמלט נײַע טויזנ-טער ביכער. דער אינסטיטוט האָט איצט קאָמאנדירט ספּעציעלע פאָרשטייער אין איי-[illegible]ויקס שטעט [illegible]עדיי די צונויפג זאמלטע ליטעראטור אריבער[illegible]

צו זײַט 81 (המשך)

דער קאָלעקטיוו פון פאָרשערישן אינסטיטוט פאַר ייִדישער קולטור ביַי דער אַלאוקראַיִנישער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע אין קיִעוו

די פאָטאָ איז געמאַכט אין אָקטאָבער 1934 יאָר לכבוד ליבערבערגס אָפפאָרן קיין בירָאבידזשאַן. דאָ רוף איך אָן בלויז די מיטאַרבעטערס, וועמענס פאַמיליעס זענען מיר פאַרבליבן אין זכרון.

פון רעכטס אויף לינקס, אין דער אייבערשטער ריי : אברהם וועלעדניצקי, אַלעקסאַנדער פאָמעראַנץ, ב. שאַץ, עליע קאָהאַן, נתן זאַבאַרע, משה דיאַמאַנט, אַברהם גאָנטאַר (2 פרויען, וועלכע איך געדענק ניט), מלכה ראַבינאָוויטש־באָראָדיאַנסקאַיאַ, טשודנאָווסקי און מײלאַכס.

אין דער צווייטער ריי : דאָבע נוסינזאָן, קאָראָסטישעווסקי, פרוי ל. באַדיק (די ערשטע נאָך איר געדענק איך ניט), בוזי רודניצקאַיאַ־קרוגליאַק (די ווייטערדיקע 3 געדענק איך ניט), אננאַ סטעלמאַך און ל. באַבינסקי.

דריטע ריי : דוב בער סלוצקי (דעם ערשטן נאָך אים געדענק איך ניט), נחמן ראָזענבערג, וועקסלער דוד.

פערטע ריי : דעם ערשטן געדענק איך ניט ; עפשטיין, מ. האַרצמאַן, שטאָטמאַן, פרישערמאַן, ראובן לערנער, שלמה בילאָוו (אין היטל), דוד בענדאַס, ש. דובילעט, משה מיזשיריצקי, בן־ציון גוטערמאַן, מאָטל קרוגליאַק, חיים לויצקער, בעלענקי, (2 מענער דערקען איך ניט), מ. מאַגאַסעוויטש, י. קוויטני, חיים גוסאָווסקי, פאַלאַך.

זיצן אין צענטער : י. מיטלמאַן, דאָראַ שטיף, מ. קאַדישעוויטש, מיכל לעוויטאַן, אשר מאַרגאָליס, רחל ציאַנאָווסקאַיאַ, קלמן מרמר, אליהו ספיוואַק, מאַקס עריק, יוסף ליבערבערג, גרשון גאָראָכאָוו, יעקב רעזניק, אסתר שניידערמאַן־ראָזענטאַל, שמעון דאָבין, ל. קאַגאַן, ז. שאַפּיראָ, הערשל רעזניק.

אינטערשטע ריי : די ערשטע און צווייטע דערקען איך ניט. דער דריטער — כאַבענסקי, **אַכטע און צענטע** — די צוויי שוועסטער ווערלינסקי, שניידער, רחל פינקעלשטיין־אַש, די צווייטע נאָך איר — ריווע באַליאַסנע, גאָלדפאַרב, סיניעלניק, זוברודקאַ, כאַסקין און לוגינאַ.

אַ טייל מיטאַרבעטערס פעלן דאָ.

אינסטיטוט פאר ייִדישער פראָלעטארישער קולטור
פונ דער אוקראַיִנישער װיסנשאפטלעכער אקאדעמיע
פעדאגאָגישע סעקציע

פראַגעס פונ שול-פּראַקטיק

אונטער דער רעד. פונ י. רעזניק

העפט II

ס

י. רעזניק, ע. שנײַדערמאַנ, ה. סאפּיאַנ

הײמפארגעבונגענ

מעלוכע-פארלאג פונ װײַסרוסלאנד
מינסק — [illegible] — 1935

צום קאַפּיטל "און דאָך..."

אַ גרופּע פּאַרטייערס און קאַמיוגיסטן פון אינסטיטוט פאַר יידישער קולטור. זיצן אויף דער ערד, פון רעכטס אויף לינקס: אַספּיראַנט בן־ציון גוטערמאַן, לאַבאַראַנטקעס ריווע באַליאַסנע, דאַראַ כייקינאַ, גאַלדפאַרב. אַספּיראַנט וועקסלער, מיטלסטע ריי, פון רעכטס: אַספּיראַנט אַ. גאַנטאַר, וויסנשאַפטלערס קלמן מרמר, אסתר שניידערמאַן־ראַזענטאַל, יוסף ליבערבערג; אַרכיוויסטין רחל ציאַנאַווסקי, וויסנשאַפטלער מיכל לעוויטאַן, גרשון גאַראַכאַוו; אַספּיראַנט מ. שטורמאַן, שטייען פון רעכטס: אַספּיראַנטן טשודנאַווסקי, נתן זאַבאַרע, אַלעקסאַנדער פאַמעראַנץ, דוד בענדאַס, ז. שאַפּירא, מ. האַרצמאַן; סעקרעטאַרקעס חנה סטאַניקאַוואַ און רחל פינקעלשטיין־אַש.

א. אבטשוק

הערשל שאמיַי

(צווייטע איבערגעאַרבעטע אופלאגע)

צענטרפארלאג
אלוקראינישע אפטיילונג
כארקאָוו 1931 קיִעוו

צום קאַפּיטל "הערשל שאַמיַי"

א

אַבטשוק אַברהם 59 61 155 183—255
אַבטשוק גוטע 199
[אַבטשוק] ווילי 183
אַבראַם לייב 41 42 92 94 104
אויסלענדער נחום 56 187
אַלטשולער משה 137 138
אָליעווסקי בוזי 193
אסתר — זען ראָזענטאל־שניידערמאַן אסתר
אָפּאַטאָשו 227
אַקסעלראָד זעליק 194 199—203
אָרשאַנסקי ב. 201
אָשעראָוויטש 39

ב

באַבינסקי 61
באָבער 118
באַגאַליי 24
באָדיק 61
באַלזאַק 233
באַלטעקאַקליס — זען קאַמענשטיין משה
באַנקהאַלטער 87
באָראָדיאַנסקי משה 214
באָראָוואָי 57
באַרו 220
בוכאַרין 250
ביאַליק 151
ביטערמאַן א. 194
בילאָוו ש. 60 89 90 96
בילענקין 62
בלעם 230 232
בענדאַס דוד 60 62
בערעגאָווסקי משה 48 49 57 74 156 158
בר צבי 152
בראָדסקי 50
בראָוואַרניק לייב 15 195
בראָנשטיין י. 201
בריאַנסקי שלמה 57 60 62

ג

גאָגאָל 233
גאָלאָמב אַברהם 205
גאַלאַנט 24
גאָלדינבערג 15
גאלדפאדען אברהם 89
גאָלדפאַרב ח. 61 62
גאָלדפיין 49
גאָלדפיין בנימין 61
גאָלדשטיין ניושע 10 12 13 16 18 32 51 83 105
גאָנטאַר אַברהם 60 62
גאָראָכאָוו גרשון 56 65 154 157 254
גוטיאַנסקי בנימין 57 240
גוטמאַן בערל — זען קאַמענשטיין משה
גוטערמאַן בן־ציון 61 62 154
גוסאָווסקי חיים 61 79
גורשטיין אַהרון 56 60
גיטליץ מ. 56
גיטעליס שיינע 61 151 154 158
גיטערמאַן שלמה 214
גילדין חיים 189 214
גיקאַלאָ 251
גלאַזמאַן מאָטיע 15 145
געלבמאַן אַלכסנדר 57 61 203 214

ד

דאָבין רחל 155
דאָבין שמעון 49 56 107 155

דאָברושין י. 201
דאַמעסעק 250—253
דאָראַ איסאַקאָוונאַ — זען שטיף דאָראַ
דובילעט מ. 60 62
דובינסקי וו. פּ. 24
דובנאָוו שמעון 24 116—123 126 128—131 133 134
דוניעץ כאַצקל 201 250 252
דיאַמאַנט משה 61 62
דעניקין 15

ה

האַלדעס א. 60
האָפּשטיין דוד 59 105 168 169 196
האָראָוועצער 57
האַרצמאַן מ. 60 62
הובערמאַן ברוך 42 56 102 143 156—158
הורביץ בת־שבע 62
הייליקמאַן טוביה 57 103 106 107
העגעל 152

וו

וואָלקענשטיין 242
וואָרסאָווסקי מ.נ. 111 112
וויינשטיין ד.י. 24
ווייצבליט י. 56 73 95
ווינער מאיר 49 57 60 74 126 145 152
וועוויאָרקע אַברהם 189 206 214 243
וועלעדניצקי אַברהם 60 62 90
וועקסלער ד. 61 62
ווערבער הערשל 61 154 158

ז

זאַבאַלאָטני 88
זאַבאַרע נתן 60 62
זאַרעצקי א. 172 173
זאַרעצקי מ. 56
זינאָוויעו 121 250—253
זילבערפאַרב משה 125
זעליקאָוויטש — זען קאַמענשטיין משה
זעכצער 217
זשוקאָווסקי סיאָמע 60 61

ח

חפץ חיים 90 97 98

ט

טאָמסינסקי 39
טראָצקי 121 219 220 252
טשודנאָווסקי 42 61
טשעמעריסקי אַלעקסאַנדער 120
טשערוויאַקאָוו 128 129
טשערניאַק יוסף 61 112
טשערניאַק ליובע 61

י

יאַכינסאָן ישראל 56 74 168 169
יהלומי שלמה 97
יודיצקי 57
יעזשאָוו 66

כ

כאַבענסקי 57 61
כייקינע דאָרע 60
כינטשין יונה 57 154 158 254

ל

לאַנדע שאָול 42 66 223
לאַסטאָטשקין־סמירנאָוו 22 223
לויצקער חיים 61 178 179
לוקסעמבורג ראָזע 22 118
ליבערבערג יוסף 9—22 26 27 31—36 38—40 42 44 49 50 52—54 56 57 60 62 64 65 74 77—80 82—84 86—88 92 95 96 102 104 105 110 113 115 116 120—126 128 130 131 133—143 156—158 242 243 154
ליבערבערג ישראל 13
ליבערבערג ניושע — זען גאָלדשטיין ניושע

ליבערבערג תמר 18 51
ליובטשענקאָ 133 134
ליטוואַקאָוו משה 39 42 122 124 125 135 142—144 150 158 190 196 197 205 226 251
לייבאָוויטש 61
לייוויק ה. 227
ליסענקאָ 90
ליפּמאַן 61 62
לעוויטאַן מיכל 254
לענין 14 40 126 137 219
לערנער 62
לערנער ראובן 61

מ

מאירזאָן יעקב — זען מערזאָן יעקב
מאַליאַווטשיק 220
מאַקאַגאָן אַהרון 154 158
מאַרגאָליס (מאַרגוליס) אָשר 57 103 105—108
מאַרכלעווסקי 138
מאַרמאָר קלמן — זען מרמר קלמן
מאַרקיש פּרץ 193
מיטלמאַן י. 61
מיידאַנסקי מ. 61 155 158
מיילאַכס 62
מעדעם וולאַדימיר 107
מענדעלע 86 111
מערזאָן יעקב 91—110
מרמר קלמן 56 61 74 80—89

נ

נאַדיר משה 89
נוסינזאָן דאָבע 61 141
ניגער שמואל 227—230
ניושע — זען גאָלדשטיין ניושע
ניסנבוים 152—154 158
נסתר דער 191 192 229 234

ס

סאָסיס 34 57
סאַפּיאַן ה. 61
סטאַלין 40 99 121 208 209
סטריזשאַק 87 90
סטריזשאַק אַסיע 87
סיטאָ פּיוול 189
סלוצקי אַברהם 56 57 104 105 155
סלוצקי דב בער 56 107 112 137—141 155 158 170
סמאָליאַר הערש 204
ספּיוואַק אליהו 48 56 74 89 96 165—179
ספּעקטאָר י. 57 61 62
סקודניצקי ז. 57 61
סקורסקי טעאָדאָר — זען לאַנדע שאָול
סערגעיעווסקי 174

ע

עדעלשטאַט דוד 89
עליאָוויטש י. 61
עפּרויקין 125
עפּשטיין 197
עריק מאַקס 56 60 74 127 188 198 217 237 241 242 246 249 254

פּ

פּאַט יעקב 227
פּאָמעראַנץ אַלעקסאַנדער 61 62 127 191 237
פּאַקראָווסקי מ.נ. 103
פּיאַטאַקאָוו 250
פּיאַטיגאָרסקי אַנאַ 112
פּיאַטיגאָרסקי לאַניאַ 112
פּלעכאַנאָוו 138
פּעטליורע 15
פּאַלקאָוויטש ע. 56

פֿ

פֿויניצקי 118
פֿינינבערג עזרא 193

פּעפּער איציק 59 189
פרומקין אסתר 138

ק

קאַגאַן אַברהם 62 89
קאַדישעוויטש 56
קאַהאַן אליהו 60
קאַזאַקעוויטש העניך 137—140
קאַזדאַן 227
קאָטליאַר 87
קאַמעניעוו 250
קאַמענשטיין משה 62 150
קאַנט 152
קאַפּאָוויטש י. 56 94—96
קאַפּאָוויטש קאַטיע 95
קאָראָסטישעווסקי ב. 61 62
קאָרמאַן נתן 61 107
קוויטני י. 35 61
קוויטקאָ לייב 226
קוליניטשענקאָ 41
קיפּניס איציק 193 195 196 215 234 237
קרוגליאַק מאָטל 61 75 151 152 155
קרימסקי 24

ר

ראַבינאָוויטש ישראל 61 107
ראָדאַק יצחק 61 62
ראַדאַק פאַניע 62
ראַדעק 250
ראָוונאַיאַ 61
ראָזענבערג נחמן 61 62 203
ראָזענטאַל ניסן (א. בן־דב) 125 156
ראָזענטאַל־שניידערמאַן אסתר 61 80
119 151 153 223
ראָזענצווייג א. 61
ראַסין שמעון 193
רויטבלאַט 57 104 111
רויטמאַן 223
רחלע 66
ריומין 178 179
רייזען זלמן 75
רייטער ה. 61 62
רעזניק יעקב (יאַשע) 56 63—65 74 89
96 168 211 214 215
רעזניק ליפע 57 190 192 193 196 203
214 22 234 242
רעזניק רחל 214
רעמיניק 62

ש

שאָול — זען לאַנדע שאָול
שאַמעס פ. 61
שאַפּיראָ ז. 61 62
שאַפּיראָ מ. 61 62
שאָרניק רבקה 254
שטורמאַן מאָטל 60 62 189
שטיף דאָראַ 125 155 158
שטיף נחום 48 56 74 78 123—126
140 155 156 169 170 173 187 241
שטשופּאַק 40 41
שטשעדרין־סאַלטיקאָוו 233
שיף חיים 15
שלאָנסקי אַברהם 98
שלאָסבערג 57 87
שלום־עליכם 175
שמערוק חנא 244 245
שניידער גוטע 183 186 254
שניידער שרה 61
שניידערמאַן אסתּר — זען ראָזענטאַל־
שניידערמאַן אסתר
שעכטער 155 203
שפּראַך אפרים 204 205
שפּראַך דוד 204
שקאַראָווסקי 57

ת

תמר — זען ליבערבערג תמר

אינהאַלט

סאָוועטיש־יידישע וויסנשאַפט און אירע שאַפערס

יוסף ליבערבערג

אַ וויכטיקע באַמערקונג 9
די שבועה 13
ערשטע טריט 16
אייניקע שטריכן צו זײַן פּאָרטרעט 18

כי מקייב תצא תורה... 23

קאַמף פאַר דער ירושה

די צוויי זײַטן פון „גאָלדענעם רענדל" 31
דאָס כּישוף־בריוועלע 32
מינסק און קיִעוו 34
אַ גרינגע שטיקל אַרבעט 36

וואָס דאַרף מען לוויות? גלייכער חתונות...

אין לענינגראַד 38
אין קיִעוו 39

שטורעם און דראַנג

ווי אויף הייוון 44
אידעיִשע קעגנערס און סקעפּטיקערס 47
מנוּוולים 48
מיט פאַרקאַשערטע אַרבל 49
אַז מען קען ניט אַריבער 52

נאָכוווּקס

ווער זענען זיי, די יונגע? — 59
אין אַ נויט איז אַ סקאָרינקע אויך ברויט — 63

אַ בליק אַריין אינעווייניק — 69

און דאָך . . .

ניט אַוועקצומאַכן מיטן האַנט — 74
איינזאַמלען און אָפּהיטן — 80

אויסנוצן אַלע אָפענע און פאַרבאָרגענע כוחות

אָדעסער פיליאַל און דער פּאַרוואַלטער יעקב מערזאָן — 85
אין זשיטאָמיר — 110
אַרויספאָר־סעסיעס — 113

ווען מ׳כאַפּט איבער די מאָס . . .

פרשה דובנאָוו און "בונד" — 116
אויפן צווייטן אַלפאַרבאַנדישן קולטור־צוזאַמענפאָר — 131
דער פּאָליטישער לעקסיקאָן — 137
"די צוויי פּאָליטישע זשוליקעס" — 142

אויף דער פּאַרטיי־רייניקונג — 145

נאָכוואָרט — 159

אליהו ספּיוואַק

אליהו ספּיוואַק — 165

אברהם אַבטשוק

דער קיעווער משהלע

אַן אומגעריכטער באַזוך — 183
דער שטרענגער קריטיקער — 188
אויף טשוועקעס . . . — 198
זייַן רבי — 204
מות בנשיקה, אָדער ווען מען שטראָפט די טאָכטער און מען מיינט די שנור — 206

הערשל שאַמיי — 217

פאַראַן מיט וואָס זיך צו גרויסן — 226
בלעמס אייזל — 230
דאָס קריגעלע גייט אַזוי לאַנג צום טייַך ביז . . . — 232
פאַר וואָס האָט דער פּסק־דין פאַרשפּעטיקט? — 234
ווי מיט אַ כישוף־שטעקעלע — 235

דער אָנהייב פונעם סוף — 239

וואָס איך געדענק וועגן די "עטיודן" — 241
"אַ טויט די טראָצקיסטיש־זינאָוויעווישע שלענג!" — 250
די לעצטע גרוסן — 253

דאָקומענטן און בילדער — 257

זוכצעטל פון פערזאָנען — 281